This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

31 52б

סאָװעטיש

10

1984

היימלאַנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כודעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער-פאַרבאַנד פון פססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"
מאָסקווע

10
אָקטיאַבער
1984

אינהאַלט

אין צענטראַל־קאָמיטעט פון קפּסס 3

מיר אינפאָרמירן אונדזערע לייענער. דער יאָמטעוו אין ביראָבידזשאַן 9

דער ניסטער. פלאָרא 14

כאַיִם ביידער. און ס׳ווערט דער טאָג נאָך העלער (לידער) 51

יעכיעל שרייַבמאַן. באַסיע באַס יִצחאָק און יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ און אַנדערע דערציי־לונגען 54

כאַיִם מעלאַמוד. אַ כאַסענע אָן קלעזמער. ניגנד־לעך, ניגנדלעך... (דערציילונגען) 67

מאַקס ריאַנט. מיט אַלע זיבן כיינען 82

ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס. מוישע טייף. אַ ניט פאַרענדיקטע דערציילונג 83

מענטשן — זייער צייַט און זייער גורל. אַלעקסאַנ־דער דונאַיעווסקי. זשאַנאַ לאַבורב, עסטער לייפמאַן און אירע טעכטער 117

אווראָם קאַצעוו. מיניאַטיורן 125

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט

דער ניסטער. אַ בריוו צו דאָוויד בערגעלסאָנען 126

קורצע רעצענזיעס. אי. גוראַלניק. אַ צייַט אַזאַ. א. יאַקאָוולעוו. פאַרווירקלעכטער טרוים. ל. בערינסקי. ליכט אויפן באַרג. וו. ביטקין. עטלעכע ווערטער וועגן מאַקס גאָלדינס נייַער זאַמלונג. וו. טשערנין. גאָדישניק־83 . . 129

פובליציסטיק. געס האָל. אַרויסטרעטונג אויף דעם 12־טן יערלעכן מיטינג לעקאָוועד דעם זשורנאַל „דזשויִש אַפּערס" 137

גריגאָרי באָנדאַרעווסקי. אָן איבערצייַגעוו־דיקע דעמאַסקירונג פונעם ציִעניסטישן פּאַראַט (אַרטיקל איינס) 146

בינימין־עליִעזער גאָראָדעצקי. אַ שמועס וועגן דאַמקעס 160

אינטערוויו מיט... 165

דאָס איז טשיקאַווע. ווען איינשטיין איז געווען אונ־טער פּאָליצייִשער אויפזיכט 166

שמועסן וועגן מוזיק און עסטראַדע. וולאַדימיר טערלעצקי. „פּייַערלעך" 167

דאָס איז טשיקאַווע. אָפּגעזוכט די ביבליאָטעק פון פראַנץ קאַפקאַ 168

פריילעכע שורעס. יִדישע וויצן (געזאַמלט און באַ־אַרבעט — מ. ליאַכאָוויצקי) 169

מאַטעריאַלן פאַר אַ לעקסיקאָן פון דער יִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור 170

רעזומע (רוסיש, ענגליש) I

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער (שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר),
ש. גאָרדאָן, ט. גען,
נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער,
ב. מילער, כ. מעלאַמוד,
ה. פּאָליאַנקער,
י. שוסטער (פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר), י. שרייַבמאַן

אין צענטראַל־קאָמיטעט פון קפּסס

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון קפּסס האָט אָנגענומען א באַשטימונג „וועגן דעם 40־טן יאָרטאָג פונעם זיג פון דעם סאָוועטישן פאָלק אין דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע פון די יאָרן 1941—1945".

אין דער באַשטימונג ווערט אָפּגעמערקט, אַז דעם 9 מײַ 1985 ווערט 40 יאָר זינט דעם טאָג, ווען ס'האָט זיך דערפאָלגרײַך פאַרענדיקט דער אומגעהערטער אין דער געשיכטע לויט זײַנע מאַסשטאַבן און אכזאָריעסדיקײַט געפעכט קעגן דער אמערסטן רעאַקציאָנערער שלאָגקראַפט פונעם אימפּעריאַליזם — דעם היטלערישן פאַשיזם, וועלכער האָט געשטעלט פאַר זיך א ציל צו פאַרניכטן די ערשטע אין דער וועלט סאָציאַליסטישע מעלוכע, אײַנשטעלן די הערשאַפט איבער דער וועלט.

פאַרן סאָוועטנפאַרבאַנד איז די דאָזיקע מילכאָמע געווען א באַפרײַערישע, א גערעכטיקע. דערלאַנגענדיק א צעשמעטערנדיקע מאַפּאָלע דעם פײַנט, האָבן דאָס סאָוועטישע פאָלק און זײַנע באַוואָפנטע קרעפטן אונטער דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אויסגעקעמפט פרײַהײַט און די אומאָפּהענגיקײַט פונעם סאָציאַליסטישן היימלאַנד, פאַרטיידיקט די זאַך פון אָקטיאַבער. זיי האָבן אַרײַנגעבראַכט אַן אַנטשיידנדיקן בײַטראָג אין דעם זיג איבער דעם פאַשיסטישן דײַטשלאַנד און זײַנע פאַרבינדעטע, אין באַפרײַען די פעלקער פון אייראָפּע פון דער פאַשיסטישער פאַרשקלאַפונג, אין ראַטעווען די וועלט־ציוויליזאַציע, מיט ערע אויסגעפילט זייער פּאַטריאָטישן און אינטערנאַציאָנאַלן כויוו. אין דעם איז זייער גרעסטער פאַרדינסט פאַר דער מענטשהײַט.

די פאַרגאַנגענע יאָרצענדליקער האָבן נאָך בוילעטער און פולער באַוויזן די אַלוועלט־היסטאָרישע באַדײַטונג פונעם זיג פון דעם סאָוועטישן פאָלק אין דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע. די צעשמעטערונג פונעם דײַטשישן פאַשיזם און דערנאָך דעם יאַפּאַנישן מיליטאַריזם האָט אַרויסגעוויזן די טיפסטע ווירקונג אויפן גאַנצן גאַנג פון דער אַנטוויקלונג פון דער וועלט. עס האָבן זיך געשאַפן גינסטיקע באַדינגונגען פאַרן קאַמף פון די אַרבעטנדיקע מאַסן פאַר זייער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרײַונג. עס האָבן זיך פאַרשטאַרקט די פּאָזיציעס פון די פּראָגרעסיווע, דעמאָקראַטישע שאָלעם־קויכעס, ס'איז אויסגעוואַקסן די ווירקונג פון די קאָמוניסטישע־ און אַרבעטער־פּאַרטייען. ס'איז אַנטשטאַנען און אַנטוויקלט זיך דערפאָלגרײַך די סאָציאַליסטישע וועלט־סיסטעם, עס האָט זיך פאַרשנעלערט דער פּראָצעס פון דער פאַנאַנדערפאַלונג פון דער קאָלאָניאַלער סיסטעם פונעם אימפּעריאַליזם, וועלכער האָט זיך פאַרענדיקט מיט איר קראַך.

דער זיג פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד אין דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע האָט מיט דער גאַנצער פולקײַט אַנטפּלעקט די פאָרצוגן פון דעם סאָציאַליזם, זײַנע קאָלאָסאַלע עקאָנאָמישע, סאָציאַל־פּאָליטישע און גײַסטיקע מעגלעכקײַטן. דאָס איז געווען א זיג פון דער סאָוועטישער מעלוכע, פון דער סאַמע פּראָגרעסיווער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, פון דער סאָציאַליסטישער עקאָנאָמישער סיסטעם, וועלכע ס'האָט געשאַפן לענין. די גרויסע פאַטערלענדישע מילכאָמע האָט איבערצײַגעוודיק דעמאָנסטרירט די מאָנאָליטישע איינהײַט פון דער פּאַרטיי און פונעם פאָלק, די אומצעשטערבאַרקײַט פונעם פאַרבאַנד פון דעם אַרבעטער־קלאַס, קאָלווירטישן פּויערטום און אַרבעטס־אינטעליגענץ, פון דער פרײַנטשאַפט און ברידערלעכקײַט פון די פעלקער פון פססר.

דער זיג אין דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע האָט באַשטעטיקט די מעכטיקע לעבנסקראַפט פון דער מאַרקסיסטיש־לענינישער אידעאָלאָגיע. די טיפע אידייִשע איבער-

צײַגטקײַט, גרענעצלאָזער גלויבן אין דער גערעכטיקײַט פון דער גרויסער זאַך פון לענינען האָבן געדינט פאר אן אומויסשעפלעכן קוואל פון די גײַסטיקע קויכעס פונעם סאָוועטישן פאָלק, פון זײַן מאָראליש-פאָליטישער באהעפטונג.

דער זיג אין דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע האָט באוויזן דעם פאָרצוג פון דער סאָוועטישער מיליטערישער וויסנשאפט און מיליטערישער קונסט, דעם הויכן ניוואָ פון דער סטראטעגישער אָנפירונג און שלאכט-מײַסטערשאפט פון אונדזערע מיליטערישע קאדרען. די באוואָפנטע קרעפטן פון פססר האָבן אין גאנג פון די שלאכט-אָפעראציעס אראָפגעריסן דעם היטלערישן פלאן פון א „בליצקריג" און דערנאָך, איבערגעכאפט די איניציאטיוו, זיך דערשלאָגן א גרינטלעכן איבערבראָך אין דער מילכאָמע און האָבן פארענדיקט די צעשמעטערונג פונעם סוינע. אין גרויזאמען געראנגל מיטן פאשיזם האָבן א מעסירעסנעפעשדיקע טרײַהײַט דער פארטיי און דעם פאָלק, ליבע צום היימלאנד, מאסן-העראָיזם ארויסגעוויזן די שלאכטלײַט פון דער ארמיי און פונעם פלאָט, די קריגסלײַט פון דער פאָלקס-אָפאָלטשעניע. א באדײַטנדיקן צושטײַער אין זיג איבער די פאשיסטישע פארכאפערס האָבן ארײַנגעטראָגן די סאָוועטישע פארטיזאנער און אונטערערדלער.

גרויס העלדנטאט האָבן אין די מילכאָמע-יאָרן ארויסגעוויזן די האָרעפאשניקעס פונעם הינטערלאנד. די ארבעטער, קאָלווירטניקעס, געלערנטע, אינזשעניערן, קאָנסטרוקטאָרס האָבן מיט זייער מעסירעסנעפעשדיקער מי געוווּנען דעם אומגעהערטן געראנגל פאר מעטאל און ברויט, פאר הייצווארג און רוּיווארג, פאר שאפן דאָס מעכטיקע סאָוועטישע געווער. אויסערגעוויינלעכע פעסטקײַט און ארבעטס-העלדנמוט האָבן ארויסגעוויזן די סאָוועטישע פרויען. א שלאכט-געהילף פון דער פארטיי אינעם לייזן די אויפגאבן אפן פראָנט און אינעם הינטערלאנד איז געווען דער לענינישער קאָמיוג. א הויכע אנערקענונג פונעם פאָלק האָבן אין די מילכאָמע-יאָרן פארדינט די טוער פון דער סאָוועטישער קולטור — שרײַבער, דיכטער, קאָמפאָזיטאָרס, ארטיסטן, קינסטלער, טוער פון קינאָ, זשורנאליסטן. מיט זייערע ווערק האָבן זיי דערצויגן פלאמיקן פאטריאָטיזם און מוט בא די סאָוועטישע מענטשן.

דער באגײַסטערער און אָרגאניזאטאָר פונעם זיג פון דעם סאָוועטישן פאָלק איז געווען די לענינישע קאָמוניסטישע פארטיי. מיט איר פילזײַטיקער טעטיקײַט האָט זי געזיכערט א פעסטע אײנהײַט פון דער פאָליטישער, מעלוכישער און מיליטערישער אָנפירונג, פון דער ארמיי און פונעם פאָלק, פון דעם פראָנט און הינטערלאנד. אף איר רוף האָט זיך דאָס גאנצע לאנד אויפגעהויבן אף א טויט-שלאכט מיטן פאשיזם. די קאָמוניסטישע פארטיי איז געווען אן עכטע קעמפנדיקע פארטיי. די קאָמוניסטן האָבן זיך געפונען אף די סאמע שווערע און אנטשיידענע באצירקן פונעם קאמף מיטן סוינע. מיט פערזענלעכן בײַשפיל, מיט לײַדנשאפטלעכן פארטייישן וואָרט האָבן זיי באגײַסטערט און געפירט די סאָוועטישע מענטשן צום זיג.

אין דער באשטימונג ווערט אונטערגעשטראָכן, אז מעסירעסנעפעשדיק האָבן געקעמפט מיט די פאשיסטישע פארכאפערס די קריגסלײַט פון די מיליטערישע פארייניקונגען און פארטיזאנישע ארמייען און אָטריאדן פון יוגאָסלאוויע, פוילן, טשעכאָסלאָוואקיע, די פאטריאָטן פון בולגאריע, רומעניע, אלבאניע, אונגארן, די אָנטיילנעמער פון דער ווידערשטאנד-באוועגונג און אנטיפאשיסטישן אונטערערד. אין די ערשטע רייען פון דער באפרײַונגס-באוועגונג זײַנען געווען די קאָמוניסטן — טרײַע זין פון זייערע פעלקער, פלאמיקע אינטערנאציאָנאליסטן. א גרויסן צושטײַער אינעם דערגרייכן דעם זיג אין דער צווייטער וועלט-מילכאָמע האָבן ארײַנגעטראָגן די פעלקער און די ארמייען פון פשא, גרויסבריטאניע, פראנקרײַך, כינע, פון אנדערע מעלוכעס פון דער אנטיהיטלערישער קאָאליציע.

אן אומפארגענגלעכע באדײַטונג האָט די דערפארונג פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. איר סאמע איקער באשטייט אין דעם, אז קעגן א מילכאָמע דארף מען קעמפן, קאָלזמאן זי האָט זיך ניט אָנגעהויבן. די היסטאָרישע דערפארונג לערנט: צוליב פארטיידיקן דעם שאָלעם, דארפן אלע פרידנסליבנדיקע קויכעס פאָרנעמען באהעפטע, קאָנטאקטירטע און אקטיווע שריט קעגן דעם אגרעסיוון, וואָלונטאריסטישן קורס פון דעם אימפעריאליזם. ס'איז נייטיק צו העכערן די וואכזאמקײַט פון די פעלקער, היטן און פארמערן די דערגרייכונגען פונעם סאָציאליזם.

דאָס איז באזונדערס וויכטיק איצט, ווען די רעאקציאָנערע אימפעריאליסטישע קרײַזן, קוידעמקאָל די פארייניקטע שטאטן פון אמעריקע, האָבן איגנאָרירט די דערפארונג פון דער געשיכטע, דערקלערט א נײַעם „קרייץ-צוג" קעגן דעם סאָציאליזם, פרוּוון זיך דערשלאָגן א מיליטערישן פאָרצוג איבער פססר און זײַנע פארבינדעטע, שרויפן אומגעצוימט אוף דעם באוואָפענונגס-געיעג, שטרעבן פון דער פאָזיציע פון קראפט דיקטירן זייער ווילן די סוווערענע מעלוכעס. ערנסטע באאומרויִקונג רופן ארויס דאָס פאנאנדערוויקלען נײַע אמעריקאנער

נוקלעארע ראקעטעס פון ערשטן קלאפּ אין א ריי מיַרעוו-אייראָפּעיִשע לענדער, דער וווּקס פון מיליטערישע צוגרייטונגען פון פּשא אפן וויַטן מיזרעך, די מיליטאריזאציע, וואָס פארשטארקט זיך אין יאפּאַניע. די וואקסנדיקע מיליטערישע געפאר מיצאַד פּשא און זייערע פארבינדעטע לויט דער נאטאָ פאַהערט קעסיידער צו פארשטארקן די שוצפעיִקייַט פון אונדזער היימלאנד, די שלאכט-מעכטיקייַט פון די סאָוועטישע באוואָפנטע קרעפטן.

דער סאָוועטנפארבאנד טרעט קאָנסעקווענט ארויס צוזאמען מיט די ברידערלעכע סאָציאַליסטישע לענדער פאר באזיַיטיקן די מיליטערישע געפאר, פאר איַינצוימען דעם באוואָפענונגס-געיעג און פאר פארהיטן דעם שאָלעם. די קאָמוניסטישע פארטיי און די סאָוועטישע מעלוכע טוען אלדאָס מעגלעכע צו פארטיידיקן דעם שאָלעם, אויסמיַידן א נוקלעארע קאַטאסטראָפע, ניט דערלאָזן, עס זאָל געבראָכן ווערן דער מיליטעריש-סטראטעגישער גליַיכגעוויכט פון קויכעס, וואָס האָט זיך איַינגעשטעלט. דער זאך פון פארהיטן דעם שאָלעם דינט זיכער דער ברידערלעכער פארבאנד פון די פעלקער און פון די ארמייען פון די לענדער פונעם וואַרשעווער אָפּמאך, די אלזיַיטיקע מיטארבעט, וועלכע אנטוויקלט זיך דערפאָלגרייַך, פון די סאָציאַליסטישע מעלוכעס — די מיטגלידער פונעם ראט פון עקאָנאָמישער קעגנזיַיטיקער הילף.

אדאנק דער פעסטער און קאָנסעקווענטער פּאָליטיק פון דער קאָמוניסטישער פארטיי לעבט שוין פיר יאָרצענדליקער דאָס סאָוועטישע פאָלק אין שאָלעם. אומאָפּנייגלעך אנטוויקלען זיך די עקאָנאָמיק, די פּאָליטישע סיסטעם פון דער סאָוועטישער געזעלשאפט, די סאָציאַליסטישע דעמאָקראטיע, עס ווערט פארפעסטיקט די אלפאָלקישע מעלוכע, עס העכערט זיך דער מאטעריעלער און קולטורעלער לעבנס-ניוואָ פון די מענטשן. מיט דער מעסירעסנעפעשדיקער מי פון אלע דורעס פון די סאָוועטישע מענטשן איז געשאפן געוואָרן און ווערט פארפולקומט די געזעלשאפט פון אנטוויקלטן סאָציאַליזם.

דעם זיג אין דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע האָט דאָס סאָוועטישע פאָלק אָפּגעהאלטן לעשעם דעם שאָלעם און דעם לעבן אף דער ערד. מיט איר אויסלייזונג פון דער געפאר פון דער פאשיסטישער פארשקלאפונג, מיט איר פריַיהיַיט האָט די מענטשהיַיט אין א קאָלאָסאלער מאָס צו פארדאנקען דער ערשטער אין דער וועלט סאָציאַליסטישער מעלוכע, איר היסטאָרישן זיג איבערן סוינע.

דער צענטראל-קאָמיטעט פון קפּסס האָט באשטימט אָפּמערקן דעם 9 מיַי 1985 — דעם טאָג פונעם 40-טן יאָרטאָג פון דעם זיג פונעם סאָוועטישן פאָלק אין דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע — אלס אן אלפאָלקישן יאָמטעוו.

די פארטייִשע, סאָוועטישע, פּראָפאריינישע, קאָמיוגישע אָרגאניזאציעס, די פּאָליט-אָרגאנען פון דער ארמיי און פונעם פלאָט איז רעקאָמענדיקט פאנאנדערצוּוויקלען אף די אינדוסטריִעלע אונטערנעמונגען, אף די בויונגען, אין די קאָלווירטן, סאָווירטן, אין די אנשטאלטן און לערן-אנשטאלטן, אין די מיליטערישע טיילן און אף די שיפן, אין אלע ארבעטס-קאָלעקטיוון א ברייטע אידעאָלאָגישע מאסן-פּאָליטישע ארבעט אף אופקלערן די אלוועלטלעך-היסטאָרישע באדיַיטונג פון דעם זיג פונעם סאָוועטישן פאָלק אין דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, דעם אנטשיידענעם ביַיטראָג פונעם סאָוועטנפארבאנד אין דער צעשמעטערונג פונעם פאשיסטישן דיַיטשלאנד און דער מיליטאריסטישער יאפּאַניע, פון דער באפריַיונגס-מיסיע פון די סאָוועטישע באוואָפנטע קרעפטן. טיף באוויַיזן די ראָליע פון קפּסס אלס אָרגאניזאטאָר און באגיַיסטערער פונעם זיג איבערן סוינע, דעם מאסן-העראָיִזם פון די סאָוועטישע מענטשן, פון די שלאכטליַיט פון דער ארמיי און פונעם פלאָט, פון די פארטיזאנער און אָנטיילנעמער פון דער אונטערערד, פון די האָרעפּאשניקעס פון הינטערלאנד.

מיט אלע מיטלען פון אגיטאציאָנעל-פּראָפּאגאנדיסטישער ארבעט דארף מען בוילעט און איבערציַיגעוודיק באוויַיזן די פרוכטבארע און צילגעווענדטע טעטיקיַיט פון דער קפּסס צו פארפולקומען דעם אנטוויקלטן סאָציאַליזם, צו פארשטארקן די עקאָנאָמישע און שוץ-מעכטיקיַיט פון אונדזער היימלאנד, די סאָציאַל-פּאָליטישע, אידייִשע און אינטערנאציאָנאלע איינהיַיט פון דער סאָוועטישער געזעלשאפט, די זאָרג פון דער פארטיי וועגן העכערן דעם וווילשטאנד פונעם פאָלק, אלזיַיטיק באוויַיזן דעם פרידנסליבנדיקן אויסערן-פּאָליטישן קורס פון דער קאָמוניסטישער פארטיי און פון דער סאָוועטישער מעלוכע, די פעסטקיַיט פון די פּאָזיציעס פונעם וועלט-סאָציאַליזם, די אקטיווע אופטוען פון די ברידערלעכע קאָמוניסטישע און ארבעטער-פארטייען, פון אלע פרידנסליבנדיקע קויכעס קעגן דער מילכאָמע-געפאר.

דעמאסקירן דעם אנטיפּאָלקישן, רעאקציאָנערן טאַך פונעם אימפּעריאַליזם, די מיליטאריסטישע פּלענער פון פּשא און פון זייערע פארבינדעטע לויט דער נאטאָ, דעם רעוואנשיזם און דעם יאפּאַנישן מיליטאריזם, שטעלן אן אנטשיידענעם, ארגומענטירטן ווידערשטאנד אונד-

זערע אידעאָלאָגישע קעגנער, קאָל האַמינים פאַלסיפיקאַטאָרן פון דער געשיכטע פון דער צווייטער וועלט-מילכאָמע.

די פאַרטייִשע, פראָפאַריינישע און קאָמיוגישע אָרגאַניזאַציעס איז פאָרגעלייגט אויסנוצן אין דער פולער מאָס די צוגרייטונג און דאָס אָפּמערקן דעם 40-טן יאָרטאָג פונעם זיג אין דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע צוליב דעם ווײַטערדיקן אופשטײַג פון דער פאָליטישער און ארבעטס-אקטיווקײַט פון די סאָוועטישע מענטשן אינעם פאַרווירקלעכן די באַשלוסן פונעם XXVI צוזאַמענפאָר פון דער פאַרטיי, פון די פאָלגנדיקע פלענומס פון צק קפסס, פאַר אַנטוויקלען די סאָציאַליסטישע פאַרמעסטונג פאַר אויספילן די אופגאַבן פונעם 1984 און פונעם פינפיאָר אין אַלגעמיין גענומען. אַלמעגלעך אונטערהאַלטן און פאַנאַנדערוויקלען ווערטפולע ארבעטס-איניציאַטיוון, וועלכע זײַנען געריכטעט אַף ווירדיק צו באַגעגענען דעם יאָמטעוו פונעם זיג פון דעם סאָוועטישן פאָלק אין דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. קעסיידער אופקלערן, אַז אין די הײַנטצײַטיקע באַדינגונגען זײַנען דאָס אויספילן די פלאַנעווע פאַרגעבונגען, אַ געוויסנהאַפטיקע פראָדוקטיווע ארבעט, אַ הויכע אָרגאַניזירטקײַט און דיסציפלין — ניט בלויז אַ בירגערלעכע פליכט, נאָר אויך אַ פּאַטריאָטישער כויוו פון יעדן סאָוועטישן מענטשן, פון יעדן ארבעטער-קאָלעקטיוו.

די צוגרייטונג צום יובילײ פון דעם גרויסן זיג דאַרף מיטהעלפן דער פאַרשטאַרקונג פון דער גאַנצער אידייִש-דערציִערישער ארבעט. אין דער אומגעבונג, ווען די אַגרעסיווע אימפעריאַליסטישע קרײַזן פאַרשאַרפן די שפאַנונג, אָרגאַניזירן סיסטעמאַטיש פײַנטלעכע אידעאָלאָגישע קאַמפאַניעס און דיווערסיעס קעגן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, קעגן די ברידערלעכע לענדער פון סאָציאַליזם, באַקומט אַ וואַקסנדיקע באַדײַטונג די דערציִונג פון די ארבעטנדיקע אין גײַסט פון סאָוועטישן פּאַטריאָטיזם און פראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם, אין גײַסט פון פעלקער-פרײַנטשאַפט. ס'איז נייטיק צו פאָרמירן בײַ יעדן סאָוועטישן מענטשן קלאָרע קלאַסן-פּאָזיציעס, הויכע פּאָליטישע וואַכזאַמקײַט, אומבעשאָלעמדיקײַט צום אימפּעריאַליזם, איבערצײַגטקײַט אין דער גערעכטיקײַט און אומבאַזיגבאַרקײַט פונעם סאָציאַליזם.

אַ וויכטיקע אופגאַבע איז פראָפּאַגאַנדירן די רומפולע שלאַכט-טראַדיציעס פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, פונעם סאָוועטישן פאָלק, פון זײַנע באַוואָפנטע קרעפטן, פאַרשטאַרקן די מיליטעריש-פּאַטריאָטישע און מאַסעווע שוץ-ארבעט. די סאָוועטישע מענטשן, קוידעם-קאָל די יוגנט, דאַרפן באַהערשן די געניטקײַט פון דער מיליטערישער זאַך, זײַן גרייט צו באַשיצן דאָס סאָציאַליסטישע פאָטערלאַנד.

דער צענטראַל-קאָמיטעט פון קפסס האָט פאַרפליכטעט די צק פון די קאָמפּאַרטייען פון די פאַרבאַנדישע רעפּובליקן, די קאַנטקאָמען, געגנטקאָמען, קרײַזקאָמען, שטאָטקאָמען און ראַיקאָמען פון דער פאַרטיי, די מיניסטאָרן-ראַטן פון די פאַרבאַנדישע און אוטאָנאָמע רעפּובליקן, די אויספירקאָמען פון די סאָוועטן פון פאָלקס-דעפּוטאַטן, די מיניסטעריומס, אַמטן, די פראָפּאַריינישע און קאָמיוגישע אָרגאַניזאַציעס פאַרשטאַרקן די אופמערקזאַמקײַט צו די וועטעראַנען פון מילכאָמע און מי, העכערן זייער ראָליע אין אַלע ספערן פונעם עקאָנאָמישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן, ברייטער צוציִען צו דער דערציִונג פונעם אונטערוואַקסנדיקן דאָר, אַרויסווײַזן קעסיידערדיקע זאָרג וועגן די אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. פאַרווירקלעכן אַ קאָנטראָל איבער דעם צוטיילן די אָנטיילנעמער פון דער מילכאָמע להאָטעס און פאָרצוגן, וועלכע זײַנען אײַנגעשטעלט מיצאַד דער טעטיקער געזעצגעבונג. אַ באַזונדערע אופמערקזאַמקײַט איז געווענדט אַף דער ווײַטערדיקער פאַרבעסערונג פון די מאַטעריעל-שטייגערישע באַדינגונגען פון די מילכאָמע-אינוואַלידן און פון די מישפּאָכעס פון די אומגעקומענע, אײַנגעשלאָסן דאָס באַזאָרגן זיי מיט וווין-שטעטער און מעדיצינישער באַדינונג אין דער ערשטער ריי.

די צק פון די קאָמפּאַרטייען פון די פאַרבאַנדישע רעפּובליקן, די קאַנטקאָמען, געגנטקאָמען, קרײַזקאָמען, שטאָטקאָמען און ראַיקאָמען פון דער פאַרטיי, די פּאָליט-אָרגאַנען פון דער אַרמיי און פונעם פלאָט, די מיניסטעריומס און אַמטן, די מיניסטאָרן-ראַטן פון די פאַרבאַנדישע און אוטאָנאָמע רעפּובליקן, די אויספירקאָמען פון די סאָוועטן פון פאָלקס-דעפּוטאַטן, דעם וועצספּס, דעם צק פון אַלקיופ, דעם צק פון דאָסאַאַף פון פססר, דער פאַרוואַלטונג פון דער אַלפאַרבאַנדישער געזעלשאַפט „זנאַניִע", דעם פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע געזעלשאַפטן פון פרײַנטשאַפט און קולטור-פאַרבינדונגען מיט די אויסלענדישע מעלוכעס, דעם סאָוועטישן קאָמיטעט פון מילכאָמע-וועטעראַנען, דעם סאָוועטישן שאָלעם-קאָמיטעט, דעם סאָוועטישן קאָמיטעט פאַר אייראָפּעיִשער זיכערקײַט און מיטאַרבעט, די שעפערישע פאַרבאַנדן איז באַופטראָגט געוואָרן צו פאַנאַנדעראַרבעטן און פאַרווירקלעכן קאָנקרעטע מאָסמיט-

לען אַף צוגרייטן און אָפּמערקן דעם 40-טן יאָרטאָג פונעם זיג פון דעם סאָוועטישן פאָלק אין דער גרויסער פּאַטעריאָטישער מלחמה.

אין פעריאָד פונעם 3 ביזן 9 מײַ איינגעשלאָסן וועלן דורכגעפירט ווערן פייערלעכע פאַרזאַמלונגען, געווידמעט דעם 40-טן יאָרטאָג פונעם זיג, אין די הויפּטשטעט פון די פּאַר-באַנדישע רעפּובליקן, אין די קאַנטישע, געגנטלעכע, קרייזישע און ראַיאָנישע צענטערס, אין די שטעט, אַף די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אין די סאָוויירטן און קאָלווירטן, אין די אַנשטאַלטן, לערן-אַנשטאַלטן, אין די מיליטער-טיילן און אַף די שיפן, אָרגאַניזירט ווערן פייערלעכע באַערונגען פון די וועטעראַנען פון דער גרויסער פּאַטעריאָטישער מלחמה.

דעם 8 מײַ וועט אינעם קרעמל-פּאַלאַץ פון די צוזאַמענפאָרן פאַרקומען אַ פייערלעכע פאַרזאַמלונג פון די פאָרשטייער פון די אַרבעטנדיקע פון דער שטאָט מאָסקווע און פון די קריגסלײַט פונעם מאָסקווער גאַרניזאָן, געווידמעט דעם 40-טן יאָרטאָג פון דעם זיג.

ס'איז אונטערגעהאַלטן געוואָרן די איניציאַטיוו פון די אַרבעטער-קאָלעקטיוון פון די העלדן-שטעט וועגן דורכפירן אַן אַלפאַרבאַנדישע אָנדענק-וואַכטע, געווידמעט דעם 40-טן יאָרטאָג פונעם זיג.

דעם 9 מײַ וועלן אוועקגעלייגט ווערן קראַנצן בײַ די דענקמעלער און אָבעליסקן אַף די קוואָרים פון די שלאַכטלײַט פון דער אַרמיי און פונעם פלאָט, פון די פּאַרטיזאַנער, העלדן-אונטערערדלער, וועלכע זײַנען געפאַלן אין קאַמף מיט די דײַטשיש-פאַשיסטישע פאַרכאַפּערס און יאַפּאַנישע מיליטאַריסטן.

דעם קולטור-מיניסטעריום פון פססר, דעם מעלוכע-קינאָ פון פססר, דער פּאָליטישער הויפּט-פאַרוואַלטונג פון דער סאָוועטישער אַרמיי און פונעם מיליטערישן יאַם-פלאָט, די שעפערישע פאַרבאַנדן איז רעקאָמענדירט דורכצופירן די ברייטיקע אַרבעט אַף צו שאַפן נײַע קינסט-לערישע און דאָקומענטאַלע ווערק וועגן דעם העראָישן העלדנטאַט פון דעם סאָוועטישן פאָלק און פון זײַנע באַוואָפנטע קרעפטן אין דער גרויסער פּאַטעריאָטישער מלחמה, וועגן די סאָוועטישע שלאַכטלײַט — די יאָרשים פונעם זיג.

אין אַפּריל 1985 וועט דורכגעפירט ווערן אַ געמיינזאַמער פּלענום פון די שעפערישע פאַרבאַנדן און אָרגאַניזאַציעס, געווידמעט דעם 40-טן יאָרטאָג פון דעם זיג פונעם סאָוועטישן פאָלק אין דער גרויסער פּאַטעריאָטישער מלחמה פון 1941—1945.

די רעדאַקציעס פון די צענטראַלע צײַטונגען און זשורנאַלן, דעם מעלוכע-קאָמיטעט פון פססר פאַר טעלעוויזיע און ראַדיאָ-טראַנסלירונג, דעם מעלוכע-קאָמיטעט פון פססר איבער די ענינים פון פאַרלאַגן, פּאָליגראַפיע און ביכער-האַנדל, דער טעלעגראַף-אַגענטור (טאַסס), דער פּרעסע-אַגענטור „נאָוואָסטי”, דער אַלפאַרבאַנדישער אַגענטור איבער אויטאָר-רעכט, די פאַרלאַגן פון פּאָליטישער ליטעראַטור, „פּלאַקאַט” האָט דער צק קפּסס פאָרגעלייגט צו זיכערן אַ ברייטע אָפּשפּיגלונג פון דער צוגרייטונג און פײַערונג פון דעם 40-טן יאָרטאָג פונעם זיג, אַרויסלאָזן אַף די שפּראַכן פון די פעלקער פון פססר און אַף אויסלענדישע שפּראַכן ביכער, פּלאַקאַטן, אַלבאָמען, אַנדערע מאַטעריאַלן, וועלכע באַווײַזן די אַלוועלטלעך-היסטאָרישע באַ-דײַטונג פונעם זיג פון דעם סאָוועטישן פאָלק אין דער גרויסער פּאַטעריאָטישער מלחמה. באַצײַטנס פאַרווירקלעכן דעם אַרויסלאָז פון די בעסטע קינסטלערישע, דאָקומענטאַלע און מעמואַרישע ווערק וועגן דער מלחמה, וועלכע זײַנען פאָרויסגעזען אין די פּלענער פון די פאַרלאַגן.

דער וויסנשאַפט-אַקאַדעמיע פון פססר, דעם שול-מיניסטעריום און דער פּאָליטישער הויפּט-פאַרוואַלטונג פון דער סאָוועטישער אַרמיי און פונעם מיליטערישן יאַם-פלאָט איז באַופ-טראָגט דורכצופירן אין דער ערשטער העלפט פון 1985 אַ וויסנשאַפטלעכע קאָנפערענץ, גע-ווידמעט דעם 40-טן יאָרטאָג פון דעם זיג פונעם סאָוועטישן פאָלק אין דער גרויסער פּאַ-טעריאָטישער מלחמה, ווי אויך דער צעשמעטערונג פון דער מיליטאַריסטישער יאַפּאַניע.

דער צק אַלקיופ, דער צק פון דאָסאַאַף פון פססר, דער סאָוועטישער קאָמיטעט פון מלחמה-וועטעראַנען וועלן אין מײַ 1985 דורכפירן אַן אַלפאַרבאַנדישן צונויפלויף פון די זיגער אינעם מאַרש פון דער יוגנט איבער די ערטער פון רעוואָלוציאָנערן, שלאַכטישן און אַרבעטס-רום אין דער העלדן-שטאָט טולע.

דעם קאָמיטעט פון פיזישער קולטור און ספּאָרט באַם מיניסטאָרן-ראַט פון פססר, דעם וואַספּס, דעם צק פון דאָסאַאַף פון פססר ווערט רעקאָמענדירט צוזאַמען מיטן מיניסטעריום פון הויכשולן פון פססר, מיטן בילדונגס-מיניסטעריום פון פססר, מיטן מעלוכע-קאָמיטעט פון פּראָפעסיאָנעלער בילדונג פון פססר דורכצופירן אינעם צווייטן קוואַרטאַל פון 1985 די ערשטע אַלפאַרבאַנדישע יוגנט-שפּילן אין די העלדן-שטעט, געווידמעט דעם 40-טן יאָרטאָג פונעם זיג.

אין מײַ 1945 איז אָנגעמערקט דורכצופירן אין מאָסקווע אויפן טושינער אעראָדראָם א ספּאָרטיוון אוויאַציע-יאָמטעוו, געווידמעט דעם 40-טן יאָרטאָג פונעם זיג פון דעם סאָוועטישן פאָלק אין דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע.

דעם מעלוכע-קאָמיטעט פון קינאָ פון פסטר איז באופטראָגט צו ווידמענען דעם אלפארבאנדישן קינאָ-פעסטיוואל אין 1985 דעם 40-טן יאָרטאָג פון דעם זיג, אײַנלאדן אויף אים פאָרשטייער פון דער אויסלענדישער קינעמאטאָגראפיע.

דער קולטור-מיניסטעריום פון פסטר, דער קינסטלער-פארבאנד פון פסטר וועלן דורכפירן אין אפּרעל—מײַ 1985 אין מאָסקווע אינעם צענטראלן אויסשטעלונגס-זאל אן אלפארבאנדישע קינסטלערישע אויסשטעלונג „40 יאָר פונעם גרויסן זיג”.

דעם קולטור-מיניסטעריום פון פסטר, דעם מעלוכע-קאָמיטעט פון קינאָ פון פסטר, דעם שרײַבער-פארבאנד פון פסטר, דעם פארבאנד פון קאָמפּאָזיטאָרן פון פסטר, דעם קינסטלער-פארבאנד פון פסטר, דער אלרוסלענדישער טעאטראלער געזעלשאפט, דער פּאָליטישער הויפּט-פארוואלטונג פון דער סאָוועטישער ארמיי און פונעם מיליטערישן יאַם-פלאָט איז רעקאָמענדירט צופּאסן צום 40-טן יאָרטאָג פונעם זיג דאָס צוטיילן די מעדאלן אויפן נאָמען פון א. פאדייעוו, א. אלעקסאנדראָוו, א. דאָווזשענקאָ, מ. גרעקאָוו און פון אנדערע באַרימטע קולטור-טוער פאר די בעסטע קינסטלערישע ווערק אויף דער מיליטעריש-פּאטריאָטישער טעמע.

דער אלפארבאנדישער געזעלשאפט „זנאַניע” איז באופטראָגט דורכצופירן אין מאָסקווע, געגנטלעכע צענטערס, אין די שטעט און ראַיאָנען געזעלשאפטלעך-פּאָליטישע פאָרלעזונגען, געווידמעט דעם 40-טן יאָרטאָג פונעם זיג.

דעם קולטור-מיניסטעריום פון פסטר, דעם ווצספּס, דעם צק אלקיופ איז רעקאָמענדירט צו אָרגאניזירן אין די קלובן ביבליאָטעקן, מוזייען, פּארקן לעקציעס, טעמאטישע אָוונטן, באגעגענישן מיט מילכאָמע-וועטעראנען.

עס וועלן דורכגעפירט ווערן אן אלפארבאנדישער דורכקוק פון קינסטלערישער זעלבסטעטיקייט, א קאָנקורס אויף דער בעסטער זינגליד, געווידמעט דעם 40-טן יאָרטאָג פונעם זיג.

דער צענטראל-קאָמיטעט פון קפּסס האָט אויסגעדריקט זיכערקייט, אז די סאָוועטישע מענטשן וועלן נאָך ענגער זיך באהעפטן ארום דער לענינישער פּארטיי, וועלן אָפּמערקן דעם 40-טן יאָרטאָג פונעם זיג אין דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע מיט נײַע דערגרייכונגען אין אלע געביטן פון דער ווירטשאפטלעכער און קולטור-בויונג, ארײַנברענגען מיט זייער מעסירעסנעפעשדיקער מי א ווירדיקן צושטײַער אין דער פארפעסטיקונג פון דער עקאָנאָמישער און שוץ-מעכטיקײַט פונעם סאָציאליסטישן היימלאנד.

דער יאָמטעוו אין ביראָבידזשאַן

פֿײַערונגען פֿונעם 50־יאָריקן יובילײ פֿון דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט

די כאַדאָשים מײַ און יוני פֿונעם 1984 יאָר וועלן אַרײַן אין דער געשיכטע פֿון דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט ווי די צײַט פֿון אַלעמענס יאָמטעוו — די געגנט האָט אָפּגעמערקט איר 50-יאָריקן יובילײ. טויזנטער געסט האָבן אין אָט די כאַדאָשים באַזוכט ביראָבידזשאַן און מיט די אייגענע אויגן געזען, וויפֿל עס איז דאָ אופגעטאָן געוואָרן פֿאַר די עטלעכע יאָרצענדליקער, זינט אין אַמאָליקן טײַגע-קאַנט זײַנען געקומען די ערשטע בויער-ענטוזיאַסטן.

דער געגנטלעכער צענטער האָט זיך געגרייט צום יאָמטעוו מיט גרויס פֿלײַס, און, דאַכט זיך, קיינמאָל נאָך זײַנען דאָ ניט אופגעקומען אַזויפֿיל נײַע געבײַדעס, ווי פֿאַר די פּופּציק שלאָגלערישע אַרבעטס-וואָכן ערעוו דעם יובילײ. דאַכט זיך, קיינמאָל נאָך האָט זיך אַזוי בוילעט ניט געפֿילט דער מעכטיקער אַרבעט-ריטם פֿון צענדליקער טויזנטער האָרעפּאַשניקעס אין שטאָט און אין דאָרף. מע קאָן, נאַטירלעך, ברענגען די געהעריקע ציפֿערן, נאָר אויך זיי וועלן ניט געבן קיין פֿולע פֿאַרשטעלונג וועגן דעם, וואָס די געגנט האָט דערגרייכט בלויז פֿאַר דער לעצטער צײַט.

ווען די געסט, וועלכע זײַנען געקומען אופֿן יאָמטעוו, זײַנען אַרויסגעגאַנגען פֿונעם וואָקזאַל, האָט זיך זיי געוואָרפֿן אין די אויגן דער פּרעכטיקער אַנסאַמבל פֿונעם נײַעם קולטור-פּאַלאַץ — פֿאַר דער געגנטלעכער פֿילהאַרמאָניע — אין סאַמע צענטער פֿון דער שטאָט. דאָ טאַקע האָט זיך אין גרויסן זאַל געעפֿנט דעם 23-טן יוני די פֿײַערלעכע זיצונג פֿונעם געגנטקאָם פֿון דער פּאַרטיי און פֿון דעם געגנטלעכן סאָוועט פֿון פֿאָלקס-דעפּוטאַטן, געווידמעט דעם 50-יאָריקן יובילײ פֿון דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט.

אונטער די קלאַנגען פֿונעם הימן פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד טראָגן אַרײַן צוויי פּאָנעטרעגער מיט זייערע אַסיסטענטן — בעקאָוועדיקסטע מענטשן פֿון דער געגנט — די רויטע פֿאָן, אַ באַצירטע מיטן לענין-אָרדען און מיט דעם אָרדען פֿון פֿעלקער-פֿרײַנטשאַפֿט, מיט וועלכע ס'איז באַלוינט די געגנט, און די רויטע אָנדענק-פֿאָן פֿון צק קפּסס, פּרעזידיום פֿונעם אויבער-סאָוועט פֿון פֿססר, מיניסטאָרןראַט פֿון פֿססר, ווצספּס, וועלכע איז איבערגעגעבן געוואָרן דער געגנט פֿאַר די פֿאַרדינסטן אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער סאָציאַ-

דער פּרעזידיום פֿון דער פֿײַערלעכער זיצונג

ליסטישער עקאָנאָמיק און קולטור, לעקאָוועד דעם 50-טן יאָרטאָג פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטיאבער-רעוואָליוציע.

אין דער פײַערלעכער זיצונג נעמען אָנטייל מיטגלידער, קאנדידאטן און מיטגלידער פונעם צענטראל-קאָמיטעט און פון דער צענטראלער רעווידיר-קאָמיסיע פון קפּסס, פאָרשטייער פונעם כאבאראָווסקער קאנטקאָם פון דער פּארטיי, פונעם רויטפּאָניקן ווײַט-מיזרעכדיקן מיליטער-קרײַז, דעלעגאציעס פון דעם פּרימאָריער קאנט, פון די שטעט כאבאראָווסק, קאָמסאָמאָלסק-אפן-אמור, אמורסק, סאָוועטסקאיא גאוואן, פון דעם וואנינער ראיאָן, דעפּוטאטן פון די אויבער-סאָוועטן פון פּססר און פון רספסר, פאראנטוואָרטלעכע סאָוועטישע, פּראָפּארייִנישע, קאָמיוגישע טוער, ווירטשאפטלעכע אָנפירער פונעם קאנט, טוער פון דער קולטור און קונסט. ס'איז געקומען אויך א גרופּע קאָרעספּאָנדענטן פון די צײַטונגען פון די ברידערלעכע פּארטייען און פון א ריי סאָציאַליסטישע און קאפּיטאליסטישע לענדער, פון דער צענטראלער און קאנטישער טעלעוויזיע, ראדיאָ און פּרעסע.

אין זאל געפינט זיך א גרויסע גרופּע ערשטע בויער פון דער געגנט, אָנטיילנעמער פונעם בירגערקריג און פון דער גרויסער פּאָטערלענדישער מילכאָמע, העלדן פון די ערשטע פינפיאָרן.

א וואָרט באקומט דער מיטגליד פונעם צענטראל-קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי פון סאָוועטנפארבאנד, דער ערשטער סעקרעטאר פונעם כאבאראָווסקער קאנטקאָם קפּסס א. ק. טשאָרני, וועלכער לייענט פאָר די באגריסונג פונעם צענטראל-קאָמיטעט פון קפּסס, פון דעם פּרעזידיום פון אויבער-סאָוועט פון פּססר און פונעם מיניסטאָרן-ראט פון פּססר דעם געגנטלעכן קאָמיטעט קפּסס און דעם געגנטלעכן סאָוועט פון פאָלקס-דעפּוטאטן, אלע ארבעטנדיקע פון דער געגנט אין צוזאמענהאנג מיט דער היסטאָרישער דאטע. א באגריסונג דער געגנט האָבן צוגעשיקט אויך דער פּרעזידיום פונעם אויבער-סאָוועט פון דער רוסלענדישער פעדעראציע און דער מיניסטאָרן-ראט פון רספסר.

א. ק. טשאָרני רעדט וועגן די דערגרייכונגען פון דער געגנט, וועגן די היסטאָרישע אויפטוען פון אירע ארבעטנדיקע, וועלכע האָבן אונטער דער אָנפירונג פון דער געגנטלעכער פּארטיי-אָרגאניזאציע, בא דער אקטיווער הילף פונעם גאנצן סאָוועטישן פאָלק פארוואנדלט די אמאָל שוואך באהערשטע טעריטאָריע אפן ווײַטן מיזרעך אין א ראיאָן פון א פילצווײַגיקער אינדוסטריע און הויך אנטוויקלטער לאנדווירטשאפט, זיך דערשלאָגן מערקבארע דערפאָלגן אין דער קולטור. אין פּראָצעס פון דער סאָציאַליסטישער בויונג זײַנען געשאפן געוואָרן גינסטיקע סאָציאַל-עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באדינגונגען פאר דער אויסבילדונג פון דער נאציאָנאלער מעלוכישקײַט פון די ארבעטנדיקע ייִדן. די סאָוועטנמאכט האָט געגעבן די ייִדן, באגלײַך מיט אלע אנדערע פעלקער און פעלקערשאפטן, פרײַהײַט און גלײַכע רעכט. פון די ערשטע טעג פון איר עקזיסטענץ פילט די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט די ברידערלעכע הילף פון אלע פעלקער פון אונדזער פילנאציאָנאלן היימלאנד. פון מאָסקווע און פון מינסק, פון אוליאנאָווסק און פון קאמאז, פון טאָליאטי און קוטאיסי — פון אומעטום קומען אָן אין דער געגנט מאשינען און אויסשטאטונג, וויסנשאפטלעך-טעכנישע אינסטיטוטן פון לענינגראד און כארקאָוו, כאבאראָווסק און אָמסק ארבעטן פאנאנדער פאר דער געגנט פּראָיעקטן פון נײַע זאוואָדן, קאזאכסטאן און קירגיזיע שיקן רויווארג פאר דער לײַכטער אינדוסטריע. די הויכשולן פון די גרעסטע שטעט פון אונדזער לאנד גרייטן פאר ביראָבידזשאן ספּעציאַליסטן פאר פארשיידענע צווײַגן פון דער פאָלקסווירטשאפט.

אין דער זעלבער צײַט גייט די פּראָדוקציע פון די זאוואָדן, פאבריקן, קאָמבינאטן, וואָס עס פּראָדוצירט דער ארבעטער-קלאס פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, אין א סך רעפּובליקן, קאנטן און געגנטן פונעם סאָוועטנפארבאנד. אין אויסלאנד ווייסט מען די קאָמבײַנען מיט דער מארקע פונעם זאוואָד „דאלסעלמאש”. אף דער בײַקאל-אמורער מאגיסטראל, אפן קאמאז, אף דער זעיער הידראָעלעקטראָסטאנציע, אף פארשיידענע לאנדווירטשאפטלעכע אונטערנעמונגען ארבעטן טראנספאָרמאטאָרס און קאָמפּלעקסנע סובסטאנציעס פונעם ביראָבידזשאנער זאוואָד פון קראפט-טראנספאָרמאטאָרס. אין אלע עקן פון ווײַטן מיזרעך באקומט מען צעמענט פונעם טעפּלאָאזיאָרסקער זאוואָד, קאלך — פון לאָנדאָקאָ.

אָפּמערקנדיק די פארדינסטן פון די ארבעטנדיקע פון דער געגנט אין דער ווירטשאפטלעכער און קולטור-בויונג און אין צוזאמענהאנג מיטן 50-טן יאָרטאָג פון דער אויסבילדונג פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, האָט דער קאנטישער קאָמיטעט פון קפּסס, דער קאנטישער סאָוועט פון פאָלקס-דעפּוטאטן אָנגענומען א באשלוס צו באלוינען די געגנט מיט א רויטער אָנדענק-פאָן.

ק. א. טשאָרני גיט איבער די אָנדענק-פאָן אונטער רוישיקע אפּלאָדיסמענטן פונעם זאל. מיט א פאָרטראָג „50 יאָר — דער ייִדי-

שער אויטאָנאָמער געגנט" טרעט ארויס דער קאַנדידאַט אין מיטגלידער פונעם צק קפסס, דער ערשטער סעקרעטאַר פונעם געגנטלעכן קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי ל. ב. שאַפּיראָ.

דער פּאַרטרעגער דערציילט וועגן דער אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג פון דער געגנט.

— די העראָישע מי פון די ערשטע בויער, — זאָגט ער, — שעצן הויך די יאָרשים. אַדאַנק זייער העראָואַניע האָבן זיך אויפן אָרט פון דער טײַגע און פון די זומפּן באַוויזן שטעט, יישובים און דערפער, קאָרפּוסן פון פאַבריקן און זאַוואָדן, שולן און קלובן. עס איז אויסגעוואַקסן די שטאָט ביראָבידזשאַן, וועלכע האָט אַן אַנטוויקלטע אינדוסטריע, לערן-אַנשטאַלטן, קולטור-שטייגערישע אָביעקטן. אין אָט דעם פײַערלעכן טאָג דריקן מיר אויס אונדזער דאַנקבאַרקייט די פּיאָנערן — אָנהייבער, וועלכע האָבן געשאַפן די געשיכטע פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, פאַרלייגט דעם פונדאַמענט פון איר עקאָנאָמיק און קולטור.

מיט א געפיל פון טיפער אָנערקענונג דערמאָנען מיר הײַנט די טוישווים פון דעם היסטאָרישן רוסישן קאַנט, וועלכע האָבן אין סאָף פון די 20-ער און אין די 30-ער יאָרן גאַסטפרײַנטלעך באַגעגנט די איבערוואַנדערער, געשאַפן צוזאַמען מיט זיי אָט דעם נײַעם עקאָנאָמישן ראַיאָן אויפן ווײַטן מיזרעך.

דער פּאַרטרעגער דריקט אויס טיפע דאַנקבאַרקייט די וועטעראַנען פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע, די וועטעראַנען פון מי, אַלעמען, ווער עס האָט זיך געשלאָגן מיטן סוינע אויפן פראָנט און ווער עס האָט אין הינטערלאַנד געשמידט געווער פאַרן זיג און פאַרמערט איצט, אין די יאָרן פון דער פרידלעכער סאָציאַליסטישער בויונג, דעם אַרבעטס-רום פון דער געגנט.

ל. ב. שאַפּיראָ רעדט וועגן די דערגרייכונגען פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט אין משך פון איר האַלבהונדערטיאָריקער געשיכטע.

— אין 1934 זײַנען אויף דער טעריטאָריע פון דער געגנט ניט געווען קיין אַנזעעוודיקע זאַוואָדן און פאַבריקן. הײַנט זײַנען דאָ טעטיק העכער 50 גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. 38 סאָווירטן און צוויי קאָלווירטן אַרבעטן אויס לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע דורכשניטלעך אויף 70-72 מיליאָן רובל א יאָר. אין רעשוס פון אָט דעם קאָמפּלעקס געפינען זיך העכער 300 טויזנט העקטאַר לאַנדווירטשאַפטלעכע גיטער.

— אין 1934 האָבן אין דער געגנט געאַרבעט 18 דאָקטוירים און 30 מעדיקער פון מיטלען פּערסאָנאַל. די הייל-אַנשטאַלטן האָבן געהאַט אין זייער רעשוס 80 שפּיטאָל-בעטלער. הײַנט זײַנען אין דער געגנט פאַראַן מער פון 3000 דאָקטוירים און אַנדערע מעדיצין-טוער. די צאָל שפּיטאָל-בעטלער ציילט אָן העכער 3000.

— עס זײַנען געשאַפן געוואָרן אַלע באַדינגונגען פאַרן אויפבלי פון דער סאָציאַליסטישער לויטן אינהאַלט און אינטערנאַציאָנאַלער לויטן גײַסט און כאַראַקטער קולטור און קונסט. ס'זײַנען טעטיק אין דער געגנט דער יידישער מוזיקאַלער קאַמער-טעאַטער, דער שאָו-אַנסאַמבל „פרײַלעכס" בא דער געגנטלעכער פילהאַרמאָניע, די ביראָבידזשאַנער יידישער און רוסישער פאָלקס-טעאַטערס, א פידלער-אַנסאַמבל, אַן אַקאַדעמישע כאָר-קאַפּעלע. אויף צוויי שפּראַכן — יידיש און רוסיש — דערשײַנען געגנטלעכע צײַטונגען, אויף צוויי שפּראַכן פירט אירע טראַנסלירונגען די געגנטלעכע ראַדיאָ. ס'דערשײַנען 4 ראַיאָנישע צײַטונגען.

דער פּאַרטרעגער ווײַזט אָן, אַז אין דער געגנט לעבן אין איינהײַטלעכער מישפּאָכע פאַרשטייער פון 70 נאַציאָנאַליטעטן.

— די הערצער פון אַלע אַרבעטנדיקע פון דער געגנט, — זאָגט ל. ב. שאַפּיראָ, — זײַנען איבערפולט מיט טיפסטער אָנערקענונג דער לענינישער פּאַרטיי, דעם גאַנצן סאָוועטישן פאָלק פאַר דער שטענדיקער אויפמערקזאַמער און ברידערלעכער הילף, פאַר אַלץ, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט אונדזערע בעעמעס וויכטיקע דערגרייכונגען.

אויף דער פײַערלעכער זיצונג זײַנען ארויסגעטראָטן: איינער פון די ערשטע בויער פון דער געגנט וו. אי. קיציס, די נייטערן פון דער ביראָבידזשאַנער זאָקן-טריקאָטאַזש-פאַבריק, העלד פון סאָציאַליסטישער מי יע. ק. אַרנאַפּאַלינא, דער קאַנדידאַט פון מעדיצינישע וויסנשאַפטן א. אי. צילמאַן, דער בריגאַדיר פון א פעלדצוכטלערישער בריגאַדע, דעפּוטאַט פונעם אויבער-סאָוועט פון פּססר א. וו. ליניק, דער בריגאַדיר פון א טאָקער-בריגאַדע פונעם זאַוואָד „דאַלסעלמאַש" וו. וו. יעפרעמענקאָ.

מיטן יאָמטעוו האָבן באַגריסט די געגנט דער מיטגליד פון צק קפסס, קאָמאַנדירער פונעם רויטפּאַניקן ווײַטמיזרעכדיקן מיליטער-קרײַז, העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד און העלד פון סאָציאַליסטישער מי אַרמיי-גענעראַל אי. מ. טרעטיאַק, דער פּאַרזיצער פונעם אַנטיציאָניסטישן קאָמיטעט פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקייט, צוויי מאָל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד, גענעראַל-פּאָלקאָווניק ד. א. דראַגונסקי, פאַרשטייער פון די דעלעגאַציעס פון פרימאָריער קאַנט, פון דער אַמורער געגנט, פון די שטעט כאַבאַראָווסק, קאָמסאָמאָלסק-אויפן-אַמור, אַמורסק, סאָוועטסקאַיאַ גאַוואַן.

די אַנטיילנעמער פון דער פייערלעכער זיצונג האָבן אָנגענומען א באַגריסונג-בריוו דעם צענטראַל-קאָמיטעט פון קפּסס, דעם פּרעזידיום פונעם אויבער-סאָוועט פון פססר און דעם מיניסטאָרן-ראַט פון פססר, דעם גענעראַל-סעקרעטאַר פון צק קפּסס, פאַרזיצער פונעם פּרעזידיום פון אויבער-סאָוועט פון פססר כאַווער ק. או. טשערנענקאָ.

די פייערונגען זיינען פאַרגעזעצט געוואָרן דעם 24-טן יון. פון גאַנצפריי אָן האָבן טויזנטער ביראָבידזשאַנער איינוווינער און געסט געאײַלט צום רעכטן ברעג פון דער בירע, צום באַנייטן שטאָטישן סטאַדיאָן, אַף א מאַסן-מיטינג, געווידמעט דעם איבערגעבן ביראָבידזשאַן די הויכע באַלוינונג פונעם היימלאַנד — דעם אָרדען „ערן-צייכן".

אין יאָמטעוודיקער באַפּוצונג זיינען געווען די גאַסן און פּלעצער פון דער שטאָט. א יאַם מיט גרינס און בלומען. פון די רעפּראָדוקטאָרן הילכן פייערלעכע מאַרשן.

איבערן סטאַדיאָן פּלאַטערן פילקאָלירקע פאָנען. אַפן פלאַגשטאָק — דער מעלוכע-פלאַג פון דער רוסלענדישער פעדעראַציע. פון די אייבערשטע טריבונעס עפנט זיך א גלענצנדיקע פּאַנאָראַם פון דער שטאָט אַף דער בירע. די ווייזערס אַף די זייגערס דערנענטערן זיך צו 10. אַף דער אַרענע פונעם סטאַדיאָן גייט אַרויס דער געזאַמלטער מיליטערישער אָרקעסטער און גלייך נאָך אים — קאָלאָנעס פאָנענטרעגער, וועלכע בילדן פיר פאַרביקע מענטשן-„קלומבעס" אין די ווינקלען פונעם גרינעם פעלד. און אין סאַמע צענטער — פאַנפאַריסטן און מיידלעך, וועלכע פאַרפולן די ספּעציעל איינגעשטעלטע מעטאַלענע פּיראַמידע.

פון די מיזרעכדיקע טויערן פונעם סטאַדיאָן באַווייזן זיך יינגלעך און מיידלעך אין נאַציאָנאַלע קאָסטיומען מיט די פלאַגן פון אַלע פאַרבאַנדישע רעפּובליקן, און אַנטקעגן זיי קומען אָן די דעלעגאַטן פונעם 13-טן קאַנטישן צונויפלי פון דעם „מאַרש איבער די ערטער פון רעוואָליוציאָנערן רום, שלאַכטישן און אַרבעטס-רום", פאָרשטייער פון די פּראָדוציר-קאָלעקטיוון, פון די אַנשטאַלטן און אָרגאַניזאַציעס פונעם געגנטלעכן צענטער. מע טראָגט אַרויס די פאָן פון דער שטאָט ביראָבידזשאַן.

צען אזייגער מעלדן די פאַנפאַרן: „הערט אַלע!". אונטער די קלאַנגען פונעם הימן פון סאָוועטנפאַרבאַנד הייבט זיך אָן דער מיטינג, געווידמעט דעם איבערגעבן דער שטאָט ביראָבידזשאַן די הויכע באַלוינונג. דער ערשטער סעקרעטאַר פונעם קאַנטקאָם פון דער פּאַרטיי א. ק. טשאַרני באַגריסט די אַרבעטנדיקע פון ביראָבידזשאַן מיט דער פריידיקער געשעעניש.

— פאַר א ניט גרויסן היסטאָרישן פּעריאָד האָט דאָס דערפעלע טיכאָנקאַיאַ זיך פאַרוואַנדלט אין א הײַנטצײַטיקער אינדוסטריעלער און הויכקולטורעלער שטאָט מיט קימאַט אַן 80-טויזנטקעפּיקער באַפעלקערונג. דאָ זײַנען געשאַפן און האָבן דערגרייכט א הויכן ניוואָ אונטערנעמונגען פון עלעקטראָטעכנישער, לייכטער און שפּייז-אינדוסטריע, פון לאַנדווירטשאַפטלעכער מאַשינבויונג, פון דער אינדוסטריע פון בוי-מאַטעריאַלן און פון א סאַך אַנדערע צווייגן פון דער פאָלקסווירטשאַפט. די אַרבעטער-קאָלעקטיוון פון דער שטאָט גיבן דעם לאַנד קאָמביינען און טראַנספאָרמאַטאָרס, ציגל און געהילץ-מאַטעריאַלן, רעמאָנטירן גרויספראַכטיקע אווטאָמאָבילן פאַר דער בייקאַל-אַמורער מאַגיסטראַל, לאָזן אַרויס מעבל, קליידער, טריקאָטאַזש, שוכוואַרג. זייער פּראָדוקציע איז באַוווּסט ווייט אויסער די גרענעצן פונעם ווייטן מיזרעך.

א. ק. טשאַרני פאַרעפנטלעכט דעם אוקאַז פונעם פּרעזידיום פון אויבער-סאָוועט פון פססר, און אונטער שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן פעסטיקט ער צו דעם אָרדען „ערן-צייכן" צו דער פאָן פון ביראָבידזשאַן. די הויכע באַלוינונג פונעם היימלאַנד נעמען אויף דער ערשטער סעקרעטאַר פונעם ביראָבידזשאַנער שטאָטקאָם פון דער פּאַרטיי ב. ל. קאָרסונסקי, דער פאָרזיצער פון שטאָט-אויספירקאָם א. א. אונטעווסקי, דער שאָפער פון דער וועגבוי-פאַרוואַלטונג נום. 1, קאַוואַלער פון א לענין-אָרדען און פון אַן אָרדען „ערן-צייכן" אי. רעזניקאָוו, דער פּעדאַגאָג פון דער מיטלשול נום. 10, פאַרדינסטפולער לערער פון רספסר ב. אי. גאַלאָוואַן, דער ערשטער סעקרעטאַר פון שטאָטקאָם פון קאָמיוג א. מ. שליופמאַן.

עס טרעט אַרויס ב. ל. קאָרסונסקי. ער דערציילט וועגן די דערגרייכונגען פון דער שטאָט און דריקט אויס אין נאָמען פון אירע אַרבעטנדיקע טיפע דאַנקבאַרקייט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און דער סאָוועטישער רעגירונג פאַר דער הויכער באַלוינונג.

וועגן דעם וועג, וואָס עס האָט דורכגעמאַכט פאַר א האַלבן יאָרהונדערט די ביראָבידזשאַנער ניי-פאַבריק, רעדט די נייטערין פון דער אונטערנעמונג, דעלעגאַט פונעם 26-טן פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר ג. יע. באַשוראָווא.

א וואָרט באַקומט דער שרייבער בוזי מילער.

— איינער פון די ערשטע בויער פון דער געגנט, — זאָגט ער, — געדענק איך גוט די טיפע זומפּן און שמאָלע הילצערנע טראָטואַרן צווישן דער געגנטלעכער ביבליאָטעק און דער געביידע פון דער דרוקעריי, וועלכע מע האָט אין יענע ווייטע יאָרן אָקאָרשט אָנגעהויבן בויען. און איצטער פרייט דאָס אויג דער נייער

ביראָבידזשאַן — די פּראַכטפולע אַרכיטעקטור־אַנסאַמבלען פון די גאַסן און פּלעצער, די געבײַדע פון דער פילהאַרמאָניע, פון פּיאָנערן־פּאַלאַץ, אָט דער דאָזיקער סטאַדיאָן, די נײַע מיקראָראַיאָנען.

ב. אי. מילער באַטאָנט, אַז צווישן די בירָאָבידזשאַנצעס מערקן אָפּ דעם יובילײ פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט פאַרשטייער פון די ברידערלעכע סאָוועטישע רעפּובליקן. דאָס איז נאַטירלעך. די באַדײַטנדיקע אַרבעטס־דערפאָלגן, מיט וועלכע די געגנט איז געקומען צו איר יובילײ, זײַנען דערגרייכט געוואָרן אַדאַנק געמיינזאַמע באַמיִונגען, צוזאַמען מיט די פאַרשטייער פונעם רוסישן, אוקראַיִנישן, ווײַסרוסישן און אַנדערע פעלקער. זיי זײַנען גוּשטאַנען באַם וויגעלע פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, און זייער הילף האָט געגעבן אַ מעגלעכקײַט, אַז פאַר אַ קורצן היסטאָרישן טערמין זאָל אָפּן אָרט פון דער טײַגע אויפקומען אונדזער פּרעכטיקער ביראָבידזשאַן. באַנאַנד מיט דער עקאָנאָמיק איז אויסגעוואַקסן און האָט זיך צעבליט די קולטור. דער בויונג פון דער געגנט האָט מיטבאַגלייט דער געבורט פון אַ גרויסער סאָוועטישער ליטעראַטור אויף ייִדיש, וועלכע איז געוואָרן אַ ווירדיקע פאַרזעצערן פון דער קלאַסישער ייִדישער ליטעראַטור.

עס האָבן באַגריסט די שטאָט דער שלאָסער־מאָנטאַזשלער פונעם זאַוואָד פון קראַפט־טראַנספאָרמאַטאָרס א. ב. יאַסנאָגאָראָדסקאַיאַ, דער קאָסמאָנאַווט פון פססר, העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד ג. וו. סאַראַפאַנאָוו, דער ערשטער סעקרעטאַר פונעם געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי ל. ב. שאַפּיראָ.

און נאָכאַמאָל הילכט איבערן סטאַדיאָן אַ מאַרש־מעלאָדיע — עס הייבן זיך אָן די אַרויסטרעטונגען פונעם געזאַמלטן מיליטערישן אָרקעסטער. אין שפּיץ פון דער קאָלאָנע — פײַערלעכע שטאַנדאַרטן.

פון די צאָפּנדיקע טריערן פונעם סטאַדיאָן באַווײַזט זיך דער געזאַמלטער כאָר. אין עטלעכע רייען לענגאויס די טריבונעס שטעלן זיך אויס יונגע טענצער — זיי לאָזן זיך אין אַ לוסטיקן „פרײלעכס". דערנאָך פילן אויס „פאַנטאַזיעס אויף די טעמעס פון ייִדישע פאָלקסלידער" די סטודענטן פונעם ביראָבידזשאַנער מעכאַנישן טעכניקום. די ייִדישע פאָלקס־מעלאָדיע פאַרבײַט אַ ווײַסרוסישע, דערנאָך ווערן אויסגעפילט אַן אוקראַיִנישער האָפּאַק און אַ גרוזינישע לעזגינקע. דער שלום־אַקאָרד פון דער קאָמפּאָזיציע איז די טאַנץ־סויטע „פעלקער־פרײַנטשאַפט" אין דער אויספילונג פונעם אַנסאַמבל פון דעם רויטפאָניקן ווײַטמיזרעכדיקן מיליטער־קרײַז. אויפן סטאַדיאָן פאָרן אַרויס מאָטאָציקליסטן מיט פלאַגן פון אַלע פאַרבאַנדישע רעפּובליקן.

די צושויער זײַנען אַנציקט פון די אַרויסטרעטונגען פון די קינדערשע זעלבסטטעטיקע קינסטלערישע קאָלעקטיוון — פון דער צירקסטודיע פון דעם זאַוואָד „דאַלסעלמאַש", פונעם געזאַמלטן פּיאָנערישן כאָר. אַ פּרעכטיקע קאָמפּאָזיציע האָבן באַוויזן די שילער פון די פּראָפעסכולן און טעכניקומס פונעם געגנטלעכן צענטער.

ביז שפּעט אין אָוונט האָבן אויף די שטאָט־פּלעצער און אין די סקווערן פון ביראָבידזשאַן געקלונגען לידער און מוזיק. עס האָט געדויערט דער פאָלקס־יאָמטעוו אינעם געגנטלעכן צענטער — אַ גליקלעכער יאָמטעוו פון פרייד און פון מי, אַ פּרעכטיקער יאָמטעוו פון פעלקער־פרײַנטשאַפט.



דער יאָמטעוו אויפן סטאַדיאָן

1884 דער ניסטער 1952



דער ניסטער

פלאָרא

1

כ'הייב אָן מײַן טאָגבוך:

טאָג... כוידעש... יאָר...

דו, מײַן שטאָלץ און מײַן טײַערער טאַטע. שוין באַלד א יאָר, אַז דו ביסט ניטאָ — דו, מײַן הארץ-פרײַנט און דערציִער, וואָס אונטער דײַן שיצנדיקן פליגל בין איך אויפגעוואַקסן, אָן א מאַמע, וואָס כ'האָב קימאַט ניט געקענט. דו, דער באַוווּסטער דאָקטער בא אונדז, אין דער פויליש-יידישער שטאָט און אין דער סוויווע, וואָס מער אָבער ווי אלס דאָקטער ביסטו באַוווּסט געווען ווי א קלאַל-טוער מיט די רײַנסטע הענט און רײַנ-

סטע קאָוואַנעס; דו, וואָס יעדעס מאָל, ווען דו פֿלעגסט זיך מיט מיר ווײַזן אין שטאָט, האָב באַמערקט, ווי קינדער פֿלעגן דיר דעם וועג אָפּטרעטן מיט דערעכערעץ, אַזוי ווי ס'פֿלעגן דאָס טאָן די עלטערע, קומענדיק דיר אין וועג, און ווי ס'ווײַזט אויס, איז דײַן גרויסער נאָמען און אָנזען בײַ קליין און בײַ גרויס האָט זיך גענומען הויפּטזאַכלעך דערפֿון, וואָס אַלע האָבן דיך געקענט אַלס טוער אין שול-געביט, וועלכן דו האָסט באַליבט און אָפּגעגעבן דײַן גאַנצע פֿרײַע צײַט, מיט דער פֿולער געטרײַשאַפֿט, אויף וועלכער דו ביסט אַזוי פֿעיִק.

ביסט געווען דער פּאַטער און דער פּאַטראָן פֿון ייִדישן שול-וועזן, וועלכן די פּויליש מלוכה האָט געהאַלטן ניט פֿאַר איר זאַך, פֿאַר וועלכער זי איז מעכוייעו צו זאָרגן. און דו, און נאָך אַזוינע ווי דו, נאַציאָנאַל-דענקענדיקע, האָבן זיך געזען געצוווּנגען צו שאַפֿן אַן אייגענעם פֿאָלקס-בודזשעט. אַן אייגענע לערערשאַפֿט, אייגענע בניאָנים, וועלכע פֿאָדערן זיך צו דעם, און אַן אַמביציע איז בײַ אײַך אויפֿגעקומען: צו באַווײַזן, וועמען מ'דאַרף, אַז די ייִדישע דערציִונג, פֿאַר וועלכער איר טוט, וועט זײַן אַוועקגעשטעלט נישט ערגער און נישט בלײַבן הינטערשטעליקער אַפֿילו פֿון דער, פֿאַר וועלכער די מלוכה האַלט יאָ פֿאַר איר כויוו צו זאָרגן.

דאָס האָט זיך אײַך אײַנגעגעבן, און דערפֿאַר האָט איר געהאַט די ווירדיקע באַפֿרידיקונג פֿון צו קאָנען זען אײַערע אייגענע קינדער זיך דערציִען צוזאַמען מיט די פֿאָלקס-קינדער, נישט אָפּגעריסן זײַענדיק פֿון יענע נישט שפּראַכלעך, נישט שטייגעריש — נישט אַזוי ווי אַמאָל פֿלעג טרעפֿן, ווען אינטעליגענטע וווילטוער פֿלעגן שאַפֿן אַזוינע לערן-אַנשטאַלטן פֿאַרן פֿאָלק, וואָס פֿאַר זיי אַליין, פֿאַר זייערע אייגענע, האָבן זיי געהאַלטן פֿאַר ניט צום געברויכן, ווײַל אַנדערש האָט מען זיי טאַקע ניט געקאָנט העלפֿן.

נישט געקוקט אויף דײַן פֿאַרמעגלעכקייט און אויף דײַן באַזאָרגן מיך פֿון קליינערהייט אָן, פֿריִער מיט גוט-צוגעקליבענע באָנעס, דערנאָך מיט פֿרעמדלענדישע גוווערנאַנטקעס אויף צו דערלערנען פֿרעמד-שפּראַכן, איז אָבער אַז ס'איז געקומען די צײַט, ווען כ'האָב באַדאַרפֿט אָנקומען אין שול, האָסטו אין די געגרינדעטע פֿון אײַך שולן נישט געפֿונען קיין שום פֿעלערהאַפֿטיקס, נישט אין די מעטאָדן, נישט אין דער אויסערלעכער אויסשטאַטונג, וואָס זאָל דיך מאַכן קווענקלען אַפֿילו אויף אַ קליינער ווײַלע, אַז עפּשער זאָלסטו מיך אַהין נישט אָפּגעבן, ווײַל, קלוימערשט, ס'איז ניט פֿאַר מיר... ניין, פֿאַרקערט: כ'האָב געזען, ווי דו האָסט אַלעמאָל געשײַנט, ווען דו ביסט אײַנגעלאַדן אויף די עקזאַמענעס, בײַם איבערפֿירן די שילער פֿון קלאַס אין קלאַס, צוזעענדיק די פּאָרשריט, וואָס אַלע קינדער האָבן פֿאַרן יאָר דורכגעמאַכט, בעסויכעם אויך איך, דײַן אײנציקע און געוויס פֿון דיר געליבטע.

באַזונדערס איז מיר געבליבן אין זכּרון דײַן לעצט מאָל בײַזײַן בײַם אַרויסלאָזעקזאַמען, ווען כ'האָב זיך מיט דער שול באַדאַרפֿט געזעגענען, און ווען אויפֿן באַל, וואָס איז געמאַכט געוואָרן לעקאָוועד אָט דער פֿײַערלעכקייט, מיט טענץ און פֿאַרווײַלונגען, האָסטו מיך געלאָזט נייען אַ קלייד, שוין עטוואָס לענגער, ווי כ'האָב ביז אַהער. אַלס שילערין געטראָגן, פֿון ווײַס זײַדן-שטאָף, מיט אַ גורט פֿון זילבער שטאָף, וואָס זײַנע צוויי עקן האָבן זיך געבונדן אויפֿן רוקן און זיך אַראָפּגעלאָזט ביזן זוים פֿון קלייד:

אָט דעמאָלט, ווען איך, דײַן שוין אונטערגעוואַקסענע טאָכטער, שוין אַ ביסל צו הויך אויסגעוואַקסענע, אויף די לענגלעכע בושעל-פֿיס, ווי דו פֿלעגסט אין אַ שפּאַס אַמאָל וועגן מיר זאָגן, קוקנדיק אויף מיר; דעמאָלט, ווען איך, אינעם ספּעציעל צו אָט דער פֿײַערלעכקייט אָפּגענייטן קלייד, האָב בײַ דעם ערשטן אויפֿשפּיל פֿון דער מוזיק, אינעם גרויסן אַקטן-זאַל, זיך געטראָפֿן מיט מײַן פּאָר די ערשטע אין דער טאַנצנדיקער ריי און האָב די ערשטע פּאָר פּאַ געמאַכט, צוזעענדיק, ווי אַ גרויסער אײַנגעלאַדענער עלטערן-עולם, צוזאַמען מיט לערער, צוזאַמען מיט באַדין-פּערסאָנאַל האָבן זיך בײַ די זײַטן-זאַל אויסגעשטעלט, מאַכנדיק אַ וואָרע פֿאַר די טענצער, האָב דעמאָלט אויך דיך, ווי אַלעמאָל דײַן שטייגער, אַ פֿאַרשטעקטן צווישן עולם באַמערקט, ווי דו קוקסט אויף מיר און ווי דו פֿאַרגינסט זיך ניט צו קוקן, ווי מײַרע האָבנדיק מיר געבן אַן אײַנהאָרע;

אָט דעמאָלט, ווידער, ווען איך בין אַוועק, אַ געווינטע און געשולטע אין טאַנץ, מיט מײַן ערשטער פּאָר — מײַן האַנט אויף זײַן רוקן, און זײַנע — אויף מײַנעם, לײַכט געאָרעמט און לופֿטיק-אויפֿגעלייגט איבערן גלאַנציק-געוועקסלטן פּאַרקעט, אים אָנרירנדיק, נישט אָנרירנדיק און קימאַט אונטער די פֿיס ניט פֿילנדיק; דעמאָלט, ווען מיר האָבן זיך געטראָגן ווי אַ ווינט, און ווען דער טאַנץ-רעגל האָט געפֿאָדערט, האָבן מיר זיך אויך פֿון צײַט צו צײַט אויף אַ ווײַלע צעשיידט, אַמאָל פּאָנעם צו פּאָנעם זיך געשטעלט און אַמאָל — רוקן צו רוקן און דאַן ווידער זיך פֿאַראָרעמט, קעדיי דורכצומאַכן דאָס, וואָס דער טאַנץ-רעגל האָט ווײַטער געפֿאָדערט, ביז צום סאָף, ווען אַלע, אַלע פּאָרן האָבן זיך אין אַ רונדע און אין אַ שווינד-

לעבנדיקן גאַלאָפּ אַוועקגעלאָזט פאַרבײַ דעם וואָרע־מאַכנדיקן אוילעם, וואָס האָט זיך בא די זײַטן־זאַל געהאַלטן און מיט פאַרגעניגן דעם טאַנץ צוגעקוקט;

אַט דעמלט, ווען דער ערשטער טור האָט זיך פאַרענדיקט און יעדער פון די טענצער איז אַוועק אַ פאַרפאַלי.עטער, אַ צעהיצטער אַף קורצווײַליקן אָפּרו צו די עלטערן, וועלכע האָבן אַף זיי, אין די זײַטן שטייענדיק, געוואַרט, זיי צו דערמוטיקן, באַגײַטיקן, אַמאָל מיט אַ ליבנדיקער האַנט דעם שטערן פון שווייס אַ וויש טאָן, און אַמאָל סטאַם אַזוי, נאָר אַ גוט וואָרט צו זאָגן, — בין אויך איך צו דיר, טאַטע, דעמלט צו — איך, דײַן שוין הויכלעך־אויסגעוואַקסענע טאָכטער, אַף די לאַנגע בושעל־פּיס — אַ באַגליקטע דערפון, וואָס איך האָב דיך אַ באַשיידן־פאַרוקטן צווישן אוילעם געטראָפן נאָך מײַן ערשטן שווינדלענדיקן דער־פאָלג אין טאַנץ, פון וועלכן כ׳האָב קיין מידקײַט ניט געפילט, נאָר פאַרקערט, שוין אַ דאָרשט און באַגער אופגערופט ווערן צום צווייטן, ווײַטער־פאַרשטייענדיקן טור...

כ׳האָב געזען, אַז כ׳האָב אויסגענומען בא אַלע, וועלכע האָבן מיר, אַ טאַנצנדיקע, נאָכגעקוקט, און אויך בא דיר, יאָ, בא דיר, וואָס האָסט, ווי מיר׳ע האָבנדיק פאַר אַן אײַנ־האָריע, נישט געוואָלט אַף מיר קוקן... כ׳בין צו דיר צוגעפאַלן נאָענט־נאָענט, ווי אַ קינד צו אַ פאָטער און ווי צו אַ געליבטן פאָטער, און דו האָסט, ווידער, ווי דײַן באַשיידענער שטייגער, מיך איבעריקס ניט צוגעלאָזט, כאָטש כ׳האָב גוט־גוט געזען, אַז האַלטנדיק מיך פון־ווײַטן, באַגערסטו מיך האָבן נאָענט־נאָענט צו זיך, ווי איך — דיך.

האָסט באַלד, ווי מ׳איז געקומען מיך אײַנלאַדן צום צווייטן טאַנץ, מיך אָפּגעלאָזט, נישט אַרויסווײַזנדיק קיין מינדסטע מינע, אַז דו וואָלסט גערן געוועזן מיך עטוואָס לענגער לעבן זיך פאַרהאַלטן.

כ׳בין אַוועק און האָב ווײַטער געטאַנצט. אַזוי איינס נאָך איינס, ווי נאָר די מוזיק האָט אופגעשפּילט און ווי נאָר ס׳האָבן זיך געפונען באַלאָנים מיך פאַר אַ פּאָר אײַנלאַדן. און באַלאָנים, דאַרף מען דעם עמעס זאָגן, האָבן זיך דעם גאַנצן יענעם אָוונט ניט אויסגענומען קימאַט ביזן לעצטן טאַנץ.

און דעמלט, ווען דער אָוונט האָט זיך געענדיקט, און ווען מיר זײַנען שפּעט אַוועק אַהיים, איך מיט אַ פולן קאָפּ מיידלשע טרוימערײַען פון קאָפּשווינדלערישן דערפאָלג, און אויך דו, ווײַזט אויס, מיט דײַנע פאָטערלעכע און קלאָל־טוערישע דערפאָלגן, וועלכע מ׳האָט געקאָנט פון דײַן פּאָנעם אַראָפּלייענען; אַט דעמלט, ווען מיר זײַנען אַהיימגעקומען און מיר זײַנען זיך צעגאַן — איך אין מײַן צימער, דו — אין דײַנעם, און ווען איך בין אַליין גע־בליבן פאַרן איבערטאָן זיך און פאַרן שלאָפן גיין, אַי שוין אַ ביסל אַ מידלעך־אויסגעשעפּטע פון פאַרשיקערנדיקער טרוימערישקײַט, און אַי אויך אַ ביסל טרויעריקלעך־פאַרטראַכט דער־פון, וואָס הײַנט איז דאָך אַ טאָג, ווען כ׳האָב זיך געהאַט צו שיידן מיט מײַן יוגנטלעכער זאָרגלאָזיקײַט און איבערגיין צו ערנסט, פאַרלאָזנדיק די פון מיר אַזוי געליבטע שול־באַנק, מיט אַלץ, וואָס מיט איר איז געבונדן, — אַט דעמלט האָסטו פּלוצעם שטיל צו מיר אין טיר אָנגעקלאַפּט און מיך אַ רוף געטאָן צו זיך: — „וואָס איז?" — דו דאַרפסט מיך עפּעס האָבן...

אויפגעוואַכט פון אומגעריכטקײַט און פון מיידלשער טרוימערײַ ערעוו דעם, ווי איך האָב באַדאַרפט די קליידער אויסטאָן, בין איך אַרײַן צו דיר אַ פאַרוווּנדערטע און נישט פאַרשטיי־ענדיק, וואָס דו רופסט מיך אַזוי שפּעט און וואָס אַזוינס האָסטו מיר איצט איבערצוגעבן, וואָס האָסט פריער ניט באַוויזן. דעמלט ביסטו צו דײַן טיש צוגעגאַן, האָסט געעפנט אַ שופ־לאָד, וואָס איז אַלעמאָל געווען, דאַכט זיך, בא דיר אָפן שלאָס, האָסט אַרויסגענומען פון אַלטער, עפּעס אַ צירונג־פודעלע, עס אופגעעפנט און, אַרויסנעמענדיק אַ גאָלדן רינגעלע פײַנער מעלאָכע, מיט אַ טײַער שטיינדעלע אינדערמיט, האָסטו, דאָס מיר איבערגעבנדיק, אַזוי אַ זאָג געטאָן:

— דאָס האָב איך פאַר דיר אויסגעהיט... ס׳איז אַ יערושע־פינגערל פון מײַן מאַמען, פון מײַן באָבען, ביז אַרוף אין יענע צײַטן, וועלכע איך געדענק שוין נישט... דאָס איז, אַגעוו, — האָסטו צוגעגעבן, — אַ געשאַנק, וואָס ס׳האָט באַקומען דײַנער אַן עלטער־על־טערזיידע, אויך אַ דאָקטער, נאָך פון די צײַטן פון אַ ר׳עב מענאַשע בען יִסראָעל: אַליין געבוירן אין פּאַדוא, וואָס אין איטאַליע, האָט ער דערנאָך איבערגעוואַנדערט קיין ענגלאַנד, פון דאָרט, ווידער, דורך האָלאַנד און דײַטשלאַנד — קיין פּוילן, וווּ ער איז אָנגעקומען אַלס לײַב־דאָקטער אין אַ קיניגלעכן הויף... ער האָט געלאָזט נאָך זיך, — האָסטו ווידער גע־זאָגט, — אַ געשיכטלעכן שעם מיט זײַנעם אַ „ספר הרפואות" און אין זײַן מישפּאָכע — אַ געדעכעניש פון אַ הויך־זיטלעכן מענטשן. ער האָט זיך גרויס כייך און אַכטונג דער־וואָרבן, איז פיל באַשאָנקען געוואָרן. און איינע פון די מאַטאָנעס איז אַט דאָס רינגעלע, ספּעציעל, ווײַזט אויס, בא אַ ייִדישן גאָלדשמיד באַשטעלט.

1—433

— ס׳איז עפשער א ביסל ראַמאַנטיש, — האָסטו געזאָגט פאַרלעגן שמייכלענדיק, אָבער ס׳מאַכט ניט... נעם עס, טראָג עס געזונטערהייט און מיט ווירדע, ווי דײַנע באָבעס, עלטער־באָבעס ביז יענע צײַטן, וועלכע איך געדענק שוין ניט, האָבן עס געטראָגן.

— דערמיט, — האָסטו ווײַטער געזאָגט און דערבײַ האָט דײַן שטים שוין עטוואָס פײַערלעך געקלונגען, — פאַרקנאַס איך דיך, אַזוי צו זאָגן, צו דײַן פאַרגאַנגענהײַט, און צו דער צוקונפט, קינד, וועט דיך שוין אַן אַנדערער פאַרקנאַסן.

* * *

טאָג... כוידעש... יאָר...

טאַטע טײַערער. כ׳וויל זיך דערמאָנען, וויאַזוי ס׳איז פאָרגעקומען: נאָך דעם ווי זיי זײַנען אַרײַן; נאָך דעם ווי זיי האָבן די ערשטע טעג, אויף דערווײַל און איבערכאַפּנדיק, דורכגעפירט די ערשטע רויבערײַען און רעציכעס איבער דער ייִדישער באַפעלקערונג, וועלכע האָט זיך גלײַך דערפילט פאַרלענדט, אויסערן געזעץ און ווי הינט אָן א נומער, פון היצל ניט געשיצט, — האָט זיך באַלד, שפּעטער עטוואָס, אין שטאָט אַרײַן געוויזן דער געביטס־קאָמיסאַר, איינער א פאָן לעמקע, וואָס האָט פון אונדזער שטאָט אַרויס, ווי פונעם צענטער, געוואָלט אָנפירן מיטן גאַנצן אַרומיקן ראַיאָן, וועלכער איז אין זײַן רעשוס און אונטער זײַן געוועלטיקונג אַרונטערגעפאַלן.

ווי איך האָב דערנאָך געהאַט „די ערע" אים צו דערקענען, — שוין אַן עלטערער, אַרײַבער די פופציק; א פרײַסיש־יונקערישע קרעאַטור; מיט א גלײַכן גלאַט־אָפּגעהובליעוועטן רוקן — א יערושע, ווײַזט אויס, פון מיליטערישער מושטרע נאָך פון פרידריך דעם גרויסנס צײַטן, אָדער עפשער נאָך פון פיל פריִער — פון באַרבאַראָסן. דערצו ווידער, ווײַזט אויס, פון א רײַך הויזגעזינדל, וואָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקײַט צו שטודירן און ענדיקן, מעגלעך, א הויכשול, אַן אוניווערסיטעט, וואָס דאָס איז געווען צו זען פון דעם נישט ווייניק ביסל בלאָס־ברוינע, פאַרצויגענע שראַמען אויף זײַן פּאָנעם — א נישער פון ראַפּירן־געפעכט, ווי ס׳איז אײַנגעפירט צווישן די ריַיכע, זופעריש, סטודענטישע קאָרפּאָראַנטן.

מיט איינעם וואָרט, אַ מיליטעריש געשולט, אי אויך אויף אַזויפיל „האָך־געבילדעט", ער זאָל זיך טויגן פאַר אַדמיניסטראַטאָר און קאַנט־געוועלטיקער.

און אָט, ווי נאָר ער האָט זיך אין שטאָט געוויזן, אַזוי ביסטו, טאַטע, גלײַך צו אים גערופן געוואָרן, לויט דער אָנווײַזונג פון געוויסע „זאָגטערס" און טרייפענע צונגען, וואָס די מאַכט האָט אָדער נאָך פון פריִער געהיים אין שטאָט געהאַט פאַרשטעקט, צוליב די דאָזיקע צוועקן; אָדער פון אַזוינע, וואָס זײַנען ערשט נאָרוואָס מיט דער מאַכט אַרײַן און האָבן אָבער דאָך שוין באַוויזן צו געווירע ווערן, וואָס מ׳דאַרף, ווען און וועמען מ׳דאַרף.

מ׳האָט דיך פאַרקאָמענדירט פאַר דעם אָנגעזעענסטן צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג, וואָס דער צוטרוי צו דיר איז גוואַלדיק.

און אָט, ווי נאָר דו האָסט זיך באַוויזן צו דעם, וואָס האָט דיך אײַנגעלאָדן, אַזוי באַלד האָט ער דיר פאָרגעלייגט דאָס, וואָס וואָלסט אוואַדע דערויף גערן־גערן מויכל געווען און זיך אָפּגעטרייסלט הערפון ווי פון טומע, און נאָר בעיין־ברירע האָסטו געמוזט אײַנגיין און לאָזן דײַן האַלדז אין דעם גאָר ניט געגאַרטן יאָך שפּאַנען.

— אַזויווי מיר ווייסן, הער דאָקטער, לויט די ידיעס, וואָס מיר האָבן באַקומען פון זיכערע קוואַלן, אַז איר זײַט אימערס־אָנגעזעענסטער צווישן די אײַער־שטאַמיקע; א פאַרזאָן, אויף וועלכער אי מיר, די מאַכט, און די אײַעריקע וועלן זיך געוויס קאָנען פאַרלאָזן, האָבן מיר געפונען אײַער קאַנדידאַטור פאַר דער פּאַסיקסטער צו באַפולמעכטיקן אײַך אויף אָנפירערשאַפט פון איינעם אַן אַמט... מיר האָבן באַשלאָסן שאַפן אַן אָרגאַן אויף רעגולירן די צווישנבאַציִונגען צווישן אונדזער פאַרשטייערשאַפט און דער אײַעריקער באַפעלקערונג, און אײַך אויסצוווײַלן אַלס רעפּרעזענטאַנט, פאַרמיטלער.

— מיך? — האָסטו געפרעגט. פאַרוואָס דיך, וואָס דו ביסט אַזוי איבערגעלאָדן מיט אַרבעט אין דײַן פאַך, און ווי דו ווייסט, וועט די צײַט ניט קלעקן און אויך ניט די פעיִקייטן אויף צו באַזיצן אַזאַ פּאָסטן, צו וועלכן דו ביסט ניט געוווינט.

— מיר צווייפלען ניט, מיר לייגן אײַך נאָר פאָר, און אַלנפאַנס, אויב אײַך, הער דאָקטער, איז רעכט צו זען די אָנפירערשאַפט איבער די אײַעריקע אין גאָר שלעכטע, ניט גע־

װוּנטשענע הענט, איז האָט איר די ברירע צו טאָן, װי איך װילט זיך און װי איר אַליין פֿאַרשטייט.

שוין אַליין די אײַנלאַדונג, װאָס איז דיר געשיקט געװאָרן דורך אַ געװיס פֿאַרל זעלנער אין די גרינע שינעלן, מיט די געװיסע עמבלעמעס — מיט שאַרבנס און ביינער; אַליין דערנאָך דאָס אָנקומען אין דער געבײַדע צום קאָמיסאַר, װוּ דו האָסט באַדאַרפֿט אַדורכגיין װאָך פֿון װידער אַזױנע, באַװאָפֿנטע מיט געװער, און נאָך מער װי מיט געװער — מיט קאַלטע, דורכנעמענדיקע בליקן; דאַן דײַן אַרײַנקומען זעלבסט צום קאָמיסאַר, װען ער האָט דיך צוערשט װי גאָר ניט באַמערקט און האָט אַ װײַלע דיך געלאָזט שטיין, קימאַט ניט ענטפֿערנדיק אױף דײַן באַגריסונג, גלײַך ער האָט קיין מױל ניט; דאַן, װידער, װען דו האָסט זיך דערמאָנט די ערשטע פֿײַנע מײַסים, מיט װעלכע די מאַכט האָט זיך אַרױסבאַװיזן, װי נאָר זי האָט די ערשטע טריט און שטאָט אַרײַנגעשטעלט, — דאָס אַלץ צוזאַמען האָט דיר קלאָר געגעבן צו װיסן, מיט װעמען דו האָסט צו טאָן, װאָס אױף אונדז װאַרט און אַז אױף קיין גוטס האָט דאָ קיינער נישט צו װאַרטן, און אַז ביפֿראַט אַ באַציִונג אַ גאָר באַזונדערע און אױסנעמלעכע; און דאָס האָט אױך אױף דיר געמאַכט דעם געהעריקן דרוק, זאָלסט זיך זען געצװוּנגען יאָ אָנצונעמען דאָס, װאָס דיר איז אַזױ דערװידער, װיסנדיק אָבער, אַז אױב ניט דו, װעלן זיך געװיס געפֿינען אַנדערע, קלאָר ניט קיין געװוּנטשענע, װעלכע זײַנען פֿעיִק אין אַן אײס־צאָרע נוצן ציִען בלױז פֿאַר זיך.

— צום װידערזען, — האָט דער געביטס־קאָמיסאַר דיר אַן אײַליקן זאָג געטאָן צום געזעגענען, אַזױ קאַלט, װי פֿריִער, בײַסן „באַרעכהאַבע”, װען ער האָט דיר גאָרניט געזאָגט, באַלד נאָך דעם, װי דו, שױן אַלס פֿאַרשטייער, האָסט מיט געמײנטער רעכט געפּרוּװט אַ רעד טאָן מיקױעד די ערשטע אַזױגערופֿענע עקסצעסן, װאָס זײַנען פֿאָרגעקומען שױן באַם ערשטן אַרײַנקומען פֿון דעם מיליטער אין שטאָט, װאָס ס'האָט זיך אַזױ אױפֿגעפֿירט מיט דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, אַז מ'האָט געזען, אַז ס'איז אָן אַ צוים און אַז ס'איז דעם אַלץ דערלױבט צו טאָן, װאָס ס'באַגערט, מיט אונדז, און אַז דאָס, װאָס ס'האָט דערװײַל נאָך געטאָן, איז בלױז, בלױז אַן אומשולדיקע האַסקאָלע.

— צום װידערזען, הער דאָקטער, ס'איז איצט ניט קיין צײַט דערפֿון צו רײדן... איבעריקנס, איז דאָס אַ זאַך, אַזױ צו זאָגן, ניט צום אױסמײַדן, און געװיס פֿון אומדיסציפּלינירטע, אומפֿאַראַנטװאָרטלעכע עלעמענטן פֿאַרוּרזאַכט.

מ'האָט דיך באַדאַרפֿט זען, אַהײמקומענדיק פֿון קאָמיסאַר, נאָך דעם אָפּראַװען דעם ערשטן װיזיט באַ אים. ביסט װי אין דײַן װוּקס געמינערט געװאָרן... כ'האָב דיך אױך קיין מאָל ניט באַמערקט אַזױ בלאַס, און כ'מעג שװערן, אַז דאָס ערשטע מאָל האָב איך געזען דײַן קראַװאַט ניט גאָר אין אָרדענונג, װאָס כ'װײס ניט, צי דו ביסט נאָך פֿון דער הײם אַזױ אַרױס, צי שױן פֿון דאָרט אַזױ געקומען: ביסט דאָך שױן אַרױס פֿון דאָרט אַ באַפֿולמעכטיקטער פֿאַרשטײער פֿון דעם שפּעטער אַזױ פֿאַרשעמטן און פֿאַרשריגענעם ייִדן־ראַט — זײַן נאָמען זאָל ניט געדאַכטן.

און דאָ האָט זיך אָנגעהױבן אַזױנס, װאָס כ'װיל פֿאַרן מױל ניט ברענגען און דורך דער פֿען ניט דורכלאָזן, װײַל גענוג, װאָס כ'בין אַ לעבעדיקער אײדעס דערפֿון: שטראָף און גזירעס פֿון אַזױנע מינים פֿאָרמען און מאַסשטאַבן, װאָס קײן מענטש האָט זײ ערשט נעכטן אַפֿילו אין דער פֿאַנטאַזיע ניט געקאָנט האָבן, ניט קאָנענדיק זיך פֿאָרשטעלן, אַז אַפֿילו װען מ'טרעפֿט אַרײַן צו די װילדסטע פּראָים, װאָלט מען זיך אױף אַזױנס געקאָנט אָנשלאָגן.

און דאָס אַלץ האָסטו, טאַטע, באַדאַרפֿט דורכפֿירן: דורך דײַן האַנט איז דאָס אַלץ דורכגעגאַנגען, און װי דײַן האַנט, װאָס האָט אָט די אַלע פֿאַראָרדענונגען געמוזט כאַסמענען, און װי דײַנע אױגן, װאָס האָבן דיך געזען שטײן אײנס לעבן אײנס און בעשוטפֿעס מיט דער רישעס... כ'װײס, האָסט אװאַדע געמײנט צו גוטן, דאָס הײסט צום בעסערן פֿון ערגערן, װיסנדיק, אַז סײַװי איז דאָס קומען־מוזנדיקע אומפֿאַרמײַדלעך, און מײנענדיק, אַז װי־ניט־איז װעט זיך דיר פֿאָרט עפּשער אײַנגעבן דאָס שלעכטס צו מינערן און האַלטן אין געװיסע ראַמען.

יאָ, אָבער... אַז ס'האָט זיך נאָך געהאַנדלט בלױז נאָר װעגן לאַטעס, געטאָ און װעגן װיסט־צוזאַמענגעדריקטער, ענג־פֿאַרשעמטער עקזיסטענץ, װי קרעציקע אונטער אַ צוים און אונטער אַ װאָך; אַז ס'האָט זיך נאָך געהאַנדלט נישט װעגן קײן אַפֿילו רעציכעס, נישט פֿון צו דאַרפֿן געבן טעכטער צו שאַנד, אָדער זײ צו דערפֿירן צו דעם, זײ זאָלן זיך אַלײן געבן... אַז ס'איז נאָך געװען, אַזױ צו זאָגן, האַלב צום איבערטראָגן, האָבן זיך שױן דעמלט

אויך געפונען אייניקע, וועלכע האָבן עפנטלעך, און נאָך מער אין דער שטיל, געגומען אונ-טערמורמלען וועגן דײַן שולד, זענענדיק אין דײַנע געצוווּנגענע מײַסים, געווענדט קעגן איי-גענע, בלויז דײַן אייגנבויך.

דאָס — דעמלט, ווען ס'איז נאָך געווען, ווי געזאָגט, צום דערלײַדן. שפּעטער אָבער, ווען דאָס רישעס איז אַרויס פון די ברעגעס און האָט זיך ווי א געוויסער צעגאָסן, אָנעמענ-דיק די פאָרמען פון די באַוווּסטע „אַקציעס", געדעקט דערנאָך מיט די ליגנערישע פאַרזי-כערונגען פון דער מאַכט און אירע עפנטלעכע „אַפּעלן", אַז מער, הייסט עס, וועט עס שוין ניט זײַן, און אַז דאָס געשעענע איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך די און די סיבעס, — די שולד, קלוימערשט, אַליין פון די געליטענע, וואָס דעם אַלעם איז געווען צו גלייבן, ווי דעם הונט:

אַט דעמלט האָסטו מער ניט אויסגעהאַלטן און זיך געזאָגט: גענוג. אַלע דײַנע איליו-זיעס אַף צו קאָנען צוימען דאָס אומגעצוימטע זײַנען אויסגערונען, און אַט דעמלט, ווען זאָלסט געווען באַוויליקן ווײַטער בלײַבן בא דעם פאַרשאָלטענעם און דיר-אָנגעבונדענעם אמט, וואָלט דאָס שוין ווירקלעך געווען פאַראַט פון אַזאַ מאַדרייגע, וואָס פּאַסט בלויז פאַר אַזוינע, וואָס פאַר דער אייגענער פעל זײַנען זיי גרייט א גאַנץ פאָלק פאַרקויפן.

אַט דעמלט, קומענדיק איינמאָל אַהיים פון דײַן אמט, האָסטו מיך ווידער צו זיך אין צימער פאַרופן, און אויסזעענדיק אַזוי, ווי ערעוו דעם, ווען ס'דאַרף מיט דיר באַלד עפּעס גאָר שלעכטס געשען, האָסטו מיר א זאָג געטאָן: „קינד"... און נאָך אָט דעם וואָרט האָסטו ניט געפונען דאָס צווייטע אין דעם אָנצובינדן. האָסט געשטאַמלט, גלײַך די צונג איז ניט דײַנע. דערנאָך, אַז דו האָסט זיך עטוואָס באַרויִקט, האָסטו מיר א זאָג געטאָן:

— ווייס, כ'האָב באַשלאָסן זיך אָפּזאָגן פונעם אמט, נישט געקוקט אַף די פּאָלגן, וואָס וועלן זיך דערפון באַקומען... פאַרשטיי מיך, קינד...

— כ'פאַרשטיי, — האָב איך געזאָגט. נישט וויסנדיק גענוי, וואָס דו מיינסט מיטן וואָרט „פּאָלגן". — וואָס מיינסטו, טאַטע? — האָב איך דיך א פרעג געטאָן.

— כ'מיין, אַז אַף וויפל איך ווייס און אַף וויפל כ'קאָן זיך שטויסן, קומענדיק אין באַאַמטער באַרירונג מיט יענע, קאָנענדיק הערן פון זיי אַמאָל אַן אָפן וואָרט און אַמאָל א פאַרשטעלטס, האָב איך די רעכט צו האָבן די איבערצײַגונג, אַז ס'איז א געהיימער אָפּמאַך בא זיי, ערגעץ גאַנץ אויבן אָנגענומען, אַז אַזוי צי אַנדערש, איצט אָדער שפּעטער, זאָל מען מיט אונדז פאַרענדיקן ביז לעצט און ביז איינעם...

— כ'טאָר מער ניט בלײַבן, כ'טאָר בא קיינעם קיין האָפענונג דערוועקן... כ'מוז אוועק, — האָסטו געזאָגט, — און דאָס וועט הייסן ווידערשפּעניקן. אַזוי וועט מען דאָס אָפּ-שאַצן, און די רעזולטאַטן קאָנען זײַן טרויעריקע, זייער טרויעריקע. אָבער ס'איז ניט צו מאַכן... און געדענק, — האָסטו פאַרגעזעצט נאָך א געוויסער האַפּסאָקע, — ס'קאָן דיר עפּ-שער אײַנגיכן אויסקומען בלײַבן אַליין, איז ווייס, וואָס דו האָסט צו טאָן. ווער זיך. קיין רעטונג דאָ, אינעווייניק, אָבער זע איך ניט. כ'זע נאָר איין אויסוועג — פונדאַנען אַרויס און אוועק אַהין, — האָסטו זיך מיטאַמאָל א ווענד געטאָן מיטן פּאָנעם צו מיזרעך-זײַט פון אונדזער לאַנד-גרענעץ, וואָס פון דאָרט האָט דיר געדאַכט צו דערשפּירן די אייניציקע מעג-לעכקײַט פון יעשועס.

— כ'ווייס, — האָסטו דערבײַ א זאָג געטאָן שטיל, פאַרטראַכט און צוטרויִלעך, — לויט די ידיעס, וואָס כ'האָב באַקומען אַלס אַמטסמאַן בעסאָד, אַז אין די ניט ווײַט ליגנ-דיקע וועלדער זאַמלט מען זיך אויסבאַהאַלטענערהייט אַף ווידערשטאַנד, און אַז ווער ס'איז געטראָפן און פילט זיך באַליידיקט פון די פאַרכאַפּער, און איז אויך קאָמפּעטענט, דער ציט אַהין...

— כ'ווייס אויך, — האָסטו ווײַטער געזאָגט, — אַז דער וועג איז פול סאַקאָנע, סײַ באַם אַרויסקומען פון אונטערן רעשוס פון די פאַרכאַפּער און סײַ איידער מ'טרעפט אָן אַהין. כ'ווייס אָבער אויך, און ווידער אַלס אַמטסמאַן בעסאָד, אַז אַפילע שוין דאָ, אינעווייניק, בא אונדז, זײַנען פאַראַן אַזוינע, וואָס פאַרנעמען זיך מיט אַרויסהעלפן, ווען מען מ'דאַרף, אַהין אָנצוקומען... מ'דאַרף זיך זען צו זיי דערשלאָגן... איך, ווי איך. פאַר מיר איז דער וועג שוין פאַרשטעלט, ווײַל צו אַלט, צו אָנגעזעען, און פיל וואָלטן איבער מיר געליטן, ווען איך פאַל דורך. אָבער דו געדענק עס, אויב דיר וועט אויסקומען בלײַבן אַליין.

דעמלט ביסטו ווידער, ווי אַמאָל, צו דײַן טיש צוגעקומען, האָסט ווידער געעפנט דעם שופלאָד, וואָס איז אַלעמאָל בא דיר געווען אָפן שלאָס, האָסט ווידער פון דאָרט עפּעס אַרויס-גענומען, אָבער דאָס מאָל ניט אַף מיר דאָס איבערצוגעבן, נאָר פאַר זיך א זאַך, צו דײַן אייגענעם געברויך... כ'מעג שווערן, אַז כ'האָב דיך געזען אַרויסנעמען עפּעס אַן אַפּטייק-

זאַך, אַ מין רעפּוע אין אַ פּראָשעק, וואָס באַלד, ניט זאַמענדיק, און קעדיי איך זאָל ניט באַוויַיזן לײַענגער דערוף קוקן, האָסטו עס אין זשילעט-קעשענע אַרײַנגעלייגט... האָסט, כּוץ דעם, נאָך עפּעס אַרויסגענומען, און ווי מיר דאַכט, אַ גאַלמעסער אין געווײַנלעך דײַן פּאַ-פּיר געפּאַקט.

האָסט די גאַנצע צײַט, בייס דו האָסט צו טאָן געהאַט מיט די אַרויסגענומענע זאַכן, מיר אין די אויגן ניט געקוקט. פּונקט אויך ווי דו האָסט מיר אין די אויגן ניט געקוקט, בייס דו האָסט מיר אָנגעוויזן די ריכטונג, וווּהין איך דאַרף זיך לאָזן, באַנוצנדיק דערבײַ אַזוינע ווערטער, ווי „קאַמף" און „ווידערשטאַנד", וואָס זײַנען קיינמאָל, דאַכט מיר, אין דײַן לעקסיקאָן ניט געווען. און ס'איז, אַגעוו, אויך פאַרשטענדלעך, פּאַרוואָס: דו, ווי גאָר אַ שוואַכער פּאָליטיקער, ווי אַזוינער, וואָס האָט אַמאָל יאָ אָדער ניט געקערט צו אונדזער גאָר לויזער, שיטערלעך-פּאַרקאַכטער, דאַכט זיך, פּאָלקס-פּאַרטיי, וואָס האָט זיך קיינמאָל מיט קיין איבעריקער אַקטיווקײַט ניט אויסגעצייכנט, אויסער עפּשער אַמאָל נאָר בייס וואַלן, און דאָ, נאַ דיר גאָר, דו זאָלסט אַרויס מיט אַזוינע מינים ווערטער, וואָס ניט דײַן מויל איז זיי געוווינט אַרויסצוברענגען, און ניט איך — זיי פון דיר צו הערן.

אָבער ניט דאָס איז דער עיקר. דער עיקר איז דאָס, וואָס ניט וויסנדיק, אַז איך זע דיך דאָס פאַרלעצטע מאָל אין מײַן און אין דײַן לעבן, האָב איך, נישט געקוקט אויף דעם גרויסן ערנסט פון דײַנע אַרויסזאָגונגען, נישט גאָר באַנומען, אין וואָס דאָ גייט.

כ'האָב זיך ניט פאַרטראַכט וועגן דער רעפּוע-זאַך, וואָס האָסט פון שופלאַד אַרויסגענומען און אין זשילעט-קעשענע אַרײַנגעלייגט, מיינענדיק, אַז דאָס איז אַ פּראָשעק צו קאָפּ-ווייטיק, פון וועלכן דו האָסט, די לעצטע צײַט, זײַענדיק אַזוי באַשעפטיקט אין דײַן אַמט, פיל פון דעם געליטן און אויף וועלכן דו פלעגסט זיך אָפט דעמלט קלאָגן.

כ'האָב אויך ווייניק באַמערקט און קנאַפּ אַכט געלייגט דערויף, וואָס דאָס מאָל, ווען דו האָסט זיך מיט מיר געזעגנט, בייסן אַוועקגיין, האָסטו זיך צו מיר צוגעבויגן און מיך אין קאָפּ אַ קוש געטאָן, וואָס דאָס איז בײַ מיר געווען געוווינט און ניט נײַ, אָבער יאָ נײַ און אומגעוווינט איז מיר געווען דאָס, וואָס דו האָסט זיך מיט דײַן מויל עטוואָס לענגער באַם קושן פאַרהאַלטן, ווי גלײַך וואָלסט זיך פאַרגעסן אויף אַ ווײַלע, אויף גאָר אַ קלענער ווײַלע, אָבער דאָך אויף לענגער ווי מ'דאַרף...

כ'האָב ווידער ניט באַמערקט, ווי אַז דו האָסט באַדאַרפט אַרויס פון שטוב און איך האָב דיך באַלייט, און ווען דו האָסט די טיר אויפגעעפנט, ביסט אַרויס און האָסט זי באַלד צוריק באַדאַרפט פאַרמאַכן, האָסטו דאָס ווידער ניט אַזוי גיך געטאָן, און ווי ווידער זיך פאַרגעסנדיק אָדער ווי גלײַך דו וואָלסט מיר געהאַט נאָך עפּעס צו זאָגן, וואָס האָסט פריִער ניט באַוויזן — האָסטו אַ קליינע ווײַלע די טיר אָפן געהאַלטן און אויף מיר געקוקט אין עפּעס אַ מין פאַרלעגנהײַט.

מיט איינעם וואָרט, כ'האָב אַ סאַך דעמלט ניט באַמערקט... כ'האָב ניט געוווּסט, אַז דו האָסט זיך שוין דעמלט צום געביטס-קאָמיסאַר געלאָזט מיט אַ פּאַרטיקן באַשלום אין שויס אויף אָנגעבן אין דעמיסיע, זיך אָפּזאָגן פון אַמט און אויף קיין פאַל זיך ניט לאָזן איבערריידן אים ווידער צוריק אויפנעמען, זײַענדיק געפּאַסט אויף אַלץ און וויסנדיק די פּאָלגן, וואָס פון אַזאַ אָפּזאָג קאָן זיך באַקומען.

און ווירקלעך: קיינער איז ניט בײַגעווען בײַ דעם געשפּרעך צווישן דיר און דעם געביטס-קאָמיסאַר, אָבער די רעזולטאַטן האָבן זיך גלײַך געלאָזט הערן: ביסט גלײַך פון אים מיט אַ וואַך אין טורמע אָפּגעפירט געוואָרן — אַהין, פונוואַנעץ, ווי מ'האָט פון גענוג דורכגעמאַכטער פּראַקטיק געוווּסט, קומט מען שוין ניט אַרויס, ווײַל אָדער מ'ווערט דאָרט אויפן אָרט געפּאַטערט, אָדער מ'מאַכט עס אויף אַן אַנדער אויפן, אָפּשיקנדיק די פאַרורטיילטע אין אַ מער ווײַט ליגנדיק אָרט — אַלצײַנס.

* * *

און דעמלט, טאַטע, בין איך, דײַן טאָכטער, אַן אַליין געבליבענע, אַליין אויף דער סצענע אַרויף...

כ'ווייס ניט, פונוואַנעץ די אונטערנעמונגס-פעיִקײַט האָט זיך צו מיר גענומען, צי פון טמימעס, צי פון פאַרצווייפלונג; כ'ווייס נאָר, אַז דער ווילן דיך צו ראַטעווען האָט מיך געשטויסן, — דיך, מײַן איינציקן.

ווי נאָר די ידיעה האָט צו מיר דערלאַנגט, אַזוי באַלד האָב איך, ניט איבערקלערנדיק, וואָס איך טו און וואָס דערפון וועט זיך באַקומען, זיך גענומען שרײַבן אַ באַקאָשע צום געביטס-קאָמיסאַר, בעטנדיק אים, ער זאָל מיך אויפנעמען. די שפּראַך פון קאָמיסאַר האָב

איך גוט באַהערשט, נאָר וואָס איך האָב אין מײַן ביטע געזאָגט און מיט וואָס איך האָב מאָטיווירט מײַן בעטן זיך אַף אופֿנעם — געדענק איך ניט. כ'ווייס נאָר, אַז וווּנדערלעך — אַז ס'האָט ניט לאַנג געדויערט, ווי איך האָב באַקומען מיטגעטיילט, אַז מײַן באַקאָשע איז באַפֿרידיקט, און אַז אין דעם און דעם טאָג, אין דער און דער שאָ קאָן איך זיך פֿאַר זײַן הויך-טיטולירטער פּערזאָן ווײַזן.

כ'ווייס ניט, צי האָט ער געמיינט דורך מיר צו פּויעלן, וואָס בא דיר אַליין האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן — ווידער צו שטעלן זיך צו דינסט, קעדיי מיט דײַן אויטאָריטעט און אָנזען זיך דעקן, ווי מיט אַ מאַסקע, אַף ווײַטער קאָנען דורכפֿירן דאָס, וואָס אים האָט געלוינט; כ'ווייס ניט, צי האָט ער געמיינט ערנסט, צי עפּשער בלויז זיך אַ נאַכעס-רועך אָנטאָן, ווען די הויך-הערשערישע „גוטע" שאָ איז אַף אים געקומען, ווועלנדיק זען, ווי נאָך זײַן קאָרבן וועט זיך קומען צאַפּלען פֿאַר אים דאָס קינד פֿונעם קאָרבן.

אַזוי צי אַזוי, נאָר אַז די שאָ פֿון גרייטן זיך צום ווײַזן זיך פֿאַר יענעמס אויגן איז געקומען, האָב איך, אַזאַ יונגע און אומדערפֿאַרענע, שוין אַליין מיט כוש דערפֿילט, אַז קיינע אויסזיכטן מיט עפּעס-וואָס צו פּויעלן האָב איך ניט, אויסער מיט זיך אַליין...

כ'האָב זיך אָנגעטאָן אינעם בעסטן, שענסטן, וואָס איך פֿאַרמאָג — אין דעם, וואָס בא מיר און בא דיר איז מער געבליבן ווי בא אַנדערע, נאָך דעם, ווי מ'האָט אַלעמען באַרויבט, און דיך, ווי אַן אַמטסמאַן, און מיך, ווי דײַנס אַ קינד, געשווינט.

כ'האָב אומבאַוווּסט פֿאַר זיך אַפֿילע זיך ניט אָפּגעזאָגט פֿון מיטצונעמען דײַן געשאַנק, דײַן רינגעלע — אַ ביסל, ווײַזט אויס, פֿאַר אַ שמירע, און מער אָבער, מיט אונטערמיין — פֿאַר אַלעמען, צו געפֿעלן.

כ'האָב זיך צוגעשטעלט צו דער געבײַדע, ווו דער אופֿנעם האָט באַדאַרפֿט פֿאָרקומען, און פּונקט ווי דו, ווען דו האָסט זיך אַהין באַוויזן, בין אויך איך דורכגעגאַנגען דורך דער גרין-געקליידעטער וואַך, מיטן גרייט-געהאַלטענעם געווער און מיט די קאַלטע דורכנעמענדיקע בליקן.

כ'בין, סאָפּקאַלסאָף, צו אים אַרײַן — אַליין צו זײַן הויך-טיטולירטקייט, ווועמען כ'האָב געטראָפֿן זיצן צו זײַן שרײַבטיש, ווינקלדיק צווישן צוויי ווענט אוועקגעשטעלט, אין האַלבשײַן פֿון אַ זײַטיק פֿענצטער באַלויכטן.

פּונקט ווי דיך, האָט ער אויך מיך די ערשטע מינוטן ווי ניט באַמערקט, מאַכנדיק זיך ניט פֿילן מײַן ניט דרייסט אַרײַנקומען, מײַן עפֿענען די טיר און שטעלן די ערשטע טריט אָפּן טעפּיך, וואָס האָט זיי פֿאַרשלונגען.

נאָכדעם אָבער, ווען ער האָט מיך שוין יאָ באַמערקט, ווען ער האָט, ווי צופֿעליק, די אויגן פֿון זײַן אַרבעט, וואָס איז פֿאַר אים געלעגן, אופֿגעהויבן, האָט ער מיך ווי אַן אומגעריכט-געקומענע און אַ נישט-געבעטענע אַ פֿרעג געטאָן מיט גרויס אָפּגעפֿרעמדטקייט:

— וועמער זינד זי, פֿרוילײַן?

כ'האָב, שטאַמלענדיק, מײַן נאָמען אָנגערופֿן, אויך דײַנעם, צוליב ווועמען כ'האָב געהאַט די ערע צום הער געביטס-קאָמיסאַר זיך ווענדן.

— אַך זאָ, די טאָכטער פֿון הערן יודען ראַט-פֿאָרזיצער?

— יאַוואָל, מײַן הער.

— איז וואָס, אייגנטלעך, האָב איך צו דער פֿאַרלײַכטערונג פֿון זײַן שולד צו זאָגן? — האָט ער אַ פֿרעג געטאָן, און, ווי אַ דערוואַקסענער, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ צו ריידן מיט אַ פֿאַרשטענדלעכן לאָשן מיט אַ קינד, האָט ער מיר גענומען דערקלערן, אַז וואָס דאָ גייט און וואָס פֿאַר אַ גוואַלדיקע אַוולע דו ביסט באַגאַן בענעגייע דער מאַכט, און דאָס הייסט, אַז ווען אַן אַנדערער, ווען ער טוט עס, וואָלט מען זיך מיט אים גאָר ווייניק צערעמאָניעט און ער וואָלט גלײַך זײַן שטראָף באַקומען, אָפּן אָרט און אומגעזאַמט, און מיט דיר האָט מען נאָך גרויס גנאָד געטאָן, וואָס מ'האָט דיר געגעבן צײַט אַף זיך באַדענקען און, אין טורמע זיצנדיק, מעגלעך, צו כאַראָטע האָבן אַף דײַן טאַט.

— איז אָט, איז עפּשער דאָס טאַקע האָט מיך געבראַכט אַהער — צו בעטן דעם הער קאָמיסאַר, ער זאָל מיר דערלויבן זיך זען מיט דיר, און ווי אַן אייגן קינד דיר העלפֿן צו די געדאַנקען קומען, אָנווײַזנדיק דיר אַף דער סאַקאָנע, וואָס, מעגלעך, דו ווייסט ניט, ווי ווײַט גרויס זי איז.

ער האָט ווידער ווי אַ דערוואַקסענער, ווען ער רעדט מיט אַ קינד, בא מיר די ווערטער אויסגעכאַפּט, ווי גלײַך איך אַליין האָב קיין מויל ניט, און דערבײַ האָט ער גאָר פּלוצעם פֿון זײַן אויבנאָן זיך אופֿגעהויבן — ער, דער שוין אַריבער מיטליעריקער, שווערלעכער פֿאַרשוין פֿון דער אַמאָל אַזוי גוט דורכגעגאַנגענער סאָלדאַפּאָנישער מושטרע, פֿון

וועלכער געוויסע סימאָנים זײַנען נאָך אַף אים צו זען געבליבן אין זײַן שטאַרק גלײַכן, אָפּגעהונבליעוועטן רוקן און אויך אַף זײַן „שטראַמען” האלדז-און-נאַקן, ווי בא אַ וואָלף, וועלכער קאָן זיך אין קיין זײַט ניט קערעווען. ער האָט זיך אופגעהויבן, און אָנהאַלטנדיק דעם טאָן און די באַציִונג צו מיר, ווי פריִער, — ווי צו אַ קינד, — האָט ער ווילוועלנדיק צו מיר אַ שפּאַן געטאָן, אַרויסגייענדיק פון אונטערן טיש צום אָרט, וווּ איך בין געשטאַנען, גלײַך ער וואָלט געקומען מיך באַגיטיקן און מײַן גאָר ניט געהויבן געמיט מיר לינדערן.

ער האָט דערבײַ אפילע מיר אַ האַנט אַף אַן אַקסל אַרופגעלייגט, מײַסע עלטערער, און ווידער דערבײַ, שוין זײַענדיק נאָענט-נאָענט לעבן מיר, האָט ער מיך פון אויבן ביז אַראָפּ אַ מעסט געטאָן, — מײַן גרייס, מײַן וווּקס, — שוין גאָר ניט, ווי מ׳מעסט אַ קינד, וואָס דערפון, האָב איך באַמערקט, האָבן בא אים אַף אַ ווײַלע ווי וועלטער אין מויל אויסגעפעלט, ווי ער וואָלט זיך פאַרהאַקט און ווי עפּעס פיל ווינטיקערס פון ווערטער וואָלט אים אין גאָרגל שטעקן געבליבן.

ער האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט, און פאַרשטייענדיק, ווי גרויס מײַן ליבע איז צו דיר, — אַליין פון דעם, וואָס איך, אַזאַ יונגע און אומדערפאַרענע, האָב זיך אין אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכער שליכעס געלאָזט — פאַר אַזאַ הויך-טיטולירטנס אויגן צו קומען, צו מײַנען בא אים עפּעס פויעלן, — האָט ער, ווײַזט אויס, געוואָלט אויסנוצן מײַן אומדערפאַרנקײַט, און האַלטנדיק די האַנט אַף מײַן אַקסל, האָט ער מיר אויך אין די אויגן אַ קוק געטאָן, און האַלב אין שפּאַס און מער מיט אַן עמעס האָט, מײַסע סויכער, זיך מיט מיר גענומען דינגען:

— און וואָס וועט פרוילײַן פלאָרא, ווי זי הייסט, באַצאָלן פאַר ליבנסווירדיקײַט?

כ׳בין זיך דיר מודע, טאַטע, אַז ווי איך בין דעמלט ניט געווען יונג און אומבאַהאַוונט אין הילכעס, ווי מ׳זאָגט, אַזוינע זאַכן, האָב איך דאָך אונטער דער גאָר ניט געגאַרטערט האַנט אַף מײַן אַקסל זיך דערפילט פאַר אַ פרוי, און אויך זיך דערוווּסט, אַז מיט אָט דעם וויסן לאָזט זיך אין געוויסע פאַלן אַמאָל אויך פיל פויעלן.

ווי איך בין ניט געווען יונג און אומבאַהאַוונט, איז אָבער, ווען כ׳בין געשטעלט געוואָרן פאַר דעם פרווו אויסצווויילן צווישן מיר און דיר, דאָס הייסט אָדער דיר, מײַן אייניקן ביז אַהער געליבטן, אַ האַנט פון הילף דערלאַנגען, ניט אויסהיטנדיק זיך אַליין, ס׳זאָל אַף מיר קיין מינדסט אומאָנשטענדיק שטויביקל ניט פאַלן, אָדער זיך יאָ אויסהיטנדיק, און דיר ניט דערלאַנגט, — אַז כ׳האָב זיך דערזען שטיין פאַר אָט דעם אויסוואַל, איז פאַרשטיי מיך, טאַטע, אַז אַפילע די רייִנסטע געטין פון דער עכטער צניִעס וואָלט מיר ניט געקאָנט אויסוואַרפן און ניט האָבן קעגן, אויב איך האָב דאָס צינגל פון איר ציטעריק-צניִעסדיקער וואָג עטוואָס אין אַ זײַט געמאַכט אָפּנייגן — דערמיט, וואָס כ׳האָב דאָס ערשטע מאָל, דאַכט זיך, אין מײַן לעבן אַ קאָקעטיר געטאָן מיט פרויען-אָנשטעל און געמאַכטער פאַרשעמטקײַט, וואָס דאָס האָט זיכער, ווי כ׳האָב געזען, אַ געוויסן אײַנדרוק געמאַכט אַף יענעם, צווינגענדיק אים צו מיינען, אַז מער וויפל איך האָב אים איצט דערלאַנגט בלויז מיטן בליק פון אונטער אַראָפּגעלאָזטע וויִעס, וועט אים ערשט שפּעטער, ווען ער וועט מיר דאָס געפעליקײַט טאָן און מײַן באַקאָשע אויספילן, דערלאַנגט ווערן.

ס׳האָט געפויעלט מײַן בליק. כ׳האָב געזען, ווי אין דעם פאַרשויך, פאַר וועלכן כ׳בין איצט געשטאַנען אַ יונגע, אַן אומדערפאַרענע און אומבאַשיצטע, האָט עפּעס ווי אַ שטיק וואַקס זיך גענומען שמעלצן, ווען ער האָט געקוקט אַף מיר און געשפּירט די קלוימערשט מער נאָכגיביקײַט, וואָס ער האָט פון מיר שפּעטער צו דערוואַרטן.

אַנטשולדיק מיר, טאַטע, — דו, ווי אַלע פרומע געטער זאָלן מיר אַנטשולדיקן... אָבער כ׳שווער, אַז מער ווי אַ רעגע האָט אָט די מײַן פרויען-שפּיל ניט געדויערט, ווײַל באַלד האָב איך זיך געכאַפּט און גלײַך אַפן אָרט האָב אַף זיך דעם אוינעש גענומען, ווען איך האָב, אי אַ פאַרשעמטע, אי צוליב שמירע און אי צוליב מער זיך אַזוינס ניט דערלויבן, דײַן געשאַנק, דײַן רינגעלע אַף מײַן האַנט, פאַר די אויגן אַ נעם געטאָן, קעדיי זיך צו דערמאָנען, פון וועמען כ׳האָב דאָס באַקומען, און וואָס איז מיר געזאָגט געוואָרן, בייס דו האָסט דאָס מיר דערלאַנגט.

כ׳האָב עטוואָס לענגער די האַנט מיטן רינגעלע פאַר די אויגן געהאַלטן, און דאָס איז, ווײַזט אויס, יענעם נאָך מער געפעלן, — כ׳ווייס ניט, צי אַליין די האַנט מיטן רינגעלע, צי גאָר מײַן וועזן, צי מײַן מינע דערבײַ — שוין די אופריכטיקע און עמעס טאַקע פאַרשעמטקײַט, — נאָר כ׳האָב געזען, ווי יענער האָט זיך נאָך מער צעשמאָלצן, און האָבנדיק אַ פול מויל מיט עפּעס מער ווי ווערטער, האָט אַ זאָג געטאָן:

— זי בעקאַמען וואָס זי בעגערן, פרוילײַן.

דערבײַ האָט ער אויך ניט פֿאַרגעסן, װער ער איז און װאָס פֿאַר אַ פּאָסטן ער פֿאַרנעמט, און פֿון מיר געפֿאָדערט, איך זאָל אומבאַדינגט זען דיך איבעררײדן און אַף דיר װירקן, זאָלסט זיך אומקערן צו דעם, פֿון װאָס דו ביסט אַװעק, װאָרעם צוליב דעם, דערײַקער, װערט מיר די דערלויבעניש געגעבן דיך אין טורמע צו באַזוכן — אַ זאַך, װאָס קײנעם טוט מען עס ניט.

דערבײַ, װידער, האָט ער ניט פֿאַרגעסן מיר צו דערמאָנען מײַן צוזאָג, װאָס אים האָט געדאַכט צו האָבן פֿון מיר באַקומען, כ'זאָל זיך מיט אים, אַף אַן „אָרנטלעכן" אופֿן, שפּעטער צעצאָלן פֿאַרן כּיוון, װאָס כ'בלײַב אים שולדיק...

ער איז זיך אַזוי צעגאַן אין זײַן גוט געניגטער באַציִונג צו מיר דעמלט, אַז ער האָט זיך אַזש אַ בײג געטאָן, װעלנדיק מיר אַ קוש טאָן די האַנט מיטן רינגעלע, װאָס כ'האָב נאָך אַלץ פֿאַר די אויגן געהאַלטן, און װאָס צו דעם האָב איך אים, נאַטירלעך, ניט דערלאָזט.

כ'האָב אַף אַ קלוימערשט־קינדערשן אופֿן, אָבער קלאָר ניט אָן עלטערלעכן פֿאַרשטאַנד געזען װאָס גיכער באַ אים אַרויסבאַקומען דאָס נײטיקע — די װענדונג צום טורמע־אויפֿזעער, מ'זאָל מיך צו דיר צולאָזן, און װי נאָר כ'האָב דאָס אין דער האַנט באַקומען, אַזוי בין איך אַרויס, — כ'װײס ניט, צי יאָ זיך געזעגענענדיק, צי ניט, נאָר געפֿילט האָב איך, אַז עפּעס האָט מיך יענער דעמלט באַגלייט מיט אַזאַ סאָרט בליק אין רוקן, װאָס מער אַזױנעם פֿון אַזעלכן װאָלט איך קײנמאָל ניט געװאָלט האָבן פֿאַר קײן באַגלייטער...

* * *

טײַערער טאַטע. און אײנעם זעלבן טאָג האָבן זיך פֿאַר מיר די טורמע־טיר־און־טויער געעפֿנט, נאָך דעם װי דער אויפֿזעער האָט דערזען, װער ס'שרײַבט אים... באַלד האָט מען אונדז צוזאַמענגעפֿירט. און באַלד האָב איך דיך דערזען. אָבער דאָס קלײן ביסל פֿרײד פֿון דיך װידער צו האָבן פֿאַר די אויגן, און זאָל אַפֿילע זײַן אין דער טורמע־אומגעבונג, איז מיר גלײַך פֿאַרשטערט געװאָרן, װי נאָר דו האָסט מיר פּלוצעם, אײדער װאָס, אײדער װען, אַ פֿריִעג געגעבן:

— װי קומסטו אַהער? װער האָט דיר דערלויבט?

— דער געביטס־קאָמיסאַר, — האָב איך געענטפֿערט.

— ער? װי קומסטו צו אים?

— איך גײ פֿון אים.

— דו — פֿון אים?

— יאָ.

כ'האָב געזען, אַז צו דער אַזוי אויך גענוג פֿינצטערניש, װאָס דו האָסט פֿון דער געפֿענקעניש־קאַמער מיטגעבראַכט, איז, אַז דו האָסט דערהערט פֿון מיר דאָס לעצטע װאָרט, דיר נאָך אַ גרעסערע צוגעקומען... האָסט אַ װײַלע געשװיגן, דערנאָך קורץ אַ זאָג געטאָן, ניט אַרײַנלאָזנדיק זיך אין קײנע דערקלערונגען:

— מער טו דאָס ניט... דאָרט איז קײן אָרט פֿאַר דיר, — און אַף װיפֿל איך האָב געקאָנט באַמערקן, האָט זיך די גאַנצע צײַט עפּעס אַ ניט־אַרויסגערעדטער כּשאַד פֿון דײַן פּאָנעם ניט אָפּגעטאָן און איז זיך אײַנגעהאַלטענע װאָרענונג, געװענדט צו מיר, האָט דיר פֿון די ליפּן ניט געקאָנט אַראָפּקומען.

— נײן, — האָסטו װידער נאָך מער קורץ אַ זאָג געטאָן, — פֿון דאָרט האָסטו אַף קײן טויװעס ניט צו װאַרטן...

— אָבער... טאַטע, — האָב איך צו דיר אַ פּאָל געטאָן, דערזעענדיק דיך אַזאַ, װאָס באַלד װעט דיך שױן שװער זײַן צו דערקענען, װײַל ניט דער אָנצוג, אין װעלכן דו ביסט אַװעק, איז דײַנער, ניט די שיך — קײן שיך, און דו אַלײן — שױן דרײַ פֿערטל פֿאַרװאָרטײלט און װי גלײַך ערעװ דעם, װי אָט־אָט דאַרף די עקזעקוציע איבער דיר אויסגעפֿירט װערן.

— טאַטע טײַערער, — האָב איך צו דיר אַ פּאָל געטאָן, ניט האָבנדיק דיר װאָס צו זאָגן, נאָר אַ קלאָג אַרויסצולאָזן.

כ'האָב געזען, אַז װעגן רײדן מיט דיר מיקויעך צוריקנעמען דײַן באַשלוס איז ניט שײַעך; געזען, אַז דו ביסט גענוג — דו, אַז װיסנדיק, װאָס דו נעמסט אַף זיך, זאָלסט ניט פֿעיִק זײַן דערנאָך װידער דײַן װאָרט ענדערן. און דעם עמעס זאָגנדיק, איז װען מ'לײגט מיר דעמלט פֿאַר די ברײרע, װאָלט אויך איך דיך ניט געראַטן טאָן קעגן דײַן באַשלוס...

— טאַטע טײַערער, — האָב איך געקלאָגט און האָב פֿון דיר קײן טרײסט און קײנע פֿאַרזיכערונגען אַף קײן בעסער פֿאַרשטײענדיקע אויסזיכטן ניט געװאַרט, װיסנדיק, אַז דו

ביסט אַליין ניט זיכער, און אויב יאָ, איז אין פֿאַרקערטן — אַז ס׳איז קיינע אויסזיכטן, און אַז דאָס זעען מיר זיך מיט דיר איצט, מעגלעך, דאָס לעצטע מאָל.

דו האָסט דעם קאָפּ אין אַ זײַט אָפּגעדרייט געהאַלטן, נישט וועלנדיק קוקן אַף מיר, און אײַנגעשלאָסן אין מײַנע אָרעמס, און האַבנדיק מײַן קאָפּ אַף דײַן ברוסט, האָסטו אַליין אויך מער נישט געקאָנט טאָן, ווי דאָס זעלבע — מיך אומאַרמען, מיך נישט אָפּלאָזן, נישט זאָגנדיק דערבײַ גאָרנישט, ווי פֿאַרשטומט פֿון דעם, וואָס טרערן האָבן דיך נישט דערלאָזט קומען צום וואָרט.

האָסט זיך אַ ריזיקן קויעך אָנגעטאָן, האָב איך געזען, ווען דו האָסט מיך עטוואָס אָפּגערוקט און זיך באַפֿרײַט פֿון מײַן אומאַרמונג, ווײַל דעמאָלט, שוין, באַלד, פֿאַרן געזעגענען זיך, האָסטו נאָך געוואָלט האָבן צײַט אַף מיר נאָך עפּעס צו זאָגן.

— קינד, — האָסטו געזאָגט, — פֿאַר מיר זאָרג ניט. עפּשער וועט זיך דערנאָך פֿאָרט עפּעס בײַטן, און עפּשער ניט. אַלנפֿאַלס, איך האָב שוין אָפּגעלעבט. דו אָבער — נאָך ניט. איז זע טו, וואָס דו קאָנסט אַף אַרויסקומען פֿונדאַנען און זיך איבערקלײַבן אַהין, וווּהין כ׳האָב דיר אָנגעוויזן. ס׳איז דער איינציקער אויסוועג.

דעמאָלט איז די וואַך אונטערגעקומען, זאָגנדיק, אַז די צײַט פֿון דער זעונג איז געענדיקט. און דעמאָלט האָב איך דיך ווידער אַף צום לעצט אַרומגעכאַפּט, — ווי אַף פֿאַרשלונגען ווערן, און אַ טויטע צי אַ לעבעדיקע, לעבן דײַן ברוסט בלײַבן.

מ׳האָט דיך קימאַט אָפּגעריסן פֿון מיר און אונדז צעשיידט, און... שוין אַף שטענדיק, ווײַל אַף מאָרגן האָבן פֿריִער אַנדערע זיך דערוווּסט, דערנאָך — איך, אַז שוין יענע נאַכט ביסטו ניט געוואָרן. האָסט ניט געוואַרט, אַז אַנדערע זאָלן מיט דיר ענדיקן, נאָר האָסט עס אַליין געטאָן. און געטאָן האָסטו עס אי צוליב זיך, זיכער זײַענדיק, אַז ס׳ײַווי ביסטו שוין פֿון לעבעדיקן צעטל אויסגעשטראָכן, און אי דעריקער, דאַכט מיר, צוליב מיר, קעדיי כ׳זאָל פֿאַרשפּאָרן ווידער געשטעלט ווערן פֿאַר אַ פּרוּוו, אַף אַ נישט-געוווּנטשענעם פֿאַר דיר אויפֿן דיר דײַן גורל וועלן פֿאַרגרינגערן.

אין יענער נאַכט, האָט מען זיך דערנאָך דערוווּסט, האָסטו עפּעס אײַנגענומען, און דאָס איז געוויס געווען יענע ריפֿוע-זאַך, וואָס דו האָסט, אוועקגייענדיק פֿון דער היים, פֿון שופֿלאָד אַרויסגעקריגן, און אַז ס׳האָט דיר געדאַכט, אַז פֿונעם אײַנגענומענעם קומט די ווירקונג ניט אַזוי גיך, האָסטו געפֿונען נאָך עפּעס, וואָס האָסט מיטגענומען, אַף זיך אויך אַן אָדער אויפֿצוהאַקן...

און פֿאַרטאָג, ווען מ׳האָט געוועקט צום אויפֿשטיין, האָט אַ שאָכן, וואָס איז געלעגן מיט דיר אַף איין נאַרע, זיך דערפֿילט ליגן ווי אין אַ קאַליוזשע... ער איז בייז געוואָרן אַף זײַנע שכיינים — אַף איינעם אַ שאָכן פֿון איין זײַט, און אַף דיר — פֿון דער צווייטער, מיט וועלכע ס׳האָט זיך, ווי געוויינלעך אין יענע „באַדינגונגען", אומאָנגענעמס געקאָנט טרעפֿן — פֿון קעלט, פֿון אומגליקלעכער ענגשאַפֿט אַזוי... אַז ער האָט אָבער אַף דיר אַ קוק געטאָן אין פֿאַרטאָגיקן האַלב פֿינצטער און האָט דערזען דאָס בלאַסקײַט, וואָס האָט פֿון דײַן פּאָנעם אפירגעקוקט, האָט ער גלײַך פֿאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז געשען... באַזונדערס, וויסנדיק דיך אַלס דאָקטער, וויסנדיק אויך, אַז דו האָסט ניט איין מאָל מיט די אַרומיקע וועגן דעם גערעדט, ווי וועגן אַ מיטל; און באַזונדערס נאָך וויסנדיק, אַז פֿריִער מיט אַ טאָג האָסטו געהאַט אַ זעונג מיט מיר, דײַן איינציקער, און אַז פֿון אָט דער זעונג ביסטו אַרויס אַ נאָך מער דערשלאָגענער, ווי ביז אַהער, ווײַל עפּעס, האָט מען געזאָגט, איז דיר צוגעקומען נאָך איינע אַ מוירע, אַכוץ דער, וואָס בײַ אַלע פֿאַרורטיילטע. דעמאָלט איז אַלץ קלאָר געוואָרן, און דעמאָלט ביסטו שוין נישט געווען...

„יתגדל ויתקדש שמה רבה" — זאָגט מען, דאַכט זיך, נאָך אַ טויטן.

* * *

טאָג... כוידעש... יאָר...

ווי נאָר דו ביסט נישט געוואָרן, ווי נאָר כ׳האָב פֿאַרלוירן מײַנע פּריווילעגיעס, ווי דײַנס אַ קינד — אַ קינד פֿון אַן אָנגעזעענעם אַמטסמאַן, און מ׳האָט מיך אַרויסגעזעצט פֿון אונדזער ביז-דעמאָלטיקער דירע און מיך אַריבערגעפֿירט אינעם דרײַפּערטלמעטערדיקן וווינשעטעך, וואָס איז באַשטימט פֿאַר אַלע געטאָ-אײַנוווינער אַלס נאָרמע, — האָב איך אָנגעטראָפֿן אין אַ הויז — ניט קיין הויז, נאָר אַ לאָך, אַ באַגראַבעניש, וווּ די ווענט וויינען, די סטעליע איז אויפֿן קאָפּ און וווּ אַ וואַסערע-ניט-איז שײַן איז אַפֿילע אינמיטן העלן טאָג דאָרט אַ זעלטענער אורעך, איך, מיט פֿיל אַזוינע „באַגליקטע" ווי איך, וועלכע געפֿינען זיך אָנגעשטאָפּט ווי אויפֿעס אין אַ שטײַג, און וווּ צום גאַנצן רומל ענגשאַפֿט פֿעלט אויך

ניט אויס, אַלס צוגאָב, אײנער אַן עלטערער, עלנטער ייִד, מיטן נאָמען הירשל שוסטער, וואָס וועגן אים לוינט זיך אַ פּאָר ווערטער זאָגן, ווײַל, קוקנדיק אויף אים, קאָן מען האָבן אַ קלײן שטיקל פאַרשטעלונג, ווי מיר זעען אויס אין אונדזער אַזוי ליב-באַשערטן שפּיגל...

אַ גאַנצן טאָג איז ער פאַרנומען אויף אַרבעט אין אַ ווערקשטאַט, וווּ מ׳פּאַרטיקט אויס שטיוול פאַרן פראָנט. ער אַרבעט שטיל, מיט באַלמעלאָכישער שלײמעס און געוויסן, און אַפילו שוין מיט צופיל געוויסן... אַז די איבעריקע אַרבעטער פרעגן אים אַמאָל:

— הירשל, וואָס אַזוי געטרײַ? צו וואָס אַזויפיל פּלעקלעך? און אַז אײנער פון זײ וועט, כּאָלילע, בלײַבן אָן שיך און אַפילו — אָן אַ פוס, איז וואָס? איז וועט דיר, כּאָלילע, האַרט זײַן דער צוקאָפּנס? — ענטפערט ער ניט. גלײַך ער הערט ניט, טוט ווײַטער זײַן זאַך, ניט אָפּרײַסנדיק זיך און ניט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ אַפילו אויף אַ קוק טאָן, ווער ס׳פרעגט אים.

מ׳פרעגט אים אויך מער ניט. מ׳ווייסט, ווער ער איז, — אַז אַ גאַנצן טאָג איז ער בלויז אַ מענטש פון פאַך, און דערפאַר, אַז ער קומט אַהײם אָפּדערנאַכט, איז ער... אויס ער, איז ער... מאָשיעך. דעמאָלט איז ער שטאַרק באַשעפטיקט מיט אײַנשטודירן די ראָל, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען... ער קען אין די קלײנע אויסנעלעך, איז אַ שטיק מעלומעד... און אַמאָל, זאָגט ער, זעט ער זיך אַן אַרעמען רײַטער אויף אַן אָרעמען אײזל אַרײַנפאָרן קיין יערושאָלאַים, און ער טוט דעמאָלט אַ שפּאַן אין צימער, אויף וויפל נאָר דער געענגטער שטעטך דערלויבט אים, אויף מאַכן אַ וואַרע און זיך אַלײן אָפּגעבן „שאָלעם" — אײן מאָל, צוויי מאָל, דרײַ מאָל און פיל מאָל, פאַרשטעלנדיק זיך, אַז דאָס פאָלק שטופּט זיך אים אַזוי צו באַגעגענען און מיט „שאָלעם" באַגריסן. אָן אַנדערס מאָל זעט ער, אַזוי ווי אין ספרים דאַניעל איז געשריבן, זיך אַראָפּבאַווײַזן פון די הויכע הימל-וואָלקנס, און דעמאָלט שטעלט ער זיך אַוועק מיטן קאָפּ פאַריסן, און אין גרויס ציטערניש און אַנציקונג טוט ער אויף זײַן אײגענער הערלעכער דערשײַנונג מיט אַ צעעפנט מויל קוקן... און גאָר אַמאָל זעט ער זיך צווישן קרעציקע, צווישן שלעפּער און אויסגעלאָסענע פרויען, בײַ די טויערן פון רוים, אַלײן אויך אַ קרעציקער, וואָס האָט מיט די אײגענע ווונדן פיל צו טאָן, ווי אויפבינדן און צוריק פאַרבינדן, און דעמאָלט איז קײן אומגליקלעכער פּאָנעם, ווי זײַנס, ניט צו זען און ניט צו טרעפן אין ערגעץ, ווען ער לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער ערד, מיט די פיס אונטער זיך, און מיט אַ שטיל-יאָמערנדיקער שטים נעמט ער בעטלען אויף דער אים פרעמד-רוימישער שפּראַך בײַ אַלע, וואָס קומען אַרויס און וואָס גײען אַרײַן אין רוים.

יאָ, ער האָט רעכט, הירשל, אויף דער מאָשיעך-ראָל, ווײַל צוזעענדיק, וואָס דאָ אַרום טוט זיך, קאָן קײן שום מעשוגענער אויף קײן קלענערער, ווי דער, ניט אײַנגײן, טאָר ניט אײַנגײן.

* * *

טײַערער טאַטע, כ׳ווייס, אַז דו ביסט נישטאָ, כ׳ווייס אָבער אויך, אַז ווי דו זאָלסט נישט נישט זײַן, איז אַז דו וועסט דערהערן, וואָס איך וועל דאָ באַלד זאָגן, וועסטו זיך אַ רודער טאָן — פון אַנגסט, פון בושע, פון ביטערניש און פון פאָטערלעכן מענטשלעכן צאַר.

צוריק מיט אַ שטיקל צײַט האָט מען מיך געשלאָגן.

— ווער?

— דער לאַנגער גלאָמפּ, דער אויפזעער איבער דער אַרבעט-קאָלאָנע, וווּ אויך איך געפין זיך: דער, וואָס מיט די נאָך שוואַרצע וואָנצעס, האַרט ווי קלאַמערן בײַ אַ זשוק, וואָס איז שוין גענוג אַלט, אַז אויפן פראָנט גײן זאָל ער ניט טויגן, אָבער נאָך גענוג „טויגער", מ׳זאָל אים אויפזעערײַ איבער אונדז, אַ קאָלאָנע אַרבעטס-פרויען, אָנפאַרטרויען, ער זאָל אויף אונדז האָבן אַ האַזשגאָכע, אונדז נישט לאָזן זיך אונטערפוילן און אָפּשטײן. פאָדערן פון אונדז די נאָרמע, און אויך מער, אויב אים פאַרגלוסט זיך, דערצו האָט ער מאַכט, דערום איז ער באַפולמעכטיקט, און דערצו איז אים געגעבן ניט נאָר די „פּײַטשע", נאָר אויך געווער, אויף דאָס אויסנוצן אויפן אָרט און שטעלע, לויט דעם, אויב ער וועט פילן אַ מוז און אַ נויט אין דעם באַם אויספילן זײַן באַפעלהאָבער-פליכט... כאָטש ער איז שוין גענוג אַלט און פון פאָדאַגרע איז די קנעכל אין די קני געבראָכן, אָבער די בײַטש און געווער, ווי געזאָגט, האָט ער, און דערצו נאָך אַ היפּשן פּאַק זידלווערטער, וואָס ער לאָזט זײ אין גאַנג בײַ יעדער געלעגנהײַט און נישט-געלעגנהײַט, ווי „בלוט-יודע" און „יודע-פאַררעקע", וואָס אַז ער ברענגט אַרויס נאָר אײנס פון זײ, אַזוי כאַפּט ער די היץ און דערפילט די גערעכטיקײַט דאָס צווייטע, דאָס דריטע אַאַז. אַרויסצוברענגען אָן אָפּשטעל... ס׳ווײַזט אויס, אַז אויסער די רעכט, וואָס די אויבערשטײענדיקע מאַכט האָט אים געגעבן אויף אַזוי צו טאָן און צו שאַפן, נעמט ער זיך אויך אַלײן די רעכט, געפינענדיק דאָ אָן אָרט און מעג-

לעכקײַט אויסצולאָדן זײַן קאַס פאַר אײנער א באַלײדיקונג — א פעלער פון דער נאַטור, וואָס ער טראָגט זיך מיט אים אַרום פון געבוירן, און וואָס אין דער יוגנט און אפילע ביז הײַנט האָט ער געהאַט און האָט פון אים, זעט אויס, שטילערהייט צו לײַדן. דאָס זײַנען זײַנע קרום-קײַלעכדיקע פיס, וואָס דער כאָלעל פון צווישן זיי מאַכט אויס דאָס, וואָס אַף זײַן לאַשן טאַקע רופט מען דאָס "O Beine". אין לאַטײַן: אָבעינע".

מיט אײנעם וואָרט, ס׳וואָלט געווען פון דעם פאַרשוין ניט צום איבערטראָגן, ווען ניט די צוויי שוואַכקײַטן, וואָס ער פאַרמאָגט, און וואָס אַדאַנק זיי קאָן מען, ווי-ניט-איז, פון אים אָפּאָטעמען. דאָס איז ערשטנס: „זײַנעם ביר", וואָס ער מוז אַלע טאָג, אַלע טאָמיד אַרײַנזשליאָקען אַפּן כעזשבן פון די, אַף וועלכע ער גיט אַכטונג און וועלכע מוזן דאָס אים פון זייער „געהויבענעם" אַרבעטסלוין אויסטיילן, אַנדערש, ווייסט מען, „ווערדן זי געפריגעלט", דאָס הייסט געשלאָגן און ווען ער באַקומט יאָ דאָס געוווּנטשענע, מאַכט דאָס אים פיל ווייכער, צוגעלאָזטער... און דאָס צווייטע, וואָס שטאַמט פון ערשטן, איז — זײַן פאַרקוקן זיך אַף פרויען, ווען ער איז באַזויפן, און ווען ער נעמט זיך דעמלט זינגען זײַן זיס-פאַרבענקטע ליד, וואָס ער האָט פון זײַן אַזוי געליבטער הײַמאַט-שטאָט האַנאָווער מיטגעבראַכט:

אין האַנאָווער, אַן דער לײַנע,
מיידל האָבן דיקע בײַנע
אַאוו.

דעמלט כאַפּט ער צוערשט א שמייכלענדיקן בליק אַף זײַנע אײגענע פיס, און דערנאָך אויך אַף די פיס פון יענער פרוי, וואָס געפינט זיך אין זײַן נאָענטקײַט און וואָס ער טיילט זי דעמלט אויס, זי זאָל אים אײנעם איצטיקן מאָמענט זײַן געפעלן...

כ׳ווייס ניט, צי איז ער דעמלט געווען „אין שלעכטער לוינע", ווײַל די אַרבעטספרויען האָבן יענעם טאָג, צום באַשטימטן מאָמענט, אים זײַן נאָך אַף „זײַן ביר" נאָך ניט געהאַט אָפּגעשטעקט; צי איבער אַן אַנדער סיבע, נאָר עפּעס האָט ער אַף מיר יענעם טאָג א בייז האַרץ געהאַט, האָט מיר בייזלעך נאָכגעקוקט, צי איך פיל גוט אויס מײַן אַרבעט, צי ניט, און מיטאַמאָל האָט ער זיך צו מיר געטומען בינדן, אַף מיר שרײַען, און דאַפּקע ניט מיט דער „פײַטשע", נאָר מיט די הענט מיך שלאָגן.

נישט אַזוי דער ווייטיק, ווי דער בזיאָיען, האָט מיך דערגעמען. נישט אַזוי דער ווייטיק, ווי די ווילדע אָנשיקעניש פון דער גאַנצער צײַט נאָך פריער, איידער כ׳בין געשלאָגן געוואָרן, האָט אין מיר אויפדערוואַכט און מיך באַם גאָרגל געפאַקט...

כ׳האָב איבערגעריסן די אַרבעט, נישט געקוקט, וואָס דער אויפזעער האָט דערפאַר רעכט געהאַט מיך מער צו שלאָגן און באַגײן זיך מיט מיר פיל ערגער, אָן שום מוירע פאַר פאַראַנטוואָרטלעכקײַט, וואָס ער וועט האָבן צו טראָגן פאַר די העכער שטייענדיקע פון אים פאַר זײַן טאַט, נאָר פאַרקערט — ווי האַרב די טאַט זאָל ניט זײַן, וואָלט ער, פון זייער זײַט, זיכער געקאָנט וואַרטן אַף דער צושטימונג און באַרעכטיקונג, — נישט געקוקט דערויף, האָב איך איבערגעריסן די אַרבעט, בין אַוועק אין א זײַט, זיך אָפּגעטיילט פון די פרויען כאַווערטעס, וואָס האָבן דאָס צוגעזען, און, קומענדיק צווישן צוויי הויכע קלייטלעך אָנגעלייגטע קלעצער, האָב גענומען וויינען...

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, דאַכט מיר, נאָך דעם ווי איך האָב דיך, טאַטע, אָנגעווירן. אַזוי פאַרשטיינערט בין איך געווען, צוזעענדיק, וואָס אַרום טוט זיך און וווהין איך האָב אַרײַנגעטראָפן. כ׳האָב געוויינט אַף מײַנע יונגע יאָר, זיך דערמאָנענדיק, ווער ס׳האָט צו זאָגן אַף זיי; געוויינט אַף דעם, וואָס כ׳בין געבוירן אונטער אַזאַ פינצטערן שטערן, נישט ווייסנדיק פאַרוואָס.

כ׳בין לאַנג דאָרט אַזוי געשטאַנען... און אַז כ׳האָב זיך אויסגעוויינט, האָב איך זיך צוריק צו דער אַרבעט אומגעקערט, נישט אויסרײַדנדיק מיט די כאַווערטעס קיין וואָרט, זײַענדיק די גאַנצע איבעריקע צײַט אין זיך געשלאָסן.

און נאָכדעם, שפּעטער, ווען דער אויפזעער האָט, אַפּאַנעם, שוין געהאַט געקריגן זײַנס, האָט אויפגעלייגט אַרײַנגעזויפט, און האָט צו דער האַנאָווערער, גוטמוטיקער לײַנע דערלאַנגט, אַזוי ווייס איך ניט פאַרוואָס, נאָר דאַפּקע נאָך דעם, וואָס ער האָט הײַנט אַף מיר דאָס באַפעלהאָבערישע האַרץ אָפּגעריסן, האָבנדיק מיך געשלאָגן, האָט ער דאַפּקע דאָס מאָל מיך אויסגעקליבן פאַר דער, וועלכע זאָל אים געפעלן און ער זאָל זיך, ווי זײַן שטייגער, אַף איר „בײַנע" פאַרקוקן...

און נאָך מער: דאָס מאָל איז ער זיך אַזוי צעגאַן אין זײַן שרעקלעכער צעשמאָלצנקייט, אַז ער האָט אונדז אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו מיר, ווען לבֿדיק אָנרירן די בוילעטע פֿרויען-פֿאָרמען, אויף וועלכע ער פֿלעג אויך אין זײַן יענעם שטאַנד אַמאָל מיט אָפֿענער פֿרעכקייט זײַנע העסלעכע בליקן ווענדן...

דערמאָנט האָט ער פֿון מיר געקריגן אַזאַ זעץ איבער דער האַנט, אַז זי איז אים פֿאַרפֿלויגן אויף צוריק, ביז אַרונטער דעם רוקן און ביז אונדז זײַן פּאָטיליצע, דאַכט זיך. און זע אַ וווּנדער: נישט נאָר ער האָט זיך ניט געפֿילט באַליידיקט פֿון אָט דעם אָפּשטויסנדיקן זעץ, וואָס דערפֿאַר וואָלט ער אויף מיר מיט דער גאַנצער ווּט באַדאַרפֿט אָנפֿאַלן, נאָר פֿאַרקערט, ער האָט ווי האָבנדיק צו טאָן מיט זײַן גלײַכן, אין אַ לײַטזעליקן שפּאַס דאָס פֿאַרוואַנדלט: אויף זײַנע ליפּן האָט זיך אַ שמייכלענדיקע מעכילע באַוויזן, ווי פֿון אַ טאַטן צו אַ ליב-שטיפֿנדיק קינד, וואָס נאָכן שטיפֿן טוט עס באַ אים נאָך מער אויסנעמען.

אַזוי — ער. די כאַוואַרטעס אָבער, ווען זיי האָבן געזען, מיט וואָס פֿאַר אַן אימפּעט כ'האָב דעם אופֿזעערס האַנט אויף צוריק אָפּגעשמיסן, האָבן, נישט ווײַסנדיק, פֿונוואַנען די דרייסט האָט זיך צו מיר גענומען, און יאָ ווײַסנדיק, וואָס אַזאַ טאַט האָט באַ יענעם אַן אַנדערס מאָל, אין אַ ניט-שיקערן שטאַנד, אָדער אַפֿילע, אַ שיקערן, געקאָנט אַרויסרופֿן, — שטילערהייט דערנאָך, אַז יענער זאָל ניט הערן, מיר גענומען אויסוואָרפֿן:

— סטײַטש, וואָס האָב איך געטאָן? און צו וואָס אַזאַ אופֿגעריסענע אײַנשטעלערישקייט, וואָס קאָן דערנאָך פֿיל קאָסטן אי מיך אַליין, אי אויך אַלע איבעריקע, וואָס דער שאָטן פֿון מײַן קאַס וואָלט אויף זיי געפֿאַלן?

דערמאָנט בין איך אויף זיי אויך אָנגעפֿאַלן:

— שעמען זאָלן זיי זיך... דער ביזאָיען פֿון אונדזער לאַגע איז דאָך ערגער פֿון דער לאַגע אַליין, און ווער ס'מיעסט זיך ניט, דער זאָל מיטן כאַזער פֿון איין שיסל עסן.

— קוקט זי נאָר אָן, — האָבן אייניקע אויף מיר זיך אַרופֿגעוואָרפֿן, — וואָס איז אין איר אַזוינס דער ייִכעס? מיט וואָס ביסטו בעסער פֿון אַנדערע? און צי האָט מען דען אַן אַנדער ברייִרע? אַנדערע האַלטן זיך דאָך איצט אַפֿילע פֿאַר גליקלעך, אויב דער שווײַן באַשטייט צו גיין מיט זיי אויף שוטפֿעס.

— איז זאָל זיי זײַן צו געזונט!...

אַ וואָרט פֿאַר אַ וואָרט, און ס'איז געקומען צו הויכע רייד און קידער-ווידער.

— מ'וואָלט געקאָנט מיינען, — האָבן אייניקע זיך געפֿרווּוט פֿאַרענטפֿערן פֿאַר זייער נאָכגיביקייט און פֿאַר וועלן גיין אויף פּשאָרעס מיט דעם אומפֿאַרמײַדלעכן, — מ'וואָלט געקאָנט מיינען, אַז מ'האָט זיך עס אַליין גענומען און מ'קאָן מאַכן בעסער.

— אַוואַדע קאָן מען, — האָב איך געזאָגט, ניט אָנעמענדיק די פֿאַרענטפֿערונג.

— איז אַדרעבע, זאָל איך זאָגן, וויאַזוי.

— ווי יענע, — האָב איך זיך אַרויסגעכאַפּט, — ווי די, וואָס מ'הערט פֿון זיי, אַז זיי אַרודעווען הינטנאַרומער, טוען, וואָס זיי קאָנען, שטעלן זיך אײַן און זאָל זײַן זיך בײדע אויגן, אַבי יענעם כאָטש איינס.

— האָסטו געפֿרווּוט? — האָט מען מיך געפֿרעגט, אָנדײַטנדיק אויף די סאַקאָנעס, וואָס איז מיט יענער זאַך פֿאַרבונדן, און דערמאָנענדיק מיר אויך די געוויסע דורכפֿאַלן, וואָס די רעזולטאַטן האָבן זיך באַקומען אַזוי טרויעריק נישט נאָר אַליין פֿאַר די אומיטלבאַרע אָנטיילנעמער, נאָר אויך פֿאַר פֿיל פֿון די, וואָס ס'איז אויף זיי בלויז אַ מינדסטער כשאַד געפֿאַלן, אַז זיי האָבן אַ מינדסטע שײַכעס צו יענע.

זיי האָבן רעכט געהאַט, די כאַוואַרטעס: ס'זײַנען שוין געהאַט פֿאָרגעקומען פֿיל אַזוינע פֿאַלן, פֿון וועלכע אַלע געטאָ-אײַנוווינער האָבן געוווּסט און האָבן נישט געקאָנט ניט וויסן, און דאָס האָט דעם גרויסן אוילעם שטאַרק אָפּגעשראָקן, און גוירעם געווען, מ'זאָל זיך שאַפֿן אילוזיעס, אַז עפּשער וועט מען פּאָרט באַווײַזן זיך אויסדרייען פֿון דעם, וואָס אַנדערע האָבן שוין ניט באַוויזן. און אַנדערע, וואָס האָבן דערוף ניט געוואַרט, האָבן פֿון הוילער פֿאַרצווייפֿלונג מיט דער האַנט אַוועקגעמאַכט, נישט ווילנדיק געבן די בכוירע אין פֿאָרם טויט איבער דער צווייטער, זאָגנדיק, אַז סײַווי — שטעל זיך יאָ קעגן, שטעל זיך ניט — איז מען פֿאַרורטיילט, איז צו וואָס נאָך פֿאַרכאַפּן אויף פֿריִער? מ'וועט דאָך ניט אָנווערן...

— קינדערײַ, — האָבן זיי געזאָגט, — סײַווי איז דאָך קיין האָפֿענונג, און סײַווי איז אָט דער מין ווידערשטאַנד קיין רעטונג ניט פֿאַר אַלע, בלויז פֿאַר אײנצלנע, אי דאָס אויך, אויב ס'וועט זיי אין אַ הונדערטן פֿאַל גליקן. און אויב אַזוי, איז זאָלן דאָס טאָן די, וואָס זייער לעבן איז הפֿקר און וועמען ס'מאַכט ניט אויס פֿריִער אָדער שפּעטער.

— בעסער פריִער, אײדער שפּעטער, — האָב איך געזאָגט, פון אײַנערלעכער איבער־צײַגונג אין מײַן גערעכט, נאָך דעם, ווי איך האָב הײַנט דורכגעמאַכט דעם טאָג, פריִער א געשלאָגענע, דערנאָך אף אזא שענדלעכן אופן אָנגערירט.

צום סאָף טאָג איז מיר ווידער דאָס געווײן אָנגעקומען, כ׳האָב זיך נישט געקאָנט האַלטן און בין ווידער אוועק אף מײַן פריִערדיק אָרט, אף הינטער די קלײטלעך קלעצער, דערמאָנענדיק זיך אין דער אײגענער געפאַלנקײט און אין דער געפאַלנקײט פון די אַרו־מיקע, וואָס אפילו דאָס געפיל פון פּראָטעסט איז שוין בא זײ אָפּגעטעמפּט. איך האָב ווײַ־טער געוויינט — זיך דערמאָנענדיק אין דער צוואָגע, וואָס דו, טאַטע, האָסט באַם געזעגע־נען, מיר געלאָזט, אָנווײַזנדיק, פונוואַנען איך האָב אף הילף צו וואַרטן — אז פון דאָרט, וווהין ס׳איז קימאַט מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, און וואָס מ׳דאַרף זיך נאָר א שטעל טאָן מיטן פּאָנעם אהין, מ׳זאָל דערפילן דעם האָפענונגספולן אָטעם, וואָס ווײט פון דאָרט...

כ׳ווײס ניט, ווי לאַנג כ׳האָב זיך געזאַמט און אָפּגעזונדערטע צווישן די קלעצער. נאָר שוין פאַרנאַכט, ווען מ׳האָט געגעבן א צײכן זיך זאַמלען אף אהײמגײן, בין איך אַרויס פון דאָרט ניט קײן וויינענדיקע, נאָר, דאַכט מיר, ווי מיט גלאָז אין די אויגן: אזוי ווײטיק־אָפּגע־פרעמדט האָב איך געקוקט אף די איבעריקע, און אזוי אויך די איבעריקע, דאַכט מיר, אף מיר, גלײַך מײַנע בליקן האָבן זײ געשטאָכן.

כ׳האָב די גאַנצע צײַט, אהײמגײענדיק, געשוויגן און מיט קײנעם קײן וואָרט ניט אויס־גערעדט, און פון דעם ווײַט־ליגנדיקן אָרט אהינטער דער שטאָט, ווו אונדזער פרויען־קאָלאָ־נע האָט געאַרבעט, ביז מיר זײַנען אין שטאָט אַרײַן, האָב געהאַלטן נאָר אין אײן דעם קאָפּ קערעווען און קוקן אהין, פונוואַנען איך האָב אף גוטס געוואַרט און ניט געוווסט, ווי׳אזוי מ׳קומט צו דעם.

* * *

יענער טאָג, טײַערער טאַטע, איז געווען א באַשליסנדיקער אין מײַן לעבן... כ׳ווײס ניט, צי דײַן גוטער נאָמען האָט מיר דאָ צוגעדינט, צי אַלײן די פאַרקומעניש מיטן אופזעער האָט צו אײנעמס א געהעריקן אויער דערגרייכט און מײַן באַגײן זיך מיט יענעם איז גוט אופגענומען געוואָרן און געפעלן, אזוי צי אזוי, נאָר די, וואָס אַרודעווען הינטנאַרום, האָבן מיך, אַפּאָנעם, באַמערקט און אף מיר אַן אויג געוואָרפן, ניט צום שלעכטן.

כ׳מעג שווערן, אז יעדעס מאָל האָב איך פון דעמאָלט אָן באַמערקט, ווי עפּעס שפּירט מען מיר נאָך, מ׳גײט מיך פאַרבײַ און מ׳באַטראַכט מיך אופמערקזאַם, און ווען מ׳קומט מיך אַריבער, קערעוועט מען זיך אויס און מ׳קוקט מיך נאָך — ניט נאָך מײַן שײנקײַט, געוויס, נאָר מיט א געוויסן אַנדער אינטערעס.

און אָט, גײענדיק אײנמאָל אין געטאָ אין אָפּרו־טאָג, האָב איך זיך אָנגעשלאָגן אף אײנעם א פאַרשוין, וואָס ווי נאָר מיר האָבן זיך געטראָפן פּאָנעם צו פּאָנעם, אזוי האָב איך באַמערקט, אז די באַגעגעניש איז ניט קײן צופעליקע, נאָר אז די צײַט און דאָס אָרט איז פון יענעם אפּריִער געווען פאַרויסגעזען, ער זאָל מיך גראָד דאָ און גראָד איצט באַגעגענען. ס׳איז געווען א ביסל אין א זײַט פון די מער באַלעבטע גאַסן, און אָנקומענדיק מיר אַנטקעגן, האָט דער פאַרשוין זיך אַן אײַליקן כאַפּ געטאָן, ווי גלײַך ער וואָלט אַקאָרשט גע־קאָנט פאַרזען, מיך פאַרבײַגײן און מיך ניט באַמערקן, און איצט, אז ער האָט מיך יאָ דער־זען, האָט מיר א זאָג געטאָן:

— גוט, וואָס מיר האָבן זיך מיט אײַך געטראָפן...

ס׳האָט זיך געהערט אין עם וואָרט „מיר" נישט ווי ער וואָלט זיך אַלײן געמײנט און פאַרגעשטעלט, נאָר ווי ער וואָלט גערעדט אין נאָמען פון עפּעס א גרופּע, וואָס האָט אים באַפולמעכטיקט דאָס צו זאָגן.

ס׳האָט מיך אי פאַרינטריגירט, אי כ׳האָב אויך א ביסל מוירע געקריגן, דערוועגנדיק זיך אויג אף אויג מיט עפּעס א פרעמדלעכן; דאָך האָב איך זיך באַהערשט, און ווי א פרוי, צו וועמען מ׳שטײט צו אומבאַקאַנט, מיט א געוויסן צוועק — מיט מיר זיך צו באַקאַנען, האָב איך, א צוריקגעהאַלטענע, ניט לײַכט זיך געלאָזט דערפון, ניט אזוי גיך אַנטקעגנגע־גאַנגען דער געגאַרטער באַקאַנטשאַפט, און א פרעג געטאָן:

— און ווער איז עס דער „מיר"?

— שרעקט זיך ניט, פרוילן פלאָרא. מ׳מײנט קײן בײז, און די „מײנערס" זײַנען ניט קײן בערן... מיר קענען אײַך, מ׳ווײסט פון אײַך — און מ׳האַלט אײַך פאַר אזא, וועמען מ׳קאָן פאַרטרויען.

— יאָ, אָבער ווער איז פאַרט דער „מיר"?

— דאָס זײַנען די, וועגן וועמען איר האָט שוין מיסטאָם נישט איין מאָל געהערט, און וואָס מיר גלייבן, אַז איר וואָלט געוואָלט ניט נאָר פון זיי הערן, נאָר אויך מיט זיי זיך באַקאַנען... איר שטויסט זיך שוין עפּשער אָן... איז זײַט אַזוי גוט, און קומט צו גיין הײַנט אין אָוונט אַהין און אַהין, און ס'וועט אײַך פיל מער קלאָר ווערן.

און דאָ האָט מיר דער, מיט וועמען כ'האָב זיך באַגעגנט, אַ געניעם און פּאַרוקטן אַדרעס איבערגעגעבן פון גאָר אַ פּאַרוקטער ווינקל ערגעץ אין אַ ווײַט געטאָ-געסל, וואָס איז, ווי דערנאָך האָט זיך אַרויסגעשטעלט, גאָר ניט לײַכט געווען צו געפינען; און באַלד ווי ער האָט מיר אים איבערגעגעבן, אַזוי האָט ער, קימאַט אָן אַ זײַ-געזונט, זיך אָפּגעקערט, און גלײַך ווי ער וואָלט אַקאָרשט-ערשט אין צוריק מיט אַ רגע מיט מיר ניט צו טאָן געהאַט, זיך ניט אָפּגעשטעלט און ניט געזאָגט, וואָס געזאָגט — האָט ער גענומען שפּאַנען און וואָס אײַליקער אַוועק אין יענער ריכטונג, אין וועלכער ער האָט זיך בייסן באַגעגנען מיט מיר געהאַט געלאָזט. ער האָט זיך אָבער באַלד ווידער געכאַפּט, איז ווידער צו מיר צו, און ווידער אָן אײַליקן זאָג געטאָן:

— אויב מ'וועט אײַך פרעגן, אַז מ'וועט אײַך באַגעגענען אַף דער שוועל: „צו וועמען דאַרפט איר?” — ענטפערט: „צו ראָסין”... כ'גלייב, אַז איר פאַרשטייט און וועט אַלץ פאַרגעדענקען.

ס'האָט אויסגעזען געהיימניספול און קימאַט ווי אין אַ דעטעקטיוו ביכל איז געשריבן, און דאַן האָב איך דערפילט אַ פאַרהוילענע ציִונג צו דעם, וואָס האָט מיך אָפּגעשטעלט און מיר דאָס אַלץ פאַרטרויט, באַשליסנדיק, אַז ס'איז ערנסט און ניט פּוסט געמיינט, ווײַל אַלײן דער מענטש האָט אויסגעזען אַזאַ, וואָס איז ווײַט פון פּוסט, אַזאַ, וואָס לײַכטזין איז ניט זײַן באַשעפטיקונג, און אַזאַ, וואָס מ'מעג זיך אַף אים פאַרלאָזן.

דאָס איז געווען בערל בענדער (דער נאָמען ניט זײַנער — אָן אויסגעטראַכטער), וועלכער האָט זיך געדוכט צו זײַן אַ מענטש פון דער מלאָכע — אַ שוסטער אָדער אַ שמיד, באַ וועמען די סימאָנים פון פאַך בלײַבן שטענדיק שטעקן אונטער דער הויט נאָך דעם אָפּיליע, ווען זיי טוען זיך לאַנג וואַשן... אינדערעמעסן אָבער ניט פון דער מלאָכע — אָן אינטעליגענט: עמעס, אַ דורכשניטלעכער, אָבער דערפאַר אַ טוער פון יענעם קערנדיקן, געבענטשטן סאָרט, וואָס אַלע נײַ-אויפקומענדיקע אידייען נייטיקן זיך אין זיי, ווי מײַן יונגער סייכל זאָגט מיר, ווי אין לופט, מאַכמעס זיי זײַנען דאָס די יעניקע, וועלכע רײַסן זיך אַרײַן אין דער אַלט-אָפּגעשטאַנענערווירקלעכקײַט, אַף צו מאַכן אָרט, וואָס מער אָרט, פאַר דער נײַער, פאַר וועלכער זיי זײַנען גרייט אַלץ אָפּצוגעבן, ביז אַ לעצטן אָטעם-צוג.

„דער געבוירענער” — האָט מען אים גערופן אין זײַן סוויווע, ניט דערזאָגנדיק דאָס וואָרט: „רעוואָלוציאָנער”, מאַכמעס מ'האָט עס אַלײן באַדאַרפט פאַרשטיין. אַ פאַרשוין, וואָס איז אויסגעווען ווו אַ טורמע אין זײַן נאָך פאַרמילכאָמעדיקער פּויליש-אונטערערדישער פּראַקטיק, טוענדיק פאַר דעם, וואָס דאָס דעמאָלטיקע פּוילן — די מעדינע האָט עס נאָר ניט געהאַט גערן און האָט, צוליב נישט לאָזן זיך מערן אַזעלכע טוער, אויסגעהאַלטן אַ גרויסן אַפּאַראַט מיט אַ גוט-אויסגעשטעלטן שטאַט נאָכקוקער, וועלכע האָבן געהאַט די אויפגאַבע אויפצופאַנגען אַזעלכע און זיי „באַזעצן” ווו מ'דאַרף: קלײַן-וויכטיקע און ווייניקער-שעדלעכע — אין קלענערע טורמעס, און מער-וויכטיקע און מער-שעדלעכע — אין אַזעלכע, ווי אַ קאַרטוז-בעריאָזע, ווו אויך ער, דער בערל בענדער, האָט שוין געהאַט די זכיע אַ לאַנגע צײַט אָן אָרט דאָרט פאַרנעמען, ווי אַ בעקאָוועדיקער טוישעוו...

ער האָט שוין איבערגעשפּאַנט ווײַט איבער די דרײַסיק און דאָך האָט זיך אין אים נאָך ניט געפילט יענע מעיושעוודיקײַט, וועלכע קומט מיט יאָרן און מאַכט דעם מענטשן געזעצטער אין גאַנג. ניין, ער — נאָך שטאַרק רירעוודיק-באַוועגלעך ניט נאָר אין זײַן געוויינלעכן, האַסטיקלעכן שפּאַן, נאָר ווען מ'דאַרף, האָט מען געפילט, קאָן אַזאַ איינער נאָך אַ גאָר-גאָר יוגנטלעכן לויף טאָן — דעמאָלט, ווען ס'שטייט פאַר אַ סאַקאָנע און ווען מ'דאַרף זיך, לעמאַשל, פון ניט-געוווּנטשטע הענט אויסדרייען.

אַ קרעפּטיקער אין געביין, מיט שוואַרצע שוואַקס-אויגן, מיט צוויי הויכע שטערן-ווינקלען אין זײַן נאָך שוואַרצהאָריקן קאָפּ, וואָס האַלט זיך פעסט אַף גראָד-פעסטע אַקסל. דערצו מיט פאָלגנדיקע צוויי מײַלעס באַשאַנקען: אײַ צאַרט-צוגעלאָזט און געטרײַ ביז מעסירעסנעפעש צו אייגענע מענטשן פון איין שול און געזינונג מיט אים, און פון דער אַנדערער זײַט — מיט דער ברענענדיקסטער סינע צו די, וואָס שטעלן זיך זיי קעגן: אויבּיפּראַט צו די לעצטע סאָנים, מיט וועלכע ער האָט זיך לעצטנס אָנגעשלאָגן — מיט די פרעמדלענדישע אַכזאָריעסדיקע באַצווינגער.

אַגעוו, דאָס איז דער, וואָס אויך דו, טאַטע, האָסט, דאַכט זיך, געוווּסט פון אים; דער, וואָס, ווי איך בין דערנאָך געוואָרן, איז ווען דו ביסט נאָך געווען באַ דײַן „אמת”

און די מאכט האָט געפּאָדערט פונעם יידן-ראַט, אומבאַדינגט און אָן שום טערעץ, זען אויסגעפינען און אַרויסגעבן אָט דעם פּאַרשוין, וועלכן זי זוכט שוין לאַנג, ווי אַזאַ, וואָס האָט א גאַר נאָענטע שײַכעס מיט די געהיים-אַרודוועןדיקע אופשטענדלער, וועלכע מערן זיך וואָס א מאָל ווײַטער דאָ אין קאַנט, און וואָס לויט די זיכערסטע ידיעות, וואָס זי, די מאַכט, האָט, האַלט ער זיך און באַהאַלט זיך אויס טאַקע דאָ, בא איר, דאָס הייסט בא אונדז, אין געטאָ; דעמאָלט, ווען דו, א געצוווּנגענער, האָסט לעפּאַנעם צוגעזאָגט, און דערבײַ ווי-דער לעפּאַנעם, אפילו געלאָזט אויסרופן א גוטע פּרײַז, א פּרעמיע, קלוימערשט, פאַר דעם, וואָס וועט העלפן אים אופזוכן און אין די געהעריקע הענט איבערגעבן: דעמאָלט אָבער, ניט זײַענדיק דערבײַ, האָסטו מיט דער הילף פון איינציקע גלײַך-געדינטע מיט דיר אָנגעשטעלטע פון יידן-ראַט, קעדיי ניט צו דערלאָזן אים ווײַטער נאָכשפּירן און אים האַלטן אין שטענדי-קער סאַקאָנע, סאַפּקאַלסאַף, אויסגעפינען א מיטל אף אים דערפון צו באַפרײַען דורך דעם, וואָס איר האָט דערלאַנגט זײַן פּאַספּאָרט, אײַנגעשמירט אין בלוט, זאָגנדיק, אַז דאָס האָט מען אים געפונען בייסן באַערדיקן די הארוגים נאָך איינער א געוויסער אַקציע, צווישן וועלכע אויך ער, אָט דער בערל, האָט אַרײַנגעטראָפן — א סימען, הייסט עס, אַז ער איז שוין נישטאָ און אַז מ׳מעג אים שוין פאַרגעסן.

דאָס איז איינס. און נאָך איינס, טאַטע, אַגעוו: ווען איך זאָל ניט זײַן אַזוי יונג, און ער, אָט דער בערל, ניט אין זײַן עלטער; ווען איך, ניט אַזוי ווייניק דערפאַרן אין דעם, און וועלכן ער איז אַזוי גרויס דערפאַרן, בין איך זיך דיר מודה, אַז מעגלעך, אַז ער, דאַכט זיך, וואָלט עפּשער געווען דער, און ווען איך, דײַן טאָכטער, וואָלט זיך צום ערשטן געקאָנט פאַרליבן.

* * *

דעם זעלבן אָפּדערנאַכט, אַז כ׳האָב, נאָך לאַנגן נאָכפרעגן זיך, אָנגעטראָפן אָפן אַדרעס, וואָס איז מיר פון אים אָנגעגעבן געוואָרן, האָב איך זיך אַרײַנגעשטעלט אין א קליין צי-מערל פון איינער א שטאַרק-פאַרוקטער שטוב, אָן אײַנגעטישקעוועטער צווישן ווענט און פאַרקנס, וועלכע האָבן זיך האַרט לעבן די שוואַך-באַלויכטענע, אָוונטיקע פענצטער אָנגעזוזט.

כ׳האָב דערזען פאַר זיך א פּאָר יינגלעך, מיידלעך, אָהער צונויפגערופן, ווײַזט אויס, פון זעלבן, וואָס איך; אָבער שוין מער היימישער און באַקאַנטער צווישן זיך, ווײַל, ווי ס׳זעט אויס, האָבן זיי שוין נישט איין מאָל אָט די ווויינונג באַזוכט. זיי האָבן זיך געהאַלטן כּאַווע-ריש, איינס מיט איינס זיך פאַרשטענדיקט אף האַלבן וואָרט, נישט ריידנדיק קיין סאַך, אי דאָס אויך מער מיט בליקן, ווי מיטן מויל. און דעמאָלט, ווען איך בין אַרײַן, און נאָכדעם ווי גלײַך נאָך מיר האָט זיך אויך דער, וואָס האָט מיך אײַנגעלאַדן, באַוויזן, האָט זיך אָנגעהויבן א שטיקל זיצונג, פון וועלכער כ׳האָב זיך דערוווּסט, אַז איך ווער צוגעצויגן צו איינעם א פינפלינג, וואָס האָט די אופגאַבע ווי אַלע אַזעלכע: פון איין זײַט, וואָס מער צו שעדיקן אין די געביטן, ווו ווער ס׳איז באַשעפטיקט, דעם, וואָס האָט דאָס אָרנטלעך פאַרדינט; און פון דער צווייטער זײַט — אַרויסצוהעלפן מיט וואָס נאָר ס׳איז מעגלעך די, פון וועמען מ׳דער-וואַרט אַליין געהאָלפן ווערן... די לעצטע געמיינט: די אונטערערדיש-אַרודעווענדיקע, מיט וועלכע מ׳האָט אף אַזאַ אָדער אַנדער אויפן שוין אײַנגעשטעלט באַציונגען, און ווי גרויס ס׳איז ניט די געפאַר מיט זיי צו טאָן האָבן און צו זיי צוקומען, האָט זיך דאָך שוין אײַנ-געגעבן זיך צונויפרעדן און מיט זיי א צוזאַמענשליסנדיקן קאָנטאַקט קריגן, וואָס דריקט זיך אויס, ווידער פון איין זײַט, אין דעם, וואָס יענע באַקומען פון געטאָ, וואָס נייטיק, ווי בגאָדים, וועש, געווער אאַ. און פון דער צווייטער זײַט — אין דעם, וואָס פון צײַט צו צײַט דערלאַנגען יענע א האַנט אין געטאָ, קעדיי פונדאַנען וואָס מער קאַמפּספּעיִקע צו זיך אין די וואַלדיש-אופשטענדלערישע טיילן אַריבערצוציִען.

דערבײַ האָט דער, וואָס האָט מיך אײַנגעלאַדן אף דער ווויינונג און אף דער געהיימער זיצונג, מיך פאַרגעשטעלט און פאַרעקאַמענדירט פאַר די איבעריקע, ווי אַן אייגענע, אף וועמען מ׳מעג זיך פאַרלאָזן: ער איז אַרעוו פאַר מיר... און באַלד נאָך דעם ווי מ׳האָט שטיל, געשעפּטלעך און אף גאָר א געקירצטן אויפן די אַלע אף דער זיצונג געשטעלטע און אופ-געשוווּמענע פראַגעס דערליידיקט, האָט ער צום סאָף פון דער זיצונג און פאַרן צעגיין זיך מיך אין א זײַט אָפּגערופן און מיך א פרעג געטאָן:

— האַ? צי האָב איך עפּעס קענגן זײַן אײַנלאַדונג?

— ניין, — האָב איך געזאָגט ניט נאָר לעפּאַנעם, נאָר טאַקע פון אינערלעכער איבער-צײַגונג, אַז דאָס, וואָס ווערט דאָ געטאָן און פירגענומען, איז דאָס, וואָס מ׳דאַרף — דאָס סאַמע ריכטיקע, וואָס אין אונדזער, דער אַזוי אויסגאַנגלאָזער, לאַגע איז מעגלעך.

— און צי ווייס איך אויך, מיט וואָס די אַרבעט איז פאַרבונדן, דאָס הייסט די סאַקאַנע, וואָס שטעקט, האַ? — האָט ער ווידער געפרעגט.

— כ'ווייס, און כ'בין אויף אַלץ גרייט, — האָב איך געענטפערט, פילנדיק שוין דעם אָטעם פון יענער גליקלעכער פרײַ, אַף וויפל איך האָב זיך געקאָנט פאָרשטעלן! און האָבן פון איר אַן אנונג.

דעמלט האָט מיך דער, וואָס האָט מיך אײַנגעלאַדן, גענומען גענוי אויספרעגן, ווו איך אַרבעט, בײַ וועמען, צווישן וועמען, און צי וואָלט איך געקאָנט עפּעס בײַטראָגן צו דעם, וואָס, איך האָב געהערט, ווערט דאָ פון אַלעמען געפאָדערט.

— כ'ווייס ניט, — האָב איך געזאָגט, — כ'וועל זען, כ'וועל באַטראַכטן.

— אויך מיר וועלן זען, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, אַנדײַטנדיק מיר דערויף, אַז אויב מײַן אַרבעט-פּלאַץ איז ניט גענוג גינסטיק אַף עפּעס דאָרט דורכצופירן און צו מאַכן, וועט מען עפּשער אַפּזוכן פאַר מיר אַן אַנדער פּלאַץ, ווו ס'וועלן זײַן בעסערע מעגלעכקײַטן.

מ'איז זיך צעגאַן. איך בין אַוועק אַ שטיק באַפליגלטע און באַגליקטע פון דעם, צו וואָס איך בין צוגעשטאַנען און וואָס דורך דעם האָב דערזען ווי אַן ערשטן דורכלויכט-שפּאַלט אַף צו קאָנען קומען צו יענער טעטיקײַט, צו וועלכער איך האָב געגאַרט און זיך געצויגן ביז אַהער, ניט ווויסנדיק, ווי זי אָנצורופן.

און פון דעמלט אָן, פון יענעם אָפּדערנאַכט, פון זינט דער געהיימער זיצונג מיט די נײַ מיר צוגעקומענע כאַווײרים, כאַווערטעס פון איין גורל, האָט בײַ מיר, בײַ דײַן טאָכטער, טײַערער טאַטע, גענומען אַרבעטן די זעל און דער מויעך אין אַ באַשטימטער ריכטונג — אין דער ריכטונג פון דערפינדערישקײַט און פון וועלן זיך אויסצייכענען אין אַ געביט, אַף וועלכן איך וואָלט ביז אַהער קיין הענט און פיס ניט געפונען, ניט האָבנדיק פון אים קיין מינדסטע האַסאָגע.

* * *

אין איייניקע טעג אַרום האָבן מײַנע כאַווערטעס פון דער אַרבעטס-קאָלאָנע, צו וועלכער אויך איך האָב געקערט, מיך געקאָנט זען טאָן אַ זאַך, וואָס האָט קלאָר ניט געשטימט מיט מײַן פריערדיקער אויפירונג און מיט מײַן בייזער פריידיקערײַ און מוסער-זאָגן, בייס איך האָב, מיט אַ שטיקל צײַט צוריק, מיט אַזאַ אימפּעט אָפּגעשלײַדערט די האַנט פונעם אופזעער, נאָך דעם ווי איך האָב באַקומען פון אים געשלאָגן. זיי, די כאַווערטעס, האָבן אין איינעם אַ טאָג געקאָנט זען, ווי פאַרקערט גאָר, ווי עפּעס האָב איך זיך מער גענומען צופיל שאַרן צו יענעם, ווי גלײַך איך וואָלט געוואָלט כניפעדיק און אַף אַ ביליקן אויפן בײַ אים כיין געפינען און זיך דערדינען צו עפּעס אומפאַרדינטן...

זיי האָבן געקאָנט זען, ווי בעשאַס איך האָב אים דעמלט באַמערקט אַ גוט-געשטימטן און אינעם הויכן גראַדוס, נאָך דעם ווי ער האָט „זײַנעם ביר" אַרײַנגעזויפּט און ווען איך בין אים צופעליק ווידער אין אויג געפאַלן און ער האָט מיך אויסגעוויילט פאַר דער, וואָס זאָל אים איצט, אינעם בעגילופנדיקן שטאַנד, געפעלן, און ער האָט גענומען קוקן אַף זײַנע און מײַנע „בײַנע" פרעך און שיקער-גאַוועדיק, ווי זײַן האַנאָווערישער שטייגער, — אַזוי האָב איך מיט אים, אים אַפּפירנדיק אין אַ זײַט, ווי מ'טוט מיט אַ גאַר נאָענטן, גענומען פאַרפירן אַ שטיקל שורעס-בורעס, וואָס דאָס האָט געוויס געקאָנט אַרויסרופן כשאַד און אַ גאָר ניט קיין גוט געפיל צו מיר.

ס'איז טאַקע אַזוי געווען: כאַווערטעס האָבן געקוקט און זיך געכידעשט, און כ'מעג שווערן, אַז צו מײַן אויער האָבן דעמלט דערגרייכט נעקאָמעדיקע און אַפילע שאָדנפריידיקע, ווערטער פון אייניקע, באַגלייט מיט בליקן אין מײַן גאָר ניט פײַנער זײַט אַרײַן, ווו־הין איך האָב זיך מיטן אופזעער אָפּגעזונדערט, זאָגנדיק: „זעט, זי, די אַזוי שטרענגע, אויסגעהאַלטענע, וואָס איז אַקאָרשט-ערשט בלויז פאַר אַ פּאָר פשאָרעדיקע ווערטער אַף אונדז אָנגעפאַלן, איז איצט אַריבער צו מער ווי ווערטער — צו פשאָרעדיקע מײַסים, וואָס זײַנען איר, אַפּאָנעם, צום טאַם געקומען"...

— קוקט זי נאָר אָן, — האָבן געזאָגט אַנדערע, — די, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר טײַערוניע און אין דער מײַלע פון אומבאַפלעקטן ווײַסן זײַדנס, כאַפּט, דאַכט זיך, באַלד אַ פלעק אַפן ווײַסן.

זיי האָבן רעכט געהאַט, די כאַווערטעס, מיר דאָס אַלץ אויסצוּוואַרפן, געדענקענדיק, ווי איך האָב פון זיי געמאָנט שטרענגע ווירדע אין דער האַלטונג צו די באַצווינגער, און אַז די, וואָס האַלטן די בײַטש איבער אונדז, זאָל ניט דערלויבט ווערן אונדז מיט אַ האַנט אָנרירן, נאָר אַפילע זייער בליק זאָל אַף אונדז ניט פאַלן.

ניט ווייסנדיק, וואָס מיט מיר קומט פאָר, האָבן זיי רעכט געהאַט צו פאַרורטיילן מײַן איצטיקע אופירונג. אינדערעמעסן אָבער איז דאָ עפּעס אַנדערש געווען געמיינט. אינדערע-מעסן איז דאָס אַלץ, פֿון מײַן זײַט, געווען בלויז אַן אָנשטעל אַף צו קאָנען שליסן כּאַוויר-שאַפט מיט דעם, וואָס איז מיר געווען נישט ווייניקער דערווידער, ווי זיי, נישט ווייניקער איצט, ווי אויך פריִער, אָבער נאָר קעדיי אַרויסצוציִען נוצן פאַר דעם הייליקסטן צוועק, וואָס איך האָב פאַר זיך געשטעלט.

די נײַ מיר צוגעקומענע כּאַוויירים האָבן זיך דאַך אין אַלץ געניטיקט און באַזונדערס אין געווער, וואָס איך האָב געטראַכט אַרויסצוקריגן באַם אופזוער, אין וואָס פאַר אַ צאָל ס'וועט זיך נאָר לאָזן.

ס'איז עפּשער געווען קינדעריש-רייזיקאַליש, אָבער ס'האָט מיר געדאַכט, אַז ס'איז מעג-לעך, און איך האָב זיך אויך ניט געגאַרט... כ'האָב גאַרניט, גאַרניט אײַנשטעלנדיק, אויסער נאָר אַ קליין ביסל נישטיק-אויסערלעכע נאָכגיביקײַט, אַרויסגעבראַכט אין דער פאָרם פֿון אַ גוט-צוגעלאָזט, אָפּנאַרעריש וואָרט, סאָפּקאָלסאָף זיך דערשלאָגן צו קאָנען אַרויסנאַרן, וואָס געדאַרפט, און דאַפקע ניט אין קיין קליינער צאָל, און דאַפקע מער, ווי מ'וואָלט זיך געקאָנט ריכטן.

כ'האָב איין מאָל, צוויי מאָל די גוטברודערשע, גוטשוועסטערשע שפּיל מיט אים גע-שפּילט — מיר צום ווידערווילן און אים — צום קרומפּיסיקן פאַרגעניגן, — און דערבײַ האָב איך, זעענדיק, ווי ער צעגייט אין מײַן אָנוועזנהײַט, שוין אין איינעם אַ נאָענטן טאָג, האָבנ-דיק די זיכערקײַט אין דערפאָלג, געקראָגן די דרייסט אים אַ זאָג טאָן:

— הער קווינקענקוואַס, צי קאָן איך זיך דערלויבן זיך ווענדן צו אײַנען מיט אײַנער אַ ביטע? — און דערבײַ האָב איך זיך אַ דריי געטאָן מיט אַ געמאַכט-כיינדלענדיקער מינע, זיס אַלאַ קאַנדלצוקער...

— אַך, ווי יאָך, ווי האָבען זי דאָס געזאַגט? „הער קווינקענקוואַס?" — האָט ער זיך צעקײַכט דערפֿון, וואָס איך האָב, קלאָמפּערשט אַלפּי טאָעס, אַרויסגערעדט זײַן פאַמיליע-נאָמען ניט ריכטיק, ווײַל אינדערעמעסן רופט מען אים גאָר ניט קווינקענקוואַס, נאָר „הער פּוטערפּאַס". — פֿיר זי, פאַר מיר, הייסט עס, איז ער גרייט אין פֿײַער און אין וואַסער, — האָט ער זיך מילד-צעגאַרטלט און צעלייגט. — „פאַר פרוילן" פלאָראַ איז ער אַפילע גרייט „איין קליין ביסכען" אין זײַנער „פּראַו", וואָס אין האַנאָווער, צו פאַרגעסן, — האָט ער גע-זאָגט און האָט די אײַנציקע לוין און באַגיטיקונג צוריק פֿון מיר באַקומען — בלויז די דער-לויבעניש לעמעליש-פאַרליבט אַף מיר צו קוקן...

— יאָ, אָבער אין וואָס באַשטייט מײַן ביטע? — האָט ער זיך געכאַפּט צו פרעגן.

— אָט אין וואָס: אַזויווי אים איז באַוווּסט, אַז אַלע „יודען", אַזוי מאַנצבלען, אַזוי פרויען, זײַנען פאַרורטיילט פֿון די זײַניקע אַף „הערונטערגעמעצעלט" צו ווערן, דאָס הייסט אַף אומקומען, איז וואָלט זי, פלאָראַ, געוואָלט, אַז ווען ס'וועט קומען איר רײַ, זאָל זי זיך דאָס קאָנען מאַכן אַליין און זיך פאַרשפּאָרן שטעלן אונטער דער קויל פֿון די, וואָס מאַכן דאָס אין הורט און אונטער קוילע-קוילעס פֿון גרויסע מאַסן, וואָס ווערן צוזאַמענגעטריבן אין דער צײַט פֿון אַן „אַקציע".

דעם הער קווינקענקוואַס האָט זיך עס געלייגט אַפן סייכל... ער האָט זיך אַ ווײַלע נאָר ווי אויסגעניכטערט און גענומען שטיל צעקײַען, וואָס מ'האָט אים אָקאָרשט-ערשט דאָ פאָרגעשלאָגן, און אײַנשטימענדיק און אָפּגעבנדיק מיר דעם געווער, ווי אײַדער באַרדאַס, וואָס רעדט צו דער זאַך, האָט ער נאָר אַ פרעג געטאָן:

— איז אין וואָס זשע, אייגנטלעך, באַשטייט פּאָרט מײַן באַקאָשע? אויב איך וויל דאָס מאַכן אַליין — איז ווער לאָזט מיך ניט, כאָטש ווי ער ווייסט, מאַכן דאָס די „דויטשע זאָל-דאַטן" אויך גאָר ניט שלעכט...

— פאַרשטייט ער, דער הער אופזוער, דערצו מוז מען אָבער האָבן מיט וואָס דאָס צו מאַכן — שיס-געווער... און זאָל ער ניט מיינען, אַז זי מיינט דאָס צו קריגן באַ אים, גאָט באַוואָר, אומזיסט. זי איז גרייט צו צאָלן מיט וואָס נאָר זי פאַרמאָגט און וואָס נאָר אין איר רעשוס געפינט זיך: מיט די בעסטע קליידער, וואָס זײַנען איר געבליבן, נאָך דעם ווי מ'מאַכט דעם אירקן אוילעם באַנומען, און וואָס איר האָט זיך אײַנגעגעבן אויסצובאַהאַלטן; אויך מיט אַ קליין ביסל צירונג, וואָס האָט זיך באַ איר פאַרהיט, און וואָס וועט געוויס, ווי אַ פײַן געשאַנק, גערן אופגענומען ווערן פֿון דער „פּראַו" פֿונעם הער אופזוער, וואָס אין האַנאָווער.

— זאָ, — האָט דער שיקערלעכער אופזוער, דערשמעקנדיק געשעפט, גענומען וועגן און מעסטן אין קאָפּ איינס — די לוינבאַרקײַט פֿונעם פאַרשלאָג מיט דעם קליין שטיקל גע-

פאַר, וואָס קאָן זיך דאָ פאַר אים באַקומען באַם אַרויסקריגן פאַרבאַהאַלטענערהייט, פאַרשטייט זיך, דאָס, וואָס ס׳פּאַדערט זיך פון אים.

— זאָ, — האָט ער געזאָגט, ניט דערזאָגנדיק, און מ׳האָט געזען, ווי דער פּאַרשלאָג האָט אים פאַרשמעקט און אַז זײַן זשעדנע-באַגערנדיק פּישל איז שוין אַף האַלב פון ווערעמל, וואָס אַף מײַן ווענטקע, פאַרקישעפט-צוגעצויגן, אַף ניט אָפּצוטרעטן און אַף זיך, סאָפּקאָלסאָף, לאָזן פאַנגען.

און ס׳איז אַזוי געווען. אין איינעם אַ נאָענטן טאָג האָט דער הער אופזיער, שוין דאַפּקע ניט אין שיקער-שטאַנד, נאָר אַ ניכטערער, אויסגעמאַנקירט אַ צײַט, ער זאָל מיך אָפּרופן אין אַ זײַט, מיט אַ ווונק, אַז אַנדערע זאָלן אונדז ניט באַמערקן, און פאַרשטעלטערהייט האָט ער מיר אָפּגעשטעקט אַ קליין שטיקל געווער — אַ רעוואָלווערל פון אַ געוויסער סיסטעם, באַקומענדיק דערפאַר, פון מײַן זײַט, צוריק באַצאָלט מיט אַ פרויישן כייפּעץ, וואָס ער איז לאַנג מיט אים פאַרשטעקט געבליבן און מיט טענדלערישער מעוויבעס אים אין די הענט געדרייט און מיט די אויגן געשאַצט, וועלנדיק וויסן, אַף וויפל ער וועט דאָרט, אין זײַן האַנאָווער, „באַ זיינער פראַו״ אויסנעמען.

ער האָט זיך איבערצײַגט, אַז ער האָט זיך, דאַכט זיך, ניט גענאַרט. ער איז אַרויס צופרידן. און דערפאַר איז פון דעמלט אָן, פונעם ערשטן מאָל מיסכערן מיט אים, דער שליסל צו זײַן אופזעערישער געשלאָסנקײַט באַ מיר אין דער האַנט געווען אַף צו קאָנען צוטרעטן צו אים מיט מער דרייסט, ווען מ׳דאַרף: איין מאָל, נאָך אַ מאָל און אַ סאַך מאָל, אָן מוירע, אַז ער זאָל מיך אָפּשלײַדערן אָדער גאָר אַרויסגעבן.

ער האָט זיך דאָך דאָ, אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין, אין פאַרבאָטענעם האַנדל אַרײַנגעלאָזט, וואָס ווען מ׳דערוויסט זיך, וואָלטן די פּלאָגן פאַר אים נישט ווייניקער געפערלעך געווען, ווי פאַר מיר, וואָס איך האָב אים אָנגערעדט און אין שוטפעס אַרײַנגעצויגן.

אַ צווייט מאָל האָב איך אים געזאָגט, אַז דאָס זעלבע, וואָס איך, באַגערט אויך מײַן שוועסטער זיך צו דערוווערבן, און ווידער, באַטירלעך, ניט אומזיסט, נאָר אויב ער וויל, איז פאַר געלט, און אויב ניט, איז פאַר פרויען-זאַכן.

אוי גאָט, אוי טאַטע טײַערער! ווי שווער אָט די שפּיל איז מיר ניט אָנגעקומען, ווי אומריין כ׳האָב זיך ניט געפילט באַם מיסכערן מיט אים באַם בײַטן זיך און עפּעס פון זײַן האַנט אין מײַנער אַרײַנבאַקומען, האָט זיך דאָס אַלץ אָבער דאָך אויסגעקויפט מיט דער שײַנענדיקער צופרידנקײַט, וואָס פלעגט זיך באַווײַזן אין די אויגן פון די מײַניקע אײנעם פינפלניג, ווען איך פלעג, נאָך גרויסער סאַקאָנע באַם דאָס דורכטראָגן דורך דעם באַוואַכטן געטאָ-טויער, ווו מ׳פלעגט אַלעמען באַזוכן, זיך דאָס מיט דעם אַרויסקריגן, און ווען אין אַלעמענס אויגן, קוקנדיק אַף דעם, האָט אופגעשײַנט אַ שטיק יאָמטעוו... ס׳איז דאָך ניט קיין קלייניקײַט: געווער, וואָס אָן דעם איז אופשטענדלער קיין אופשטענדלער — נול, אָן הענט און צו גאָרנישט ניט גערעכנט...

ס׳האָט זיך מיר אײַנגעגעבן אַרויסבאַקומען, וויפל נאָר ס׳האָט זיך געלאָזט, און דערצו נאָך קימאַט אָן ריזיקע אופגעדעקט אָדער אויסגעגעבן צו ווערן, מאַכמעס דאָס שוטפעס פונעם הער קווינקענקוואַס האָט געדינט פאַר אַ גאַראַנטיע, אַז, אַלנפאַלס, די ערשטע העלפט אָפּעראַציע, ביז צום אָנקומען צום געטאָ-טויער, וועט דורכגיין בעשאָלעם.

סאָפּקאָלסאָף אָבער האָט זיך אָט דער קוואַל אויסגעשעפּט. צי מ׳האָט דעם הער אופזעער איבער אַנדערע סיבעס פון זײַן אַמט אָפּגערופן, צי ער האָט, עפּשער טאַקע, אויך אַ שטיקל כשאַד צו זיך דערוועקט — ווייס איך ניט. דעמלט האָבן די אונדזעריקע געפונען פאַר נייטיק אויך מיך פון מײַן אַרבעט-פּלאַץ אַוועקנעמען און מיך אײַנאָרדענען אַף אַן אַנדערן, ווו אויך דאָרט האָב איך געטאָן, וואָס אין די נײַע באַדינגונגען איז מעגלעך געווען, אַף ווידער אַרויסצוהעלפן אַנדערע, קעדיי דערנאָך אַליין געהאָלפן ווערן.

ווײַל ווירקלעך: אייניקע זײַנען שוין מיט דער הילף פון די אין די וועלדער זיך געפינענדיקע כאַווירים דורך די צוימען פון געטאָ אַריבערגעצויגן געוואָרן, און אַנדערע שטייען דערווײַל נאָך אין דער ריי, מע זאָל מיט זיי אויך טאָן דאָס זעלבע, אין פאַל, ווען אַ גוטער, גינסטיקער מאָמענט דערצו וועט קומען.

און אויך איך בין אין דער ריי. כ׳געפין זיך דאָך אונטער דעם פּרווו און אופזיכט פונעם אָנפירער פון אונדזער פינפלינג, וואָס האַלט מיך, ווי איך באַמערק, אין אויג, און וואָס פון צײַט צו צײַט טו איך פון די קורץ-געהיימע באַגעגענישן און פון זײַן באַציִונג צו מיר אַרויספילן, אַז איך בין באַ אים פאַרעכנט פאַר נישט פון די ערגסטע, און אַז זײַן צוטרוי צו מיר, ווי צו אַ צוגעצויגענער, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר באַרעכטיקט... איז אַלזאָ, בין אויך איך אין דער ריי.

* * *

טאָג... כוידעש... יאָר...

טײַערער טאַטע. און איצט געזעגן איך זיך, דאַכט זיך, מיט דיר. ס'קומט די אַנטשליסנדיקע שאַ, ווען כ'דאַרף אַריבער פֿון באַוווּסטן אין אומבאַוווּסטן — אין וואַלד, ווו איך וועל האָבן זיך צו באַגעגענען מיט אַזאַ סאָרט דערפֿאַרונג, וואָס אין קיין ביכל איז ניט פֿאַרשריבן און איז קיין קעגנשטאַנד אין קיין שול צום שטודירן. און אַ שאָד, אַ שאָד... בענטש מיך, טאַטע.

אָט וואָס ס'איז לעצטנס פֿאָרגעקומען. ס'האָט מיך אײנמאָל אין אַן אָוונט, קומענדיק צום פּינפֿלינג אין אונדזער ווײַט-פֿאַרוקטער און געהיים-געהאַלטענער וווינונג, בערל בענדער אין אַ זײַט אָפּגערופֿן און מיר אַ זאָג געטאָן, אַז ווען אַלע וועלן זיך צעגיין, זאָל איך מיט אים אַף אַ קלײנער ווײַלע אַליין פֿאַרבלײַבן: ער האָט מיט מיר עפּעס איבערצורײדן. כ'האָב, בלײַבנדיק מיט אים אַליין, זיך דערוווּסט, אַז מ'האָט באַשלאָסן בעקאָרעוו אַרויסשיקן מיך מיט אַ גרופּע געטאָ-כאַווײרים, אָבער ניט סתּם, ניט געוויינלעך, נאָר מיט אַ מיסיע, וואָס ווערט מיר מיטגעגעבן אין וועג.

— אַן ערנסטע, זײער אַן ערנסטע, — האָט בערל בענדער, מיר דאָס פֿאַרטרויענדיק, צוגעגעבן.

די זאַך איז באַשטאַנען אָט אין וואָס.

אין געהײמען צענטער פֿון די אונטערערדישע אָנפֿירנדיקע געטאָ-טוער און פֿון אויסער דער געטאָ האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אַ פֿאַררעטער. ער האָט זיך צוערשט גרויס צוטרויער דערוואָרבן, שאַפֿנדיק, לעפּאַנעם, וווּנדער אין די געהײמע אומשטענדן, דורכשלײַכנדיק זיך אונטער דער נאָז פֿון אַלערליי נאַכשפּירער מיט אַלערליי פֿאַרבאָטענעם, אָן שום שאָדן פֿאַר דער זאַך. ער האָט אַלץ, וואָס ס'האָט זיך געפֿאָדערט, דורכגעפֿירט ווי ס'געהער, פֿאַרבלענדנדיק די אויגן פֿון די אײגענע, קעדיי די פֿאַרגלייבטקײַט אין אים זאָל שטײַגן אָן אויפֿהער און קעדיי ס'זאָל אויסגעשלאָסן זײַן, אַז אַ וואָסער-ניט-איז שאָטן פֿון אַ וואָסער-ניט-איז פֿאַרדאַכט זאָל ווען-ניט-איז אַף אים פֿאַלן. ער האָט צוערשט, צוליב פֿאַררעטערישע צוועקן, טאַקע בעעמעס גרויס נוצן געבראַכט, מיט אײַנשטעלן דרוקערײַען, מיט אײַנאָרדענען ראַדיאָפּונקטן און מיט איבערפֿעקלען אַלץ, וואָס נייטיק, פֿאַר די, וואָס קוקן אומגעדולדיק אַרויס אַף דעם, ביז אַפֿילע איבערפֿעקלען, מיט גרויס-קלוימערשטער געניטקײַט און באַהאָוונט זײַן אין דער זאַך פֿון וועג-אָנווײַזערײַ, גאַנצע גרופּעס געטאָ-אײַנוווינער, יוגנטלעכע, ווי אויך עלטערע, וועמען מ'האָט באַשטימט אַריבערפֿירן.

ס'איז קײנעם אַפֿן זין ניט געקומען, אַפֿילע ווען אַ דורכפֿאַל פֿלעגט זיך מאַכן, אים, דעם אַזוי געטרײַען, דעם אַזוי אײַנשטעלער, אונטערן שפּאַקטיוו צו נעמען, אים בוידעק זײַן, וועלנדיק אין אים אויסגעפֿינען פֿאַראַט-באַצילן. אַזוי אַלע, אויסער אײנעם, בערל בענדער, וואָס פֿון דער ערשטער מינוט אָן, ווען ער האָט זיך מיט אים אַף אַ צוזאַמענקום מיט כאַווײרים געטראָפֿן, האָט ער באַלד אַף אים אַן אומכיין געוואָרפֿן, ניט ווייסנדיק פֿאַרוואָס, אָדער בעסער געזאָגט: יאָ ווייסנדיק. אַן אויסערגעוויינלעכער, טיף-אײַנגעשאַפּטלעכער כוש, וואָס קומט פֿון פּראַקטיק פֿון אַ לאַנגיעריקער, אונטערערדישער שול דורכמאַכן, האָט אים גלײַך אונטערגעזאָגט, אַז מ'האָט דאָ צו טאָן מיט אַ פֿויגל מיט פֿרעמד-פֿאַרפּוצטע פֿעדערן.

דער פֿאַרשוין — נאָך אַ יונגער, פֿאַר די דרײַסיק, אָבער עפּעס שוין איבעריק געפּאַקט אין קאַרק, אין דער ברוסט, אויך העכער דער ברוסט מיט איבעריק פֿלײש און פֿעטס; מיט אַן אומקלאָרן, שמאַלציק צעשוווּמענעם בליק; אויך מיט אַ צו גראָבער אונטערשטער צעשפּאָלטענער ליפּ, מיט אַ ווײַס-דאָרשטיק שרונטעלע אינדערמיט; האַלט זיך פֿרײַ, אויפֿגעבונדן, און דאָך מאַכט ער דעם אײַנדרוק, ווי ער וואָלט ערגעץ פֿאַרשפּיליעט געווען אַף הינטן, אַפֿן רוקן — פֿאַרקערט ווי אַלע.

אַז בערל בענדער האָט אָט דעם פֿויגל דערזען, האָט ער גלײַך דערפֿילט, אַז יענער האָט פֿאַרדינט, אַז נישט געקוקט אַף אַלע זײַנע פֿאַרדינסטן, זאָל מען אַף אים פֿון צײַט צו צײַט דאַפּקע יאָ דעם שפּאַקטיוו אָנשטעלן און יאָ בוידעק זײַן מיט פֿאַרדאַכט אַף באַצילן.

ער האָט גלײַך דעמלט וועגן דעם מיט זײַנע נאָענט-באַגלייבטע כאַווײרים זיך געפּרוווט טײלן; אָבער אַזוי־ווי אַלע זײַנען אומגעהײער באַגײַסטערט געווען פֿון יענעמס אויפֿטוען באַם לײזן די שווערסטע אויפֿגאַבן, וועלכע מ'האָט אים פֿאַרגעבן, אַזוי אַז פֿון וועגן צווייפֿלען אין אים האָט באַ קײנעם פֿון די כאַווײרים קיין שום רייד ניט געקאָנט זײַן, — האָט דערום אָט דער בערל באַקומען פֿון אַלעמען אַזאַ סאָרט אָפּשניט, אַז ס'האָט געהאַלטן דערבײַ, אַז מ'זאָל פֿאַרקערט, אים, בערלען אַליין, האָבן כוישעד געווען, אַז ער מײנט אַ געטרײַ-נוצלעכן טוער באַזײַטיקן, צוליב, כאָלילע, גאָר אײגענער אומגעטרײַשאַפֿט...

אז ס'איז שפּעטער געשען אַ דורכפֿאַל, האָט מען אַלע דורכגעקאָנטראָלירט: עפּשער... אויסער אים, וואָס מ'האָט אַפֿילו אין זײַן זײַט ניט געקוקט, פֿון גרויס בעטיכעס, אַז ס'איז ניטאָ וואָס צו קוקן... אַזוי אויך דאָס צווייטע מאָל. די לעצטע צײַט אָבער, ווען ס'איז געשען אַזאַ מורהדיקער בראַך אינעם גאַנצן אונטערערדישן בנין, אַז ס'האָט אַלעמען אופֿגעשיטערט, זעענדיק, אַז אָט־אָט וועט מען זיך שוין צו די לעצטע דערקלײַבן, האָט מען זיך ערשט דערמאָנט געכאַפּט אַ צווייפֿל טאָן אויך אין יענעם, און ווען מ'האָט אויסגעפֿונען צוערשט בלויז אײַנעם אַ קלײנעם דעמאַסקירנדיקן פֿאָדעם, האָט מען זיך באַלד צו דעם גאַנצן פֿאַרעטערישן קנויל דערביוועט: מ'איז אָנגעפֿאַלן אַף אַ שפּור, וואָס דורך אים איז מען דערגאַן, אַז אַלץ, וואָס איז פֿריִער געהאַט געשען, שטאַמט פֿון אים: זײַן האַנט, זײַן מעלאָכע... מ'האָט אָבער, פֿון פֿאָרזיכט־וועגן, זיך ניט ווי סנדיק געמאַכט, קעדיי יענער זאָל, דערזעענדיק, אַז סיבוי וועט ער שוין מער נישט קאָנען זײַן צווייפֿנעמדיקע שפּיל פֿאָרזעצן, ניט וועלן מיטאַמאָל, מיט איין מאַך מיט דער האַנט אַלץ מיטאַנאַנדער אויסגעבן און די גאַנצע אונטערערד ביז ענד ליקווידירן. מ'האָט דערום באַשלאָסן אים באַזײַטיקן... נאָר קעדיי ער זאָל זיך וועגן באַשלוס ניט אָנשטויסן, האָט מען זיך געמאַכט ניט ווי סנדיק פֿון גאָרניט און די קלוימערשטע כאַווערישע באַציִונגען מיט אים אָנגעהאַלטן אויך אַף ווײַטער. און פֿאַרקערט, מ'האָט אים צולעצט נאָך מיט אַ זייער פֿאַראַנטוואָרטלעכער שליכעס באַפֿולמעכטיקט, וואָס מ'איז זיכער געווען, אַז ער וועט זי אָננעמען, זײַענדיק פֿאַרינטערעסירט צו בלײַבן דאָס, וואָס ביז אַהער, דאָס הייסט פֿאַרעטעריש־פֿאַרמאַסקירט, קעדיי צו האָבן די מעגלעכקײַט אויך ווײַטער טאָן און שאַפֿן לעטוויוועס די, וועמען ער האָט פֿאַר גוט געצאָלטס געדינט.

מ'האָט באַשלאָסן, ווידער מיט זײַן הילף און אונטער זײַן אָנפֿירונג, אַריבערפּעקלען אַ גרופּע כאַווײרים אַהין, וווּהין בײַטיק, אַזוי ווי מ'האָט דאָס טאַקע שוין ניט איין מאָל דורך אים דורכגעפֿירט, און ניט אָן דערפֿאָלג.

מ'האָט דאָ געוואָלט דערגרייכן צוויי צילן מיטאַמאָל: אי דורכצופֿירן און אַרויסברענגען פֿון סאַקאָנע די כאַווײרים, וועלכע האָבן מער לענגער שוין דאָ ניט געטאָרט פֿאַרבלײַבן, און אין דער זעלבער צײַט זאָל מען דעם פֿאַרשוין אַליין אונטערפֿירן און אים איבערײַנטרעפֿן אין די הענט פֿון די, וועלכע וועלן זיך שוין מיט אים באַגיין ווי געהעריק — אים אומשעדלעך מאַכן...

ס'איז געווען אַ שווער שטיקל אַרבעט, אַ קימאַט ניט געוועזענע ביז אַהער אין דער פּראַקטיק אַפֿילו פֿון זייער געניטע און אַפֿן שאַרף פֿון מעסער גײַענדיקע אונטערערדלער: אויסנוצן אַף אַזאַ אַרט אויפֿן אַ פֿאַרעטער — אים צום אומקום און זיך לעטוויוועס...

ס'איז געווען, ווי געזאָגט, נאָך אַ שווערן בראַך, ווען די גאַנצע גרופּע זייער טיכטיקע און אויסגעשפּילטע קינסטלער פֿונעם אונטערערדישן פֿאַך זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט פֿון די, וועלכע האָבן שוין לאַנג אַף זיי אַרויסגעקוקט זיך צו קאָנען די הערצער קילן און זיי אַרויסשטעלן אַלס מוסטער, צום באַווײַז, וואָס פֿאַר אַ סאָף ס'וועלן האָבן אַזעלנע, וואָס די קעפּ זײַנען באַ זיי ביליק.

צווישן זיי, צווישן מאַנצבילען און פֿרויען — אויך איינע, גאָר אַ יונגע, מיט שטאַרק צעעפֿנטע, טאָמיד זיך וווּנדערנדיקע אויגן, אונטער אַ הויכלעך־ווײַסן, אומשולדיקן שטערן, מיט טאָמיד פֿאַרלייגטע בייגל־צעפּ אַרום קאָפּ, ווי אַ קרייַנדל, וואָס אויך איך האָב זי געקענט און האָב זיך קיינמאָל ניט געקאָנט פֿאָרשטעלן, אַז אַזאַ איינע קאָן האָבן אַ וואָסערניט־איז שײַכעס צו דעם, וואָס זי האָט בעעמעס יאָ געהאַט — און נאָך אַ מין האָבן.

אויסזעענדיק אומשולדיק־קינדעריש, איז זי געווען מײַסטער אַף צו קאָנען אַרויסטראָגן דורך די סאַמע אויסגעהיטסטע ערטער דאָס געדאַרפֿטע, מאַכנדיק דעם אײַנדרוק אַף די, וואָס האָבן, לויט זייער אַמט, ניט געטאָרט דורכלאָזן קיינעם אָן ניט גוט צו באַקוקן, אָן רעכט צו באַטאַפּן, — אַז זיי האָבן פֿאַר זיך מישטיינסגעזאָגט אַ טאַם, אַף וועמען ס'לוינט זיך ניט צו קוקן, ווײַל וואָס פֿאַרשטייט אַזוינס אין קאָנען פֿעלשן.

און זי האָט שוין דאַפֿקע יאָ געוווּסט. דערפֿאַר האָט מען זיך אין איר באַזונדערס נײַקעם געווען — סײַ די, וואָס האָבן מיט איר צו טאָן געהאַט בײַס די אויספֿרעגן און בײַס דער דערבײַיִקער פּײַניקונג, בײַס וועלכע זי האָט ווידער געוואָלט שפּילן די ראָל פֿון אַ טאַם; און סײַ די הענקער דערנאָך, וואָס האָבן אָדער אַף אײגענער אַכרײַעס זיך צו דער מעשונעדיקער עקזעקוציע דערטראַכט, צי אָדער זייער אײגענער קאָפּ אַליין האָט דערויף ניט געטראָגן, און זיי האָבן באַקומען אַ באַפֿעל, וויִאַזוי זייער זאַך אויסצופֿירן, פֿון אַ העכערן און אַ מער ראַפֿינירטן און אויסגעקליגלטן הענקער...

מ'האָט זי אופֿגעהאַנגען האַלב באַקעט, אָן דעם אייבערשטן טייל קליידער, און צו אירע צוויי לאַנגע צעפּ, וואָס מ'האָט זיי איר אַף איבער דער ברוסט אַריבערגעוואָרפֿן, האָט מען אָנגעבונדן צוויי טויטע שטשורעס צום פֿוץ־פֿאַראַד און שענדונג... אָט אַקוראַט, ווי איך

האָב אַמאָל געלייענט אין אונדזער געשיכטע, וויאַזוי ס'האָבן זיך אויפגעפירט די אורעלטערן פון די איצטיקע הענקער אין צוועלפטן, דרײַצנטן יאָרהונדערט, אין איינער אַ באַוווסטער שטאָט שפּײַער, אין איינעם אַן ענלעכן פאַל, מיט איינער אַן אַנדערער ייִדישער טאָכטער.

אַלע האָבן זיך דערפילט באַטריבט און נידערגעשלאָגן, ניט געקוקט, וואָס קיינע גרוילטאַטן האָבן שוין דאָ, אין אונדזערע באַדינגונגען, קיינעם ניט געקאָנט איבעראַשן. באַזונדערס האָבן זיך אַזוי געפילט די אייגענע, גאָר נאָענטע, די, וואָס האָבן מיט איר אין געהיים צוזאַמענגעאַרבעט און וואָס האָבן זיך אין אירע אַרטיסטישע פעיִקייטן געשפּיגלט און זיך געריימט מיט איר, ווי מיט אַן עווען-טאַוו. און גאָר באַזונדערס האָט זיך אַזוי געפילט דער איבערנדערמאָנטער בערל בענדער, אַ דערפאַר, וואָס ער איז געווען דער, וואָס האָט דער ערשטער וועגן דער סאַקאָנע, וואָס מ'האָט צו דערוואַרטן פון דעם פאַרעטערפאַרשוין, אַליאַרמירט; אַ דערפאַר, וואָס זי, אָט די אונטערערדישע אַרטיסטן, האָט זיך, דאַכט זיך, אומיטלבאַר אונטער זײַן אויפזיכט און אָנפירונג געפונען, — אויך אַזאַ, ווי איך, אַ מיטגליד פון אַ פינפלינג, וועלכע מ'האָט בײַ אים איצט, ווי אַ שטיק לײַב מיט אַן אָפּצוועגנג, אַרויסגערײַסן.

און אָט, נאָך אָט דער געשעעניש, וואָס איז אַלעמען באַוווסט געוואָרן, סײַ אין שטאָט, סײַ אין געטאָ, און וואָס האָט אָבער באַזונדערס אָנגערירט און געטראָפן די, וועמען ס'האָט דערוואַרט דער זעלבער גוירל, וואָס יענע אַרטיסטן, — אָט דעמלט איז בערל בענדער, ווי דערציילט, אין יענעם אָוונט, אין יענער געהיים-פּאַרוקטער ווױנונג מיט מיר אַליין פאַרבליבן און מיר דערציילט וועגן אָנגענומענעם באַשלוס בעסאָד; און דערבײַ האָט ער צוגעגעבן, אַז אויך איך וועל מיט דער אַרויסגעפירטער גרופּע געשיקט ווערן, אָבער צוזאַמענזײַענדיק מיט אַלע, וועל איך אַף זיך אַ ספּעציעלע מין מיסיע מוזן נעמען.

— אַן ערנסטע, זייער אַן ערנסטע, — האָט ער צוגעגעבן, ניט זאָגנדיק, אין וואָס זי באַשטייט.

זי איז באַשטאַנען אין דעם, מ'זאָל, גייענדיק מיט דעם פאַרשוין, אים האַלטן צוגעבונדן — ניט מיט שטריק, נאַטירלעך, נאָר מיט אַן אַנדער אינטערעס, דורך וועלכן ער וועט זיך לאָזן ציִען...

יאָ, אַגעוו, אָנעמענדיק דעם באַשלוס וועגן אַרויסמעשאַלייעכן און אומשעדלעך מאַכן דעם פאַשוין, האָבן די אָנפירנדיקע כאַווײרים באַפולמעכטיקט אַלעמען, און באַזונדערס בערל בענדער, וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַזוי פעיִק באַם דערקענען און פאַרויסשפּירן דעם פאַרעטערישן רייעך, וואָס זעצט פון אַזעלכע, — זיך צו דערוויסן וועגן זײַנע נעטיִעס, לײַדנשאַפטן, אַדאַנק וועלכע אַזאַ איינער גליטשט זיך אָפּט אויס, און וועלכע דינען פאַר דער סיבע, דורך וועלכער ער לאָזט זיך פון וועמען-ס'ניט-איז פאַנגען.

מ'האָט זיך דערוווּסט: פרויען איז זײַן שוואַכקײַט... אַ טיף-צעלייגטער, וואָס זײַן פאַרטונקלטער בליק און זײַן טרוקענע, עטוואָס אינדערמיט אָנגעשפּאָלטענע אונטערשטע ליפּ ווערן אויפדערלויכט און פעטלעך אויפגעלעבט, ווען ער טרעפט זיך צוזאַמען מיטן צווייטן מין, וואָס האָט אַף אים אַ גרויסע ווירקונג און מאַכט זיך אים פאַרגעסן ביז שיקרעס און קאָפּשווינדל.

— פרויען? — האָב איך אַ פרעג געטאָן, אויסהערנדיק בערלען און באַנעמענדיק, וואָס ער מיינט.

— יאָ.

— און וואָס פאָדערט זיך פון מיר?

דערויף, אַף אָט דער פראַגע, איז פון בערלס מויל מיר קיין ענטפער ניט געקומען. ער האָט אַפילע אייניקע רעגעס די אויגן צו די שפּיץ שיך אַראָפּגעהאַלטן פון בושע, פון פאַרלעגנהײַט און פון ניט האָבן וואָס צו זאָגן. און אָט די געציילטע שווײַגנדיקע פאַרלעגנהײַטרעגעס וויל איך, טאַטע, אויסנוצן אַף זאָגן אַ פּאָר ווערטער צו זײַן פאַרטיידיקונג.

ס'איז אים אַוודע ניט לײַכט געווען אָנצוקומען צו מיר מיט אַזאַ פאָרשלאָג — אים, דעם, וועמען כ'האָב, דאָס ערשטע מאָל אים דערמאָנענדיק, אויסגעליבט, און וואָס, ווי איך האָב געזאָגט, איז ווען איך זאָל ניט זײַן אַזוי יונג און ער — ניט אין זײַן עלטער, ווען איך ניט אַזוי ווײַט-שטייענדיק פון דעם, פאַר וואָס ער איז גרייט זײַן לעבן שטרעקן, וואָלט איך געקאָנט זײַן די, וואָס וואָלט די ערשטע זיך אין אים פאַרליבט. ער, דער אַזוי זיטלעכער, אין וועמען איך זע אײַן איינעם פון יענע, וועלכע טראָגן מיפּול און מיט שוויס די ערשטע שטיינער פאַר אַ נײַעם ביניען, וואָס דאָס ראָוו האָט נאָך פון אים קיין אָנונג, ניט גלייבנדיק אין זײַן אויפקומענדיקער מעגלעכקײַט און קינפטיקן קיִעם. מערער: ניט בלויז זיי זײַנען די טרעגער

פון די שטיינער, נאָר זיי זײַנען אָפּט גרייט זיך אַליין אין די גרונט-גריבער, אין די פונדאַמענטן זיך פאַר שטיינער לייגן, וואָס זיי טוען דאָס טאַקע אָפּט.

און דאָ, נאַ דיר גאָר, ער, בעריל, — און אַזאַ פאָרשלאָג, מיט וועלכן מ׳קומט ניט צו קיין ערגסטן אַפילע...

— ניין, — האָט ער זיך געכאַפּט נאָכן עטוואָס לענגלעכן שווײַגן אין פאַרלעגנהײַט און אַראָפּקוקן צו די שפּיץ שיך אין בושע. — ער מיינט, כאָלילע, ניט קיין בייז... זאָל איך אים שלעכט ניט פאַרשטיין, וואָלט ער מיך געהאַלטן פאַר צו שוואַך און ווייניק שטאַנדהאַפטיק, וואָלט ער מיך, נאַטירלעך, מיט אַזאַ סאָרט מיסיע ניט באַאופטראָגט. אָבער אַזויווי ער איז זיכער אין הייפּעך: אַזויווי ער האָט פאַר דער קורצער צײַט פון אונדזער באַקאַנטשאַפט באַוויזן מיר נאָכקוקן און אויסשטודירן מײַן כאַראַקטער, אַף וויפל ס׳איז אים געווען מעגלעך, און אַף וויפל ניט — האָט ער אויך בײַ אַנדערע, וואָס קענען מיך, זיך אָנגעפרעגט, — אַף אַזויפיל האָט ער אויך געקריגן בעטיכעס, אַז זײַן אונטערנעמונג איז ווײַט פון געפערלעך, און אַז איך וועל דורכפירן דאָס, וואָס ס׳פאָדערט זיך פון מיר, אי זיך ניט צו שאָדן און אי דער אַלגעמיינער זאַך לעטויוועס.

— די צײַט, — האָט ער געזאָגט, האַלטנדיק דעם קאָפּ אַראָפּ, — איז דאָך, ווי איך ווייס, אין אויסערגעוויינלעכע, די אומשטענדן — פול פאַראַנטוואָרטלעך, — און נו, איז אויב ס׳מאַכט זיך אַזאַ פאַל, מוז מען דעמלט אײַנגיין צו פאַרבייגן אַפילע אַזאַ שטיק געוויסן, וואָס אין אַנדערס מאָל לאָזט מען זיך בעסער אַ האַנט אָפּהאַקן, און גאָר אַמאָל — אַפילע דעם קאָפּ.

— אָבער, — האָט ער ווײַטער געזאָגט, ריידנדיק ווי צו זיך אַליין און פאַרענטפערנדיק זיך פאַר זײַן פאַרבויגענעם געוויסן, — זאָל איך זיך ניט שרעקן. איך וועל ניט זײַן אַליין, נאָר אין דער געזעלשאַפט פון כאַווירים, ווען, כאָלילע, יענער וועט זיך וועלן מענוולדיק צעגיין... און די גאַנצע מיין-זאַך וועט באַשטיין נאָר אין דעם — אים לײַכט צוציִען, דאָס הייסט, האַלטנדיק אים אַף אַ געוויסן מעהאַלעך, אין דער זעלבער צײַט אים אויך ניט אָפּשטויסן. דעריקער אים ניט לאָזן אַליין, ניט לאָזן זיך באַדענקען, אים פאַריידן, פאַרינטערעסירן און אים מאַכן מיינען קלוימערשט, וואָס ער מיינט...

— אַנטשולדיק... — האָט בעריל געפונען פאַר נייטיק צו די לעצטע ווערטער נאָך דאָס גאָר לעצטע וואָרט צוגעבן אין זײַן לעצטער פאַרלעגנהײַט, און דערבײַ האָט ער, זעענדיק, אַז איך האָב בײַ זיך געפּויעלט און באַשטיי אַף זײַן פאָרשלאָג, גענומען מער אויספירלעכער מיר מײַן אויפגאַבע דערקלערן און מיך אײַצען, וויאַזוי זיך צו האַלטן און זיך אויפירן אין וועג.

דערבײַ האָט ער ווײַטער צוגעגעבן, אַז איידער איך וועל זיך אין וועג לאָזן, וועט מיר נאָך מיטגעגעבן ווערן אַ שיפּר-שריפט, אין מײַן קלייד אײַנגענייט, אויסגעפּאַרטיקט פון די היגע אונטערערדישע כאַווירים צו יענע, פאַר וועלכע איך וועל זיך מיט דעם פאַרשוין דאַרפן ווײַזן, אַף אים צו דעמאַסקירן און זײַן מעהוס אויפדעקן...

* * *

און שוין. און איידער איך וועל זיך אין וועג לאָזן, וואָלט איך וועלן נאָך אויך וועגן זיך אַ פּאָר ווערטער זאָגן. דערמאָן זיך, טאַטע: איך, וואָס בין נאָך אַזוי יונג, וואָס קימאַט ערשט פון דער שול-באַנק אַראָפּ, ערשט קימאַט פון אונטער די פאַרליבטע בליקן פון די מײַן גלײַכן יוגנטלעכע, וועלכע האָבן זיך מער קיין גליקן ניט דערלויבט: איך, וואָס האָב ערשט פויגל-פרײַ געטאַנצט, ניט באַנעמענדיק נאָך אַפילע מײַן אייגענע פרוּיִשע באַגאַבונג פון צו קאָנען אויסנעמען און געפעלן, איך, טאַטע, פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ שטראָף אין אָט די, ווי אַ דונער אַראָפּגעפאַלענע, פאַרשאָלטענע אומשטענדן. נישט נאָר ניט צו דינען אין כאַוועָרישער פרייד דעם, וואָס ער וואָלט מיך אויסדערווײַלט, און איך — אים, נאָר פאַרשאָלטן — פאַרקערט גאָר — צו דינען פאַר אַ ביליקן שפּילצײַג פאַר פאַרשיידענע עקל-לײַט, וועלכע האָבן געקראָגן די מעגלעכקײַט זייערע נימעסע הענט צו מיר צו שטרעקן, ווי צוערשט דער געביטס-קאָמיסאַר, דערנאָך דער הער אויפזעער, און איצט נאָך אַזאַ אַרכי-עקל, ווי אָט דער פאַרעטער-פאַרשוין, אין וועמעס נאָענטקײַט איך וועל זיך דאַרפן געפינען, און מעגלעך אויך, אין אַ וואָסערע-ניט-איז ווײַ-באַרירונג מיט אים קומען...

אָבער גענוג... איך פאַרענדיק, ווײַל באַלד גרייט איך זיך צו לאָזן אַהין, וווּ איך וועל פרײַ ווערן פון דעם אַלעם, און וווּ איך וועל אימשטאַנד זײַן צו געברויכן מײַן גוף, מײַן זעל, און אַלע מײַנע פעיִקײַטן אַף דעם, אַף וואָס איך בין, דאַכט זיך, באַרופן, — ניט אַף שאַפן פאַר-

געניגן פאר מענטשלים, נאָר אַף זען און זיך מיען, אַז דאָס גאָר מײַן זייערס זאָל אַף דער וועלט ווערן וואָס ווייניקער.

* * *

טאָג... כוידעש... יאָר...

הײַנט, טײַערער טאטע, האָב איך זיך צום לעצטן מאָל געטראָפן מיט בערל בענדער, איך, צוזאמען מיט דער גאנצער גרופּע, וואָס דארף זיך אין וועג לאָזן, האָבן זיך פארזאמלט אין יענער געהיים-פארוקטער וווינונג, אין יענעם פארוקטן געסל, ווו אַלע אונדזערע ביזאהעריקע פארזאמלונגען פלעגן פאָרקומען. דאָרט האָט מען מיר די פארשיפריטע שריפט אין קלייד פארנייט, צוזאמען מיט מײַן פינגערל — דײַן געשאנק, לויט מײַן באקאָשע. בערל בענדער האָט נאָך צולעצט מיר געהאט צו ראטן און געוויסע אָנווײַזונגען געבן צו מײַן פאָרשטייענדיקער ראָל און אופירונג.

מ'האָט זיך באדארפט שיידן. מ'האָט באשטימט א פונקט, ווהין די אוועקגייענדיקע גרופּע וועט זיך דארפן צונויפזאמלען אײנציקווײַז — ערגעץ אויסער דער שטאָט, נאָכדעם ווי מ'וועט מיט מאזל די געטאָ האָבן פארלאָזן, וואָס דאָס איז, אגעוו, גאָרניט גרינג: ווער ס'וועט זיך דארפן דורכשלײַכן דורך די געטאָ-צוימען, וועלכע ווערן שטארק באוואכט, און ווער גאָר דורך דער קאנאליזאציע, ווו ס'איז פאראן א געפאר אי פון פארבלאָנדזשעט ווערן אין די פינצטערע דורכגענג, פול וואסער, געשטאנק און שטשורעס, וואָס האלטן זיך דאָרטן אין די מענגעס; און אי, ווידער, פון ניט קאָנען ארויסקומען צום אָרט, ווו ס'איז שוין קיין מוירע ניט צו האָבן פאר א שלעכט באגעגעניש, נאָר פארקערט, פון שלעכט אָריענטירן זיך אין יענע גענג, — זיך גאָר ארויסכאפּן אהין, ווו מ'קאָן לײַכט ארײַנפאלן, און ווי ס'האָט זיך שוין ניט איין מאָל טאקע געמאכט...

מ'איז זיך צעגאנגען יעדערער אין זײַן היים, ווו מ'האָט נאָך געהאט צו מאכן די לעצטע פּאָרבערייטונגען. אויך איך בין אוועק, און אַז כ'בין געקומען אַף דער שוועל פון מײַן איצטיקער „היים", איז איידער איך בין ארײַן אין שטוב, האָב איך זיך אויסגעקערעוועט צו יענער גאס, מיטן פּאָנעם געווענדט צו יענעם הויז, ווו ס'איז אמאָל געווען מײַן עמעסע היים, וועגן וועלכער כ'וויל איצט ניט דערמאָנען... ס'איז א שנייִקער, קאלטער אָוונט-דרויסן. אין די ווײַטלעכע וועלדער, וואָס אין אונדזער קאנט, הוילן איצט די וועלף אין די געדיכטענישן, אומלויפנדיק טשאטעסווײַז, און די, וואָס האלטן זיך אַף די ראנד-וועלדער, בלישטשען ארויס מיט פאָספאָרדיקע בליק-בליקן און ווארפן אָן פּכאָדים אַף פארבײַפאָרנדיקע פערד און רײַזנדע.

כ'האָב, שטייענדיק אין דרויסן, קיין קעלט ניט געפילט. כ'האָב אויך ניט געפילט, ווי טרערן האָבן זיך מיר געגאָסן ווארעמע, באהארצטע, געזעגענענדיק זיך מיט דעם, וואָס איז מיר אמאָל אזוי ליב געווען און וואָס כ'האָב אזוי אומפארדינט, און ניט ווסנדיק פארוואָס, פארלוירן.

כ'האָב זיך געכאפּט, אַז ס'איז שפּעט. כ'האָב זיך דערמאָנט, אַז ס'איז ניט נאָר מײַן מוז, מײַן ווילן באַם איצטיקן אָפּגיין, נאָר אויך א טייל פון דײַן צאוואָע, וואָס איך היט און וואָס וועט דיר געוויס זײַן לערעאָצן.

כ'האָב זיך דערום באלד אָפּגעדרייט פון מײַן פרײַערדיקער היים און בין אין מײַן איצטיקער ארײַן. און מײַן אײנציקע ארבעט, וואָס איך האָב נאָך געהאט אָפּצוטאָן, איז אָט די לעצטע פּאָר שורעס אָנצושרײַבן, זיך מיט דיר געזעגענען און בא דיר בעטן: בענטש מיך, טאטע, אַף מײַן וועג...

2

דאָ ענדיקט זיך דאָס שרײַבן פון דער פלאָרען. און ס'איז אויך פארשטענדלעך פארוואָס: זי איז דאָך אוועק אהין, ווו ס'איז קיין אָרט און קיין צײַט געווען אַף האלטן א פען אין האנט, נאָר אָרט און צײַט אַף האלטן עפּעס בילכערס — א ביקס.

אגעוו, זאָל דאָ אין קלאמערן געזאָגט ווערן, אַז אויך דאָס ביסל ביז אהער פון איר אָנגעשריבענע האָט נאָך דעם, ווי זי האָט זיך באפרײַט פון די וואלד-באדינגונגען, ארײַנגעטראָפן אין א האנט פון א פּראָפעסיאָנאל, מיט דער געגעבענער אים רעכט צו אויספאריכטן,

רעדאגירן און, אזוי צו זאגן, דורך דער סטיליזירנדיקער שרײַבמאשין דורכלאזן... און אט דער זעלבער פראפעסיאנאל נעמט זיך איצט אונטער, אפן סמאך פון א מינדלעכן באריכט, וואס ער האט שפעטער, באם באקאנען זיך מיט איר, פון איר ארויסבאקומען — פארצוזעצן אין זעלבן סטיל און נוסח, וואס זי, דאס, וואס ס׳האט מיט איר ווײַטער, אין וואלד גייענדיק, געטראפן.

און אט וואס דער פראפעסיאנאל האט צו דערציילן.

ניסים, גרויסע ניסים זײַנען איר געשען, בייס זי — אזא נאך יונגע — האט זיך געהאט צו באהערשן באם ארײַנקומען אין יענעם לאבירינט, וואס ניט איר טאטע-מאמע, ניט אירע זיידעס-באבעס זײַנען אים ווען-ניט-ווען אדורכגעגאן.

זי וואלט באדארפט האבן דורכגעמאכט א גרויסע שול פון גאר אייגנארטיקע קעגנשטאנדן, וועלכע לערנען און ווײַזן אן, וויאזוי צו האנדלען מיט א פארעטער, אדער אויב ניט קיין שול, איז אלקאלפאנעם זײַן באוואפנט מיט עפעס מינים אײַנגעבוירענע יעגער-אייגנשאפטן, וויאזוי אזא כײַע ארומצוגיין, און אויב ניט קיין איינס פון די צוויי, איז האט איר, זיכער, דא געדינט בלויז דער הוילער פרויען-כוש, ווי אויך דער באוווסטזײַן, אז זי גייט אף דער שארף פון שווערדן, און אז קיין אנדער וועג, ווי אויסצוגעווינען די שפיל, איז דא ניט שײַער, ווײַל אנדערש וואלט געהייסן — זיך מיט א גאנצער גרופע, און אויך מער ווי די גרופע — די גאנצע אונטערערד אונטערן כאלעף אונטערפירן.

אז די גרופע, וואס איז ארויס פון געטא, האט, ווי אפגערעדט, יעדערער באזונדער, נאך איבערגעקומענע מאטערנישן, זיך פארזאמלט אפן באשטימטן ארט, פונוואנען מ׳האט באדארפט דעם ווײַטערדיקן מארש שוין צוזאמען מאכן; און נאכדעם, ווי אויך דער פארעטער-פארשוין האט, ווי אפגערעדט, ווארט געהאלטן און האט זיך אויך אהין צוגעשטעלט, אזוי האט מען באמערקט, ווי עפעס איז זײַן שטערן שטארק פארפינצטערט — אדער פון סטאם אזוי זויערע מאכשאוועס, אדער פון עפעס אן אומווילן, ווי בא איינעם, ווען ער גייט טאן א זאך, וואס איז קעגן אים און אים ניט צום הארצן.

ער האט א קוק געטאן אף דער גרופע, וואס ער, א געניטער, האט באדארפט זײַן איר אנפירער — מיט האלב ביטל און האלב גלײַכגילטיק, און נאך מער — ווי אט אזעלכער, וואס איז אים ווי צו א שווערע מאסע... אז ער האט אבער א שטיקל וועג מיט דער זעלבער גרופע אין א באשטימטער ריכטונג אפגעשפאנט און האט זיך מער נעענטער און היימישער אין אייניקע פון די מיטגעפירטע אײַנגעקוקט, אזוי גלײַך האט זיך אים געווארפן אין אויג זי, פלארא, מיט די עטוואס הויכלעכע פיס, און ער איז אן אנדערער געווארן...

ער האט באלד אין איר אויך נאך פרויען-מײַלעס דערזען — אזעלכע, וואס אזא איינער לאזט ניט דורך, ער זאל זיי גלײַכגילטיק פארבײַגיין... ער איז צו איר צו, און באלד האט זיך איבער זײַן פינצטער-געוועזענעם שטערן ווי עפעס א נײַ הײַטל איבערגעצויגן, ווי א נײַ שטיקל דעקאראציע פאר א נײַער און מער אופגעלייגטער שפיל. ער האט אויך גלײַך א לעק געטאן זײַן אונטערשטע טרוקן-צעשפאלטענע ליפ, אף וועלכער ס׳האט זיך געוויזן אן אפנטלעכער גלאנץ פון צופרידנקײַט, וואס אט די בײדע זאכן: אי דער באנײַטער שטערן, אי די איצט גלאנציקע ליפ, האבן געזאלט זײַן א סימען, אז דער פארשוין האט דא געמיינט האבן אנגעטראפן, וואס ער האט זיך ניט געריכט צו טרעפן און וואס, פון דער אנדערער זײַט, אין די אינטערעסן פון עמעצן אנדערש — א סימען, אז זײַן אנטרעפעניש וועט קאנען דינען פאר יענעם האטשיק, אף וועלכן ער וועט זיך לאזן פאנגען.

ער איז שוין ניט אפגעגאן פון איר. ער האט פון אלעמען, ווער נאר ס׳האט זיך געווענדט צו אים מיט וואס-ניט-איז, דעם קאפ אפגעדרייט פון אום-אינטערעס, ניט הערנדיק קימאט, וואס מ׳פרעגט אים, האלטנדיק, פארקערט, דעם קאפ און דעם געהער צו פלארעס זײַט געווענדט, אז טאמער, הייסט עס, האט זי בא אים עפעס-וואס צו פרעגן, ער זאל ניט דורכלאזן און ניט פארשפעטיקן מיט זײַן ענטפער.

ער האט, גייענדיק צוזאמען, אמאל זיך געזען ארויסרוקן מיט איר פארויס פאר אלע, און אן אנדערס מאל, פארקערט, הינטערשטעליק בלײַבן און גיין צום לעצט, און דאס אלץ צוליב דעם, ער זאל אמאל כאפן איר א קוק טאן אין פאנעם, און אן אנדערס מאל הינטערווײַלעכס איר גאנצן קערפער א מעסט טאן מיט אזא מאס, נאך וועלכן די אויגן האבן זיך אים מיט א יעיצערהארעדיק-פרעסעריש שײַנדל צעגלאנצט.

ער איז נאך אין די סאמע מאנצבלשע סאקן געווען, בא די דהדרײַסיק, גראד אין שטאלט און א גענוג דערפארענער אינעם ארומגיין און צו טאן האבן מיט פרויען, בא וועלכע ער האט געמיינט עפעס פועלן, און ער האט טאקע געפועלט בא פיל, צו וועלכע דער צוגאנג

איז אים געווען א פּראָסטער און וואָס אַף דערלאַנגען צו דערפּאָלג האָט אים קיין איבעריקע מי ניט געקאָסט.

דאָ אָבער, האָט ער גלײַך דערפילט, איז עפּעס אנדערש... אי ער אליין האָט צום אָנהייב ניט געהאַט די דרייסט זיך צו דערלויבן ניט מיט קיין וואָרט, און אוואדע ניט מיט מער, ווי אַלעמאָל דעמלט און דאָרט, ווו דער כוש האָט אים געזאָגט, אז פון צווייטן צאַד וועט מען אים באַגעגענען מיט ווויל-וועלנדיקער צושטימונג; אי ער האָט געזען, אז דאָ איז אויך ניט דאָס אָרט פאַר צו ראַש און איבעריק אײַליק זיך צו דערלויבן, ווי אומעטום...

ער האָט דערום געפּרוווט צוגיין פּאַמעלעך, בעהאַדראַגע, און מײַסע כאַוווער האָט ער איר גענומען אויסדערציילן און פאַרטרויען דאָס, וואָס פאַר אנדערע וואָלט ער, קלוימערשט, ניט. ער האָט איר פאַרטרויט וועגן זײַנע אופטוען פאַר דער אונטערערד פון ביז אהער, און וואָס ער דענקט אויך אופטאָן אַף ווײַטער.

דערבײַ האָט ער באַמערקט, ווי פלאָרא האָט, הערנדיק אים, קיין איין מאָל די אויגן ניט אופגעהויבן אַף אים א קוק צו טאָן מיט פאַרפאַכונג אָדער מיט אכטונג, ווי מ'טוט מיט אזא, וועמעס דערציילן ס'פאַרכידעשט און איבעראַשט, און וועמען ס'קומט כאָטש אַלקאַלפּאַנעם אַף א שטילן אויפן צו באַלוינען, אויב ניט מער שטורעמדיקער און באַגײַסטערט. זי האָט, הערנדיק אים, ניט פאַרשטענדלעך פאַרוואָס, נאָר געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּ און אויסגעמיטן זײַן בליק. ער האָט דאָס צוערשט אויסגעטײַטשט צו זײַן גונסטן, רעכענענדיק, אז דאָס נעמט זיך פון צופיל אכטונג און פון צו גרויסער איבעראַשונג, וועגן מ'וויל זיך ניט אויסגעבן פאַרן צווייטן, באַזונדערס אין א פאַל, ווען א פרוי, א יונגע און אומדערפאַרענע, ווערט פון א מאַנצבל איבעראַשט. זי האָט אָבער אויך שפּעטער, ווען ער האָט שוין געמעגט מיינען, אז ער האָט רעכט, זי זאָל זיך פילן מיט אים מער פרײַער, אדאנק זײַן פאַרטרויען, זיך ווידער ניט פרײַ געפילט און האָט אַלץ דעם קאָפּ אַראָפּגעהאַלטן, אפילו דעמלט, ווען ער האָט שוין ניט דערציילט וועגן זײַנע אופטוען, נאָר סטאַם זיך געטיילט מיט איר וועגן סטאַם-זאַכן.

אז ער האָט זיך געפּרוווט זי א מונטער טאָן מיט א מער צוגעלאָזט וואָרט, מינע אָדער מיט אָנרירן זי מיט א האַנט, וועלנדיק, קלוימערשט, איר א העלף טאָן אין גאַנג, ווי געוויינלעך, — האָט ער ווידער באַמערקט, אז זי האָט אַלץ אָפּגענייגט און זיך א רוק געטאָן פון אים אין א זײַט, ווי פון אזא, וואָס זײַנער א צוגעלאָזטער ריר שאַפט נישט נאָר ניט קיין אָנגענעמלעכקײַטן, נאָר פאַרקערט — א ברי, ווי פון עפּעס אָפּשטויסנדיקס...

ס'איז ניט גוט געווען פון איר זײַט; ניט די ריכטיקע האַלטונג מיט אזא, ווי וועדליק די ראָל, וואָס זי האָט אַף זיך גענומען, האָט פון איר געפאָדערט. זי האָט זיך אָבער ניט געקאָנט באַהערשן צוערשט. זי האָט דאָס אויך ניט געקאָנט שפּעטער, אין אָוונט פון דעם זעלבן טאָג, ווען ער, דער פאַרשוין, דער געניטער פירער אין וועג, וועלכן ער האָט שוין ניט איין מאָל דורכגעמאַכט, האָט דאָס מאָל געבראַכט צו פירן די גרופּע אין איינעם אַן אומבאַקאַנטן כוטאָר, ווו ער האָט געפונען סטאַנציע פאַר אַלע בא איינעם ווידער אַן אומבאַקאַנטן פּויער, וועלכער האָט אַף נאַכטלעגער, נאָך ווטשערע אַרײַנגעבראַכט א פּאַק שטרוי און זי אָפּן דיל אויסגעשפּרייט, אז אַלע, די נאַרוואָס אָנגעקומענע און פון וועג מידע, זאָלן זיך אַף איר באַלייגן.

דעמלט האָט דער פאַרשוין געפלאַנירט, און היינטנאַרום, ווי קימאַט אָן א באַזונדער קאַ־וואָנע, אזוי אײַנגעאָרדנט דעם אויסעם, אז זײַן אָרט אָפּן דיל איז אויסגעקומען לעבן איר, לעבן אָט דער פלאָרא, וועלכע ער האָט שוין געהאַלטן פאַר א מער נעענטערע צו זיך פון אַלע אנדערע פון אים געפירטע, אדאנק דעם, וואָס ער האָט מיט איר דעם גאַנצן טאָג אין היימישע געשפּרעכן פאַרבראַכט און וואָס דאָס האָט אים, לויט זײַן פאַרשטעלונג, געגעבן א גרונט צו מיינען, אז ער האָט זיך בא איר אײַנגעקויפט אין ווירקלעכער טאַקע היימישקײַט, וועלכע גיט אים אויך די רעכט אפילו אַף אזא סאָרט נאָענטקײַט, ווי איבערצונעכטיקן איינס לעבן איינס מיט איר.

דעמלט האָט פלאָרא שוין ווי גאָר אינגאַנצן איר ראָל פאַרגעסן. זי האָט אָפן, אָן שום אָנשטענדיקע צערעמאָניעס, אוועקגעשפּאַנט פון איר אָרט, וואָס יענער האָט איר לעבן זיך אויסגעטיילט און בישכיינעס באַשטימט, בעטנדיק א כאַוווער פון דער אהער געבראַכטער גרופּע, ער זאָל זיך מיט איר בײַטן, ווײַל דאָרט איז איר ניט באַקוועם, הייסט עס, זי וויל ניט דאָרט...

דאָס האָט דעם פאַרשוין זיכער ניט געשמעקט, און ווי טונקל אין פּויערשן שטיבל איז ניט געווען, ווי ניט ווייניק און גאָר ניט געהויבן באַלויכטן, וואָלט מען דאָך געקאָנט באַמערקן, וויאַזוי דער פאַרשוין איז אַן אָפּגעשמיסענער און באַליידיקטער אָפּן דיל ליגן געבליבן בײַ־שכיינעס ניט מיט דער, וואָס ער האָט געוואָלט לעבן זיך האָבן, נאָר גאָר מיט א פרעמדן

אונטערגעשיקטן, וואָס פלאָרא האָט זיך מיט אים מיט די ערטער געביטן. אַזוי האָט זיך די דעקאָראַציע אַף זײַן שטערן ווידער געענדערט פון אופגעלייגט אַף פינצטער, און זײַן אונטערשטע ליפּ האָט א ווײַס טרוקן פּאַסיקל אין דער מיט געקריגן — א סימען פון עפּעס א דאַרשט, וואָס ס'שטייט אים פּאָר ניט אַזוי גיך געשטילט ווערן.

די זעלבע סימאָנים זײַנען אים געבליבן אויך אַף מאָרגן, נאָך דעם ווי מ'האָט איבערגענעכטיקט, מ'איז גאַנץ פרי אופגעשטאַנען און מ'האָט זיך ווידער באַדאַרפט לאָזן אין וועג, און מ'האָט געזען, אַז יענעם איז עפּעס אַנגעזאָליעט, ווי גלײַך נאָך א הערינג-סודע מיט ליאַג. די שלעכטע שטימונג האָט אים ניט אָפּגעלאָזט דערנאָך אויך א שטיק אפן טאָג...

דעמלט האָט זיך פלאָרא אין איר מיסיע דערמאָנט, געדענקענדיק דעם אָנזאָג פון בערלען, ניט צו לאָזן יענעם אַליין, קעדיי ער זאָל ניט בלײַבן מיט זײַנע מאַכשאָווֹעס, וואָס ווער ווייסט, צו וואָס זיי קאָנען אים ברענגען.

מ'האָט דאָך, ווי געזאָגט, באַדאַרפט מוירע האָבן, טאָמער וועט זיך דער פאַרשוין אין הונדערטסטן פאַל נעמען שטויסן, אַז מ'שפּילט מיט אים די לעצטע שפּיל, און אַז אַנשטאָט זיך לאָזן ווײַטער פאַרפירט ווערן פון אים, ווערט ער דאָ אַליין פאַרפירט...

דעמלט איז זי צו אים צו און האָט זיך מיט אים מיט די ראָלן געביטן. זי האָט, אַזוי ווי נעכטן ער, איצט אים געגומען מונטערן מיט א וואָרט, מיט א מינע און זיך אַפילע דערלויבט אים מיט א האַנט אָנרירן, קעדיי אים אין א היימישן געשפרעך אַרײַנציִען און קעדיי אים די געדאַנקען צו צעשלאָגן.

ס'האָט געווירקט. ער האָט זיך סאָפּקאָלסאָף א דערמונטערטער אופגעוואַכט. ער האָט ווידער דעם נעכטיקן ראַש באַקומען אַף צו וועלן געפעלן אָט דער פלאָרען, בא איר אויסנעמען און זיך דערשלאָגן צום דערפאָלג אין דעם, אין וואָס נעכטן האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן.

ער איז, אַדאַנק איר צוגעלאָזטקײַט, אַזוי האָפּעדיק געוואָרן, אַז בעשאַס זי איז מיט אים אַליין געבליבן, ווידער ווי נעכטן אָפּגעזונדערט און אָפּגעטיילט פון דער גאַנצער גרופּע מיטגעפירטע, וועלכע זיי האָבן געלאָזט אָדער פאַר זיך אָדער הינטער זיך, — האָט ער, דער פאַרשוין, געהאַט די האָזע איר אַפילע שטילערהייט פאַרצולייגן אַזא זאַך ווי אַז עפּשער וואָלט געווען א פּלאַן, זי זאָל זיך גאָר אינגאַנצן אָפּטיילן פון דער גרופּע, צוליב זײַנע, צוליב אירע, צוליב זייערע ביידנס, הייסט עס, אינטערעסן:

— ער ווייסט פון א דאָרף דאָ אין דער נאָענט, וווּ ער האָט א גוטן באַקאַנטן, בא וועמען זי וואָלט זיך געקאָנט אויסבאַהאַלטן אין פולשטענדיקער זיכערקײַט די גאַנצע צײַט, ביז וואַנען די סאַקאָנע און די נויט וועט זײַן.

— ער זעט, — האָט ער פאַרגעזעצט, — אַז דער וואַלד און די אופשטענדלערישע ווילדעניש דאָרט איז ניט פאַר איר... און אויב זי האָט מוירע, מ'זאָל זי ניט כוישעד זײַן אין עפּעס א פעלשונג אָדער אין פאַכדאָנעס, וואָס צוליב דעם, קלוימערשט, איז זי אָפּגעשטאַנען פון די איבעריקע, נעמט ער, דער פאַרשוין, אַף זיך איבערצוריידן מיט וועמען מ'דאַרף, און צו דערקלערן, אַז דאָס האָט ער, אַף זײַן אייגענער אַכרײַעס, זי דאָרט פאַרהאַלטן צוליב פאַרבינדונג און צוליב האָבן א שטענדיק אייגענעם מענטשן אין דאָרף, אפן פאַל, ווען מ'דאַרף אַזא האָבן.

יאָ, דער פאַרשוין איז דערגאַן צו אַזא הויכן גראַדוס, ביז איר פאַרצולייגן אַזש דאָס אויבנגעזאָגטע.

— ניין, — האָט פלאָרא רויִק און אײַנגעהאַלטן זײַן פאַרשלאָג אָפּגעלייגט, אין דער זעלבער צײַט אים אַליין ניט אָפּשטויסנדיק, און דערבײַ געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי גלײַך זי איז ניט איבעראַשט, און אַז פאַרקערט, אַז וועגן אַזא און ענלעכן פּלאַן וואָלט זיך אין אַן אַנדער, מער באַקוועמער צײַט יאָ געלאָזט ריידן... זי פאַרשטייט, קלוימערשט, צוליב וואָס ער וואָלט זי געוואָלט זען אָפּגעזונדערט און אויסגעטיילט פון דער גאַנצער מיטגייענדיקער גרופּע...

— שיין... — האָט זי געזאָגט, — אָבער איצט ניט. איצט איז זי געבונדן מיט אַלע יענע, מיט וועלכע זי האָט אַלץ צוזאַמען ביז אַהער אין געטאָ דורכגעמאַכט, און זי קאָן זיך בעיין־אויפן ניט דענקען אָן זיי...

דערבײַ האָט פלאָרא, אינמיטן אָפּגעזונדערטן, אינטימען געשפרעך מיט יענעם, פּלוצעם א גיי געטאָן אַף פאָרויס, אָדער זיך א רוק געטאָן אַף צוריק צו די אונטערגעבליבענע כאַווײרים, און דערמיט האָט זי באַוויזן, אַז ניין, ס'גייט ניט און אַז ס'איז ניט אָפּצורײַסן פון די יעניקע ווי אַן אייווער פון אַן אייווער.

דעמלט, ווידער, איז אין יענעמס פּאָנעם און שטערן צוריק פינצטער געוואָרן. זײַן קלײנער, קלאָר-אַרויסצוזעענדיקער אומדערפאָלג בא אָט דער פלאָרא איצט, אינמיטן וועג, אַף וועלכן

ער פירט זי, האַבנדיק אין האַנט, ווי די גאַנצע גרופּע, אַף אָדער זי צו דערפירן, וווּ מ׳דאַרף, אָדער זי אומצוברענגען, — האָט אים געמאַכט זיך פאַרקלערן וועגן אומדערפאָלג ב׳כלאַל...
אַזוינע זײַנען דאָך, לויט זייער פאַלשער לאַגע, אָפּט פעיִק ביכלאַל אַבערגלויבעריש צו זײַן אין פול צווייפל, און לויט זייער ווירקלעכער לאַגע זײַנען זיי דאָך אַמאָל טאַקע אויך מעכּויעוו א טראַכט טאָן, אַז טאָמער, הייסט עס, האָבן די פון אים גענאַרטע די גאַנצע צײַט אַן עק פון פאָדעם פון פאַראַט אַרײַנגעפּאַקט, דורך וועלכן זיי וועלן זיך צום גאַנצן קנויל דערקלײַבן; און דערום איז מעגלעך גאָר, אַז אין דער צײַט, ווען ער גייט און טראַכט, אַז ער האָט יענע אין האַנט, געפינט ער זיך גאָר בא זיי געפאַנגען, אַליין גאָר זײַן לעצטן גאַנג דאָ גייענדיק... ס׳איז דאָך מעגלעך, אַז אַזאַ זאָל זיך וועגן אַזוינס פאַרטראַכטן.

ס׳איז געווען, ווי געזאָגט, ווינטער. דער פאַרשוין מיט דער געפירטער פון אים גרופּע האָבן זיך שוין דעמלט ווײַט פון שטאָט געהאַט געפונען אין א שיטערלעך-באַפעלקערט אָרט, מיט ווייניק דערפער און מיט קנאַפּ-אײַנגעפאָרענע וועגן, אַדאַנק דער מילכאָמע, וועלכע האָט פאַרקירצט דעם פאַרקער צווישן שטאָט און דאָרף, אוביפראַט די לעצטע צײַט, ווען יעדער דאָרף איז געשטאַנען אונטער א פאַרדאַכט, אַז ס׳האָט עפּעס געהיימע, אויסבאַהאַלטענע מאַכשאָוועס פאַר דער שטאָט, דאָס הייסט פאַר דער מאַכט, וועלכע האָט צוליב דעם טאַקע, צוליב מער זיכערקייט, זיך דאָרט פאַרשאַנצט און פאַרפעסטיקט...

פיל שגיי האָט זיך אַלעמאָל, ווינטערצײַט, אין יענעם קאַנט, בא די זײַטן וועגן, א ניט־גערירטער, געקליבן, וואָס איצט אָבער האָט ער, אַדאַנק דעם קנאַפּן פאַרקער, אויך די וועגן אַליין פאַרפּראָשעט, פאַרשאָטן, אַזוי אַז גאַנצפרי אָדער פאַרנאַכט איז שוין שווער געווען זיך פאַנאַנדערקלײַבן, וווּ איז יאָ אָדער וווּ איז ניט א וועג.

דאָס האָט דעם פירער-פאַרשוין מיט די טונקעלע מאַכשאָוועס געגעבן די רעכט זיך אַלעמאָל אָפּצושטעלן ווי אַף צו זוכן די שפּורן פון א לאַנג שוין דורכגעפאָרענעם פור-וועג, ווײַל, קלוימערשט, ער ווייסט ניט, צי מ׳גייט ריכטיק... א ביסל האָט ער טאַקע רעכט געהאַט, ווײַל א ביסל האָט מען טאַקע ניט געקאָנט וויסן, אָבער מער פון דעם איז געווען די סיבע פון זײַן אָפּטן אָפּשטעלן זיך דאָס, וואָס עפּעס איז אים דעמלט, מעגלעך, טאַקע א צווייפל באַפאַלן, פאָרויספילנדיק א שפּור, וואָס ס׳שטייט אים, מעגלעך, פאָר...

אייניקע פון די געפירטע האָבן זײַן צערודערונג באַמערקט. די פון זיי, וועמען ס׳איז אָנפאַרטרויט געווען צו וויסן וועגן לעצטן אַקט אין דער ראָל, וואָס דער פאַרשוין האָט דאָ, אין זײַן לעצטן גאַנג, צו שפּילן, האָבן פון אים די אויגן אָפּגעקערט און זיך געמאַכט ניט־וויסנדיק, גלײַך זיי גלייבן בעעמעס, אַז ער זוכט, וואָס מ׳זוכט, ווען מ׳פאַרלירט דעם וועג. זי, פלאַרא, אָבער האָט לויט דער ספּעציעל איר געגעבענער אויפגאַבע, געמוזט מער טעטיק זײַן, ווי די סטאַם־וויסנדיקע, און איז געווען געצווונגען אַף אַלערליי אויפאַנים אים זען אָפּציִען און אַרויסשלעפּן פון זײַן אים דריקנדיקער פאַרפלאָנטעניש.

ס׳איז איר אָנגעקומען ניט גרינג. מ׳האָט באַדאַרפט אי אַזוי, אי אַזוי: אי זיך דערנעענטערן, אי זיך האַלטן פונווײַטן; אי אים ניט לאָזן איבעריקס זיך פאַרטראַכטן, אי אויך ניט לאָזן מיט איר צו היימיש ווערן.

ס׳האָט דאָס מאָל דאָס דערפירן די גרופּע ביז צום געווונטשענעם אָרט געדויערט לענגער, ווי אַלעמאָל, ווײַל דער פאַרשוין האָט געפּלאָנטערט — א ביסל אומבאַוווּסטזיניק און א ביסל באַוווּסט, האַלטנדיק זיך די גאַנצע צײַט אין יישעווון און איבערלייגן זיך, צי טוט ער ריכטיק און צי וועט אים אויך דאָס מאָל געלינגען דאָס מאַסקירן זיך פאַר אַן אייגענעם, פאַר אַזאַ, אין וועמען ס׳איז אומעגלעך צו צווייפלען, קעדיי ער זאָל ווײַטער קאָנען בלײַבן בא דעם, וואָס ער איז, — א הינטנאַרום־פאַרקויפטער...

ביז איינמאָל, ווען אומבאַמערקט און איבעראַשנדיק אַפילע פאַר אים אַליין, האָט ער זיך מיט דער מיטגעפירטער גרופּע געטראָפן נאָענט צו יענער גרענעץ, וווּ די אופשטענדלערישע וואַך וואַרט אַף אַלעמאָל צו באַגעגענען די זייעריקע, ליגנדיק אין באַשטימט־פאַרשטעקטע לאַקער־ערטער, פאַר פרעמדע, ניט־געווונטשטע אויגן ניט צו באַמערקן.

דעמלט איז מען אונטערגעקומען צו איינעם א וואַלד־ראַנד, אַן אָנהייב פון יענע וועלדער, וועלכע האָבן א שעם אין גאַנצן קאַנט און אויך אויסער אים מיט דעם פיל־געווילד, וואָס האַלט זיך דאָרט פון אַלעמאָל־קאַדמוינים, און וווּ גאַנצע יאָרהונדערטער פלעגן די הערשער און גרויס־אייגנטימער פון יענעם קאַנט מיט יאַגד־הינט, מיט פיל דינערשאַפט, מיט געסט און זייער גלײַכן פון אייגענעם לאַנד, אויך אײַנגעלאַדענע פון פרעמדלענדער, דאָרט פּראַווען וואָכנווײַז, אין ווילדיק פאַרבראַנגערישע געיעגן אַף וועלף, אַף בערן און אַנדערע, וואָס יעדעס מאָל איז דער דערפאָלג — דאָס פאַנגען אָדער אַף טויט דערשיסן אַן אויסגע-

שפּילטן עקזעמפּליאַר געפּײַערט געוואָרן דערנאָך אין קיניגלעכע און אין גראַפישע שלעסער מיט גרויס פּאָמפּע, און מיט לאַנג אַרײַנהוליען ניט אין איין טאָג אַרײַן, נאָר אין גאַנצע וואָכן.

אַף דעמלט, ווען מ'האָט זיך צו יענעם וואַלד-ראַנד דערנעענטערט, האָט זיך פּלוצעם דערהערט א קורץ-שנײַדנדיקער פײַף פון א פאַרשטעקטן וואַכמאַן אין א לאָקער — א פײַף, אַף וועלכן אַלע האָבן שוין לאַנג-לאַנגע אָנגעשפּיצטע אויערן אָנגעגרייט געהאַט, וואַרטנדיק אים צו דערהערן מיט גרויס אומגעדולד און פרייד, וואָס זיי האָבן סאָפּקאָלסאָף נאָך אַזויפיל מי' דערגרייכט צום ציל, צו וועלכן מ'האָט געשטרעבט, ווי צו דער לאַנג-געוואַרטער ישועה.

יאָ, אַלע, אויסער אים, דעם פאַרשוין, וואָס, אויפכאַפּנדיק דעם פײַף, האָט ער עפּעס אַן אומווילקן ציטער געטאָן, ווי מ'וואָלט געקאָנט באַמערקן.

באַלד האָט זיך פונעם פאַרשטעלטן און געהיים-געהאַלטענעם וואַך-אָרט איינער א באַוואָפנטער מענטש באַוויזן, גאָר ניט געהויבן געקליידט — האַלב מיליטעריש, האַלב ציוויל, און צוקומענדיק צו דער געפירטער גרופּע און צו דעם פאַרשוין, וואָס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַלס איר אָנפירער, האָט א זאָג געטאָן דעם פּאַראָל-וואָרט און געוואַרט, מ'זאָל אים מיטן געהעריקן אַנטקעגנקומען... דער פאַרשוין, וואָס האָט געוווּסט דעם פּאַראָל, האָט אים עפּעס דאָס מאָל צו שטיל און מיט אָפּגעבלאַסטע ליפּן א זאָג געטאָן, אַרויסגעבראַכט.

דעמלט האָבן זיך פון אַנדערע ערטער אַרויסגעוויזן נאָך אייניקע, וועלכע האָבן גענומען ברידערלעך די נײַ אַהער געקומענע אין טיפן וואַלד פירן, אַפן וועג מיט זיי היימיש שמועסנדיק און זיך אָנפרעגנדיק בא זיי אַף נײַס, וואָס איז קעדײַ זיך צו דערוויסן.

אַלע האָבן, אויפגעלעבטע און ווי פון א לאַנגער קלעם אויסגעלייזטע, זיך געטיילט מיט וואָס נאָר מעגלעך מיט יענע, וועלכע האָבן זיי באַגעגנט און כאַווערטיש אין וואַלד געפירט. אַלע, אויסער ווידער איינעם — דעם פאַרשוין, וואָס האָט אַפן מויל ווי א שלאָס געהאַט, און דערצו נאָך ווי עפּעס א קוים באַמערקבאַרן פּאַכעד אין די אויגן, וואָס האָט אים געמאַכט אַלעמאָל אין אַן אַנדער זײַט זיך אויסדרייען — אַמאָל אין איינער, אַמאָל אין א צווייטער, און אַן אַנדערש מאָל גאָר אינגאַנצן אַפילע אַף צוריק זיך אומקוקן, גלײַך ער וואָלט געוואָרט, אַז עפּעס אַן אומגעריכטער זאָל דאָ מיטאַמאָל — פונוואַנען, פון ווו, ווייסט ער ניט, — אַף אים אָנפאַלן און אים באַם קאָלנער אָדער באַם קאַרק פּאַקן...

ס'איז אַף אים, ניט ווי אַף אַלע מיטגעפירטע, קיין יאָמטעוו ניט געווען צו זען, ניט ווי אַף יענע, וואָס זײַנען אָקאָרשט-ערשט פון אַזאַ ענגעניש אַרויס באַפרײַטע, נאָר פאַרקערט, ווי איינער, וואָס האָט אין א זינקענדיקן זומפּ אַרײַנגעטראָפן, ווו דער באָדן איז קוואַטשיק און וואָס מאַכט דעם, וואָס טרעט אַרויף אַף אים, זיך הוידען און וואַקלען אין אומזיכערקײַט.

מ'איז לאַנג געפירט געוואָרן אין וואַלד, ביז מ'איז אָנגעקומען צו איינעם אַן אָרט, ווו די געהיים-פאַרשטעקטע האָבן זיך געפילט, ווי אינדערהיים, האָבנדיק דאָרט אײַנגעאָרדנט אַפילע עטוואָס ענלעכס אַף א ייִשעוו ערדשטיבלעך, מיט אַן אייגענער באַלעבאַטישקײַט, ווי פערד און וועגענער, מיט אַן אייגענער ברויט-בעקערײַ און אַפילע מיט ניט שלעכט אוועקגעשטעלטע ווערקשטעלן אַף פאַריכטן און אויסבעסערן, וואָס מ'דאַרף.

דעמלט האָט מען די גרופּע מיט זייער אָנפירער געבראַכט צו פירן פאַר איינעם אַן ערד-שטיבל, אין וועלכן ס'האָבן געוווינט דער קאָמאַנדיר פון די אויפשטענדלער צוזאַמען מיטן פּאָליט-טוער, מיט דעם, וואָס האָט צו זאָרגן פאַר דער, אַזוי צו זאָגן, גײַסטיקער וויל-אײַנאָרדענונג פון די וואַלד-לײַט.

באַלד האָבן זיך יענע ביידע באַוויזן, אַרויסקומענדיק פון שטיבל, ווי פון א הייל: דער קאָמאַנדיר — א יונגער, פאַרדרײַסיקיאָריקער רוס, א שטאַרק דראָטיקער אין דער האַלטונג, מיט העל-געלע רימענס איבער דער ברוסט און רוקן איבערגעקרייצט, אין א קורץ-ווינטערדיק פעלצל ביז פאַר די קני אין שטיוול; און דער צווייטער, דער פּאָליט-טוער, שוין אַריבער די פופציק, אין א שינעל, שוין מער סאָליד, אָבער נאָך גענוג מיליטעריש באַהאַוונט, זײַענדיק, ווײַזט אויס, א וועטעראַן פון בירגערקריג, וואָס איז איצט געקומען צו דער זעלבער טעטיקײַט, וואָס דעמלט.

באַלד האָט דער קאָמאַנדיר זיך א ווענד געטאָן צו דעם פירער-פאַרשוין, פאָדערנדיק די נייטיקע פּאַפּירן, וועלכע ווערן, געוויינלעך, מיטגעגעבן פון די ערטער, פונוואַנען מ'ווערט אַרויסגעשיקט, אַף צו רעקאָמענדירן דעם געשיקטן אַלס אייגענעם, אויסער דעם מיטגעגעבענעם פּאַראָל, וועלכער דינט בלויז צום אָנהייב, צו לעגאַליזירן זיך פאַר די, וועלכע באַגעגענען איינך צום ערשטן.

דער פאַרשוין האָט, נאַטירלעך, די פּאַפּירן געהאַט פאַרנייט אין די בגאָדים, וואָס פון דאָרט האָט ער זיי גענומען אַרויסציִען אין דער אָנוועזנהײַט פון דער גאַנצער גרופּע.

דעמלט אָבער, ווען ער האָט א ביסל א בלאַסער, און אויך איצט, שטייענדיק שוין פאַרן קאָמאַנדיר און פאַרן פּאָליט-טוער, עפּעס אָן לאַשן גענומען דערלאַנגען, אַזוי האָט זיך פּלוצעם און אומגעריכט פאַרן פאַרשוין, און אוואדע אויך פאַר די, וואָס האָבן די פּאַפּירן פון זײַן האַנט באַדאַרפט באַקומען, זיך אַרויסגערוקט איינע א יונגפרוי פון די מיטגעפירטע מיט דער גרופּע. דאָס איז געווען פלאָרא, וואָס אויך זי, פון איר זײַט, האָט זיך צו ערגעץ א פאַר-נייט אָרט אין איר בעגעד געווענדט, א זאָג געבנדיק דערבײַ:

— כאַווער קאָמאַנדיר, אויך איך האָב מיטגעבראַכט... אויך איך האָב פּאַפּירן.

זי האָט אײַליק און מיט א ציטערנדיקער האַנט דאָס פאַרנייטע אָרט אין בעגעד אויפגעריסן, פון דאָרט די איר מיטגעגעבענע שריפט אַרויסגעקריגן, און איידער נאָך דער קאָמאַנדיר האָט באַוויזן דאָס פון איר צוצונעמען, אַזוי האָט שוין דער פאַרשוין פאַרשטאַנען, אַז ער האָט שוין מיט די זײַניקע ניט וואָס צו טאָן, אַז ער פאַרשפּאָרט זיי שוין דערלאַנגען. ס'איז אים קלאָר געוואָרן, אַז די צווייטע מיטגעבראַכטע פּאַפּירן וועלן לייקענען אין זײַנע, און אַז דאָס איז מען אים אַזוי אַרומגעגאַן און איבערגעקליגט און אַז זײַן גאַנצע ביזאַהעריקע פינצטערע קאַריערע, מיט זײַן פאַרברעכערישן דאַברי-מאַזל זײַנען איצט צום לעצטן ראַנד שוין אונטערגעקומען...

ס'איז איבעריק צו זאָגן, וויאַזוי דער קאָמאַנדיר, צוזאַמען מיטן פּאָליט-טוער האָבן נאָכן איבערלייענען דאָס פּאַפּיר פון דער פלאָרען, אויפן פירער-פאַרשוין א קוק געטאָן; איבעריק צו זאָגן, וויאַזוי דער פאַרשוין האָט א געפאַנגענער, א בא דער האַנט געפּאַקטער, א דעמאַסקירטער, אויף זיך אַליין געקוקט, דאָס הייסט, וואָס פאַר א צורע ער האָט דעמלט געקריגן און וויאַזוי ער האָט, א געשלאָגענער, די אויגן און דעם קאָפּ ניט געהאַט ווו אַהינצוטאָן. דאָס אַלץ איז איבעריק צו זאָגן, ווײַל זעלבסטפאַרשטענדלעך, און געזאָגט דאַרף דאָ ווערן נאָר דער שפּיץ — בעקיצער, און אָט וואָס:

אין דער זעלבער שטאָט, פונוואַנען די פלאָרא האָט געשטאַמט און פון וועלכער זי איז צוזאַמען מיט איר גרופּע פון געטאָ אין וואַלד אַריבערגעשיקט געוואָרן; אין יענער שטאָט, וואָס האָט פריִער, פאַר דער מילכאָמע, געקערט צו פּוילן, און וואָס איז איצט, נאָך איר איז זי אַריבער, צוזאַמען מיט א גרויסן שטיק קאַנט, צו איינער פון אונדזערע מײַרעוודיקע ראַנד-רעפּובליקן, אין יענער שטאָט, אַן אַלטער און באַוווּסטער, מיט א פיליאַרהונדערטיקער געשיכטע, מיט אַלטע ביניאָנים, שלעסער און דענקמעלער, ווו ס'געפינט זיך אויך א היסטאָרישער מוזיי, וועלכער האָט, אַגעוו, בײַס דער מילכאָמע מיט די הײַנטצײַטיקע וואַנדאַלן וואַנדאַליש שטאַרק געליטן און וואָס איצט ווערט ער צוריק אויפגעשטעלט און אין אָרדענונג געבראַכט; אין יענעם מוזיי איז, אַכוץ די ביזאַהעריקע אָפּטיילונגען, וועלכע פאַרמאָגן אויצרעס-עקספּאָנאַטן, ווי אויסגראָבונגען און געפינסן פון שטיין, ביין, בראָנזע, אײַזן און גלאָז, ווי אויך בגאָדים, בילדער, ביכער, דאָקומענטן און שריפטן, פון וועלכע מ'באַקומט א פאָרשטעלונג וועגן די פאַרבאָרגענע טקופעס און צײַטן, איז איצט צוגעקומען נאָך איינע אַן אָפּטיילונג, וועלכע זאַמלט מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער לעצטער צײַט, דאָס הייסט פון דער אָקאָרשט-ערשט נעכטן פאָרגעקומענער מילכאָמע דאָ, אינעם היגן קאַנט, סײַ פון דער אָפענער און סײַ אויך פון דער אונטערערדיש-געהיימער.

און אָט: צווישן די פאַרשיידענע שוין אָנגעזאַמלטע מאַטעריאַלן פון יענער נײַער אָפּטיילונג: צווישן פלוגבלעטלעך, אויפרופן, פּלאַקאַטן, בראָשורן, בריוו, טאָגביכער פון די אונדזעריקע, און פאַרקערט, די זעלבע פון סוינע, קאָן מען דאָרט איצט טרעפן אויך איינעם א פּראָטאָקאָל פון א געריכט איבער איינעם א פאַרעטער — די באַווײַזן פון פאַרעטער אויף זיך צו פאַרטיידיקן און דאָס איידעס-זאָגן פון אַנדערע צו זײַן באַשולדיקונג; אויך דער אורטייל און וויאַזוי ער איז אויסגעפירט געוואָרן, פאַרגעשטעלט אין א פּאָר בײַגעלייגטע פאָטאָגראַפישע בילדלעך פון א ווייניק-דערפאַרענעם וואַלדישן פאָטאָגראַף און פון א שלעכטן אַפּאַראַט געמאַכט, אויף שלעכט, אָרעם פּאַפּיר און אויך צאָרעדיק, אומבאַהאָלפן טושירט.

דאָך קאָן מען זען אויף איינע פון יענע בילדלעך א שטיק וואַלדישן לאַנדשאַפט, וואָס ווי קליין דער פאָרנעם זײַנער איז ניט, קאָן מען פונדעסטוועגן באַקומען א פאָרשטעלונג פונעם וואַלד אינגאַנצן, ווי פון אַזאַ, וואָס דערמאָנט די באַוווּסטע וועלדער פון א מיזרעך-אַפריקע, יענע אוראַלט-פינצטערע, ווו אויף די הויך-ריזיקע און פאַרמאַכטעביימער האַלטן זיך אויף די קליין-קריפּלדיקע האַלב-מענטשלעך, האַלב-כײַעס — די פּיגמייען.

אויף איינעם א בוים, זעט מען, הענגט א מענטש, אין דער „פּאָזע" ווי אַלע אויפגעהאַנגענע. און לעבן דעם טליִע-בוים, בא א זײַט, שטייט א גרופּע מיידלעך איינס לעבן איינס, און די סאַמע ערשטע, די אַמערסט אָנגעזעענע אויפן בילדל, איז די אונדזער באַקאַנטע, די

הויכפּיסיקע פֿלאָרא, אין פּאַרטיזאַנישן „פּוך" אָנגעטאָן: אין וואַטאָווע הויזן, אין פֿוישטן אַרײַנגעלאָזט, אין אַ קורץ וואַטאָווע רעקל און מיט אַ ביקס אַפֿן רוקן איבערגעוואָרפֿן.

יאָ, דאָס איז טאַקע זי, צוזאַמען מיט די אַנדערע פֿון דער גרופּע, וועלכע זײַנען גליקלעך פֿון דעם פֿירער-פּאַרשוין אין וואַלד געבראַכט געוואָרן, ניצל געוואָרענע פֿון דער געפֿאַר אויסגעגעבן צו ווערן פֿונעם זעלבן; און וואָס, פֿאַרקערט, ער, דער פּאַרשוין אַליין, איז פֿון אַ פֿירער אַ פֿאַרפֿירטער געוואָרן, האָט זיך — אַ שײנע, רײנע קאַפּאָרע אַרײַנגעכאַפּט און האָט באַקומען פֿון די געהעריקע הענט, וואָס איז אים געהעריק געקומען...

— קיין יויוודו — קאָן מען איבערלייענען פֿון פֿלאָרעס גלײַכגילטיקן בליק אַף יענעם בילדל, בײַס זי קוקט אַרויף צום געהאַנגענעם.

יאָ, דאָס האָט דער קאָמאַנדיר זי מיט אירע באַווערטעס צום סאַמע פֿון פּאַרנט פֿון דער טליע אַרויסגערוקט, קעדיי זיי זאָלן גלײַך צום אָנהייב שוין האָבן דורכגעגאַן אַ שטיקל שול, וואָס לערנט, וויאַזוי קיין ברעם טאָר זיך ניט קיין קרים טאָן אין אַלע יענע פֿאַלן, ווען מ'האָט צו טאָן מיט אַ סוינע, אַ פֿאַרעטער.

דאָ האָט, אַגעוו, דער קאָמאַנדיר באַזונדערס אין זינען געהאַט די פֿלאָרא, וועלכע ער האָט אַפֿן סאַמע פֿון פּאַרנט, אַמנאָענטסטן צום בוים אַוועקגעשטעלט, איבער אײנער אַ סיבע, און אָט איבער וואָסערער: ווען זי איז אַהער געקומען מיטן פֿירער-פּאַרשוין און האָט אין זײַן אָנוועזנהײַט אינעם נײטיקן מאָמענט, אײַליק, מיט ציטערדיקע הענט, דאָס פּאַרנײטע אָרט אין איר בעגעד אויפֿגעריסן, אַף אַרויסצוציִען די שיפֿר-שריפֿט, האָט דער קאָמאַנדיר באַמערקט, ווי צוזאַמען מיט דער שריפֿט האָט זי אַרויסגעכאַפּט עפּעס נאָך אַ זאַך — אַ פֿינגערל, מעג ער שווערן, — וואָס זי האָט באַלד מיט דער צווייטער האַנט פֿאַרנומען, וועלנדיק דאָס אויסבאַהאַלטן פֿאַר פֿרעמדע.

אַז ער האָט בײַ איר דערנאָך, נאָך פֿאַר דער עקזעקוציע, אַ פֿרעג געטאָן: וואָס האָט זי דעמלט, בײַס זי האָט זיך אַזוי געײַלט, געוואָלט פֿאַרשטעלן, אַרויסבאַקומענדיק דעם שיפֿר, האָט זי אים געענטפֿערט: אַ פֿינגערל.

— וועמענס? — האָט ער ווײַטער שטרענג געפֿרעגט, וועלנדיק איר צו וויסן געבן, אַז פֿאַר קיין קאָמאַנדיר טאָרן קײנע אויסבאַהאַלטענישן ניט זײַן.

— מײַנס, — האָט זי געענטפֿערט, — אַן אָנדענק פֿון מײַן טאַטן.

— און צי ווייסט זי, — האָט ער בײַ איר ווידער געפֿרעגט, — אַז דאָ געדענקט מען ניט קיין טאַטן, און אַז מ'געדענקט בלויז אײנס — צילן, שיסן און טרעפֿן?

— יאָ, — האָט זי געענטפֿערט. — זי ווייסט. אָבער דאָס וועט איר ניט שטערן, נאָר פֿאַרקערט, העלפֿן אין איר לערע, אין וועלכער זי האַלט ערשט בײַם ערשטן טראַף...

דעמלט האָט דער קאָמאַנדיר זי עטוואָס מער דערנעענטערט און איר מער אויפֿמערקזאַמקײַט אָפּגעגעבן, ווי אַנדערע, און די ערשטע לעקציע, וואָס ער האָט איר דערלאַנגט בײַ דער ערשטער מעגלעכער געלעגנהײַט, איז געווען די, וואָס האָט זיך צוערשט געלאָזט דערלאַנגען: אויספּרוּוון זי אַף מוט, ווען זי וועט דאַרפֿן נאָענט שטיין בײַ אַזאַ זאַך, וואָס אין אַנדערע אומשטענדן ווערן אַפֿילע מער מוטיקע אַמאָל מוטלאָז...

* * *

זי האָט אויסגעהאַלטן, פֿלאָרא, דעם פּרוּוו, און ניט נאָר דאָס; זי האָט ניט נאָר די ערשטע איר געגעבענע לעקציע גוט באַנומען, נאָר אײנס נאָך אײנס אַלץ, וואָס האָט זיך פֿון איר אין די אויפֿשטענדלערישע וואַלד-באַדינגונגען געפֿאָדערט, ביז אַרויסצווײַזן זיך פֿאַר אײנע פֿון די פֿלינקסטע, פֿעיִקסטע אַף אַלע הענט אויפֿגאַבן, וועלכע יעדער אײנער דאָרט האָט אויסצופֿילן, סײַ וואָס ער נעמט אַף זיך פֿון אײגענער איניציִאַטיוו, און סײַ פֿון די, וואָס די העכערע קאָמאַנדשאַפֿט שטעלט פֿאַר אים, אים באַפֿולמעכטנדיק.

זי האָט זיך אויסגעטײלט, אויסגעצייכנט אַזוי, אַז אין אַ קורץ שטיקל צײַט אַרום וואָלט אײנער, וואָס האָט זי געקענט פֿון ערשט ניט לאַנג אין געטאָ, זיך ניט געגלייבט, אַז דאָס איז די זעלבע — די, וואָס ווען מ'האָט באַדאַרפֿט, האָט זי זיך בליץ-שנעל אַף אַ פֿערד געטראָגן; ווען מ'האָט באַדאַרפֿט צופֿוס אָנגרײַפֿן, איז צופֿוס, אָן מידקײַט, און ניט צו ציילן די טעג און נעכט, ווען מ'האָט יאָ גערוט, ווען ניט; און ווען מ'האָט באַדאַרפֿט, האָט זי געקאָנט אָפּליגן געדולדיק, מיט קיין אײווער ניט רירנדיק און ניט אַרויסווײַזן זיך מיט קיין שום באַוועגונג, שאָענווײַז ערגעץ אין אַ לאָקער פֿאַר אַ דיווערסיע-אַקציע, ווען ס'פֿאָדערט זיך באַזונדערס זײַן שטיל און פֿאָרזיכטיק.

מיט אײנעם וואָרט, זי האָט זיך אויסגעצייכנט אַזוי, אַז דער קאָמאַנדיר, דער יונגער, פֿאַרדרײַסיקיאָריקער רוס, דער גראָדער און דראָטיקער, מיט די איבערגעקרייצטע

רימענס אַף דער ברוסט און אַפֿן רוקן, האָט אײנמאָל אין אַ גוט־אויפֿגעלײגטער שעה, נאָך אַ שלאַכט־דערפֿאָלג, און האָבנדיק אויסזיכטן אַף נאָך גרעסערע דערפֿאָלגן, קוקנדיק אַף איר, ווען ער איז מיט איר אַלײן געבליבן, איר אַ זאָג געטאָן אין ברידערלעכער אויפֿגעלײגטקײַט:

— עך, דו פֿלאָרא, פֿײַנע מויד... צי ווײסט זי, אַז ווען ניט דאָ און ווען ניט איצט, וואָלט ער איר געהאַט פֿאָרצולײגן אײנעם זײַנעם אַ גאָר נאָענטן באַקאַנטן אַף לעבנסלאַנגער שוטפֿעס...

פֿלאָרא האָט פֿאַרשטאַנען, וואָס דער קאָמאַנדיר מײנט, אָן איבעריקע אויסטײַטשונגען, און ווען ער האָט איר דערצו נאָך, נאָך די נאָרוואָס געזאָגטע ווערטער, אַ האַנט אַפֿן אַקסל אַרופֿגעלײגט, אָן דערקלערונגען און אַ ביסל ניט ווי זײַן שטײגער אַ ראָמאַנטיש־פֿאַרטראַכטער, האָט זי זיך בעקאָוועדיק אַ דרײ אויס געטאָן פֿון אונטער זײַן האַנט, האָט גאָרנישט ניט געזאָגט, נאָר די טײַטש פֿון איר אויסדרײ איז געווען:

ריכטיק, ניט איצט איז די צײַט און ניט דאָ דאָס אָרט פֿאַר אַזוינע פֿאָרשלאָגן...

ווײַל ווירקלעך: ס'איז געווען שניט־צײַט, שוין ערעוו דעם, ווען מ'האָט באַלד באַדאַרפֿט אַראָפּנעמען דאָס אויסגעוואַקסענע מיט געזאַנג, נאָכדעם, ווי מ'האָט אַזוי בלוטיק פֿאַרזײט אין אַזאַ טרויער. ס'איז געווען ערעוו ניצאָכן, ווען אָט באַלד־באַלד וועט די ווירקלעכקײַט שוין האָבן איבערגעגאַן אין אַ לעגענדע, וועגן וועלכער יעדער אײנער מער ווײניקער אָנטײלנעמער און שפּעטער אירער וועט זיך האָבן געגנוג־געגנוג אָנצודערצײלן, און וועגן וועלכע אויך זי, פֿלאָרא וועט האָבן געגנוג, ווי אַן אָנטײלנעמערן.

זי וועט דאָס אויך טאָן... זי האָט דאָך צו דערצײלן ניט נאָר וועגן די פּאַסירונגען פֿון ביז אַהער, ביז זי איז אין וואַלד אַרײַן, דעם וואָס דאָס איז, דעם עמעס געזאָגט, בײַ איר ניט מער ווי בלויז אַן אַרײַנפֿיר צום איקער, נאָר דעריקער טאַקע וועגן דער רעכטער־גערעכטער אויפֿשטענדלערישער טעטיקײַט, צו וועלכער זי האָט אַלײן געשטרעבט און אַף וועלכער זי האָט בײַ איר טאַטן אַ בראָכע געבעטן, און ניט נאָר בײַ איר טאַטן, נאָר בײַ אַלע אירע אָוועס־אָוויסײנו — בײַ אירע עלטערנס עלטערן, ביז אַפֿילע אַ רוף צו דער מוטער דווירע, דער אַמאָל־אַמאָליקער פֿאָלקס־זינגערן...

נו, און דערווײַל אָבער, ביז וואָס־ווען, ביז זי וועט זיך דערפֿאַר נעמען און ביז מיר וועלן פֿאַר די אויגן האָבן איר קינפֿטיקע שריפֿט און וועלן זיך איבערצײלן מיט דעם, וואָס זי האָט אונדז שפּעטער צו זאָגן, שטעלן מיר אַ פּונקט און ווילן נאָר צוגעבן אַ פּאָר קלײניקײַטן צו דער ביזאַהעריקער דערצײלונג.

3

יאָ, ווען, ווו און בײַ וואָס פֿאַר אַן אומשטענדן האָבן מיר זיך באַקאַנט מיט אָט דער פֿלאָרא?

— האַ? ווו און ווען.

ס'איז דער נײַנטער מײַ, 1945, אין מאָסקווע.

אין אײנער אַ ייִדיש־געזעלשאַפֿטלעכער אינסטיטוציע, געגרינדעט און אויפֿגעקומען אין מילכאָמע־צײַט אַף זאַמלען און פֿאַרשפּרײטן ידיעס וועגן די אַזוי טרויעריק־באַרימטע מײַסים־טאַטוים פֿונעם סוינע, איז אין אָוונט פֿון יענעם נײַנטן מײַ, לעקאָוועד דעם זיג איבערן סוינע, פֿאָרגעקומען אַ באַל, אַזוי ווי אומעטום און איבעראַל דעמלט בײַ אונדז אין לאַנד, און ניט נאָר בײַ אונדז, נאָר אין אַלע פֿרײַהײַטליבהאָבנדיקע און אין קאַמף מיטן סוינע שטײענדיקע לענדער.

ס'זײַנען אײַנגעלאַדן געווען, פֿאַר אַלעמען, די מיטאַרבעטער פֿון יענער אינסטיטוציע, ווי אויך אַנדערע — פֿון אַנדערע, וועלכע האָבן געהאַט צו דער געגעבענער אַ וואָסערע־ניט־איז שײַכעס, ווי אַקאַדעמיקער, קינסטלער, שריפֿטשטעלער, און דעריקער מיליטער־פֿאַרשטײער, אָנהײבנדיק פֿון די הויכע ראַנגען פֿון אַ גענעראַל, ביז אַראָפּ, אַראָפּ נידעריקער, וועלכע זײַנען דעמלט, אַגעוו, אַלע, אָן אויסנאַם, געווען באַהאַנגען מיט אַזויפֿיל שלאַכט־אויסצײכענונגען, מיט אָרדענס און מעדאַלן, אַז ווען מ'זאָל זײ געווען וועלן נאָך עפּעס־וואָס אָנהענגען, וואָלט שוין, דאַכט זיך, אַף זײערע ברוסטן קײן אָרט ניט געווען. צווישן די מיליטערישע — אויך פֿאַרטיזאַנער פֿון בײדע געשלעכטן — האַלב מיליטעריש אָדער גאָר ציוויל געקלײדט.

3*

ס'איז געווען א געדראַנג און אופגעלייגטער טומל אין דער געבײַדע פון יענער אינסטיטוציע, שוין אונטן, אינעם ערשטן שטאָק, בא דעם גאַרדעראָב און אין אַלע ארבעט-צימערן, אײדער מ'האָט דעם אוילעם אינעם אויבערשטאָק, אין דעם קאָנפֿערענץ-זאַל, ווו אַלעמאָל קומען פאָר מיטינגען און פאַרזאַמלונגען, אײַנגעלאַדן.

ס'איז געווען א זשום, ווי אין א בינשטאָק, ווען באַקאַנטע, באַרוואָס אָנגעפאָרענע פון פאַרשיידענע פראָנטן מיליטערלײַט, וועלכע האָבן זיך לאַנג ניט געזען איינס מיט איינס נאָך לאַנגער צעשיידונג, האָבן זיך איצט אפסנײַ באַגעגנט צווישן זיך און אויך מיט ציווילע, וואָס האָבן די גאַנצע מילכאָמע-צײַט, צוליב מילכאָמע-צוועקן, אין הינטערלאַנד פאַרבראַכט.

ס'איז געווען יאָמטעוו אף אַלעמען. און ווען שפּעטער איז דער אוילעם אין אויבערשטאָק ארופגערופן געוואָרן, ווו מ'האָט אין דעם דערמאָנטן קאָנפֿערענץ-זאַל זיך געטראָפן פאַר לאַנגע, רײַך-געדעקטע טישן, אויסגעשטעלט בא די דרײַ ווענט פון זאַל אין א פאָרם פון א כעס; און ווען דער אוילעם האָט זיך אהין גענומען אײַנציקווײַז, פּאָרלעכווײַז און גרופּעסווײַז צונויפגיין, אזוי האָט מען געקאָנט זען, ווי צווישן די עטוואָס שפּעטער און צום לעצט ארײַנגעקומענע האָט זיך באַוויזן עפּעס נאָך איינע א פאָר — אן עטוואָס נידעריק-פעסטער מאַנצבל, שוין ניט קיין יונגער, מיט הויכלעכע שטערן-ווינקלען, אָבער נאָך מיט שוואַרצלעכע שוואַקס-אויגן און א ביסל פרעמדלעך-בעריש אין זײַן האַלטונג; און בא זײַן זײַט — א יונגפרוי — אזא, וואָס זי ניט צו באַמערקן איז אפילע צווישן גאָר גרויסן אוילעם געווען אויסגעשלאָסן און ניט שײַעך.

דאָס איז געווען בערל בענדער און פלאָרא, וועלכע האָבן, נאָכדעם ווי אויך בערל איז ארויס פון געטאָ, זיך צוזאַמענגעפּאָרן אין איינעם און א זעלבן טייל פון אן איינער און דער זעלבער וואַלד-מאַכנע. זיי האָבן זיך פיל פריער באַפרײַט, ווי די שלאַכטלײַט פון דער רעגולערער אַרמיי, דעמלט, ווען די לעצטע האָט זייער קאַנט אריבערגעשפּאַנט, ציִענדיק אף מײַרעוו, און אין זיי, אין די אונטערערדישע אופשטענדלער, האָט מען זיך שוין ניט איבעריקס געניײטיקט. מ'האָט זיי פון זייערע שלאַכט-ערטער און פּאָסטנס אף רו צעלאָזט. ווער ס'איז אהיים אוועק, איז אוועק, און ווער ס'האָט קיין היים ניט געהאַט, ווי אָט אזא בערל און פלאָרא, וועלכע האָבן, ווי פיל, אַלץ אָנגעווירן, האָבן זיך געלאָזט, וווּהין ווער ס'האָט געוואָלט.

די לעצטע האָבן באַגערט קיין מאָסקווע. מעגלעך, צו קרויווים, מעגלעך, צו פרײַנט, און מעגלעך, אז אַליין צו דער שטאָט, וואָס איז זיי אי א פרײַנט, אי א קאָרעוו.

א סוואָרע, אז פלאָרא האָט טאַקע דאָ אָנגעטראָפן אף קרויווים, ווײַל קוקנדיק אף איר איצט, ווען זי האָט זיך צווישן די פאַרשפּעטיקטע אין זאַל ארײַנגעשטעלט, האָט מען געקאָנט זען, אז זי קומט פון א שטוב און פון, ווי ס'ווײַזט אויס, א פאַרמעגלעכער שטוב, ווײַל איר אָנטאָן, אויסזען און באַל- און סאַלאָן-פעיִקײַט האָט ארויסגערופן כידעש ניט נאָר בא מענער, נאָר אויך בא אַלע די דאָ בײַזײַענדיקע פרויען, וועלכע האָבן קיין „וואַלד" אין די אויגן ניט געזען און צו פאַרטיזאַנען-פּראַקטיק קיין שײַכעס ניט געהאַט.

זי האָט אויסגענומען ניט נאָר מיט איר אויסערלעכקײַט, נאָר מיט זיך אַליין. אגעוו, אויך דאָס אויסערלעכע האָט דאָ צוגעהאָלפן... צי זי האָט צופעליק אף אזא קלייד אָנגעטראָפן, קומענדיק אין קליידער-מאַגאַזין, צי זי האָט ספּעציעל טאַקע געזוכט אזא, נאָר ס'האָט זיך געמאַכט, אז סײַ דאָס שטאָף, סײַ דער קאָליר, סײַ דער פאַסאָן זײַנען ענלעך געווען אף יענע, וואָס איר פאָטער האָט, ווי מיר געדענקען, איר ספּעציעל געלאָזט נייען צום ארויסלאָז-באַל אין שול, ווען זי האָט זיך נאָך א גליקלעך קינד אונטער זײַן שוץ-פליגל געפונען, — מיט דעם זעלבן גורט פון זעלבן ווײַסן שטאָף אף הינטן, אפן רוקן געבונדן מיט צוויי עקן ביז אראָפּ צום זוים פון קלייד אראָפּגעלאָזט.

זי האָט שוין גלײַך, ווי זי איז ארײַן, די מערסט-גרעסטע אופמערקזאַמקײַט פון קימאַט אַלע זי דערזעענדיקע געצויגן — אף אזוי ווײַט, אז אייניקע האָבן זיך גענומען צו איר שאַרן, געענטער אונטערקומענדיק, און אייניקע, פון דעם ערשט נאָך בא אונדז אַלט-פאַרבליבענע עסטעטישע סנאָבן, האָבן פון גרויס היספּײַלעס גענומען זוכן א פאַרגלײַך צו איר ניט אין אונדזער דאָר, נאָר ערגעץ גאָר אין דער געשיכטע.

— זעט, — האָט אזא איינער א זאָג געטאָן, — ס'איז דאָך א הענריעטע הערץ פון אַמאָליקן דײַטשישן שטורעם-און-דראַנג-פעריִאָד; דאָס שלעגל-ווײַב, וואָס א גאַנץ גייענדיקער דאָר ראָמאַנטיקער האָבן געקלעפּט ארום איר, ווי פליגן ארום זיס...

— און אזוינס האָט פאַרטיזאַנעוועט, — האָט געזאָגט א צווייטער, — צום דײַטשס קאָפּ און צו זײַן פאַרשריגענעם יאָרהונדערט.

מ׳האָט זיך אויסגעזעצט בײַ די רײַך-געגרייטע טישן, פֿול מײַכאָלים און מאַשקע לע־קאָוועד דעם יאָמטעוו...

בעראָש, בײַ דעם ערשטן מיטלסדיקן טיש, האָט מען געקאָנט זען די אַמערסט בעקאָ־וועדיקע מעכוטאָנים, אַזוי צו זאָגן, פֿון דער הײַנטיקער פֿײַערונג — די מיליטערישע, וואָס זיי די ערשטע זײַנען אויך באַערט געוואָרן די ערשטע טאָסטן צו האַלטן.

מ׳האָט גערעדט און געהויבן דעם קאָס, צוערשט, נאַטירלעך, פֿאַר די אָנפֿירער און אָרגאַניזאַטאָרס פֿונעם צווישנפֿעלקערלעכן זיג, דערנאָך פֿאַר די פֿעלקער אַליין, דערנאָך פֿאַר די מעסירעסנעפֿעשדיקע קעמפֿנדיקע אַרמייען, און יעדער מיליטערישער האָט פֿאַר די קורצע מינוטן, וואָס זײַנען אים אויסגעטיילט געוואָרן אויף זײַן וואָרט, געהאַט צו ברענגען אַ היפּש ביסל גאָר געהויבענע בײַשפּילן פֿון זײַן אייגענער שלאַכט-פּראַקטיק, ווי אויך פֿון זײַנע נאָענטע און אין זײַן רעשוס זיך געפֿינענדיקע מיטהעלפֿער, וועלכע האָבן באַוויזן, ווי ווײַט מוטיק, דרייסט אַלע, אָן אויסנאַם, ווער ווו, אויף וואָס פֿאַר אַ פּאָסטן ער איז ניט געווען געשטעלט און אַ וואָס פֿאַר אַן אויפֿגאַבע ער האָט ניט געהאַט אויסצופֿילן, האָט מען געטאָן און אויסגעפֿילט, ניט געדענקענדיק אין זיך, ניט אין זינען האָבנדיק זײַן אייגן לײַב און נעפֿעש, אַבי דער אַלגעמיינער זאַך פֿון זיג זאָל דאָס דינען, און אַבי דער סוינע זאָל מיט בלוט-פֿאַרלאָפֿענע אויגן וואָס גיכער, וואָס גיכער זײַן אייגענע ענדגילטיקע מאַפּאָלע דערזען.

ס׳האָבן גערעדט אויך ניט-מיליטערישע, וואָס האָבן בײַם דער מילכאָמע אין הינטער־לאַנד געהאַט צו טאָן און וואָס אויך זיי האָבן געהאַט גענוג וואָס צו דערציילן.

מ׳האָט אַ וואָרט געגעבן אויך בערל בענדער, ווי אַ פֿאָרשטייער פֿון אונטערערדישע אויפֿשטענדלער, צו וועמען מ׳האָט זיך באַזונדערס צוגעהערט, ווי צו איינעם אַ זייער באַשיי־דענעם העלד צווישן נאָך אַזוינע, ווי ער, העלדן, וואָס אָן שליפֿעס, אָן אַמוניציע, אָן גע־ווער, נאָר מיט הוילע הענט קימאַט זײַנען זיי אויסגעטראָטן קעגן אַ פֿון קאָפּ ביז די פֿיס באַוואָפֿנטן סוינע, און וואָס צו באַזינגען אָט די העלדישקײַט זייערע וועלן זיך פֿאָדערן גאָר באַזונדערע מינים מינע-זינגער און באַרדן.

דעמלט איז געגעבן געוואָרן אַ וואָרט צו אַ טאָסט אויך פֿלאָרען, ווי אַ פֿאָרשטייערן פֿון פֿרויען העלדן, וואָס איז נאָך מער כידעש, און וואָס ווען זי האָט זיך נאָר פֿון איר אָרט אַ הייב געטאָן און זיך אַ שטעל געגעבן מיט אַ זײַט אַ ביסל, געווענדט ניט נאָר צו די, וואָס זײַנען בײַ איר טיש געזעסן, נאָר צו אַלע, אַלעמען אין זאַל, אַזוי איז שוין דער אוילעם, נאָך אײדער ער האָט פֿון איר אַ וואָרט דערהערט, גרייט געווען צו אַפּלאָדירן — אַליין איר וווּקס, אַליין איר האַלטונג, אַליין איר אויסזען, וואָס איז זיך קלאָר ניט געווען פֿאַרצושטעלן, אַז זי, אַזאַ, איז ערשט פֿון וואַלד און פֿון יענער האַרבער אויפֿשטענדלערישער ווירקלעכקײַט אַרויסגעקומען.

זי האָט זיך אַ שטעל אויף געטאָן, און דערזעענדיק זיך אין אַן אייגנשטאַמיקער סוויווע, פֿון וועלכער זי איז אַ צײַט געווען אָפּגעריסן, האָט זי אַ רעד געטאָן אויף איר אייגן לאָשן, פֿון וועלכן זי איז שוין אויך אַ צײַט אין וואַלד זײַענדיק, געווען אָפּגעוווינט, אַזוי אַז אַלע האָבן זיך גענומען פֿאַרגאַפֿט גרויסן סײַ מיט איר אַליין, סײַ מיט דעם, וואָס דער פֿאָלקס־קוואַל האָט ניט אויסגעטריקנט, זעענדיק דאָ אַ סימען, אויך נאָך אַזאַ בראָך, וואָס האָט אונדז געטראָפֿן, זײַנען נאָך, צום גליק, אונדז פֿאַרבליבן אַזוינע טעכטער מיט אַזאַ אויסזען, מיט אַזאַ שטעל אין מויל.

אַז זי האָט, פֿאַרבײַגייענדיק, דערציילט אַ פּאָר עפּיזאָדן פֿון איר פּאַרטיזאַנען-פּראַקטיק, האָט עס דעם אוילעם אַזוי אויפֿגעריסן, אַז מ׳האָט זיך, אומבאַמערקט פֿאַר זיך אַליין, אַלע פֿון די ערטער אויפֿגעהויבן, קעדיי זיך בעסער אין איר אײַנצוקוקן און קעדיי זי בעסער צו הערן.

מ׳איז געשטאַנען מיט אָפֿענע מײַלער און געוואַרט, זי זאָל ווײַטער און נאָך דערציילן, מיט אַזאַ דאָרשט, בײַגעריקײַט און פֿאַרכאַפּונג, ווי דאָרשטיקע קוקן אַמאָל, לעכצנדיקע נאָך רעגן.

דעמלט האָט זי גענומען ריידן אויך וועגן דער געטאָ, אויפֿקלערנדיק דעם אוילעם, וועל־כער האָט ניט געוווּסט, וואָס דאָס איז אַזוינס — וואָס מיט דעם וואָרט איז געמיינט, זאָגנדיק דערבײַ, אַז ווען ס׳זאָל מעגלעך געווען זײַן אַנדעריש, דאָס הייסט, ווען די אומשטענדן, וואָס דער סוינע האָט געשאַפֿן אויף ניט צו דערלאָזן צו קיין יידישער העלדישקײַט, וואָלט, מעג־לעך, יעדער אומגעבראַכט קינד אָדער זאָקן געלאָזט נאָך זיך אַזאַ באַוווּנדערנדיקן בײַשפּיל, וואָס וואָלט שווער געווען אים צו נאָכטאָן.

— און דערום, — האָט פֿלאָראַ געזאָגט, פֿאָדערנדיק ערע פֿאַר דער דערמאָנונג פֿון געטאָ, וועלכע האָט ניט באַוויזן אָפּצוגעבן בעפֿויעל דאָס, וואָס זי האָט פֿאַרמאָגט בע־קויעך, — לאָמיר פֿאַר איר די קעפּ פֿאַרנייגן...

דעמלט האָט פלאַרען אויסגעפּעלט לאַשן פון פאַרערנדיקער שטילקייט, וואָס האָט א ווײַלע געהערשט אין זאַל.

דעמלט, ווידער, האָט זי אופגעהויבן די ר'עכטע האַנט, וואָס אפן פאַרלעצטן פינגער, האָט מען געזען, האָט זי עפּעס א פינגערל געהאַט, און אראָפּנעמענדיק עס מיט דער לינקער האַנט, האָט זי דאָס הויך געהאַלטן ווי אף צום שעצן און צום באַווײַזן, און קערווענדיק זיך צום פרויען-טייל פונעם אוילעם, וואָס האָט זיך אין זאַל געפונען, האָט זי א זאָג געטאָן:

— שוועסטער, דאָס איז א ירושע-פינגערל פון מײַן טאַטן, וואָס איז אומגעקומען, און וואָס געבנדיק דאָס מיר, האָט ער ווי געפּאָדערט א כיוון — אופצושטעלן א דאָר, וואָס זאָל ווערט זײַן ציִען דעם פּאָדעם פון אונדזער פאָלקס-קיום. לאָמיר, שוועסטער, — האָט זי געזאָגט און האָט ווידער מיט דער לינקער האַנט דאָס פינגערל אף דער רעכטער אָנגעטאָן, ווי פאַרקנאַסנדיק זיך אַליין צום געגעבענעם צוזאָג, וואָס זי האָט אָקאָרשט אַרויסגעבראַכט.

דאָ האָט עס דעם אוילעם אופגעריסן.

— יאָ, שוועסטער, — זײַנען אייניקע צו איר צוגעפאַלן און זיך גענומען מיט איר קושן.

און אַז שפּעטער, ווען די טאָסטן האָבן זיך אויסגענומען, די סודע האָט זיך געענדיקט און דעם אוילעם איז געווען לופט אונטער דער הויט אַרונטערגעקומען אף ניט צו באַנוגענען זיך בלויז מיט דעם בײַזאַהעריקן און מ'האָט געוואָלט נאָך און מער ראַשיקער פאַרברענגען, אַזוי האָט די דינערשאַפט דאָס געשיר, די לאַנגע טישן, בענקלעך, שטולן פון זאַל אַפּירגענומען און געמאַכט אָרט פאַר פאַרווײַלונג.

דעמלט האָט זיך איינער א מוזיקאַנט געזעצט צום אינסטרומענט, וואָס האָט זיך באַשטענדיק אף אַזוינע פאַלן אין זאַל געפונען, און באַלד האָט ער איבער די קלאַווישן מיט בײדע הענט אַן אופמונטערנדיקן גיי געטאָן און דער אוילעם האָט דערהערט, אַז ער ווערט צום טאַנץ אײַנגעלאַדן.

באַלאָנים האָבן זיך געפונען גענוג. צום ערשט אָבער האָט דער אוילעם טענצער זייער באַגער אָפּגעהאַלטן, דערזעענדיק, ווי צווישן אַלערליי פּאָרלעך האָט זיך באַוויזן א פּאָר, וואָס מ'האָט זיי דעם ערשטן קאָוועד און די ערשטע אופמערקזאַמקייט געמוזט אָפּגעבן, אַליין זיך דערווײַל אָפּהאַלטנדיק פון טאַנצן.

דאָס איז געווען בערל בענדער מיט פלאָרען, וועלכע איז איצט פון איר ענגסטן, פון איר נאָענטסטן, פון דעם, וואָס זי האָט מיט אים אַזאַ שטיק געטאָ, וואַלד און געפאַר-געשיכטע דורכגעמאַכט, אײַנגעלאַדן געוואָרן.

דער אוילעם האָט זיי אַרומגעשטעלט. מ'האָט געהערט, ווי בערל, איר „קאַוואַלער", האָט איר א זאָג געטאָן: „פלאָרא, — אונדזעריקס...".

דעמלט האָט ער מײַסע קאַזאַק אַרום איר אין א רעדל גענומען אַרומגיין... ער האָט אף א ניט-ייִדישן אויפן צוערשט די רעכטע האַנט צו דער רעכטער זײַט פּאָטיליצע א הייב געטאָן, גייענדיק פּוסטראָט און קײַלעכיק אַרום איר, וועלכע האָט אים צוגעשמייכלט, אים אונטערגעגעבן, אים צופליעסקענדיקע, און א שמייכלענדיקע, מיט אים מיטגעטאַנצט.

דעמלט האָט ער געביטן די רעכטע האַנט אף דער לינקער, און האַלטנדיק זי אף דער לינקער זײַט פּאָטיליצע, האָט ער דורכגעמאַכט דאָס זעלבע — דאָס מאָל מיט געבויגענע קני, אין האַלב-וווּקס די גרייס און ווי זיצנדיק געטאַנצט.

אויך זי האָט אים נאָכגעטאָן: אים געלאָזט שטיין ווי אינמיטן א קרײַז און זי האָט זיך אַרום אים געדרייט פּוסטראָט און קײַלעכיק, און מיט אַלע יענע האָווײַעס, וואָס ווײַזן אף העפקער און אף גאָטס באַראָט, ווי מ'זאָגט, און אַז אַזוינע טענץ ווערן ניט אין קיין זאַלן, נאָר אף הוילער ערד ערשט רעכט-גוט אויסגעטאַנצט.

דער אוילעם האָט אַוואַדע זיי באַגײַסטערט און באַדאַנקט. מ'האָט אָבער געזען, אַז בערל איז בלויז א כאַווער, אָבער ניט קיין פּאָר, מאַכמעס זײַן עלטער און מאַכמעס ער איז שוין צו סאָליד פאַר איר...

און דערפאַר, שפּעטער, אַז מ'האָט אופגעשפּילט, אײַנלאַדנדיק צום צווייטן טאַנץ, האָט זיך שוין דער ריכטיקער געפונען — א מיליטער-יונג, וואָס מ'פרעגט אף אים, א קאַוואַלעריסט, דאַכט זיך, מיטן קנאַק און מיט שפּאָרן.

דעמלט האָט מען א טאַנץ געטאָן מאָדערן — אַזאַ, צו וועלכן די יוגנט איז געוווינט און בײַ וועלכן זי פילט זיך אין איר סטיכיי.

דעמלט האָט פלאָרא, אַרופלייגנדיק א האַנט אפן קאַוואַלערס אַקסל, שוין דעם ערשטן גאַנג, וואָס זי האָט געמאַכט, באַוויזן אַזאַ „קלאַס", אַז דער גאַנצער, זײַטיקער, ניט-טאַנצנדי-

קער אוילעם האָט זיך אין שפּאַליערן אויסגעשטעלט, וואַרטנדיק, זי זאָל זיך פאַרבײַטראָגן און מ'זאָל זי וואָס גיכער באַגלייטן אין הויז אַרײַן.

ס'איז שוין דאָפּקע געווען אויף וואָס צו קוקן: ווען דעם קאַוואַלערס האַנט אויף איר טאַליע און אירע — אויף זײַן אַקסל, און ווען פון אײנעם אַ פינגער פון איר זילבער האָט זיך אָלעמאָל, ווען זי האָט זיך פאַרבײַגעטראָגן, אַ ווינק געטאָן דאָס פינגערל, וואָס האָט איר אַזויפיל כּיין געגעבן, און באַזונדערס נאָך, ווען מ'האָט זיך דערמאָנט, פונוואַנען ס'שטאַמט און אַז ס'דינט פאַר אַ געדעכעניש פון איר פאָטער, וועגן וועלכן זי האָט אין איר טאָסט געזאָגט.

— לעבן זאָל אָזאַ! — האָבן געזאָגט, ניט געזאָגט, נאָר געטראַכט אַלע אין די שפּאַליערן שטייענדיקע עלטערע, זעענדיק פאַר זיך אַ קינד, וואָס פאַרשעמט ניט קיין עלטערן, און וואָס איז פאַרקערט — זיי אַ צירונג.

— מיידל־טרומף!... שוין יענץ מיידל! — האָבן נאָכגעקוקט יונגע מיט קינע נאָך דעם, וואָס ער האַלט זײַן האַנט אויף איר טאַליע און האָט זי לעבן זיך אַזוי נאָענט.

אין אווירע נאָר, זאָגן מיר דאָ, וואָס צווישן די אין די שפּאַליערן שטייענדיקע האָט זיך דעמלט ניט געפונען נאָך אײנער אַ צווייטער, — דאָס מיינט מען פלאַרעס פאָטער, וועלכער וואָלט אויך איצט, ווי דעמלט, ווען ער האָט זי געזען בײַסן אַרויסלאָז פון שול, באַשיידן צווישן אוילעם זיך געווּס פאַרוקט און פון ניט ווילן איר געבן קיין אײַנהאָרע — זיך געמאַכט ניט זעענדיק. אַ שאָד, אַ שאָד...

און ס׳ווערט רער טאָג נאָך העלער

איר זאָלט אונדז, פראַנטאָוויקעס, לעבן לאנג!

אפֿן רייכסטאַג דער ערשטער זיך צעשריבן,
זײַן כסימע האָט געבלאַנקט מיט טויזנט
ליכט, —
נאָר ווען ס׳איז מאכן בלויז איין שפּאַן
געבליבן, —
א קויל געטראָפֿן האָט אים אומגעריכט.

געטשאַטשעוועט עס האָבן נאָך די סאָנים,
זיך צילנדיק פֿון מײַז-לעכער געהיים, —
נאָר ס׳האָבן שוין געגרייט זיך עשעלאָנען,
די פראַנטאָוויקעס אָפּפֿירן אהיים.

די גאנצע וועלט געשלונגען האָט די בסורע
מיט זיג האָט זיך פֿארענדיקט דער געפּעכט, —
נאָר וויפֿל נאָך מע האָט געבראַכט צו קוורע
אף אייביק אין דער קאַלטער, פֿרעמדער ערד!...

אהיים די זיגער זײַנען זיך צעפֿאָרן,
זיך קוויקנדיק מיט דעם,
וואָס ס׳איז שוין שטיל, —
נאָר וויפֿל שפּליטערס און אזויפֿיל יאָרן
געטראָגן נאָך באַם הארץ עס האָבן פֿיל!

דעם מאַלכאַמאָוועס אָבער אפּצולאַכעס,
באַ קיינעם איז דער טויט ניט אין געדאנק,
און ס׳איז דער בעסטער ווּנטש,
די בעסטע בראָכע:
איר זאָלט אונדז, פראַנטאָוויקעס, לעבן לאנג!

באַם אָבעליסק

מע רופֿט זיי ניט מיט טעלעגראַמעס,
און ווײַט עס איז דער וועג און שווער, —
אין טאָג פֿון זיג עס קומען מאַמעס
צו אָט די דענקמעלער אין סקווער.

מיט שטילע ווייטיקן, אָן ווערטער
אהער אין טאָג פֿון גרויסן זיג
עס קומען זיי, עס קומען טעכטער
מיט טיפֿן טרויער אינעם בליק.

עס האלטן אײַן דעם רויש דיביימער,
דער ווינט אפֿילע שטעלט זיך אָפּ...
און בלויז צו איינעם קומט ניט קיינער,
קעדיי פֿארנייגן דאָ דעם קאָפּ.

זײַן מאַמע וואָלט אין ווייטיק שטומען,
איר צאַר דעם אָבעליסק פֿארטרויט,
נאָר ווען א קויל האָט אים גענומען,
געווען די מאַמע איז שוין טויט.

די שוועסטער וואָלט אהער געלאָפֿן,
ווי ווײַט ס׳וואָלט ניט געווען איר שטוב, —
נאָר ווען דער טויט האָט אים געטראָפֿן,
זי איז געלעגן שוין אין גרוב.

דער ברודער וואָלט די ערשטע בלומען
אהער, צום אָבעליסק, געבראַכט, —
נאָר ער האָט אויך דעם טויט געפֿונען
אין אן אכזאָריעסדיקער שלאַכט.

נייַן, מע פֿארגעסט אים ניט, כאָלילע,
אהער עס קומען גרויס און קליין
און קאָלעס אנדערע אפֿילע —
מיט אים זיי בלײַבן דאָ אליין.

און ס׳טרעפֿט: ווען פֿון א וואָלקן שווערן
א רעגן רײַסט זיך אָפּ און גיסט, —
דאַן דוכט זיך אויס, אז ס׳רינען טרערן
איבערן שטיין פֿון אָבעליסק...

וווּנדן

אַט קומסטו צו גיין, און אַט ווערסטו פֿאַרשוווּנדן,
דו שעפּטשעסט מיר עפּעס, נאָר כ'גאָרנישט כ'פֿאַרשטיי...
אַ, מאַמע, עס טוען מיר ווײ די־בע וווּנדן,
און כ'האָב ניט מיט וואָס, איך זאָל לינדערן זיי.

עס שטייען די ביימער אין עפּל־צוויט בונטן,
און גרייט איז דער זומער מיר ברענגען זײַן גאָב...
אַ, שוועסטער, עס טוען מיר ווײ די־בע וווּנדן,
געצײַלט כ'האָב צו דיר, נאָר פֿאַרשפּעטיקט איך האָב.

די פֿײַערן האָט שוין די שקיע צעצונדן,
און בלוטיקע פֿלעקן זיך רײַסן דורך שניי...
אַ, ברודער, עס טוען מיר ווײ די־בע וווּנדן,
און כ'האָב ניט קיין זאַלב, וואָס זאָל איסהיילן זיי.

די נאָענט און ווײַט — ווי געקניפּט און געבונדן,
און אַלץ צו באַגרײַפֿן — ווו נעמט מען געדולד?...
אַ, פֿרײַנט מײַנער, ס'טוען מיר ווײ די־בע וווּנדן,
פֿאַרענטפֿערן כ'קאָן ניט מיט גאָרנישט מײַן שולד.

געפֿערטלט מע האָט מיך, צען הויטן געשונדן,
כ'פֿאַרשטיי ניט, ווי לעבן געבליבן איך בין...
און ס'בלוטיקן, בלוטיקן, בלוטיקן וווּנדן,
און כ'ווייס ניט, ווי טוט מען פֿון זיי זיך אַהין...

דער ווײַנשלבוים

דער ווײַנשלבוים געשטאַנען איז באַשאָטן
מיט צוויט, און ווי ניט אָנגענעם זאָל זײַן,
פֿאַרדעקט ער האָט מײַן פֿענצטער מיט זײַן שאָטן,
ניט דורכגעלאָזט צו מיר קיין ברעקל שײַן.

דערנאָך האָט ער זיך אָנגעטאָן אין בלעטער,
און אַ פֿאַרדראָס כ'האָב איך געהאַט דערפֿון:
ווי לאַנג נאָך שטיין אַזוי באַם פֿענצטער וועט ער?
פֿאַרשטעלט ער האָט פֿון מיר די גאַנצע זון!

און איצטער שטייט ער מיט די הוילע צווײַגן,
עס אַרט מיך ווײַער, נאָר איך מוז שוין שווײַגן...

נאָכן דורכקוקן אַ פֿילם וועגן דער נייטראָן־באָמבע

געטראָפֿן ס'האָט מיט מיר אַ־נמיטנדרינען,
און כ'ווייס ניט, וואָזוי דאָס איז געשען,
נאָר ווען כ'האָב אָנגעשטרענגט מײַן גאַנצן זינען,
די וועלט איז שוין ערגעץ ניט געווען.

די זון גייט אוף, און ס'איז דער טאָג א העלער,
נאָר כ'פיל ניט גאָרנישט אונטער מײַנע פיס,
איך פלי און טראָג זיך אף א קאָסמאָס-טעלער,
וואָס קיינער ווייסט ניט, וואָס אזוינס דאָס איז.

יאָ, קיינער ווייסט ניט, ווײַל ניטאָ איז קיינער,
וואָס שפירן זאָל מיט כידעש נאָך מײַן פלוג:
קיין הימל און קיין ערד — און איך בין אייגער,
און אין דער פוסטער לײדיקײַט איך קוק.

איך קוק... נאָר ס'איז ניטאָ אף וואָס צו קוקן —
צי מיִעס איז דאָס און צי עפשער שיין...
עס לויפט מיר דורך א גרויל איבערן רוקן,
און ס'נעמט א שוידער דורך מײַן גאַנץ געביין.

פארשוווּנדן אלץ — ווּהין כ'זאָל זיך ניט קערן,
קיין סימען פון א לעבן — פוסט און הויל.
כ'וויל שרײַען — עפשער עמעץ וועט דערהערן,
נאָר ווי פארשטאַרט עס וואָלט געווען מײַן מויל...

— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

— וואָס טוט זיך עס מיט אײַך, געוואָלט כ'וואָלט וויסן? —
דער שאָכן אין מעטראָ עס קוקט מיך אָן...
. . . .

סעם קאָהען האָט, ווײַזט אויס, געלאָזט מיך גריסן —
זײַן באָמבע פון טײַוולאָנישן גייטראָן...

* * *

— מאָל מיר אָן א גאָרטן מיט א קרענעצע,
קלעפ מיר אויס א שפּילעכל פון ליים! —
האָט בא מיר געבעטן מײַן פלימעניצע,
ווען געקומען כ'בין צוגאַסט אהיים.

כ'האָב געוויגט דאָס מיידעלע אין וויגעלע
און געזאָגט איר: — ס'וואַרט דער צוג אף מיר,
ווידער קומען וועל איך אף קאניקולן —
דעמלט מאָלן כ'וועל דיך אָן א שיר!

אוי, ניט יענער גאָרטן מיט דער קרענעצע,
און אויך ניט דאָס שפּילעכל פון ליים —
מער שוין ניט געזען כ'האָב מײַן פלימעניצע,
מער שוין ניט געהאַט איך האָב קיין היים...

— מאָל מיר אָן א טײַך מיט קליינע ענטעלעך
און א לאָנקע מיט א ווײַסער ציג, —
האָט צו מיר געצויגן זײַנע הענטעלעך
מײַן פלימעניק, שמייכלענדיק פון וויג.

כ'האָב געגלעט די שווארצע זײַנע הערעלעך
און געזאָגט: — אין פענצטער טו א קוק:
ס'האָט די נאכט שוין אָנגעצונדן
שטערנדלעך —
ס'וואַרט שוין אף דער סטאנציע מײַן צוג!

אוי, ניט יענער טײַך מיט קליינע ענטעלעך,
ניט די לאָנקע מיט דער ווײַסער ציג —
אָפּגעפירט צום גרוב מ'האָט פאר די
הענטעלעך
דעם פלימעניק מײַנעם גלײַך פון וויג...

...נאָך ביז איצט ניט מויכל זײַן זיך
קען איך עס —
אָפּט א שוידער וועקט מיך אוף באנאכט:
טאָמער האָבן גאָר מײַנע פלימעניקעס
דאָן געמיינט, אז כ'האָב זיי אָפּגענאַרט...

■ ■ ■

יעכיעל שרייבמאַן

באָסיע באָס יִצחאָק און יעקאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ

כ׳ווייס ניט, קאָן זײַן כ׳האָב געכאַפּט אַ דרעמל און דאָס איז פאָרגעקומען צווישן כאָלעם און וואָר. נאָר צוליב וואָס דאַרף איך די דאָזיקע זעונג מײַנע פאַרענטפערן? פאַר וועמען זי פאַרענטפערן?

כ׳האָב פּלוצעם דערזען זיצן אַנטקעגן זיך אין וואַגאָן-קופּע די מומע באָסיען, אָלעאָהאַשאָלעם. כ׳האָב אַפילע דערקענט דאָס שוואַרצע טיכל מיט די פאַרשלייפטע צוויי עקן פאָרנט באַם האַלדז; זי פלעג דאָס דאָזיקע שוואַרצע טיכל טראָגן אויפן קאָפּ דאָס גאַנצע לעבן אירס, אַלקאָלפּאָנעם, אַלע יאָרן, וואָס איך האָב זי נאָך פאַרכאַפּט.

דאָס טיכל, ווי דאָס טיכל. דאָס זעלבע קנייטשן-געמעל אויף איר פּאָנעם; די צענדליקער קנייטשן און קנייטשלעך אַרום די אויגן, אויפן שטערן, איבער ביידע באַקן, וואָס מיר, איך און אַ ברודערל מײַנס, זײַנען איינמאָל, אויף אירע קני, אַ באַלן געווען איבערצוציילן. זי האָט געלאַכט: „ציילט, קינדערלעך, ציילט״. מיר האָבן געטייַטלט אויף איר פּאָנעם מיט אונדזערע פינגערלעך, אַלעמאָל פאַרפּלאָנטערט זיך אין כעזשבן, אַלעמאָל אָנגעהויבן פונעם אָנהייב: ניט-איינס, ניט-צוויי... ניט-צען... ניט-צוואַנציק... געציילט און געציילט און געציילט, און איבערציילן בעשום-אויפן ניט געקענט.

און די זעלבע בלאָע, און, ווי דאָס קוועלכל אין אַ טיפער קערניצע, לויטערע און בלישטשענדיקע הימל-אויגן דער מומע באַסיעס. און דאָס זעלבע צושאָקלען מיטן שפּיציקן קין בעשאַסן רעדן, דאָס זעלבע פאַרקײַלעכיקטע ווישל אַרום מויל באַם אָפּכאַפּן דעם אָטעם, באַם אַ קלער טאָן אינמיטן רעדן.

ריבוינעשעלוילעם. אויף אַ סטאַנציע אין צוג קעשענעוו—מאָסקווע האָט זיך אויפגערוקט די טיר פון מײַן קופּע און די קאָנדוקטאָרשע האָט אַרײַנגעלאָזט אין קופּע אַ קלייניקע פאַרקוטעטע פרוי מיט אַ סאַך בינטלעך און קוישלעך, אַ פרוי, דאַכט זיך, אַפילע גאָרניט קיין ייִדישע. זי האָט זיך אויסגעוויקלט פון דער גראָבער שאַל אירער, אויסגעטאָן דעם ראָק, צעשטעלט די בינטלעך און די קוישלעך אונטער דער פּאָליצע, אוועקגעזעצט זיך לעבן פענצטער ניט ברייט, אײַנגעשרומפּן, ווי זי וואָלט געשפּאָרט פּלאַץ, אָן עלנבויגן אָנגעלענט אין וואַגאָן-טישל, אַרויסגעקוקט אין דרויסן, ווי עס יאָגן אַוועק היימישע פאַרשנייטע ערטער, הײַזער, ביימער. און מיטאַמאָל גאָר, כ׳קוק זיך גוט צו — אויפן אָרט פון דער דאָזיקער פרעמדער נײַער פּאַסאַזשירקע זיצט אָנגעשפּאַרט מיט אַן עלנבויגן אין טישל די מומע באָסיע, אָלעאָהאַשאָלעם.

וואָס איז דאָס, וואָס? אײַנגאַנצן די מומע באָסיע. דער אָנבליק. אַפילע דאָס וואָרקענדיקע צוזינגען זיך, גלאַט אַזוי, פאַר זיך אַליין. די בלויע און טיפע הימל- און ברונעם-אויגן. די אויסגעוועבטע קנייטשן און קנייטשלעך אויפן פּאָנעם: יעדעס קנייטשל אַ שווערע שאָ, אַ האַרבע וואָך, אַ וויי, אַ קרעכץ; צענדליקער קנייטשן און קנייטשלעך, כאָטש ווער צוריק אַ קינד, זעץ זיך אַוועק אויף דער מומע באַסיעס שויס, שטורכע מיט אַ פינגערל דאָס פּאָנעם אירס, צייל און צייל און צייל, און זײַ בעשום-אויפן ניט בעקויעך איבערצוציילן.

ניין, ס׳איז ניט קיין אויסדאַכטעניש, כ׳זע דאָס ניט אין כאָלעם, כ׳בין נאָך, דאַכט זיך, גאַנץ וואַכעדיק. עפּשער שטאַמט די פרוי פון אונדזערע מעקוימעס, אויך ערגעץ, ווי די מומע באַסיע, פון אַ בעסאַראַבער שטעטל אויפן

ברעג פונעם דניעסטער, ווו ייִדן כאַפּן דעם אַנבליק פון מאָלדאַווער: דורעסלאַנג איין שוואַרצע ערד אונטער די פיס, איין גלײַכ-דיקע זון איבערן קאָפּ, דורעסלאַנג איינער צום אַנדערן פּאַנעם-על-פּאַנעם, ווי ס'האָבן לאַוונס שאָף-טשערעדעס אָנגעהויבן געבוירן לעמעלעך סאַמע געפּינטלטע און געפלעקטע, נעקודים-בעקודים, שטייענדיק טאָג בײַ טאָג פּאַנעם-על-פּאַנעם קעגן די אויסגעשניצט-גע-פּינטלטע פּײַפּעלער, וואָס יאַנקעוו האָט צע-האַנגען באַם קוואַל, וווּהין די טשערעדעס פלעגן צוויי מאָל אין טאָג קומען אָנפּאָיען זיך.

צי עפּשער איז עס גלאַט א מין קראַנקע זעעניש מײַנע, מע ווײַזט מיר איינס, און איך זע א צווייטס? אַדער עפּשער וויל איך פּאַ-שעט אַזוי זען? פאַרוואָס זשע גראַדע די מומע באַסיע? זי איז דאָך שוין א שאָק מיט יאָרן אַפילע רעכט אַפּן זינען מיר ניט געקומען.

— מומע... (כ'האָב זיך שיר ניט אַרויס-געכאַפּט: „מומע באַסיע") זאָגט מיר, כ'בעט אײַך, וווּהין פאַרט מען עס, אַשטייגער? אהיים, צי ערגעץ צוגאַסט?

דער פרוי אַנטקעגן מיר האָט גאַרניט פאַרכידעשט מײַן צו מיטאַמאָל היימיש ווערן. זי האָט מיר אָן שטיק, מיט א פּראָסט שמיי-כעלע אַף די ליפּן, אויך אַזוי היימישלעך באַלד געענטפערט:

— אהיים, פרײַנט מײַנער. צוגאַסט בין איך שוין געווען. אריבער צוויי כאַדאָשים. בײַ א טאָכטער, בײַ אַן איידעם און בײַ איי-ניקלעך, זיי זאָלן מיר אַלע לעבן און געזונט זײַן... — און דאָס שמייכעלע אַף אירע ליפּן איז פּונקט דער מומע באַסיעס שמייכעלע, א האָר זאָל עס פעלן, כ'קאָן עס שווערן און שווערן.

— די היים אײַערע, מומע, איז ווײַט?

— שײַער ווײַט. נאָך מאָסקווע. דרײַ שאָ-פאָרן. פון א שטאָט פּערעסלאַוול האָט איר געהערט? ניט גאָר קיין גרויסע שטאָט, נאָר א שטאָט. דאָס דאָרף אונדזערס הייסט סלאָ-וועניאָווע, טאַקע באַלד לעבן פּערעסלאַוול. פון דער פּערעסלאַוולער אָזערע פּלעשטשייעוואָ האָט איר אוודע יאָ געהערט? געשיקט זיך, אַז ניין? ווי קומט עס? א באַרימטע אָזערע. ווער קומט אַהין זומערצײַט ניט צו פאָרן! א יאַם, א גאַנידן, ניט קיין אָזערע. ניט וויסן וועגן דער אָזערע פּלעשטשייעוואָ, ווי קען עס זײַן?.. — און די האַנאָעדיק-זינגעוודיקע באַריידעוודיקײַט, און דאָס פּאַסמאַקעווען זיך בעשאַסן רעדן מיט א קײַלעכיק ווישל אַרום די ליפּן זײַנען פּונקט דער מומע באַסיעס, א האָר זאָל פעלן, כ'קאָן עס שווערן און שווערן.

— און ווי רופט מען אײַך, מומע, אויב ס'איז ניט קיין סאָד?

— א סאָד? וואָס פּלוצעם א סאָד? קאָ-טיע הייס איך. יעקאַטערינא. רופן רופט מען מיך יעקאַטערינא איוואַנאָוונא.

א שיינע זאַך: באַסיע איציקס, באַסיע באַס ייִצכאָק — יעקאַטערינא איוואַנאָוונא. פאָלג מיך א גאַנג: ראַשקעוו, דער דניעסטער, בעסאַראַבער שטעטלעך און — פּערעסלאַוול, סלאַוועניאָווע, די אָזערע פּלעשטשייעוואָ. כ'האָב זיך צעטראַסעט, פּאַוואָלינקע אויסגע-טשוכעט זיך, און די עלטערע פרוי אַנטקעגן מיר אין וואַגאָן-קופּע, די נײַע פּאַסאַזשירקע יעקאַטערינא איוואַנאָוונא, האָט פּאַוואָלינקע אָנגעהויבן ווערן נאָר זי, יעקאַטערינא איוואַ-נאָוונא. די מומע באַסיע איז געבליבן זיצן ערגעץ הינטער איר, פאַרשטעלט, אָפּגע-שאָטנט, פון צײַט צו צײַט נאָר אַרויסגע-שטעקט צו מיר דעם קאָפּ לעבן יעקאַטערי-נא איוואַנאָוונעס אַקסל, אָט אין איין זײַט, לעבן לינקן אַקסל, אָט אין דער צווייטער זײַט, לעבן רעכטן אַקסל, יעדעס מאָל אַפילע מיט אַן אַרויסגעשטעלטער צונג, ווי זי וואָלט זיך געשפּילט מיט מיר אין כאַפּערלעך. איך האָב געפרעגט דער פּאַסאַזשירקע אַנטקעגן מיר לעפּישע קאַשעס, צופיל געקראָכן איר אין די גאַרגערעס אַרײַן. און זי האָט עס ניט געאַרט, פאַרקערט: יעדעס קורץ פראַגעלע מײַנס האָט זי מיר פאַרענטפערט מיט א לאַנגער, אַף טעלערלעך צעלייגטער באַריי-דעוודיקײַט.

נאָר וואָס מער זי האָט גערעדט און וואָס מערער זי האָט דערציילט, אַלץ מערער און אָפטער איז זי ווידער געוואָרן די מומע באַ-סיע.

אָט זיצט אַנטקעגן מיר יעקאַטערינא איוואַנאָוונא און הינטער איר, בײַ אירע אַקסלען, שטעקט די מומע באַסיע אַרויס צו מיר דעם קאָפּ, און אָט זיצט אַנטקעגן מיר די מומע באַסיע און הינטער איר, בײַ אירע אַקסלען, שטעקט יעקאַטערינא איוואַנאָוונא אַרויס צו מיר דעם קאָפּ. באַסיע באַס ייִצכאָק פונעם קליינעם שטעטעלע ראַשקעוו אַפּן ברעג פונעם דניעסטער, און יעקאַטערינא איוואַנאָוונא פונעם דאָרף סלאַוועניאָווע לעבן פּערעסלאַוול בײַ דער אָזערע פּלעשטשייעוואָ האָבן זיך צונויפגעגאָסן איינינעם, געוואָרן איין גוירל, איין אַלציין ווײַב, איין אַלציינע מאַמע, איין צאַר און איין גוורע. ביידע שוואַרצע אַלמאָנע-טיכלעך, מיט וועלכע אי די מומע באַסיע, אי יעקאַטערינא איוואַנאָוו-נא האָבן פאַרדעקט זייערע האָר א גאַנץ לעבן, האָבן זיך אײַנינעם צונויפגעשפּינט, צונויפגעוועבט, פאַרקניפּט זיך אין אַלע פיר

עקן מיט פיר קנופּן, א פלאַטער געטאָן איבער מיר אויבן אין ענגן קופּע, צעשפּרייט זיך איבער מײַן קאָפּ, ווי א שוואַרצע כופּע.

די קנייטשן און קנייטשלעך, ניט איבערצוציילן, אף ביידע מומעס פּענעמער, האָבן זיך צונויפגעפּעדעמט איינס אין אנדערן אין דער לענג, קנייטש צו קנייטשל, און דער לאַנגער פאָדעם אָן אן עק און אָן א סאָף האָט, ווי א קישעף-סטעזשקע, א צי געטאָן זיך דורכן וואַגאָן-פענצטער, אַרומגעוויקלט וואַלד און פעלד, שטאָט און דאָרף. דער צוג האָט געיאָגט און געיאָגט, און דער קנייטשן-פאָדעם האָט זיך געצויגן און געצויגן אין דער וועלט אַרויס, געמאָנט, דערמאָנט, געוואָרנט, פאַרשוועסטערט און פאַרברידערט...

יעקאַטערינא איוואַנאָוונא האָט גערעדט און דערציילט, מילד אַרויסגעלייגט מיר אף מײַן דלאָניע דאָס גאַנצע לעבן אירס. איך האָב אף מײַן צווייטער דלאָניע געוויגן דער מומע באַסיעס לעבן. ביידע לעבנס האָבן זיך געפּאָרט. איינס האָט דאָס אַנדערע ניט אַראָפּגעוויגן. ביידע לעבנס זײַנען געווען ענלעך איינס אפן אַנדערן, ווי צוויי טראָפּנס. צוויי טראָפּנס בלוט. צוויי טראָפּנס טוי.

אף איין דלאָניע מײַנער — ראַשקעווער געהויקערטע שטיבלעך, גאַנעקלעך, פירהענגלעך, געקרײַזלטע רויכלעך פון די פּײַערלעך אף די פריפּעטשיקעס גלײַך צום הימל אַרויף.

אף דער צווייטער דלאָניע — הילצערנע הײַזקעס מיט געשניצטע קאַרניזלעך אַרום די סטרעשענעס, מיט לאָדנס אף די ווענט אין דרויסן בא די פענצטער, מיט די זעלבע אונטערציטערנדיקע אויסטערלישע רויכלעך אף די דעכער.

אף ביידע דלאָניעס — צוויי יעפּאַסטויאַרס. באַסיע — די שענסטע צווישן באַסיעס כאַווערטעס, קאַטיע — די שענסטע צווישן קאַטיעס כאַווערטעס.

כ'וועג ניט אף מײַנע וואָגשאָלן קיין באַזונדערע ניט-געוויינלעכע העלדישקײַטן. די מומע באַסיען האָט מען שפּעטער, אין שטעטל, ווען זי איז געבליבן א מילכאָמע-אַלמאָנע מיט דרײַ קליינע יעסוימימלעך, דרײַ ייִנגעלעך, אָנגעהויבן רופן באַסיע די מילכיקערן. איך געדענק זי שוין אַן אײַנגעדאַרטע, א צעקנייטשטע, ניט קיין יונגע און ניט קיין שיינע. איר געשטעפּט פאַרשמאַלצעוועט לײַבל פלעג אייביק שמעקן מיט קו-באַליגע און מיט זויערמילך. מיך און מײַן ברודערל פלעג מערער ציִען צו איר די שוואַרצע קו אירע מיט די ווײַסע כיינעוודיקע פלעקן אפן שטערן און אף די פיס, וואָס גוטע מענטשן האָבן זיך אַלע צונויפגעלייגט אינײנעם, און זי איר געבראַכט צו פירן פונעם יאַריד, אי פאַר גרויס ראַכמאָנעס, פלעגט מען זאָגן בא אונדז אין שטוב, אי א ביסל פאַר בושע, אי עפּשער



פאַר דאַנקבאַרקייט, וואָס זיי האָבן זיך פון
דער מילכאָמע יאָ אומגעקערט, אָדער זײַנען
עפשער אַף דער מילכאָמע אינגאַנצן ניט
געגאַנגען. אַף די בײַשטידלעך פון די פענצ-
טערלעך אין איר נידעריקן שטיבל פלעגן
טאָמיד שטיין קריגעלעך מיט סמעטענע. אין
פירהויז פלעגן הענגען אַף האָקן נאַסע טאָר-
בעלעך קעז. ווי׳אַזוי זי איז שטענדיק ניט
געווען פאַראַשט און פאַרשוואַרצט, פלעגט זי
אונדז א כאַפּ טאָן אַף איר שויס, אָנקושן
אונדז און מיט טרערן אין די אויגן פאַרענט-
פערן זיך פאַר אונדז: „האָט קיין פאַריבל ניט,
קינדערלעך, איך און די יעסוימים מײַנע ווייסן
דען אַמאָל דעם טאַם דערפון? ס׳איז ניט
אונדזערס. ס׳איז פאַר פרעמדע רוכעס, איז
עס...” און זי פלעג אונדז אוועקזעצן איבער
א שיסעלע ווײַסן שיטערלעכן באָרשטש: „דאָס
אינגאַנצן האָבן מיר פון דער צדאָקע-קו און
פונעם גאַנצן ראַש. דאָס-אָ און א שטיקל
מאַמעליגע דערצו. עסט, קינדערלעך, און זאָל
אײַך ווויל באַקומען!..” אין שטוב בא אונדז
פלעגט מען וועגן דער מומע באַסיען זאָגן:
„טו נאָר א קוק, וואָס ס׳איז פון איר גע-
וואָרן... הויט און ביין און איין קנייטש. אַן
אַקשן איז ערגער פון א מעשומעד. צו א
ייִדענע אַן אַקשנטע איז גאָר קיין פאַרגלײַך
נישטאָ. וויפל אַלמענס מ׳האָט איר שוין ניט
פאָרגעגעבן! מענטשן מיט פאַרנאָסעס, מיט
מעלאָכעס אין די הענט, מיט שמאַלץ-גריבער.
זי — ניין און ניין! זי וויל אייביק טראָגן דאָס
שוואַרצע טיכל אפן קאָפּ. טראָג זשע עס גע-
זונטערהייט, אַז ס׳איז דיר ליב!..”

די דרײַ מילכאָמע-יעסוימים דער מומע
באַסיעס זײַנען יאַקאָס גרעסער געוואָרן,
אויסגעוואַקסן יאַקאָס אָן א טאַטן. נאָר דאָס
איז אויך פאָרגעקומען קאַפּויר, ניט ווי בא
אַלע מענטשן. וואָס מערער די ייִנגלעך האָבן
זיך צעוואַקסן, אַלץ מערער איז געוואַקסן
דער צאַר-גידול-באָנים אירער. אַלע דרײַ זײַ-
נען איינער נאָכן אַנדערן אָן א זײַ-געזונט
אוועק פון דער היים. ערגעץ אין גרויסע
שטעט, האָט מען דערציילט, געוואָרן, יעדער
אַף זײַן אויפן, „אומלײַט”. עס זײַנען וועגן
דעם אומגעגאַנגען קלאַנגען נאָך קלאַנגען.
וואָס א טאָג איז די מומע באַסיע, אַלעאַהאַ-
שאָלעם, געוואָרן קלענער און אײַנגעשרומ-
פּענער. איך בין שוין דעמלט פון לאַנג אין
שטעטל ניט געווען. ניט זי, די מומע בא-
סיע, און ניט זיי, די דרײַ ייִנגלעך אירע,
זײַנען, באַאַוויינוּסיינו-האַראַבים, געלעגן אין
מײַן זינען. אינגיכן האָט זיך אָנגעהויבן די
צווייטע וועלט-מילכאָמע...

איך וועג אַף איין דלאָניע דער מומע
באַסיעס אויסקומענישן, און די פּאַסאַזשירקע
אנטקעגן מיר אין וואַגאָן-קופּע, יעקאַטערינא
איוואַנאָוונא, לייגט מיר ארויס אַף מײַן צוויי-
טער דלאָניע אירע אויסקומענישן:

— וויפל איך בין אַלט געווען? מאָלט
אײַך — אינגאַנצן פיר און צוואַנציק יאָר.
כ׳האָב אויסגעזען פריש און יונג און געזונט,
קיינער האָט מיר די יאָרן אויך ניט געגעבן.
כאָטש געלאָזט אינדערהיים האָט ער מיך
דעמלט שוין מיט דרײַ קינדערלעך. דרײַ
מיידעלעך, איינס — באַם הענטל, דאָס צוויי-
טע — אפן שויס, און דאָס דריטע נאָך אין
בויך. כ׳קאָן ניט זאָגן, אַז מיר זײַנען גע-
בליבן, ווי אפן וואַסער, אַז מיר האָבן, כאָלי-
לע, געהונגערט. אין אונדזער קאָלכאָז אין
סלאָוועניאָווקאָ איז ער געווען א טראַקטאָריסט.
אין שטוב איז איבערגעבליבן צוויי זעק מעל,
א קעלער קאַרטאָפליעס, א כאַזערל אין
שטאַלכל. און א ביסל געלט אין א קניפּל
אויך. אוי, איז ער מיר געווען געטרײַ! אוי,
האָבן מיר זיך ליב געהאַט! דאָס וואָרט ליבע,
שטעלט אײַך פאָר, האָבן מיר קיינמאָל איי-
נער פונעם אַנדערן ניט געהערט. נאָר אַזאַ
ליב האָבן זיך האָב איך ביז דעמלט בא קיי-
נעם ניט געזען און האָב ביז הײַנט בא קיי-
נעם ניט געזען. נאָכן האָבן בין איך, פאַר-
שטייט זיך, קיין לאַנגע וואָכן אינדערהיים ניט
געזעסן. ווי איר ווייסט מיסטאַם, זײַנען נאָך
דעמלט אין די פערמעס קיין עלעקטרישע
אַפּאַראַטן אַף צו מעלקן די קי ניט געווען.
דאָס מיטלדיקסטע מיידעלע פלעג איך לאָזן
אין שטוב אפן עלטערן מיידעלע, און מיטן
פּיצל קינד אַף די הענט פלעג איך אַלע פיר
פאַרטאָג אוועק אַף דער פערמע. ס׳קינד איז
געלעגן בא דער זײַט, אײַנגעבונדן אין א
קישעלע, געגוגעט און געקוקט, און איך האָב
דרײַ מאָל אין טאָג צוואַנציק קי אויסגע-
מאָלקן, אָנגעהאָדעוועט און אָנגעפּאָיעט, אויס-
גערייניקט און ארויסגעשאַרט דאָס מיסט פון
אונטער זייערע פיס. קיין ווײַסע כאַלאַטן
האָבן נאָך דעמלט די מעלקערנס ניט גע-
טראָגן. דער וואַטניק מײַנער, ס׳קליידל, דאָס
העמד אפן לײַב און אַליין דאָס לײַב פלעגן
מיר אייביק שמעקן מיט מילך און מיט קו-
מיסט. אין די עטלעכע בריוו זײַנע, וואָס
כ׳האָב באַקומען פונעם פראָנט, פלעג ער
מיר אַלץ איבערכאַזערן: „קאַטיע, אויצער
מײַנער, כ׳גיי אויס פאַר בענקשאַפט נאָך דײַן
רייעך. דער רייעך פון דײַן לײַב קומט מיר
צו כאָלעם”. פינף און דרײַסיק יאָר, פרײַנט
מײַנער, האָב איך אָן אים אָפּגעאַרבעט אַף
דער פערמע. ביז ערשט פאַרצווייאָרן, ווען
איך בין ארויס אַף פּענסיע. אָן אים ארויס-
געשלעפּט די דרײַ טעכטערלעך אונדזערע.
אָט אַזוי-אָ, ווי איר זעט מיך איצט: אָן אײַנ-

געדאַרטע און קלײנינקע און מיט סאַמע קנייטשן אַפן פּאָנעם.

א מענטש, זאָגט מען, קאָן אין איין נאַכט פאַר צאָרעס ווערן גראָו. מיט מיר איז עס פאָרגעקומען ניט ווי בא יעדן. אין יענעם באַנאַכט, ווען מ'האָט מיר געבראַכט די פּאָכאַראָנקע, בין איך ניט גראָו געוואָרן. נאָר גאַנצפרי האָבן מיך מענטשן, א פולע שטוב מיט מענטשן, ניט דערקענט. כ'בין אַלט געווען פיר און צוואַנציק יאָר. אין איין נאַכט איז דאָס גאַנצע פּאָנעם מײַנס געוואָרן אויסגעקאַרבט מיט קנייטשן. ווי בא אַן אַלטיטשקער. אָט אַזוי־אָ, ווי איר זעט מיך איצט, פרײַנט מײַנער.

מענטשן, אייגענע מענטשן, האָבן צו מיר דערנאָך געטײַנעט: „ביסט ניט איינע. אַזוינע, ווי דו, זײַנען איצט פאַראַן צענדליקער טויזנטער". האָב איך זיי געענטפערט: „ווערט דען דערפון דער ווײ קלענער? פאַרקערט: ער ווערט דערפון צענדליקער טויזנטער מאָל גרעסער". שפּעטער האָבן זיי ווײַטער געטײַנעט: „די מילכאָמע האָט דיר דערהאַרגעט דעם מאַן, ווילסטו, זי זאָל דיך אויך דערהאַרגענען?" „מיר ווערט שוין גאָרניט שאַטן, — האָב איך געענטפערט, — יאָ, — זאָג איך, — איך וויל אייביק זײַן מיט אים, מיטן דערהאַרגעטן מאַן מײַנעם". „עפּעס איז בא דיר, זאָגן זיי, ניט אַלץ מיט אַלעמען. א ווײַב טרויערט נאָך א מאַן א יאָר, צוויי יאָר, דו טראָגסט דאָס שוואַרצע טיכל אַפן קאָפּ, ווי ס'וואָלט דיר גאָר געווען ליב, גלײַך דו וואָלסט געטראָגן אַפן קאָפּ א מין פּאַן. טו א קוק, קאַטיע. דאָס לעבן גייט ווײַטער. אַנדערע האָבן שוין לאַנג כאַסענע געהאַט. דיר איז דאָך שרעקלעך שווער. דאַרפסט נאָך ברענגען צו א טאַכלעס מיידלעך אין שטוב. ס'וועט זיך נאָך עמעצער אָפּזוכן וועגן דײַנטוועגן אויך. אײַניינעם וועט אײַך זײַן גרינגער. וועסט ווידער פירן א שטוב, ווי בא לײַטן. ווידער האָבן א פרײַנט. א ליבן מענטשן לעבן זיך..."

„שווײַגט, זאָג איך, פאַרשוועכט ניט דעם אָנדענק פון די געפאַלענע. ס'קומט זיי אַזוינס ניט. זיי האָבן זיך בא אונדז אַזוינס ניט פאַרדינט...". און אָט, פרײַנט מײַנער, זײַנען שוין אַזוי פּאַוואָלינקע אַוועק באַלד פערציק יאָר. די קינדער מײַנע — די טעכטער, די איידעמס און די אייניקלעך — זיי איינע פאַרשטייען מיך. זיי טײַנען ניט, אַז איך בין מעשוגע. פאַרקערט: שטילערהייט שטאָלצירן זיי אַפילע דערמיט. זיי טראָגן מיר אַפילע צו צווישן אַנדערע מאַטאָנעס אַזא נײַ טיכל. דער אייביקער אָנדענק נאָכן טאַטן און נאָכן זיידן, זאָגן זיי..."

דאָס איז אייגנטלעך די גאַנצע נאָוועלע. אין צוג קעשענעוו—מאָסקווע האָט זיך אַף א סטאַנציע אַרײַנגעזעצט אין מײַן וואַגאָן־קופּע א פּאַסאַזשירקע יעקאַטערינא איוואַנאָוונא און איז, ווי צוויי טראָפּנס, געווען ענלעך צו דער מומע באַסיען, אַלעהאַשאָלעם. נאָר באַם סאָף פון דער נאָוועלע וויל איך נאָך זאָגן א פּאָר ווערטער וועגן דיכטונג און וועגן רישעס.

א דערשיטערטער פון זײַן זעונג, אויסגעמאַטערט, ווי נאָך א היפּנאָז־סעאַנס, האָט דער דיכטער אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין וואַגאָן־ווענטל, צוגעמאַכט די אויגן, לאַנגע רעגעס אַזוי געזעסן און געטראַכט וועגן אַכריס־האַיאָמים, וועגן דער וועלטס גאָר שפּעטערדיקע טעג.

רעשאָים כאָלעמען וועגן סאָף פון דער וועלט. ווילן, די וועלט זאָל נאָך איר סאָף זײַן אַזוי, ווי זי איז געווען פאַר איר אָנהייב: טויהו־וואָוויהו, פּוסט און וויסט.

דער דיכטער האָט דעם אַכריס־האַיאָמים געזען ווי יעשײַע דער נאָווי: פול מיט זון, מיט גוטסקײַט, מיט ליבשאַפט, מיט דערנעענטערטקײַט און פאַרברידערטקײַט.

גלייבט דעם נאָווי און דעם דיכטער.

צוויי סוזשעטן פאַר דערציילונגען

1

כ'מוז זיך מודיע זײַן: ביידע סוזשעטן פון די דאָזיקע צוויי געשיכטעס דרייען זיך שוין אַרום מיר גאָר לאַנג און ס'איז מיר שווער געווען זיך צו נעמען צו זיי. אַזוינס קומט אוואַדע פאָר ניט נאָר בא מיר איינעם. מוז עס אָבער דען דער לייענער וויסן? נאָר צוליב וואָס זאָל מען עס פאַר אים אויסבאַהאַלטן? פאַרוואָס מעגסטו צעלייגן אַף טעלערלעך לײַדן און פרײַדן פון דער גאָרער וועלט, און דײַנע אייגענע זוכענישן, באַלאַנד-

זשענישן, שטרויכלונגען מוזן דערבײַ בלײַבן אין דרויסן, אַלקאַלפּאַנעם — פֿאַרטונקלט אין שאָטן? טאָרסט זיך, פֿאַרשטייט זיך, צופֿיל ניט מישן צו דײַנעם אַ העלדס גענג, נאָר צו זיך אַליין, צו דײַן פֿאַרפּענטעטן קרײַזלען זיך אַף איין אָרט, ווי אין אַ פֿאַרקישעפֿטער ראָד, טאָרסטו זיך אויך ניט מישן?

כ'האָב מוירע געהאַט, די דאָזיקע צוויי רירנדיקע לעבנס־געשיכטעס זאָלן, כאָלילע, ניט פֿאַרשוועכט ווערן. צופּוצן — סײַ מיט שענערקײַט, סײַ מיט טראַגישערקײַט — וואָלט געווען אַ זינד. צוטראַכטעניש, אויסטראַכטענישן — אַ פֿאַרברעכן. די דיאַלאָגן וועלן דאָך מוזן זײַן נאָר מײַנע. כ'האָב די דיאַלאָגן אַף קיין מאַגניטאָפֿאָן ניט פֿאַרשריבן, אַפֿילע אין קיין נאָטיץ־ביכל ניט פֿאַרצייכנט. דאָס דערציילן — דער אופֿן, דער טאָן, די פֿאָרם — אויך נאָר מײַנס. עס זײַנען דאָ זאַכן הייליקע — אַ האָרעלע טאָר מען דאָרט ניט טשעפּען. עפּשער איז גלײַכער אינגאַנצן ניט צו טשעפּען זיי?

נאָר כ'האָב דעם נײַנציקיאָריקן בלינדן זאָקן — דעם העלד פֿון דער ערשטער געשיכטע — געגעבן דאָס וואָרט. ער אַליין, דער זאָקן, איז שוין לאַנג נישטאָ. ס'איז דאָ די אַלמאָנע זײַנע. זי איז אויך געווען דערבײַ. אייגנטלעך איז גאָר זי, קאָן מען זאָגן, דער העלד פֿון דער געשיכטע.

יאָר באַ יאָר האָב איך אַלץ אָפּגעלייגט, געמוטשעט זיך: ווי כאַפּט מען אַרײַן צווישן צוויי פֿינגער דעם דינעם זײַדענעם פֿאָדעם? נאָר קיין סך יאָרן זײַנען שוין ווײַטער נישטאָ. כ'וויל נישט בלײַבן ניט קיין וואָרט־האַלטער. זאָל זיך כאָטש אויסשטיקן אַף פּאַפּיר, מיט פּראָסטע, גראָבלעכערע פֿעדעם אַ הוילער סוזשעט. זאָל דאָס הייסן בלויז אַ סוזשעט — כ'וועל זיך מער אַזויפֿיל ניט פּײַניקן, כ'וועל ניט מאָנען באַ זיך מער וויפֿל מע דאַרף, כ'וועל מער אַזוי ניט רײַסן קיין שטיקער פֿון זיך.

דער נײַנציקיאָריקער בלינדער זאָקן, אַלעוואַשאָלעם, איז דער ריגער פּראָפֿעסאָר, ליטעראַטור־פֿאָרשער און אַלטער באַוווּסטער רעוואָלוציאָנער שאַך־אַנין. די אַלמאָנע זײַנע — די כיינעוודיקע און טאַקע שיינע, איצט, אַף דער עלטער, ניט ווייניקער, ווי אַמאָל, יונגערהייט, פֿאַניע סאַמוילאָוונע. כ'וועל נאָך איר פֿאַרטרעט שפּעטער פּרוּוון אָנצומאָלן. (בלינדער זאָקן. כ'פּײַניק זיך ווידעראַמאָל: האָב איך מיטן זאָג „בלינדער זאָקן" עפּעס כאָלילע ניט פֿאַרשוועכט, ניט פֿאַרקרימט?)

שאַך־אַנין איז געזעסן אין אַ שטול מיט אַ קליין ראַדיאָ־טראַנזיסטאָרל אַף די קני, געקוקט מיט זײַנע בלינדע, האַלב־צעעפֿנטע, פֿאַרשמאָלטע אויגן צו די פֿידל־קלאַנגען, וואָס האָבן זיך אַרויסגעטראָגן פֿונעם טראַנזיסטאָרל, געהערט אויסטראַכן שפּילן בעטהאָווענס פֿידל־קאָנצערט. געזעסן אָנגעטאָן אין אַ פֿריש־אויסגעפּרעסטן, אַפֿילע עלעגאַנטן קאָסטיום, מיט אַ שניפּס אויסגעבונדן באַם האַלדז, אַפֿילע מיט אַ שפּיץ פֿון אַ טיכעלע אין אייבערשטן קעשענקעלע פֿונעם רעקל. פֿאַניע סאַמוילאָוונע האָט מיר אין דרויסן, אַפֿן באַלקאָן, באַוויזן שאַך־אַנינס אַ ביכל, פֿון די ערשטע ביכלעך זײַנע, וועגן וועלכן לענין האָט אין יענער צײַט אַרויסגעזאָגט זײַן מיינונג, און די עטלעכע שורעס לענינס — איז פֿאַניע סאַמוילאָוונע אַף אַ סאַך יאָרן אַזש ייִנגער געוואָרן — קאָן מען געפֿינען אין לענינס ווערק.

דער טראַנזיסטאָר האָט אויפֿגעהערט שפּילן. ס'האָבן אַ דונער געטאָן אין אים פּליעסקערײַען. שאַך־אַנין האָט אים פֿאַרמאַכט און איז געבליבן זיצן אין אַ טיפֿער אָפּגעהאַקטער שטילקײַט. מיט פֿאַניע סאַמוילאָוונען זײַנען מיר ביידע אַרײַנגעקומען אין אָט דער שטילקײַט נאָך שטילער, קוים וואָס מיר האָבן אָנגערירט מיט אונדזערע טריט דעם דיל.

שאַך־אַנין האָט אונדז דערהערט. ער האָט אַ שאַר געטאָן מיט אַ האַנט אין דער לופֿט, ניט לאַנג זוכנדיק, אָפּגעזוכט פֿינף פֿינגער מײַנע, אַרײַנגענומען זיי אין זײַן האַנט, געקוועטשט זיי, געוואַרעמט און אַזוי געזאָגט:

— נעכטן באַנאַכט, ביז שפּעט, האָט מיר פֿאַניעטשקע געלייענט דערציילונגען אײַערע. טשיקאַווע: איר גייט אי פֿון שאָלעם־אַלייכעמען, אי פֿון פּערעצן. איר האָט זיי גוט צונויפֿגעפּאָרט. אַ ווילער זיווג. און אַ ביסל פֿון בערגעלסאָנען, אַ ביסל פֿון אָפּאַטאָשון. אויך אַ פֿאַרשיידן פּאָרל און אויך אַ געראָטענע צונויפֿפּאָרעניש. נאָר דעריקער — פֿון אים, פֿון שאָלעם־אַלייכעמען. שאָלעם־אַלייכעם איז ניט קיין ליטעראַרישע שול. ער האָט ניט געקענט ווערן קיין געוויסע ליטעראַרישע שול, ווײַל... ער איז אינגאַנצן. ער איז דאָס פֿאָלק. דעם פֿאָלקס נוסעך, דעם פֿאָלקס פֿילן און דעם פֿאָלקס כאָכמע. דעם פֿאָלקס קאַטשען זיך פֿאַר געלעכטער און דעם פֿאָלקס אוי־געשריי. שאָלעם־אַלייכעם האָט געגעבן דעם פֿאָלקס כאַראַקטער, אַזעלכן, ווי ער האָט שוין אָנגעהויבן ווערן מיט אַ טויזנט יאָר צוריק, ווען דער ייִד האָט אָנגעהויבן רעדן ייִדיש, און ווי ער וועט נאָך זײַן אַ שיין ביסל יאָרן, אַפֿילע דעמלט, ווען דער ייִד וועט שוין אויפֿהערן רעדן ייִדיש.

ער האָט זיך צעשמייכלט מיט אַ דין איידל שמייכעלע, און מיט זײַן טויבלעכן קאָל, וואָס איז געקומען ערגעץ פֿון טיף

אינווייניק און ביזן באַווײַזן זיך אין דרויסן
נאָך ניט געהאַט ווו צו צעשפּרייטן זיך, גע-
רעדט ווײַטער:
— מיט יאָרן צוריק, אין אכטן צי אין
נײַנטן יאָר, דער זיקאָרן דינט שוין ניט אזוי,
ווי ער האָט געדינט, האָב איך זיך מיט שאָ-
לעם-אַלייכעמען באַגעגנט אין דער שווייץ.
אײַ, אײַ. די באַגעגעניש איז פאַר מיר געווען
א גרויסער יאָמטעוו. הײַנט איז בא מיר אויך
יאָמטעוו: כ'באַגעגן זיך מיט שאָלעם-אַלייכעמס
אן אייניקל. ס'א גוואַלדיקע זאַך. אן אייניקל!
בא די יאָרן דערלעבן נאָך, קיין אײַנהאָרע,
אן אייניקל...
ער איז א רעגע שטיל געבליבן. די שטיל-
קײַט איז שוין ניט געווען אזא געדיכטע, ווי
פריער, נאָך אויסטראַכס שפּילן. ס'האָט א
שורשע געטאָן פאַניע סאַמוילאָווּנעס קלייד.
איך האָב הויך אן אָטעם געטאָן. שאַך-אַנין
האָט אַרויסגעלאָזט פון זײַן האַנט די פינף
פינגער מײַנע, אָנגעהויבן מיט דער האַנט
שאַרן איבער מײַן פּלייצע, צוגעשאַרט זיך צו
מײַנעם אן אַקסל, אַראָפּגעזעצט מיך לעבן
זיך אפן ווענטל פון זײַן שטול, און די האַנט
זײַנע איז געבליבן ליגן אף מיר אויסגעקײַ-
לעכיקט באַם האַלדז-און-נאַקן.
ער האָט דאָס פּאָנעם אויסגעדרייט נעענ-
טער צו מיר:
— כ'האָב צו אײַך א באַקאָשע. נאָר איך
וויל, איר זאָלט מיר ניט אָפּזאָגן. פאַרקערט:
איך וויל, איר זאָלט מיר צוזאָגן, אז איר וועט
דאָס טאָן. איר וועט אָנשרײַבן א זאַך, זאָל
אפילע זײַן גאָר א קליין זאַכעלע, וועגן א
זשיטאָמירער מיידעלע פאַניעלע, וואָס האָט
פופציק יאָר פון איר לעבן אַוועקגעגעבן א
בלינדן מענטשן. פופציק יאָר איז זי געווען
אי זײַנע אויגן, אי זײַנע הענט און פיס. זי
איז אים געווען א ווײַב, א מאַמע, א שוועס-
טער, א ניאַניע, א דינסט, א דאָקטער, א
סעקרעטאַרשע, א פאָרלייענערן, א וועגווײַ-
זערן, זי איז אים געווען אַלצדינג אין דער
וועלט. איבער זײַנע בלינדע אויגן איז זי פופ-
ציק יאָר געווען אי זי, אי ער. ניין, געווען —
נאָר ער. איך וויל, איר זאָלט מיר צוזאָגן,
אז איר וועט אָט די מענטשלעכע העלדיש-
קײַט אָנמאָלן כאָטש אף עטלעכע זײַטלעך.
איך וויל, איר זאָלט מיר געבן דאָס וואָרט.
אין זײַנע רייד האָט אזויפיל מאָל איבער-
געכאַזערט זיך „געווען", די וויִעס אַרום זײַ-
נע בלינדע אויגן האָבן דערבײַ אזויפיל מאָל
אונטערגעפינטלט, אז כ'האָב פאַרשטאַנען, סע
מוטשעט אים איצט א שווערע פאַרגעפיל, און
די רייד זײַנע זײַנען מערער צוואָע, איידער
באַקאָשע.
כ'האָב זיך אויפגעהויבן, אַרײַנגענומען אין
בײדע דלאָניעס דאָס מאָגערע בײנערדיקע
פּאָנעם זײַנס, א קוש געטאָן אים אין ווײַס-
גראָווען קאָפּ און געזאָגט:
— כ'גיב אײַך דאָס וואָרט, פאָטער!..

2

כ'פלעג טאָמיד טראַכטן, אז קיין העכע-
רע מאַן-און-ווײַב-אידיליע, ווי אין פּערעצעס
„שאָלעם-באַיִס" איז נישטאָ. בא אונדז אינ-
דערהיים איז צווישן טאַטן און דער מאַמען
אויך געווען גרויסע ליבשאַפט, געטרײַקײַט,
אידילישקײַט. נאָר פונדעסטוועגן פלעגט זיך
אמאָל אין טאַטן „צעשפּילן דער סויפער",
ווי די מאַמע פלעג זאָגן. („דער סויפער" —
ווײַל אונדזער מישפּאָכע פונעם טאַטנס צאַד
האָט מען גערופן „די בניי-סאָפרים". פאַרוואָס
דעם טאַטנס אַרויס פון די קיילים האָט גע-
הייסן, אז גראָד „דער סויפער" האָט זיך אין
אים צעשפּילט — אזוי האָט, אפּאָנעם, גע-
וואָלט די מאַמע.)
אזא מאַן-און-ווײַב-אידילישקײַט — אָבער,
וואָס כ'האָב געזען צווישן שאַך-אַנינען און
זײַן ווײַב פאַניע, האָב איך ביז דעמלט אפי-
לע פאָרשטעלן זיך ניט געקאָנט. כ'בין מיט
זיי געווען אינײנעם קימאַט א גאַנצן כוידעש
אין דובעלטער שרײַבער-הויז. זי פלעג אים
אפילע דאָס היטל אָנטאָן. מיט צוויי פינגער
אַוועקגלעטן די פּאָר האָר זײַנע פונעם שטערן
און דאָס זומערדיקע היטעלע, וואָס ער האָט
ליב געהאַט צו טראָגן, אַוועקזעצן אים אפן
קאָפּ — א ביסעלע קאָסע, א גלײַך טאָן עס
דערנאָך, עס זאָל זיצן שיין, מיט א קנייטשל.
זי פלעג אים טאָמיד געבן האַלטן אין דער
האַנט א פעלד-בלימל; ער פלעג דאָס קליי-
נינקע בלימל צוטראָגן צו די נאָזלעכער,
אײַנאָטעמען אין זיך די רייכעס — זיי האָבן
אים באַשטימט אויסגעזען צען מאָל שטאַר-
קער און צאַרטער, ווי אינדערעמעסן — און
דאָס פּאָנעם זײַנס האָט דערבײַ, איבער דער
בלינדקײַט, אויסגעקוקט פאַרדווייקעט, פאַר-
מויעכט, פאַרטיפט אין גאָר אנדערע וועלטן.
זיי פלעגן אָפט זיצן בײדע אף א באַנק אונ-
טער א בוים אַנטקעגן יאַם. ער — אָנגע-
שפּאַרט אין א קישעלע, וואָס זי האָט אַרויס-
געבראַכט פונעם צימער; זי — פאָרלייענענ-
דיק אים א ביכל אף א קאָל, מיט אינטערעס
און מיט קאַוואָנע, מיט אַלע קוועטשלעך און
אַלע אָפּשטעלעכצן. כ'פלעג קוקן און טראַכטן:
אומגליק איז א זאַך פאַר מענטשן, עס קען
טרעפן יעדן; נאָר צו אומגליק דאַרף מען
אויך האָבן דאָס ביסעלע מאַזל. ס'האָט זיך
מיר געדאַכט, אז מיט קיין אנדער נאָמען,

כוץ „גליק מײַנס", רופט ער זי ניט; און זי אים רופט אויך ניט מיט קיין אנדער נאָמען, כוץ „זון מײַנע", „שײַן מײַנע". ס'האָט ניט געקלונגען זיסלעך, ווײַל ס'איז געווען עמעס. ווײַל כ'האָב עס ניט ערגעץ באַ עמעצן איבערגעלייענט, נאָר געהערט עס מיט די אייגענע אויערן און געזען עס מיט די אייגענע אויגן. כ'האָב אין אלע פיר וואָכן ניט דערבליקט אף איר פּאָנעם, אפילע ווען כ'האָב געקוקט פון דער זײַט, קיין איין גרימאַסע, קיין איין פארקנייטשן זיך: ס'איז איר שווער, ס'איז איר ביז אהער-אָ, ס'איז א העלדישקײַט אירע. ניין, פּאָשעט: דאָס איז איר לעבן און זי בענטשט אָט דאָס לעבן. כ'האָב קיינמאָל ניט געזען אף איר פּאָנעם קיין מינדסט בליצל נערוועזקײַט, קיין מינדסט וואָלקנדל מידקײַט. כ'פלעג טראַכטן: אינטעליגענטן, גרויסשטאָטישע, גוט-דערצויגענע, עפשער ווייסן זיי גלאַט וויאַזוי צו האלטן זיך, ווי צו פירן זיך מיט מענטשן. און איך פלעג דעם געדאַנק באלד אָפּוואַרפן: געשיקט זיך, אז אין פיר וואָכן וואָלטן זיי זיך ניט געווען ארויסגעכאַפּט מיט איין האלב וואָרט, מיט איין קליין גרימאַסל? געשיקט זיך, אז זיי זײַנען אזעלכע גרויסע קינצלער, און איך בין אזא קליינער מיוון? און פלעג זיך מוסערן: זינדיקסט. ס'איז א סימען פון ניט-גוטקײַט. האָסט פאר זיך שיינקײַט און ווילסט זי אליין זיך פארמיעסן...

זי האָט ליב געהאַט א סאך צו רעדן, דערציילן, מאמעש שיטן. דאָס איז גוט, פלעג איך זיך פרעגן, צי דאָס איז ניט גוט? גוט. מערער נאָך, ווי גוט. פאר דער גאנצער צײַט האָב איך פון איר אליין ניט געהערט, אז זי שטאַמט פון זשיטאָמיר. ניט געהערט, — וואָס זי האָט געענדיקט, ווו זי האָט געענדיקט. וועגן זיך אליין האָט זי קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. זי איז געווען פול מיט אים. זי האָט גערעדט און דערציילט נאָר וועגן אים. אויב שוין וועגן זיך אויך, איז וועגן זיך און וועגן אים, וועגן זיך און אים אינאיינעם.

זי האָט דערציילט מיט אלע פּינקטלעכקײַטן וועגן זײַנע באַגעגענישן מיט שרײַבער, מיט געלערנטע, מיט אמאָליקע רעוואָליוציאָנערן. וועגן זײַנע שווערע פילאָסאָפישע לעקציעס און וועגן זײַנע ארויסטרעטונגען פאר א ברייטן עולעם מיט די סאמע פּאָשעטסטע ווערטער און סאמע דורכזיכטיקסטע געדאַנקען. זי האָט גערעדט וועגן זײַן זעלטענער ערלעכקײַט. דערציילט וועגן די ביכער זײַנע, וואָס ער האָט ארויסגעגעבן און וואָס ער האָט אָנגעשריבן. דערציילט וועגן קאָנגרעסן און קאָנפערענצן, אונטערערדישע און לעגאלע, וווהין זיי זײַנען ביידע געפאָרן אינאיינעם. זי האָט גערעדט וועגן די צוויי טעכטער זייערע, וואָס זיי האָבן אינאיינעם אויפגעצויגן. גערעדט און דערציילט וועגן אלצדינג זײַנס, אלצדינג זייערס. א סאך זאכן האָט זי איבערדערציילט צוויי מאָל, דרײַ מאָל. ס'האָט זי ניט געאַרט, אז דאָס קאָן הייסן אלטקײַט, קיין זיקאָרן שוין נישטאָ, נײַן מאָס רייד. אבי זי זאָל נאָכאמאָל און נאָכאמאָל פּאַסמאַקעווען זיך מיט די אלע זאכן, וואָס זײַנען איר ליב און זײַנען איר טײַער.

זי האָט, לעמאָשל, צוויי מאָל איבערדערציילט, וויאַזוי זיי זײַנען געפאָרן קיין פּאַריזש אפן אנטיפאשיסטישן יידישן קולטור-קאָנגרעס, דורכגעפאָרן באנאכט דאָס היטלעריסטישע דײַטשלאַנד. גאנצפרי, ווען מ'האָט זיך אין דײַטשלאַנד געכאַפּט, ווער ס'איז באנאכט דורכגעפאָרן, האָבן זיך צעראַשט אלע צײַטונגען, און צוריקפאָרן דורך דײַטשלאַנד האָבן זיי שוין ניט געטאָרט. וויאַזוי זיי זײַנען אפן קאָנגרעס אָנגעקומען מיט א פּאָר שאָ שפּעטער, ווען דער קאָנגרעס האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן, זי האָט אים ארופגעפירט אף דער בינע, אין פּרעזידיום, דער עולעם האָט אים אופגענומען, שטייענדיק אף די פיס, און וויאַזוי ער איז דערנאָך פאר'ן עולעם ארויסגעטראָטן. אײַ, איז ער דעמלט ארויסגעטראָטן!..

גאנצע דרײַ מאָל, און אלע דרײַ מאָל מיט איין און דעם זעלבן פריילעכן טאָן, האָט זי דערציילט, וויאַזוי זשאַנדאַרן זײַנען געקומען אים ארעסטירן, און זי האָט בעשום-אויפן ניט געלאָזט נעמען אים אליין, אָן איר, וויאַזוי ס'איז דערנאָך אויסגעקומען לויפן צום פּראָקוראָר, אײַנלייגן וועלטן, מע זאָל זי אויך אײַנזעצן. און וויאַזוי דאָס גראַדע האָט זי געפּועלט: מ'האָט זי ארעסטירט און זי איז דערנאָך אָפּגעזעסן עטלעכע כאָדאָשים מיט אים אין איין קאַמער... אײַ, זון מײַנע... שײַן מײַנע!..

וואָס זי האָט ניט דערציילט, האָט דאָס דערציילן אירס ארויסגעכאַפּט באַ איר גוטע עטלעכע יאָר. זי איז בעשאַסן דערציילן געוואָרן לעבעדיקער, אפילע שטאַלטנער. ער איז דעמלט אלט געווען אריבער די נײַנציק. זי — מיט א פופצן יאָר יינגער פון אים; אויך, פארשטייט זיך, א זקיינע. נאָר מיטן וואָרט „זקיינע" איז דאָ אי עפּעס פארשוועכט, אי עפּעס פארלייקנט. אין איר פינף-און-זיבעציקיאָריקײַט האָט זיך ניט אָנגעזען קיין מינדסטער סימען פון אלטקײַט. די גאנצע שיינקײַט און די גאנצע פרוישקײַט אירע איז נאָכגעגאנגען מיט איר ביז איצט, ביז אין איר טיפער עלטער. עס האָבן זיך געביטן

די פארבן: פון שווארץ איז געוואָרן גראָוו, פון גראָוו — ווײַס; נאָר די געביטענע פארבן האָבן, ווי עס טרעפט בא אייניקע פרויען, זי נאָך שענער געמאכט. אירע נאקעטע הענט, אונטער דער דינער שארף אף אירע אקסלען, האָבן נאָך פארמאָגט זייערע כיין-גריבלעך. דער קאָפ האָר, דער האלדז, די פלייצע, די פיס, דער גאנצער שטאלט אירער איז געווען פול מיט פרויִשקײַט. כ'פלעג קוקן אף איר און טראכטן: ווו ליגט דערפון דער סאָד? כ'האָב געוווּסט, אז ער איז בלינד געוואָרן א יאָר נאָך זייער כאסענע. איך פלעג זי זיך מיר פאָרשטעלן אזוינע, ווי זי איז נאָך יענעם איינעם יאָר געבליבן אין זײַן זיקאָרן. און איך פלעג זיך ענטפערן: דער סאָד ליגט טאקע אין איר אליין. אין איר ניט-געוויינלעכקײַט. אין איר ניט-געוויינלעכן ליב האָבן. אין איר ניט-געוויינלעכן קויעך פופציק יאָר זײַן א ליבן מענטשן אי די אויגן זײַנע, אי זײַנע הענט און פיס. אין איר ניט-געוויינלעכן קענען טאָמיד בלײַבן לעבן אים אזא, ווי זי איז געווען דעמלט, ווען די אויגן זײַנע האָבן זי נאָך געזען...

פיר וואָכן האָב איך אָפט געקוקט, וויאזוי זי רוקט ארויס אין עס-זאָל דאָס בענקל פון אונטערן טיש, זעצט אים אפן בענקל אוועק, פארשטעקט ארום קאָלנער זײַנעם א סאלפעטקעלע, ווי מע טוט דאָס, באם געבן עסן א קינד. כ'האָב געזען, ווי זי ווישט מיט א טיכעלע אָפ דעם שווייס פון זײַן שטערן. כ'האָב געזען, ווי זי פירט אים טאָמיד אונטערן אָרעם, צוגעטוליעט צו זיך, באהעפט מיט זיך; און די טריט זייערע, האָט זיך מיר געדאכט, קלינגען אָפ מיט איין ווידערקאָל, ווי ס'וואָלט געשפאנט איין מענטש.

כ'פלעג א טראכט טאָן: ניאנטשעט זי אים ניט צופיל? ווען זי לאָזט אים, אשטייגער, אָפ איצטער איינעם אליין, וואָלט ער זיך נאָך געקאָנט האלטן אף די פיס? וואָס צו איז עפשער איבעריק. און איך פלעג דעם געדאנק באלד אָפווארפן: צוליב וואָס זשע אָפלאָזן אים איינעם אליין? און פלעג זיך ווידער מוסערן: זינדיקסט. וואָס צו איז בא אלצדינג איבעריק, נאָר ניט בא ליבשאפט און ניט בא מענטשלעכקײַט...

3

דעם צווייטן סוזשעט האָט מיר „געשענקט” די קיִעווער יידישע דיכטערן ריווע באליאסנע.

ריווע באליאסנע איז געווען אן איידעלע לירישע דיכטערן. אין לעבן — אן עקזאלטירטע, א מיידלש-פארשײַטע, אן אָפענע, צומאָל א קאפריזנע, צומאָל א מאָדנע. אין קעשענעוו האָט זי דעמלט פארבראכט צוגאסט בא א כאווערטע. גראָד אין יענער וואָך איז בא דער כאווערטע געשען א שרעקלעכער אומגליק: א זון אירער, א באָכער פון זעכצן-זיבעצן יאָר, איז דערטרונקען געוואָרן אין א שווים-באסיין. וואָס אין שטוב דאָרטן האָט זיך דעמלט געטאָן, איז זיך ניט שווער פאָרצושטעלן. און איך האָב ריווען גענומען אף עטלעכע טעג צו זיך.

באם אָנהייב האָט זי מער געשוויגן, ווי גערעדט. באנאכט פלעגט זי זיך אופכאפן פון שלאָף מיט א כליפעריי; דאָס כליפען האָט געהאלטן ניט קיין סאך, עטלעכע רעגעס; באלד פלעג זיך ווידער הערן דאָס שווערע אָטעמען אירס אפן געלעגער. באטאָג איז זי סײַוויסײַ מערער געווען דאָרט, בא דער כאווערטע. דעם לעצטן טאָג פארן אוועקפאָרן האָט זי אינגאנצן אָפגעגעבן מיר. זי איז שוין געהאט געקומען צו-זיך, געוואָרן לעבעדיקער. מיר האָבן ביידע שפאצירט אין דער אלייע אפן פראָספעקט, ווו כ'האָב דעמלט געוווינט. זי האָט א סאך גערעדט, געלייענט מיר אויסווייניק נײַע לידער אירע, איך האָב, פארשטייט זיך, אויך ניט געשוויגן. פלוצעם האָט זי זיך געגעבן א שטעל אָפ, א דריי געטאָן צו מיר דאָס פּאָנעם און מיט א טײַנע אין קאָל מיך א פרעג געטאָן:

— הער נאָר, באָכערעץ. פארוואָס האָסטו מיר ניט געזאָגט, אז דו האָסט אין קיִעוו קרויווים?

— איך האָב ניט אין קיִעוו קיין קרויווים.

— האָסט יאָ. דו ווייסט פּאָשעט ניט דערפון. א גאנצע מישפּאָכע מיט דער זעלבער פאמיליע, ווי דײַנע.

— די זעלבע פאמיליע הייסט נאָך ניט קרויווים.

— ווילסט ניט, איז ניט. דײַן זאך. נאָר ניט דאָס איז וויכטיק, וויכטיק איז עפּעס אנדערש. איך פארמאָג וועגן דײַנטוועגן, אין שײַכעס מיט אָ-דער מישפּאָכע, א סוזשעט, האָסטו נאָך אזא סוזשעט אין לעבן ניט געהערט. איך וויל דיר אים פאר מײַן אוועקפאָרן איבערלאָזן, ווי א גאסט לאָזט איבער פארן אוועקפאָרן א נעדיזנע. געדענקסט אזא וואָרט נעדיזנע, הא? וועסט זיך פונעם סוזשעט אויך מעגן אָפּזאָגן. דײַן זאך. נאָר אויסהערן מוזסטו אים, ס'זאָל מיך אפילע קאָסטן ווייסעד וואָס און ווייסעד וויפל...

האקיצער — פּאָשעטער: מיר האָבן זיך מיט ריווע באליאסנען אוועקגעזעצט אף א באנק אין דער אלייע; א באנק — א שטיבל:

די ווענטלעך און דאָס דעכל אויסגעפּלאָכטן פון ווײַנטרויבן-צווײַגלעך און ווײַן-בלעטלעך; און ריווע באַליאַסנע האָט אָנגעהויבן אויס-פלעכטן א געשיכטע. איך גיב זי איבער א ביסל מיט ריוועס ווערטער און א ביסל, פאַר-שטייט זיך, מיט מײַנע אייגענע ווערטער:

— דאָס מיידל וועלן מיר דערווײַל אָנ-רופן סאָניע. א שיין מיידל, ווי גאָלד. א מעדשוועסטער. מילכאָמע-צײַט, קיִעוו איז אָקופּירט, סאָניע וווינט מיט די עוואַקויִרטע עלטערן אין טאַשקענט, אַרבעט אין טאַשקענט אין אַן אַרמיי-שפּיטאָל. דער שפּיטאָל איז ניט גאָר קיין גרויסער, נאָר זייער א שווערער. שווער-פאַרווונדעטע, שווערע אָפּעראַציעס, פראָנטאָוויקעס אָן פיס, אָן הענט, אָן אויגן, אי מע אָפּערירט זיי, מע היילט זיי, אי מע אַרבעט ערשט דערנאָך מיט זיי גענוג, זיי זאָלן זיך צוריק אָנהייבן פילן מענטשן, צוריק אומקערן זיך צום לעבן. מאַכט זיך אין א טאָג, מע ברענגט אָן פונעם פראָנט א באָכער, שווער פאַרווונדעט אַף ביידע אויגן. מיר וועלן דעם באָכער דערווײַל אָנרופן וויקטאָר. וויקטאָרן מאַכט מען צוויי אָפּעראַ-ציעס, מע נעמט צוויי מאָל אַראָפּ די באַנ-דאַזשן פון די אָפּערירטע אויגן, און — ס'האָט גאָרניט געהאָלפן, וויקטאָר איז אַף אייביק געבליבן בלינד. זעקס כאָדאָשים האָט מען נאָך דערנאָך וויקטאָרן אָפּגעהאַלטן אין שפּיטאָל. און אין א שיינעם גאַנצפרי, אין זעקס כאָדאָשים אַרום, פאַלט פּונקט אַף סאָ-ניען דער גורל, זי זאָל אים, אַזאַ-אָ, אָן אייביק בלינדן, אָפּפירן אַהיים, אין דאָרף זײַ-נעם, וווּ ער האָט ביז אין דער מילכאָמע געלעבט. די צוגן זײַנען נאָך דעמלט געגאַנ-גען פּאַמעלעכער, ווי הײַנט. פיר טעג איז סאָניע געפאָרן מיט וויקטאָרן. דעם ערשטן טאָג איז וויקטאָר געווען גאַנץ אויפגעלייגט, אַפילע צומאָל א ווערטל געטאָן זיך. דעם צווייטן טאָג האָט ער אָנגעהויבן שווײַגן. דעם דריטן — אי שווײַגן, אי ניט עסן. דעם פערטן טאָג, אָט-אָט באַלד בא דער סטאַנציע זייע-רער, האָט ער א זאָג געטאָן סאָניען:

— סײַווי־סײַ וועל איך ניט לעבן!..

— וואָס הייסט דאָס? ווי דאַרף מען דאָס פאַרשטיין? — האָט סאָניע אַזש אָנגעהויבן ציטערן.

— אַזוי, ווי איך זאָג, אַזוי דאַרף מען דאָס פאַרשטיין. איך וויל ניט בלײַבן קיין אייביקער אומגליק טאָג בא טאָג מײַנע על-טערן פאַר די אויגן. און כאָטש זיי — וועמען פעל איך, ווער דאַרף מיך?..

— איך. איך דאַרף דיך!... — איז סאָניע צוגעפאַלן צו אים מיטן קאָפּ און אויסגעשאָסן א געוויין.

די עלטערן סאָניעס אין טאַשקענט זײַנען שיר ניט אַראָפּ פון זינען. עס זײַנען גע-פלויגן טעלעגראַמעס, עס האָבן געקלונגען טעלעפאָנען; מיט גוטן, מיט שלעכטן — ווען דער פאָטער סאָניעס איז אין א צען טעג אַרום געקומען אַהין אין דאָרף, אַליין א קוק טאָן וואָס און ווען, האָבן שוין סאָניע און וויקטאָר געוווינט ביידע אין א באַזונדער שטיבל, אין דאָרפסאָוועט שוין געהאַט פאַר-שריבן זיך, שוין געווען מאַן און ווײַב. דער פאָטער און די מוטער סאָניעס האָבן געפּוילעט בא זיך, אַז דאָס איז א מין ראָמאַנטיש בא-לעווען זיך דער טאָכטערס, אַן אויפבליץ פון איר אכצניאָריקײַט, עפשער גאָר אַזא מעשו-נעדיקער קאַפּריז — ס'וועט איבערגיין. די מילכאָמע איז דערווײַל געגאַנגען; אַף דער וועלט האָבן זיך אָפּגעטאָן וויכטיקערע זאַכן; קיִעוו איז שוין געהאַט געווען באַפרײַט; מיט דער צײַט האָבן זיך די עלטערן אומגעקערט פון טאַשקענט אַהיים; מיט סאָניען באַם אָנהייב אַפילע ניט איבערגעשריבן זיך; דערנאָך אָנ-געהויבן פּאַוואָליע ענטפערן אַף אירע בריוו, אַליין שיקן איר איינס נאָכן אַנדערן בריוו; סאָפּקאָלסאָף אַרויסגעשיקט סאָניען און וויק-טאָרן אַן אַרויסרוף, זיי זאָלן קומען וווינען אין קיִעוו — זאָלן זיי כאָטש זײַן לעבן זיי. סאָניע און וויקטאָר האָבן שוין, דאַכט זיך, געהאַט דעמלט א קינד אויך.

וואָס זאָל איך דיר זאָגן, באָכערעץ. „ליב" איז ניט דאָס וואָרט. דאָס, וואָס קומט פאָר צווישן אָט דעם פּאָרל, פאַרמאָגט גאָר נאָך קיין נאָמען ניט. זי איז בא אים א גאָט. ער בא איר — אַלץ אין דער וועלט. זי האָט אײַנגעלייגט וועלטן, געלאָפן, געבעטן, גע-מאָנט, געפּוילעט, מע זאָל אים אַזוי-אָ, מיט בלינדע אויגן, אויפנעמען לערנען זיך אין קיִע-ווער אוניווערסיטעט. אַליין האָט זי אי גע-אַרבעט אין א שפּיטאָל, אי געגאַנגען מיט אים אַף די לעקציעס, איבערגעשריבן קאָנס-פּעקטן, פאָרגעלייענט זיי אים אינדערהיים אַף א קאָל, געזעסן און „געגרייט" מיט אים די „לימודים", ווי מע טוט דאָס מיט א קינד א טאַלמיד אין ערשטן קלאַס. כ'ווייס ניט, צי ער פלעג פריִער אויך שרײַבן לידער. אויב יאָ, איז דאָס אַוואַדע געווען אַזוי זיך — יִינגלשע גענג. איצט, פּלוצעם אין א טאָג — און פאַרשטייסט מיסטאַם אַליין, אַז שוין גאָרניט פּלוצעם — האָט ער אָנגעהויבן שרײַבן. באַם אָנהייב — אין דער שטיל, פאַר זיך, אין קאָפּ. דערנאָך, זי האָט נאָר אויס-געהערט די ערשטע פאָר לידער זײַנע, האָבן זיי שוין ווײַטער געשריבן אינאיינעם. ס'הייסט, ער זיצט, צי ליגט אַפן בעטל, און זאָגט, און זי פאַרשרײַבט. הייסט ער איר א שורע אויס-

מעקן, מעקט זי אויס; ענדערן א וואָרט — ענדערט זי; הייסט ער איר א ליד אינגאַנצן צערײַסן, זאָגט זי, אַז זי צערײַסט, און... באַהאַלט. האַקיצער — ער איז הײַנט א דיכטער. און אין קיעוו א באַקאַנטער דיכטער. ביז איצט שוין אַרויסגעגעבן עטלעכע ביכלעך לידער. טרעט אָפט אַרויס אַף פּאָעזיע-אָוונטן. זי פירט אים אַרוף אַף דער בינע, און ער הייבט אָן אויסווייניק לייענען. באַם אָנהייב גאָר שטיל, קוים וואָס מע הערט, דערנאָך — וואָס אַמאָל העכער, שטאַרקער, דאָס קול זײַנס הייבט אַזש אָן הילכן. זייער רירנדיקע לידער, גאָרניט קיין שלעכטע לידער, מע מעג אים שוין גראַדע הערן לייענען. דיכטונג איז געוואָרן דער זין פון זײַן לעבן. דיכטונג און זי. דיכטונג — אַדאַנק איר. דאָ מעג מען יאָ מיטן פולן מויל זאָגן אַדאַנק איר. אַדאַנק איר ביכלאַל, אין גרויסן זינען פונעם וואָרט, און אַדאַנק איר ביפּראַט, אין סאַמע פּאָשעטן זינען...

די דאָזיקע געשיכטע, וואָס ריווע באַליאַסנע האָט מיר געענדיקט דערציילן, האָט זי אַליין אַזוי אופגעמונטערט, אַז זי איז אַזש געבליבן זיצן א פאַרפלאַמטע, מיט אָנגעצונדענע באַקן. כ׳האָב א טראַכט געטאָן, אַז דערמיט, מיטן דערציילן אָ-די געשיכטע, האָט זי אויסגעלײַטערט איר שווער געמיט איבער די איבערלעבענישן פאַר דער כאַווערטעס אומגליק. מיר האָבן זיך אופגעהויבן פון דער באַנק און ריווע האָט א מאַך געטאָן:

— די עמעסע נעמען סאָניעס און וויקטאָרס זאָג איך דיר ניט. אויב עס שטייט דיר אָן אָנצוקערן זיך מיט זיי קרויווים, וועסטו עס אַליין זיך דערוויסן...

— דאָס איז דען דאָ דאָס וויכטיקסטע? — האָב איך איר שולדיקלעך געענטפערט.

4

אַנומלטן בין איך ווידער געווען באַם יאַם, אין א שרײַבער-הויז.

אַף אַן אָוונט דאָרט, ווו דיכטער האָבן געלייענט פאַר אַן אוילעם זייערע לידער, האָב איך פּלוצעם דערזען אופהייבן זיך אַף דער בינע ניט איינעם אַליין דעם דיכטער, וועמעס נאָמען מ׳האָט נאָרוואָס אָנגערופן, נאָר אינײַנעם מיט אים — א פרוי. זי האָט אים ניט געפירט אונטערן אָרעם און ניט געהאַלטן בא דער האַנט. זי איז בלויז געגאַנגען לעבן אים, און ער האָט איר גיין לעבן זיך געפילט. די פּאָר טרעפּלעך צו דער בינע אַרוף האָט ער איבערגעשפּאַנט גלײַך, לײַכט, קיין איין שאַר ניט געטאָן מיט די פיס, ווי ער וואָלט געזען ווו צו גיין.

די פרוי האָט דעם דיכטער איבערגעלאָזט אַף דער בינע, און דער דיכטער האָט אָנגעהויבן לייענען. די בלינדע אויגן זײַנע — אָפענע. קיינער אין זאַל וואָלט ניט געזאָגט, אַז עס שטייט פאַר אים און לייענט א מענטש אָן אויגן. ער אַליין, דער דיכטער, האָט עס דערציילט אין זײַנע לידער.

ער האָט געלייענט אי מילכאָמע-לידער, אי ליבע-לידער. געלייענט באַם אָנהייב גאָר שטיל, קוים וואָס מ׳האָט געהערט, דערנאָך איז דאָס קול זײַנס וואָס א מאָל געוואָרן העכער און שטאַרקער, דער גאַנצער זאַל האָט אַזש געהילכט. אַקוראַט אַזוי, ווי ריווע האָט מיר דאָס לייענען זײַנס אָנגעמאָלט.

די לידער אַליין — אויך אַזעלכע: אי שטילע, אי שרײַענדיקע. דאָס פּאַטעטיש-שרײַענדיקע האָט ניט ווייניקער גערירט, ווי דאָס ליריש-שטילע. לידער קען מען ניט איבערדערציילן. כ׳וויל נאָר דעם טאַמצעס פון די דאָזיקע רירנדיקע לידער פּרוּוון אויסלייגן אין א פּאָר געציילטע ווערטער: כ׳האָב די אויגן מײַנע אָפּגעגעבן אין שלאַכט קעגן כײַישער אומענטשלעכקײַט, און האָב געזיגט — איך זע איצט נאָענט לעבן זיך, ווי גרויס און דערהויבן דו ביסט, דו מענטש...

אַף יענעם אָוונט האָב איך זיך מיט סאָניען און מיט וויקטאָרן באַקאַנט. לאָזט זיך אויס, זיי האָבן וועגן מיר אויך געוווּסט — ריווע האָט זיי אויך אײַנגערעדט, אַז זיי פאַרמאָגן קרויווים אין קעשענעוו.

א פּאָר וואָכן זײַנען מיר דערנאָך געווען אינײַנעם אין שרײַבער-הויז. כ׳האָב זיך צוגעקוקט מיטן זעלבן כידעש און מיט דער זעלבער היספּײַלעס, ווי אין יענע אַנדערע פּאָר וואָכן צו שאַך-אַנינען און פּאַניען. דאָס ריגער פּאָרל און דאָס קיעווער פּאָרל האָבן אָנגעהויבן לעבן אין מיר פאַרייניקטע, אַלציינע. ס׳איז ניט נייטיק איבערצוכאַזערן דאָ וועגן קיעווער פּאָרל דאָס, וואָס כ׳האָב שוין פריער דערציילט וועגן ריגער פּאָרל. כאָטש איין פּאָר איז געווען גאָר אַן אַנדערע, און די צווייטע פּאָר — גאָר אַן אַנדערע.

אײַנגעטוליעט אין פּאַניען, באַהעפט מיט איר, שפּאַנענדיק ביידע ווי איין מענטש, די טריט זייערע מיט איין ווידערקאָל, האָט שאַך-אַנין ניט אויסגעזען לעבן פּאַניען ווי א בלינדער.

גייענדיק מיט סאָניען ניט אָנהאַלטנדיק זיך אין איר, פרײַ, בלויז פילנדיק זי לעבן זיך, האָט וויקטאָר לעבן סאָניען אויסגעזען ווי א זעענדיקער.

כ'האָב זיך צוגעקוקט צו זיי, ווי זיי באָדן זיך אין יאַם. וויקטאָר האָט זיך געבאָדן באַזונדער און סאָניע באַזונדער. זי איז קיינמאָל ניט אַריַינגעגאַנגען אין וואַסער, ווען ער איז דאָרט געווען. זי איז נאָר געזעסן בײַם ברעג, קיין אויג ניט אַראָפּגעלאָזט פון זײַן שווימען, אַלעמאָל נאָר אַ געשריי געטאָן צו אים, אַ רוף געטאָן אים, אויסגעשטרעקט אים אַ האַנט נאָר בײַם אַרויסגיין. אַפּאָנעם, זי וויל ניט, האָב איך געטראַכט, ער זאָל אַפילו קעגן מעכטיקן יאַם פילן זיך אומעכטיק.

דאָס אַלטע, דאָס ריגער פּאָרל, האָב איך געזען מאַסיוו, דוירעסדיק, ווי אַ מאַסיוון פּאַסאַד בײַ אַן אַלט-דוירעסדיק מויערל, מיט סקולפּטור-פיגורלעך, מיט באַפליגלטע מאַלאָכימלעך אין די נישעס, מיט לייבן בײַ די טרעפּ, מיט שאַלוועסדיקער שטילקייט אין זייער שאָטן.

דאָס ייִנגערע, דאָס קיִעווער פּאָרל — ווי נײַע געבײַען פון גלאָז און אַלומיניום. מיט פּראָסטקייט און איינפאַכקייט, מיט פרײַקייט, מיט זון און דורכזיכטיקייט אין אַלע זייערע ווינקלען.

די עמעסע נעמען סאָניעס און וויקטאָרס זאָג איך אויך ניט דעם לייענער. פּונקט, ווי ריווע באַליאַסנע האָט זיי מיר ניט געזאָגט. אויב עמעצער וועט דערפילן אין זיך זייער קרויווישקייט, וועט ער עס אַליין זיך דערוויסן. דער דיכטער איז אין קיִעוו אַ באַקאַנטער נאָמען.

ביידע סוזשעטן האָבן געשוועבט אַרום מיר, ווי די שענסטע שוועלבעלעך מײַנע. זיי נעסטן זיך אײַן אינײנעם, איינס לעבן אַנדערן, אונטער איין סטרעשענע.

איך שטעל דערווײַל די צוויי גרויסע פרויען, פאַניען און סאָניען, נאָר אַ מאַרמאָרנעם טאַוול. אונטער זיי, אויפן טאָוול, אַן אויפשריפט: דאָ, אויף דעם אָרט, וועט אויפגעהויבן ווערן אַ דענקמאָל.

האָרעוואַניע

יעדער מענטש אויף דער וועלט האָרעוועט. אויף האָרעוואַניע, ווי ס'איז שוין הײַנט גוט באַוווּסט, שטייט די וועלט. אָן האָרעוואַניע וואָלט דער מענטש ניט געווען געוואָרן מענטש, און די וועלט וואָלט אינגאַנצן קיין קיִעם ניט געווען געהאַט.

האָרעוואַניע, פּראַצע, אַרבעט, אַווידע, מי, טועכץ, אַקערן מיט דער נאָז, געבן דעם קריזש, אויסגעריסן ווערן — וויפל נעמען דאָס האָט! וויפל פאַרבן דאָס פאַרמאָגט! מײלע, ניט וועגן דעם גייט איצט די רייד.

ווייסן מענטשן גוט, וויפל אַ שרײַבער האָרעוועט? וויאַזוי אַ שרײַבער אַקערט מיט דער נאָז און ווערט אויסגעריסן? דער וויאַזוי, ווי דער וויאַזוי. לאָמיר דעם וויאַזוי דערווײַל אָפּלאָזן. וויפל!

יעדער מענטש אַרבעט אַזויפיל און אַזויפיל שעה אין טאָג. אַמאָל האָבן מענטשן געהאָרעוועט גאָר-גאָר אַ סאַך. (בײַ אונדז אין שטעטל, לעמאָשל, — און דאָס האָט אין בידנעם שטעטל, זאָל עס דעם שטעטל פאַר קיין לויב ניט דערמאָנט ווערן, קיין בונטן ניט אַרויסגערופן — האָבן שנײַדער-מיידלעך אָפּגעהאָרעוועט פון פיר פאַרטאָג ביז צוויי בײַנאַכט.) הײַנט האָרעווען מענטשן אַ סאַך, אַ סאַך ווייניקער. און דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אַ גרויסער שפּאַן פאָרויס. און ניט ווייניק מי און אַפילו ניט ווייניק בלוט האָט דער דאָזיקער שפּאַן אָפּגעקאָסט. נאָר אַוואַדע האָט זיך עס גוט געלוינט.

אַ שרײַבער אָבער האָט אי געהאָרעוועט אַמאָל, אי ער האָרעוועט נאָך הײַנט — טאָמיד. אַלע זײַנע פיר און צוואַנציק שעה אין מעת-לעת. נאָך מיט צוויי שעה מערער פון די בידנע שנײַדער-מיידלעך בײַ אונדז אין שטעטל.

אַפילו בײַנאַכט, אין שלאָף? יאָ, מאָלט אײַך. אַפילו אין שלאָף. אַפילו דעם שרײַבערס חלומעס זײַנען ניט גלאַט קיין חלומעס, ווי בײַ אַלע מענטשן פון אַ גאַנץ יאָר. זיי זײַנען שרײַב-האָרעוואַניע.

און דעם שרײַבערס האָרעוואַניע בײַנאַכט אין שלאָף, צי אין די שעה אויפן געלעגער, ווען שלאָפן שלאָפט זיך ניט, איז די שווערסטע האָרעוואַניע זײַנע. אַפילו פּשוטע פיזיש שווער. שווערער, ווי זעגן קלעצער אין אַ וואַלד, צי האַקן שטיינער אויף אַ באַרג. ניט אומזיסט ווערט דער שרײַבער בײַנאַכט אין שלאָף אַלעמאָל אָפּגעגאָסן מיט זיבן שווייסן. דרייט זיך אַלעמאָל איבער אויפן געלעגער אין איין זײַט און אין דער אַנדערער זײַט, האָרעוועט, אַפילו פּשוטע פיזיש, מיט זײַנע הענט און פיס, מיט זײַן גאַנצן געביין. ווען ער וועגט זיך גאַנצפרי, נאָך אַזאַ שלאָף-האָרעוואַניע,

אַף זעט ער, אַז ער האָט פאַרלוירן אין דער וואָג. און ניט ווייניק פאַרלוירן.

(ס'איז אַ כידעש, פאַרוואָס קרילאָוו, דער געניאַלער מעשאָלים-שעפער, וועמעס מע־שאָלים יעדעס וואָרט מאַשלט זיך, איז געווען אַ דיקער. און פאַרוואָס פלאָבער, דער דינס־טער וואָרט-שלײַפער פון אַלע צײַטן, איז אויך געווען ניט קיין מאַגערער. קאָן זײַן, אַז זייער דיקלעכקײַט איז אַ מין קאַפּויערער רעזול־טאַט, אויך פון שווערער האָרעוואַניע.)

און האָרעווען האָרעוועט נאָך דערצו דער שרײַבער בעיִכידעס, איינזאַם, איינער אַליין מיט זײַן פּײַן און מיט זײַן סאָד. און וויסן דעם סאָד ווייסט ער אַליין ניט גוט: וועט זיך עפּעס באַקומען פונעם האָרעווען, וועט דאָס אויסגע־האָרעוועטע אַרויס אַף דער וועלט אַ גע־ראָטנס?

און נאָך עפּעס: די שלאָף-האָרעוואַניע דעם שרײַבערס זעט קיינער ניט, קיין איין מענטש ניט, אַפילע ניט דער סאַמע-סאַמע נאָענטסטער זײַנער.

און נאָך עפּעס: פון דער שווערער שלאָף־האָרעוואַניע דעם שרײַבערס ווערט ניט גאָר־ניט, גאָרניט...

נאָר ווער ווייסט — עפּשער איז גאָר די גאַנצע רײַכקײַט, וואָס דער שרײַבער שאַפט און טראָגט זי אונדז דערנאָך צו, דער סאַ־כאַקל פון אָט די ניט-געזעענע נאַכט-שאָען, דער ניט-געזעענער שלאָף-האָרעוואַניע זײַ־נער?

ווער ווייסט עס? און ווער גלייבט עס?

דער הויכער שפרונג

הינטער מאָסקווע. שניי, שניי, און גרי־נע, הויכע, שמעקנדיקע סאָסנעס.

מיר גייען אַף ליזשעס. מיר גייען אַף לי־זשעס און הייסן אויך ליזשע-גייער. מיר הייסן אויך ליזשע-גייער און האָבן פונעם ליזשע־גיין אַפילע האַנאָע. מיר גייען אַף ליזשעס, הייסן אויך ליזשע-גייער, האָבן פונעם ליזשע־גיין האַנאָע, און פאַרגעסן, אַז ס'איז דאָ אַף דער וועלט אַ שפרונג באַלד אונטערן הימל, האַלב-קײַלעכדיק ווי אַ רעגנבויגן, קפיצעס־האַדערעכדיק ווי אין אַ מײַסעלע — צו עמעסע ליזשע-גייער קער אָט דער דאָזיקער הויכער שפרונג. ער רופט אַרויס באַ דער וועלט אַי פלאַטער, אַי כידעש, אַי היספּײַלעס.

רופט עפּעס אַרויס באַ עמעצן אונדזער ליזשע-גייערײַ?

וואָס רופט זי אַרויס, באַ וועמען רופט זי אַרויס?

שוועלבעלעך מײַנע, טײַערע

מײַן נאָוועלע „דאָס הייליקע שוסטערל" האָט זיך געדרייט אַרום מיר עטלעכע און דרײַסיק יאָר. איין קלייניקײַט — עטלעכע און דרײַסיק יאָר!

דעם שוסטערלס מאָנאָלאָג האָב איך מיט די אייגענע אויערן געהערט אַליין פונעם שוס־טערל אין אַ פּאָר יאָר אַרום באַלד נאָך דער מילכאָמע. די נאָוועלע האָט געשוועבט אַרום מיר, ווי אַ שוועלבעלע, געטראָגן אין איר פּיסקל שטרויעלעך און פעדערלעך; אויפגע־זעצט זיך אַף איין אַקסל מײַנעם, אַף אַ צווייטן אַקסל מײַנעם; מיט בעטנדיקע אייגעלעך גע־קוקט מיר אין מויל אַרײַן; אַפּגעפלויגן; אין אַ צײַט אַרום ווידער אָנגעפלויגן; ווידער אַפּ־געפלויגן; און ס'האָבן געדאַרפט אַפּפליסן עט־לעכע און דרײַסיק יאָר, ביז פון די פעדער־לעך און שטרויעלעך זאָל סאָפקאָלסאָף ווערן אַ נעסט אונטער מײַן סטרעשענע; און פון דער נעסט זאָלן אַרויסבליקן מײַלעכלעך, קע־פּעלעך, פון דער נעסט זאָל אַרויספּישטשען שירע.

מאַכנעס, מאַכנעס אַזעלכע שוועלבעלעך שוועבן אַרום מיר. די פענצטער פון מײַן הייכל שטייען פאַר זיי טאָמיד אָפן. זיי שוועבן אַרײַן צו מיר אײַנווייניק. זיי פּיסקלען זיך מיט מיר, ליובקעווען זיך מיט מיר. זיי זעצן זיך אויס אַף מײַן קאָפּ. זיי זעצן זיך אויס אין מײַן האַרצן. זיי וואַרטן אין דער ריי אַף זייער אָרט אונטער מײַן סטרעשענע, אַף זייער טיקן.

זיי פליִען דורך איין פענצטער אַרײַן און פליִען דורך אַ צווייטן פענצטער אַרויס.

שוועלבעלעך מײַנע, טײַערע. ווו נעמט מען צו אײַך מעשוסעלעכס יאָרן?

וואָס וועט זײַן מיט אײַך דערנאָך?

וועט איר שפּעטער נאָך אַלץ בענקען נאָך מיר?

וועט איר כאָטש אומשוועבן אין מײַן הייכל פאַרווייִנטע, פאַראַסעמטע, ווען דער הייכל מײַנער וועט שוין שטיין פּוסט, איך וועל שוין דאָרט ניט זײַן, ניט זײַן?...

כאַים מעלאמוד

א באַסענע אָן קלעזמער

ווי איר קוקט מיך אָן, איז בא מיר א פולער קאָפּ מיט קלוגע געדאנקען. נאָר ביז זיי טרעפן אין מויל אריַין, ווערן זיי א ביסל נארישוואטע. דאָס זאָג ניט איך, דאָס זאָגט מיַין סאָניעטשקע, סאָפיא איסאקאָוונא, זי זאָל מיר געזונט זיַין. פריִער האָב איך געמיינט, אז שולדיק איז מיַין לאנגער האלדז. און ניט אזוי דער האלדז אליין, ווי דאָס ביינערדיקע גערגעלע. עס האלט אין איין ארומשפּריִנגען ארוף און אראָפּ, די געדאנקען פארטשעפּען זיך פאר דעם און צעקרישען זיך. איך בין אפילע געגאנגען צו א דאָקטער היילן דעם האלדז, נאָר ער האָט מיר מיט גאָרנישט ניט געקאָנט העלפן. דערנאָך בין איך געקומען צום געדאנק, אז שולדיק איז מיַין צונג. צו א שארפע צונג בא מיר. איך האָב בעפייריעש געוואָלט אָפּזוכן א דאָקטער, ער זאָל זי א ביסל ארומגלעטן, נאָר ניט געקאָנט געפינען. און מיַין סאָניעטשקע האלט מיך אין איין הריזען.

— אומעטום איז דיַין אייסעק, — טיַינעט זי. — אומעטום קריכסטו מיט דיַין לאנגער צונג.

— וואָס זשע זאָל איך טאָן מיט איר?

— ביַיס זיך אָפּ א האלבע צונג.

ווי געפעלט עס איַיך? וואָס מיַין סאָניעטשקע קאָן זיך פארגינען.

— וואָס זשע פאר א טאם וועלן האָבן דיַינע וואַרעניקעס? — פרעג איך בא איר.

וועגן די וואַרעניקעס וועל איך איַיך דערציילן א ביסל שפּעטער. זיי זיַינען אין דער געשיכטע א ביַיזאך. ווייסט איר אָבער, וואָס מיַין סאָניעטשקע האָט מיר געענטפערט?

— דערפאר אָבער וועלן די געדאנקען בליַיבן בא דיר אין קאָפּ. וועסטו כאָטש אליין וויסן, וואָס פאר א כאָכעם דו ביסט.

האָב איך שוין געמוזט מאכן א שוויַיג. אויב וויַיטער שפּארן זיך מיט מיַין סאָניעטשקען, קאָן דאָס נאָך קומען צו א געט. און געטן וויל איך זיך ניט.

...אז בא אָט דעם זוסיען איז צו א לאנגער האלדז, האָב איך נאָך פריִער באמערקט. נאָר מיך האָט דאָס ווייניק געקימערט. מאלע־וואָס. בא אייניקע צו לאנגע העלדזער, בא אנדערע צו קורצע, און איך ווייס ניט וואָס בעסער עס איז. נאָר ווען ער האָט זיך מוידע געווען, אז אין זיַין לאנגן האלדז בליַיבן שטעקן זיַינע קלוגע געדאנקען, האָב איך גענומען גענייער באטראכטן זיַין האלדז און באמערקט, אז ער איז גאָר ניט אזוי לאנג, נאָר עטוואָס אין א זיַיט. ניט אויסגעקרימט, כאָלילע, נאָר זעט אויס ווי שלעכט אריַינגעפּראוועט. און דער קאָפּ איז א ביסעלע פארבויגן. טאקע גאָר א ביסעלע. באמערקט מיַין באטראכטעניש, האָט ער גענומען זיך פארענטפערן:

— ס'איז פון דער מילכאָמע. איך פארשטייט דאָך אליין, אזא לאנגן האלדז איז שווער געווען פארמאסקירן. האָבן די דיַיטשן אריַינגעזעצט אין אים עטלעכע שפּליטערס. אין מעדסאנבאט האָט מען זיי ארויסגעקלויבט און גאנץ פיַין פארלאטעט. איך א כוידעש ארום בין איך שוין ווידער געווען אין מיַין ראָטע. נאָר, ווי זאָל איך איַיך זאָגן, א געלאטעטע זאך איז שוין ניט קיין ניַיע. עפּעס מוז ארויסשטעקן.

פארטשעפּעט די מילכאָמע, האָט ער זיך דערמאָנט נאָך אין עפּעס, און פון דעם „נאָך עפּעס" האָט זיך באקומען דאָס, וואָס ער האָט פּלוצלינג אויסגעשריגן:

— איסגאדאל וועיִסקאדאש שמיי ראבאָ!

א קוק געטאָן אָף מיר פון דער זיַיט, א ביסל אונטערהעצעריש און א ביסל אויססאפּנדיק, צי בין איך ניט איבעריק איבעראשט פון זיַינע שטיק, האָט ער א פרעג געטאָן:

— דעם קאַדיש געדענקט איר נאָך?

— פֿאַרשטייט זיך.

— איז אַט, ווײַל איך טאַקע, איר זאָלט מיר דערקלערן. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ קאַדיש און צוליב וואָס דאַרף מען אים אַזוי איבערכאַזערן. ווי נאָר אַ מעס, ווי נאָר יאָרצײַט, איז איין מאָל און נאָך אַ מאָל — איסגאַדאַל וועיסקאַדאַש.

— איר זאָגט דאָך אַליין. אַ יאָרצײַט.

— ניט דאָס מיין איך. אָט אַשטייגער... אַלע יאָר צום ניינטן מײַ, צום טאָג פֿון זיג, פֿאָרן מיר זיך צונויף אין אונדזער שטעטל פֿון אַלע עקן פֿון אונדזער לאַנד און שטעלן זיך אויס אַרום דעם ברודער-קייווער, ווו עס ליגן באַ טויזנט קאָרבאָנעס, וועמען די פֿאַשיסטן האָבן אומגעבראַכט. איר זאָלט דאַן אַ קוק טאָן אויף אונדז, אויף די מילכאָמע-וועטעראַנען, מיט אונדזערע אָרדענס און מעדאַלן — אַ גאַנצער באַטאַליאָן. מע האַלט רעדעס, מע וויינט און מע קושט זיך. ס׳איז דאָ וואָס צו באַווייגן און מיט וועמען זיך צו קושן. און דאָ, איינמיטנדערינען, איינער אין אונדזעריקער, דאַפֿקע אַמאָל געווען אַ לערער פֿון דער יידישער שול, אַ גאַנץ אינטעליגענטנער מענטש, שטעלט ער זיך אַוועק און הייבט אָן:

— איסגאַדאַל וועיסקאַדאַש שמיי ראַבאָ...

בלײַבט שוין דער עולעם שטיין שווײַגנדיק, מע טוט אָן די היטלען און מע הערט. וואָסי, אַ קאַדיש. וועמען אַ קאַדיש, פֿאַרוואָס אַ קאַדיש, וועמען און פֿאַרוואָס לויבט מען אַזוי אין הימל אַרײַן? נאָר וואָס, דעם עולעם קאָן מען מויכל זײַן. זיי פֿאַרשטייען פּאַשעט ניט, וואָס אין אָט דעם קאַדיש ליגט.

ווען איך האָב דערנאָך זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ פֿאַר מײַן סאָניעטשקען, האָט זי מיר פֿאָרגעוואָרפֿן:

— דײַן געדאַנק, — האָט זי געזאָגט, — איז אַ קלוגער, נאָר ער איז אויסגעדריקט ניט ווויסנשאַפֿטלעך. ביסט טאַקע אַן אַלטער אַפּיקוירעס, נאָר מע דאַרף אַ ביסל טיפֿער פֿאַרשטיין די מענטשלעכע נעשאָמע.

— ניטאָ באַ מענטשן קיין נעשאָמע! — האָב איך אויסגעשריגן איבערן גאַנצן וואַגאָן. — ס׳איז אַן אויסגעטראַכטע זאַך! ווי גאָט אַליין!

— וואָס זשע דען איז דאָ? — וואַרפֿט זי מיר אויס. — נאָר דײַן טרייפֿענע קישקע, וואָס האָט שטאַרק ליב וואַרעניקעס?

נו, ווײַבאַלד זי האָט מיר אויסגעוואָרפֿן די וואַרעניקעס, וועט זיך אָנהייבן אַ נײַע קריג. אַז איר ווילט, איז דאָס גאָר ניט קיין נײַע, נאָר זייער אַן אַלטע. שאַט. דאָס דאַרפֿט איר דאָך אַוואַדע וויסן. וואַרניטשקעס איז אַ יידיש וואָרט?

זומער איז מיר גוט. ווען די זון איז שוין הויך, און איך שטוב ווערט שטאַרק הייס, קלײַב איך זיך אַריבער אינעם שטאָטישן פּאַרק. איך האָב דאָרט אַ גוט ערטעלע, אַ שאָטנדיקס, אויף אַ באַנק אונטער צוויי אַלטע דעמבן. די שטאַמען זײַנען גראָבע, מע דאַרף האָבן צוויי מענטשן אויף אַרומנעמען זיי, און די צווײַגן זײַנען געדיכט איבערגעפֿלאָכטן. אונטער אָט די דעמבן איז קיל, מעכײַעדיק. טרעפֿט אַמאָל אַ רעגן, קאָן מען אויך איבערוויצן אונטער זיי, ווי אונטער אַן עמעסדיקן דאַך. און נאָך אַ זאַך. ס׳איז אַ ביסל אין אַ זײַט פֿון דער צענטראַלער אַלייע. ס׳איז שטיל און רויִק. מע קאָן זיצן מיט צוגעמאַכטע אויגן, עטעמען און טראַכטן. עס עטעמט זיך טיף. צי זײַנען די געדאַנקען שטענדיק אויך אַזעלכע טיפֿע, ווייס איך ניט. און אַז אַמאָל זעצט זיך צו באַנאַנד אַן אומבאַקאַנטער, שטערט ער מיר ניט. ער דאַרף אויך עטעמען, און מיסטאָמע האָט ער אויך וואָס צו באַטראַכטן. עטעמען מיר און טראַכטן יעדערער פֿאַר זיך. און אַז דער אומבאַקאַנטער הייבט אָן זיך באַקאַנען און נעמט עפּעס דערציילן, מוז מען שוין אויסהערן. איך ווייס שוין, אויב אַ מענטש וויל זיך אויסדערציילן, לוינט אים אויסצוהערן. אַזוי איז געווען מיט זוסיע דעם לאַנגן. דאָס האָב איך אים אַזוי, אין זיך, אַ נאָמען געגעבן איבער זײַן לאַנגן האַלדז. האָט ער אַלץ דערציילט און דערציילט, ביז ער איז צוגעקומען צו די וואַרעניקעס. פּלוצלינג איז ער אַנשוויגן געוואָרן. דערבײַ האָב איך דאַן באַמערקט: ער זעט פֿון דער זײַט אַזוינס, וואָס אַ מענטש מיט אַ נאָרמאַלן האַלדז קאָן ניט זען.

— שאַט, — האָט ער אַרויסגערעדט דערפֿרייט און דערשראָקן. — אָט גייט מײַן סאָפּיאַ איסאַקאָוונאַ.

זי איז אָנגעקומען פֿונעם מאַרק מיט צוויי פֿולע געפּלאָכטענע קוישלעך, פֿון וועלכע ס׳האָט זיך אַלץ אַרויסגעזען. מע האָט געקאָנט איבערציילן יעדע אוגערקע און יעדן פּאָמידאָר. זי אַליין, סאָפּיאַ איסאַקאָוונאַ, אַ נידעריטשקע, אַ פּולבלעכע, מיט אַ גרינג געגנעלע פֿון אַ יונגער באָבע און אַ יונגער פּענסיאָנערקע. די אויגן האָבן געגלאַנצט, צופֿרידן פֿונעם גוטן מאַרק, וואָס זי האָט געמאַכט, און דאָס פּאָנעם האָט געגלאַנצט פּאָשעט אַזוי. פֿונעם

שווייס. דאָס סאָפּעניש איז אויך געווען אזא — א צופרידן סאָפּעניש פון די פּוילע קויש-לער, וואָס זײַנען טאַקע שווערלער, נאָר געשמאַק שווערלעך.

— וואָס פאַר א מעציעס האָסטו הײַנט אַרײַנגעכאַפּט? — האָט זוסיע געפרעגט בא איר.

— אוי, איז הײַנט א מאַרק, — האָט זי אַרויסגעלייגט איר צופרידנקייט. — אַלץ איז האַלב אומזיסט. נאָר וואָס זאָל איך אײַך זאָגן...

דאָס זאָגט זי שוין מיר, זיך אָנגעשטויסן, אז איר זוסיע האָט שוין באַוויזן זיך בא-קאַנען.

— וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, די גאַנצע פּענסיע גייט אוועק אף די מעציעס.

באַמערקט, ווי פון איינעם א קוישל גלאַנצן אַרויס צײַטיקע ווײַנשל, האָט זוסיע זיך אָפּגעהויבן, א נעם געטאָן דאָס אין די הענט, ווי געוואָלט זיך איבערצײַגן.

— ווײַנשל, ווײַנשל, — האָט סאָפּיאַ איסאַקאָוונאַ באַשטעטיקט. — וועסט שוין הײַנט האָבן דײַנע וואַרעניקעס מיט ווײַנשל.

ס'איז געווען צו זען, ווי זוסיע נעמט זיך שוין באַלעקן. ער האָט א כאַפּ געטאָן דאָס צווייטע קוישל און זיך אָנגערופן:

— איז קום זשע גיכער, וועל איך דיר העלפן אַרויסנעמען די קערלעך.

מיט מיר האָט ער זיך געזעגנט בעכיפּאָזנדיק:

— איר וועט מאַרגן דאָ אויך זײַן?

און א ווונק געטאָן צו מיר, געבנדיק אָנצוהערן, אז ער האָט נאָך זייער א סאַך וואָס צו דערציילן.

— איר פאַרשטייט, מײַן סאָפּעטשקע האָט אַלע יאָרן אָפּגעאַרבעט אין א צײַטונג-קיאָסק, פאַרקויפט צײַטונגען און זשורנאַלן, און זיך אָנגעלייענט ווי א פּויק. וואָס מע דאַרף און וואָס מע דאַרף ניט. נאָר וואָס קומט מיר דערפאַר, וואָס איך האָב ליב וואַרעניקעס? איך בין דאָפּקע א שנײַדער. ס'הייסט, א געוועזענער שנײַדער, איצט א פּענסיאָנער און א וועטעראַן. אײַער מאַלבעש איז ניט פון דער פירמע „טרעמביטאַ"?

מיר האָבן זיך באַגעגנט ווי אַלטע באַקאַנטע, און ער האָט גלײַך אָנגעהויבן פונדער-מיט, ווי מיר וואָלטן אַקאָרשט איבערגעריסן אונדזער שמועס:

— מיינט ניט, אז איך בין אזא חוילעל-וועסיזוועניק. נאָר אָט... וואַרעניקעס, וואַר-ניטשקעס, וואַרטוטעס. וואָס נאָך? יאָ, פּוילע וואַרעניקעס. וואָס איז דער כילעק? פאַר מיר קיין שום כילעק ניט. ס'הענגט אָפּ פונעם אָנפּילעכץ. וואַרעניקעס מיט קאַרטאָפל, וואַרעני-קעס מיט קעז, וואַרעניקעס מיט קרויט, וואַרעניקעס מיט ווײַנשל. אָט, כ'האָב אײַך אומיסטן געבראַכט א פאַר וואַרעניקעס, איר זאָלט וויסן, סאַראַ בעריע מײַן סאָפּעטשקע איז. בא מיר איז עס דאָס בעסטע זומערדיקע מײַכל. מײַן סאָפּעטשקע ווייסט דערפון, און ווי נאָר עס באַווײַזן זיך די ווײַנשל, זיי מעגן זײַן ניט איבעריק רויט און ניט איבעריק זיס, עס מאַכט ניט אויס. שיט מען אַרײַן מער צוקער. דערפאַר אָבער — טאַם גאַניידן. וואַרעניקעס מיט קאַרטאָפל איז א ווינטערדיק מײַכל. עס ברענט דער פראָסט, עס שיט א שניי, די הרובע פלאַמט, אז מע קאָן צו איר זיך ניט צורירן. איך זיץ און שטעפּ אף מײַן מאַשין און פיל, ווי עס קיצלט מיר אין דער נאָז. די וואַרעניקעס זײַנען נאָך קיין וואַרעניקעס ניט, ס'איז דערווײַל ניט מער ווי א צימעס פון קאַרטאָפל, איבערגעמישט מיט געפּרעגלטע ציבעלעס, נאָר עס שמעקט איבער דער גאַנצער שטוב.

נו, און וואַרניטשקעס, וועט איר פרעגן? וואַרניטשקעס איז א זאַך אָן גאַרנישט ניט. ס'איז ניט מער ווי שטיקלעך טייג, פאַרדרייט אין א דרײַעק און איבערגעמישט מיט הרע-טשענער קאַשע. זאָגט אָבער מײַן סאָפּעטשקע, אז וואַרניטשקעס איז ניט קיין ידיש וואָרט. פאַרוואָס? ווײַל עס שטאַמט פונעם וואָרט וואַרעניקעס. און דאָס וואָרט וואַרעניקעס אַליין איז אויך ניט קיין ידישס.

— וואָס הייסט, ניט קיין ידישס? — טײַנע איך מיט איר, — און דאָס לידל?

— וואָס פאַר א לידל? — פרעגט זי.

— טאַקע יענץ-אָ, וואָס איך מיט דיר זינגען אָפּט: „גוואַלד, ווו נעמט מען א לאָקשנ-ברעט אף צו מאַכן די וואַרניטשקעס?"

— נו, איז וואָס אז א לידל? פאַראַן קאַרג ידישע לידלעך מיט אוקראַיִנישע ווערטער? שפּאַרן זיך מיט מײַן סאָפּעטשקען איז ניט שײַעך. איך האָב מיר מײַנע זשורנאַלן, זי האָט זיך אירע. אין מײַנע זשורנאַלן זײַנען דאָ אַלע מאָדעס פון דער וועלט, אין אירע זשורנאַלן — אזוינס, פון וואָס דער מויעך קאָן צעשפּאַלטן ווערן. און אז מיר נעמען זיך פאַר

אונדזערע זשורנאַלן, גייט בא אונדז אַלץ אוועק קידער-ווידער. איך זאָג, אַז ס'איז טאָג, זאָגט זי, אַז ס'איז נאַכט. איך זאָג, אַז ס'איז ווייַס, זאָגט זי, אַז ס'איז שוואַרץ.

— אָט זאָגסטו, אַז ס'איז ניט קיין ייִדיש וואָרט, — נעם איך זי ווידער אַפּן צימבל. — נו, און די כאַסענע?

— וועלכע כאַסענע?

— האָסט שוין פאַרגעסן? בא אונדזער אייניקל.

— ניט בא אונדזער אייניקל, נאָר בא בענציעס טעכטערל.

— דו מוזסט אַלץ איבערשפּאַרן. ווען בענציע אַליין זאָל ניט געווען זייַן אַזאַ לעמעשקע...

— לעמעשקע איז אויך ניט קיין ייִדיש וואָרט.

— און איך האָב גראָד ליב אַ לעמעשקע.

— נו, שוין, אָדער וואַרעניקעס, אָדער אַ לעמעשקע. דו מיט דייַן טרייפענער קישקע.

— ווער דאַרף דייַן לעמעשקע? — ווער איך שוין באַרויגעזולעט. — איך מיין טאַקע יענץ לידל! ס'האָט דאָך געהאַלטן דערבייַ, עס זאָל ווערן אויס כאַסענע.

ערשט דאַן ווערט מייַן סאָפּעטשקע ווייכער:

— אוי, זוסיע, אַז איך דערמאָן זיך אין יענער כאַסענע, הייבט מיר אָן פלאַמען דאָס פּאָנעם.

ווען דער שידעך האָט זיך ענדלעך אויסגעשידעכט און ס'האָט שוין געהאַלטן בא אַ כאַסענע, האָט מייַן סאָפּיאַ איסאַקאָוונאַ אַרויסגעזאָגט אַ פאַרלאַנג, וואָס האָט אויסגעזען אַ ביסל לעפּיש. מיסטאַמע איז דאָס געקומען פון די זשורנאַלן, מיט וועלכע זי האָט זיך אָנגעלייענט.

— איך וואָלט זייער געוואָלט, אַז בא אונדזער אייניקל זאָל זייַן אַ יעוראָפּייסקע כאַ-סענע.

— וואָס הייסט בא דיר אַ יעוראָפּייסקע כאַסענע? — האָב איך זי געפרעגט.

— דעם עמעס געזאָגט, ווייס איך אַליין ניט, — האָט זי זיך מודיע געווען. — נאָר לויט דעם, ווי מע באַשרייַבט, שטעל איך זיך פאָר. עס איז דאָרטן דאָ אַ סאַך טעלערלעך און מע האַלט זיי אין איין בייַטן. מע נעמט צו איינס און מע שטעלט אַוועק אַ צווייטס. איינס נאָכן אַנדערן, איינס נאָכן אַנדערן. און אין די טעלערלעך דאַרף, אַפּנעם, זייַן זייער געשמאַקס. ניט קיין סאַך, נאָר זייער געשמאַק. מע נעמט צו איין טעלערל און מע שטעלט אַוועק אַ צווייטס. קיין קלעזמער זייַנען ניטאָ, עס שפּילט בלויז אַ ראַדיאָלע צי אַ מאַגניטאָ-פאָן, און מע טאַנצט. דאָס טאַנצן איז אויך אַנדערש. ניט אַלע מיטאַמאָל, נאָר גרופּעסווייַז, אייניקע טאַנצן, און אייניקע בייַטן די טעלערלעך.

— דו ווילסט אַ יעוראָפּייסקע, — בין איך גלייַך מאַסקים געווען. — זאָל זייַן אַ יעוו-ראָפּייסקע. אַבי מיט מאַזל.

פאַרשטייט זיך, עס זייַנען פאַראַן נעענטערע מעכוטאָנים, איידער זיידעס און באָבעס. פאַראַן טאַטעס און מאַמעס, פון כאָסנס צאַד און פון קאַלעס צאַד, און זיי האָבן אויך וואָס צו זאָגן. און זייער וואָרט איז עפּשער מער וואָגיק. נאָר... הייַנטיקע צייַטן. דערצו נאָך, ווען די מעכוטאָנים זייַנען אַזעלכע פאַרשיידענע. די עלטערן גופע, די עלטערן פּונעם כאָסן און פון דער קאַלע, זייַנען שוין אייַנגאַנצן היגע. אָבער די זיידעס מיט די באָבעס... ווי זאָל איך דאָס אייַך געבן צו פאַרשטיין. מיר זייַנען פון אַן אוקראַיִניש שטעטל, זיי פון אַ בעסאַראַ-בער. ווער איר פרעגן, וואָס איז דער כילעק? גאָרנישט ניט. עס גייט ניט אין דעם ייִכעס, צי ניט ייִכעס, און איך קלייַב זיך דאָ ניט לויבן איין צאַד און טאַדלען אַ צווייטן. נאָר... ביז גאָר פאַרשיידענע זיידעס און באָבעס. די טאַטעס שוין ניט אַזוי פאַרשיידן, כאָסן-קאַלע עפּשער שוין אייַנגאַנצן ניט, נאָר די זיידעס און די באָבעס. און עס גייט נאָך. אוי, גייט עס נאָך! איין צאַד שלעפּט אין איין זייַט, דער צווייטער צאַד — אין אַן אַנדער זייַט. און ניט שטענדיק צייט איבער גראָד דאָס גוטע. ווי עס זאָל ניט זייַן, איז דאָס שטריקעלע שטענדיק אָנגעצויגן, און עס קאָן אַמאָל אייַנגאַנצן פּלאַצן. נו, דאָס איז געזאָגט דערווייַל גלאַט אַזוי. איך מיין דערמיט ניט קיין שום שלעכטס. נאָר ווי מיר וועלן זען...

דעם כאָסנס זיידע, מיכל, וואָס שטאַמט פונעם בעסאַראַבער שטעטל, האָט באַקומען אַ שטיקעלע כאַזאָקע פון זייַן טאַטן, וואָס איז געווען אַ שאַמעס אין דער דאָרטיקער שול. אונדזער שטאָט שטייט ניט אין בעסאַראַביע, נאָר אין בוקאָווינע. און כאָטש קיין שום גרונט אַף כאַזאָקע איז דערבייַ ביכלאַל ניטאָ, נאָר נאָך דער מילכאָמע האָבן זיך דאָ באַזעצט פיל פון די בעסאַראַבער שטעטלעך. האָבן אַלע געזאָגט — כאַזאָקע, צי ניט כאַזאָקע, נאָר אַ שאַמעס דאַרף מען דאָך סייַווי האָבן.

איז מיכל שוין קאַמע יאָרן אַ שאַמעס אין דער היגער שול, און שלעפּט יעדן גאַנצפרי אַ מיניען, עמעצער זאָל קאָנען אָפּזאָגן אַ קאַדיש נאָך זייַניקע, און ער אַליין זאָל אויך קאָ-

נען אָפּזאָגן א קאדיש נאָך וועמען מע דאַרף. די גלאַווגע האַכנאָסע איז בא איס ניט אַזוי פון זיין שאַמעסעריי, ווי פון די קאַדישים. פאַראַן בא איס א פעסטע טאַקסע — א פינפערל א קאדיש. באַלאַנים אַף זיי איז אויך פאַראַן. אַליין אין שול האָבן זיי ניט ווען צו גיין, אָדער זיי מיינען עפשער, אַז עס פּאַסט ניט פאַר דער שטעלע, וואָס זיי פאַרנעמען. נאָר א פינפערל פאַר א קאַדיש זיינען זיי גרייט אָפּצאָלן.

איך דערציל דאָס אייך אָקעגן דעם, איר זאָלט וויסן, אַז מיכלס פּאַרדינסטן און אָפּשפּאָרונגען האָבן ניט צו טאָן מיט קיין ספּעקוליאַציעס, כאַלילע, מיט פאַלשעווען אַף דער וואָג צי אַנדערע שווינדלעריין. ס'איז קאָשער פאַרדינטע פינפערלעך, און קעגן מיכלען האָב איך גאָרנישט ניט. די מייסע איז דאָך אַזוי: צי מע גלייבט יאָ אין גאָט, צי מע גלייבט ניט, נאָר אויב עמעצן דוכט זיך, אַז דערפון ווערט איס א ביסל גרינגער אַפן האַרצן, לוינט באַצאָלן א פינפערל. נו, אַז מע איז דרייסיק יאָר שאַמעס אין שול און מע זאָגט דרייסיק יאָר נאָכאַנאַנד יעדן טאָג נאָך עמעצן קאַדיש, קאָן מען עפּעס אָפּשפּאָרן.

איז אָט, דער זיידע מיכל פון כאַסנס צאַד האָט געזאָגט: זאָל מען שטעלן א כופּע — גיט ער כאַסן-קאַלע א טויזנטער. פון דעם האָט זיך אָנגעהויבן די קאַלאַטנעטשע.

איך מיט מיין סאָפען האָבן גלייך געמאָלדן, אַז אויב מע וועט שטעלן א כופּע, וועלן מיר ניט קומען אַף דער כאַסענע. און ביכלאַל... דעמלט איז אויס מיט אונדזער מעכוטאָנעשאַפט, אויס מיטן אייניקל, אויס מיט אַלעמען. בא אונדז אַליין איז אויך געווען אָן א כופּע, בא אונדזער טאָכטער אויך דאָס זעלבע. וואָס זשע וויל מען? מיר זאָלן זיך אומקערן צוריק צו יענע אַלטע צייטן?

מיין סאָפּיאַ איסאַקאָוונאַ, וואָס האָט זייער געוואָלט א יעוראָפּייסקע כאַסענע, האָט גלייך אָנגעהויבן וויינען.

— וואָס זשע דאַרף מען וויינען? — פרעג איך זי.

— איך האָב זיך דערמאָנט אין אונדזער כאַסענע.

— בא אונדז איז דען געווען א כאַסענע?

— דאָס וויל איך טאַקע זאָגן. אפילע אין זאַגס האָבן מיר זיך פאַרשריבן אין פופצן יאָר אַרום, ווען דו האָסט זיך אומגעקערט פון דער מילכאָמע. און — אַף אַלע אונדזערע ליבע געזאָגט געוואָרן.

— וואָס זשע איז דערפון געדרונגען?

— וואָס איז געדרונגען... איך האַלט ביכלאַל ניט פון די הייַנטיקע ברענענדיקע ליבעס און ראַשיקע כאַסענעס. הייַנט זיך באַקאַנט, מאָרגן כאַסענע געהאַט און אין א וואָך אַרום זיך געגעט.

— ווילסט דאָך אַליין א יעוראָפּייסקע כאַסענע.

— אָט דאָס מיין איך טאַקע. אויב שוין יאָ א כאַסענע, איז א יעוראָפּייסקע. שטיל, באַשיידן, אָן קלעזמער, אָבער א כופּע?

האָב איך שוין געמוזט זיך איינשטעלן פאַר די איצטיקע ליבעס.

— מע דאַרף ניט צוגלייַכן אַמאָליקע צייטן צו די איצטיקע. דאָס איז איינס. און מיט די ליבעס איז שטענדיק געווען ווי בא וועמען. און די דייע איז דאָך ניט בא אונדז. מיר ווייסן נאָך ניט, וואָס אונדזער קימעטשקע וועט זאָגן. און איר בענציע אַליין.

— נו יאָ, ווען ניט אָט דער טויזנטער.

קימעטשקע, ווייסט איר מיסטאַמע, נעמט זיך פונעם וואָרט „קים". און „קים" באַטייט — קאָמוניסטישער יוגנט-אינטערנאַציאָנאַל. אזא מאָדע געווען אין יענע ווייטע דרייַסיקער יאָרן: געבן די קינדער אַזעלכע קלינגענדיקע נעמען. קימעטשקע אַליין איז אויך געווען א קאָמיוגיסטקע, איר בענציע אויך, און קיינעם איז אַפן געדאַנק ניט געקומען שטעלן א כופּע. זיי האָבן אפילע ניט געוווּסט, וואָס דאָס איז. איצט, ווען ס'האָט געשמעקט מיט א טויזנטער, איז בענציע געקומען צו מיר נאָך א קאָנסולטאַציע.

— איך וויל, — זאָגט ער, — וויסן, וואָס איז דאָס אַזוינס, א כופּע.

— עט, א נאַרישקייט, — האָב איך איס געגעבן צו פאַרשטיין. — ס'איז פיר שטעקנס מיט א צודעק איבער זיי. און מע דאַרף זיך דרייען.

— און א סאַך מאָל דאַרף מען זיך דרייען?

— זיבן מאָל! — האָט א דערצאָרנטע אויסגעשריגן סאָפּיאַ איסאַקאָוונאַ, ווייזנדיק דערמיט, סאַראַ לעפּישע זאַך ס'איז אָט די כופּע. נאָר בענציע האָט ניט פאַרשטאַנען, פון וואָס איז די שוויגער אַזוי דערצאָרנט.

— איסעך וואָס, — האָט ער אָפּגעענטפערט. — ווען מע גיט מיר א טויזנטער, וואָלט איך זיך דורכגעדרייט אפילע הונדערט מאָל.

— איז גיי, דריי זיך! — האָט מײַן סאָפּיע זיך ווידער צעוויינט. — נאָר מיר וועלן אָף אזא כאַסענע ניט קומען.

איז געבליבן ווארטן, וואָס וועלן דערוף זאָגן זיי אַליין, דער כאַסן מיט דער קאַלע. שטענדיק איז אַזוי, יעדע שיינע געשיכטע רײַסט זיך איבער סאַמע דאַן, ווען עס ווילט זיך וואָס גיכער וויסן, מיט וואָס זי האָט זיך געענדיקט. איך האָב ניט פאַרשטאַנען, וואָס איז פּלוצלינג געשען מיט זוסיען. צי האָט ער ווידער דערזען זײַן סאָפּען, צי עמעצן אַנדערש. ער האָט פּלוצלינג זיך א הייב געטאָן און זיך אָנגערופן:

— איר וועט מיר מוזן אַנטשולדיקן, איך מוז שוין גיין. איך מיין, אַז מאָרגן וועלן מיר זיך זען?

— אויב עס וועט ניט גיין קיין רעגן.

— מע וואָלט אוואדע געדאַרפט האָבן א גוט רעגנדל, נאָר וואָס זאָל מען טאָן? קיין רעגן איז ניט געווען, און דעם צווייטן טאָג איז ער צוגעקומען צו מײַן ערטעלע קימאַט אײַנצײַטיק מיט מיר און גלײַך זיך גענומען פאַר דער פאָרזעצונג, ווי מע מישט איבער א בלעטל פון א ביכל.

— באַקאַנט האָבן זיי זיך ניט אין אוניווערסיטעט. ער איז מיט א קורס עלטער פון איר און לערנט זיך אָפן מאַטעמאַטישן פאַקולטעט, זי מיט א קורס ייִנגער — אָפן ביאָלאָגישן. באַקאַנט האָבן זיי זיך בײַס די זומערדיקע קאַניקולן אינעם סטודענטישן בוי-אָטריאַד, ווען עס האָבן זיך איבערגעמישט אַלע פאַקולטעטן און אַלע קורסן. איך דאַרף אײַך זאָגן, ניטאָ קיין בעסערע זאַך אָף אויסקירן שידוכים, ווי אָט די בוי-אָטריאַדן, און ניטאָ קיין בעסערע צײַט דערצו, ווי דער זומערדיקער אַרבעט-סעמעסטער. ס'איז עפּעס יאָ קאַניקולן און ניט קאַניקולן, ס'איז יאָ געאַרבעט און ניט געאַרבעט. ס'איז מער טאַקע יאָ געאַרבעט. אַמאָל אַפילע שווער געהאָרעוועט ביזן זיבעטן שוויס, נאָר ס'איז יאָמטעוו. א דורכויסיקער יאָמטעוו. עס זינגט זיך, עס שפּילט זיך און עס טאַנצט זיך, און מע ווייסט אַפילע ניט וווּהין די נאַכט קומט אַהין. ס'איז גרינג, פרײַ, און אָן שום סיבעס גוט. עפּשער דערפאַר, וואָס מע דאַרף ניט שוויצן איבער די קאָנספּעקטן, מע דאַרף ניט טראַכטן וועגן די עקזאַמענעס און מע דאַרף ניט אַרומיאָגן איבער די קאָרידאָרן און אַאודיטאָריעס. באַטאָג איז דאָ גענוג זון, באַנאַכט געגוג שטערן, פונעם קעסל, אין וועלכן עס קאָכט זיך א געוויינלעכע הירזשענע קאַשע, גייט א געשמאַקע פּאַרע, און זי דוכט זיך אַלעמען געשמאַקער פון די סאַמע בעסטע היימישע מײַכאָלים. אַלץ אין דיר יוירט, אַלץ אין דיר איז דראַמאַטיק, שטײַף, און דו קאָנסט שווערן, אַז דו פּילסט, ווי דו וואַקסט, ווי דיר קומט צו געזונט, ווי די ערד אַליין וויגט זיך אונטער דיר. מיר אַליין איז דאָס ניט אויסגעקומען איבערלעבן, נאָר איך שטעל זיך פאָר...

ס'איז פאַר קיינעם קיין סאָד ניט, אַז אייניקע סטודענטקעס, בא וועמען עס האָט זיך עפּעס ניט אויסגעשפּילט און ניט אויסגעשידעכט אָפן אייגענעם קורס, סטאַרען זיך מיט אַלע קויכעס טרעפן אין סטודענטישן בוי-אָטריאַד. עפּשער דאָרטן, ווען אַלע קורסן זײַנען איבערגעמישט, ווען עס זינגט זיך און עס שפּילט זיך אַזוי גוט, וועט זיך עפּשער עפּעס אויסשפּילן.

איך וויל ניט זאָגן, אַז אין דעם פאַל איז אויך געווען אַזוי, נאָר ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט אַהיים, האָבן זיי זיך שוין געהאַלטן פאַר כאָסן-קאַלע. מיר האָבן געשעפּט נאַכעס אָף זיי קוקנדיק. ער איז טאַקע א שיינער באָכער, הויך און שטאַלטנע, און אַלץ איז בא אים פון העכסטן גראַד. ניט מער, א ביסל צו פאַרטראַכט.

— אַרטשיק, — פרעג איך בא אים, — וועגן וואָס טראַכסטו די גאַנצע צײַט?

— די וועלט איז גרויס, — זאָגט ער מיט א שמייכעלע. — ס'איז דאָ וואָס צו באַטראַכטן?

פון אונדזער פרידעטשקען איז שוין אָפּגערעדט. ס'איז געווען, אין וועמען צו פאַרליבן זיך. מײַן סאָפּעטשקע האָט אָנגעהויבן אַרומשפּאַנען איבער די קלייטן, געזוכט פאַר כאָסן-קאַלע זייער א שיינע און גוטע מאַטאָנע. אָן שום באַדינגונגען. עמעס, ניט מער ווי פאַר א הונדערטער. איז מיכל אַרײַנגעפאָרן מיט זײַן טויזנטער. נו, א טויזנטער איז אַלעמאָל געווען א טויזנטער. און מיסטאַמע ווייסט איר, אַז גרויסע געלטן האָבן שטענדיק געבראַכט צו הייסע קריגערײַען, און די בעסטע פרײַנט זײַנען איבער דעם געוואָרן די ערגסטע סאָנים. און איבער וואָס הייבן זיך אָן די סאַמע שרעקלעכע מילכאָמעס, ניט איבער גרויס געלט?

איידער עפּעס-וואָס האָט צווישן דעם כאָסן און דער קאַלע זיך אָנגעהויבן א קאַלטע שפּאַרעניש, וואָס איז גיך אַריבער אין א הייסער קריגערײַ. אַרטשיק האָט געפּרוווט אײַנרעדן פרידעטשקען:

— לאָמיר צו דעם צוגיין פון ריין פּראַגמאַטישן שטאַנדפּונקט. וואָס וועט עמעצן שאַטן, אויב מיר וועלן זיך עטלעכע מאָל דורכשמוגלען אונטער דער כופּע? און דער טויזנטער איז דאָך אונדז בײַ גאָר נייטיק. וועסטו דאָס דען אָפּלייקענען?

— אונדז, אונדז אַליין וועט דאָס שאַטן, — האָט פרידעטשקע געטײַנעט.

— מיט וואָס קאָן דאָס אונדז שאַטן? — האָט אַרטשיק דערווידערט. — ווער דאַרף דערפון וויסן? מע דאַרף דען וועגן דעם גלײַך מעלדן אין קאָמיוגישן קאָמיטעט?

— איך וועל וויסן. איך מיט דיר וועלן וויסן.

— נו איז וואָס?

— ווי קאָנסטו דאָס ניט פאַרשטיין? מע קאָן דאָך ניט צוגיין צו אַלץ מיט דער אויס־געדעכנטקייט פון אַ מאַטעמאַטיקער. מיר זײַנען דאָך לעבעדיקע מענטשן. און עס זײַנען דאָך פאַראַן פּרינציפּן אויף דער וועלט.

האָט אַרטשיק געזאָגט אַזוינס, וואָס האָט שוין מיך אַליין ביז גאָר פאַרדראָסן, ווען איך האָב זיך דערוווּסט דערפון.

— דו רעדסט שוין ווי דײַן זיידע. ער שטעלט גלײַך אַרויס זײַנע פּרינציפּן.

— און דײַן זיידע... — מײַן פרידעטשקע האָט אויך געקאָנט אָפּענטפערן. — ער שטעלט גלײַך אַרויס זײַן טויזנטער.

— אָבער ווער דאַרף האָבן אונדזערע זיידעס? עס גייט דאָך אַ רייד...

— און אונדזער געוויסן! פאַראַן בײַ אונדז אייגענער געוויסן, צי ניין? אַ זאַך, קעגן וועלכן מע קאָן ניט גיין.

מיטן געוויסן האָט ער אַליין ערשט זיך געדאַרפט מעיאשעוו זײַן און צו לאַנג געשוויגן. האָט פרידעטשקע אונטערגעוואָרפן אים נאָך אַ שטיקל אַרבעט אויף צו באַטראַכטן.

— נו, און מאָראַל? איך מיין, די אַלגעמיינע מאָראַל פון אונדזער צײַט.

און זי האָט זיך צערעדט, מײַן אייניקל, געכליפּעט און גערעדט:

— ווי פאַרשטייסטו ניט, אַרטשיק? וואָס מע זאָל ניט קויפן פאַר אָט דעם טויזנטער, אַ מעבל־גאַרניטור, אַ כאָלאָדילניק, צי אַ טעלעוויזאָר, וועט עס מיר שטענדיק שטעכן די אויגן. איך וועל זען פאַר זיך זאַכן, איבער וועלכע איך בין באַגאַנגען אַן אַוולע קעגן זיך אַליין, קעגן מײַן געוויסן. און איך וויל ניט, אַז אונדזער לעבן זאָל זיך אָנהייבן פון עפּעס אַ ניט ווירדיקן טאַט. איך וויל ניט, אַז צווישן אונדז זאָלן די גאַנצע צײַט שטיין זאַכן. טאַקע די זאַכן, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיטן טויזנטער.

מיט איין וואָרט, בײַ כאַסן־קאַלע האָט זיך אָנגעהויבן אַ הייסע קריגערײַ, און ס'איז אויפגעקומען אַ רויגעז, פאַר וועלכן בײדע האָבן זיך געשראָקן. מײַן פרידעטשקע האָט גע־קענט שיין ריידן, אַרטשיק האָט געקענט שיין שווײַגן, און דער סאָף איז געווען... אויסגע־פירט האָט ער.

עטלעכע טעג האָט גערעגנט. אוואַדע, דער רעגן זאָל געווען קומען מיט אַ פּאָר וואָכן פריִער, וואָלט געווען גאָר אַנדערש. איצט האָט ער די ברויטן שוין מיט גאָרנישט ניט גע־קאָנט העלפן. נאָר מיילע, וועלן כאָטש די קאַרטאָפליעס אויפלעבן, און ס'וועלן אפּסנײַ אַ וואַקס טאָן די אוגערקעס מיט די פּאָמידאָרן. די ערד אַליין וועט פריַער אָפּעטעמען. איז דער רעגן געווען אַלעמען צום האַרצן, מיר אויך. נאָר מיט זוסיעס געשיכטע בין איך גע־בליבן הענגען, ניט אַהין און ניט אַהער. איך האָב ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט אויסגעפירט גראָד ער, אַרטשיק. זי, פרידעטשקע, האָט דאָך אַזוי גוט אַלץ פאַרשטאַנען און געקאָנט אָפּענטפערן אַזוי ווי מע דאַרף. בין איך געווען אַ ביסל באַרויגעז אויף איר, אויף דער קאַלע, וואָס קען נאָר שיין רעדן. די רעגנס זײַנען שוין דורך, נאָר זוסיע איז ניט גע־קומען. האָט עס מיך שוין אָנגעהויבן באַומרויִקן. עפּשער ניט אײַנגאַנצן געזונט? און ערשט אין עטלעכע טעג אַרום נאָך די רעגנס...

— איר פאַרשטייט, — האָט ער אָנגעהויבן זיך פאַרענטפערן. — בײַ מיר איז אַ פרי־קרע אַסטמע, וואָס פאַרלײַדט ניט קיין פײַכטקײַט. נאָך אַ רעגן טאָר איך אין פעלד ניט אַרײַנקומען, איך הייב גלײַך אָן פאַרדעכען זיך. ערשט אַז עס טריקנט צו אַ ביסל, אָט ווי הײַנט. איז ווי זשע האַלטן מיר מיט אונדזער געשיכטע? יאָ, ס'האָט געשמעקט מיט אַ כופּע. איך בין, ווי פריִער, געווען בײַ זיך פעסט און קאַטעגאָריש, נאָר מײַן סאָפּעטשקע... איר האָט געפעלט אָט די קאַטעגאָרישקײַט. האָט זי אָנגעהויבן מיך אײַנרעדן:

— אויף דער אייגענער כאַסענע זײַנען מיר ניט געווען, אויף דער טאָכטערס כאַסענע האָבן מיר פאַרשפּעטיקט, איז לאָמיר כאָטש זײַן בײַם אייניקל אויף דער כאַסענע.

— עס זאָל אַפילו דונערן און בליצן! — האָב איך אָפּגעענטפערט.

— וואָס האָסטו מוירע? עס וועט פון דיר עפּעס אָפּפאַלן?

— און פּרינציפּן? פֿאַראַן אויף דער וועלט פּרינציפּן צי ניין?

— אױ, זוסיע, דו מיט דײַנע פּרינציפּן...

און אָט דער זיפֿץ איר'ער, און אָט דער קרעכץ איר'ער... עפּעס האָט זי געוואָלט נאָך זאָגן, נאָר די טרערן האָבן זי געוּנומען שטיקן אין האַלדז, און זי האָט אָנגעהויבן זיך פֿאַרקלינגען. האָב איך זיך שטאַרק דערשראָקן. דאָס איז דאָך אַזאַ זאַך, עס קאָן אונדז דערנאָך נאָכגיין דאָס גאַנצע לעבן. פֿאַרוואָס זשע קומט עס אונדז? פֿאַרוואָס זאָלן מיר אַלייִן זיך פֿאַרשטערן אונדזער שטיקעלע נאַכעס? מיילע, טראַכט איך זיך, פֿון מיר וועט טאַקע גאָרנישט ניט אָפּפֿאַלן. און ס'איז מיר פּאַשעט אַ ראַכמאָנעס אויף מײַן סאָפּעטשקען. איך טראַכט מיר מײַנס, זי טראַכט זיך אירס, טראַכט, אַפּאָנעם, וויאַזוי דורכקומען מיט מײַנע פּרינציפּן, און הייבט אָן אָפּסנײַ מיך אײַנרעדן:

— ווייסטו וואָס? מירן צוקומען אַ ביסעלע שפּעטער, נו, קלוימערשט, זיך געקליבן, געקליבן און פֿאַרשפּעטיקט אַ ביסל. אַזוי אַז מיר זאָלן אָנקומען שוין נאָך דער כופּע.

כאַפּ איך גלײַך אונטער אירע רייד און לייג צו אַ ביסל מײַנע:

— און אויב מיר וועלן טרעפֿן צום סאַמע געדיכטן, וועלן מיר שטיין אַ ביסעלע ווײַטער, ווי גאָר אין אַ זײַט, ביז עס וועט זיך אָפּכופּעווען.

— גוט, גוט, אין אַ זײַט. אַוודע אין אַ זײַט!

איר זאָלט געווען דעמאָלט אַ קוק טאָן אויף מײַן סאָפּעטשקען. איר פּאָנעם האָט זיך צעשײַנט, ווי די זון נאָך אַ רעגן. די אויגן האָבן זיך צעבלישטשעט, ווי אַ פּאָר טײַערע דימענטן, און פֿאַר איין מינוט איז זי געוואָרן יינגער אויף אַ יאָר צען. זי האָט אַפֿגיך אויסגעווישט די טרערן און אָנגעהויבן אַרומיאָגן איבער דער שטוב, אָן עפּן געטאָן די שאַפֿע און גענומען אַרויסשלײַדערן פֿון דאָרטן עפּעס פֿון אירע זאַכן, עפּעס פֿון מײַנע זאַכן, ניט געוווּסט, וואָס אָפּצוקלײַבן און וואָס אָנטשעפּען אויף זיך. עטלעכע מאָל האָט זי איבערגעוואָרפֿן דעם טוך האַלדזטיכער, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן באַ מיר, האַלדזטיכער, וועלכע איך האָב קיינמאָל ניט געטראָגן. מײַן קאַפּריזנע האַלדז פֿאַרלײַדט זיי ניט.

— וועלכן האַלדזטוך ווילסטו אָנטאָן?

הייסט עס, אַז איך מוז וועלן. און טאַקע, ווי גייט מען עס אויף אַ כאַסענע מיט אַ צעשפּיליעטן קאָלנער?

האָבן מיר זיך אָנגעטאָן ווי עמעסע מעכוטאָנים און זײַנען אַוועק. מײַן סאָפּעטשקע האָט מיר געגעבן יענעם פּידזשאַק, אויף וועלכן עס זײַנען אָנגעטשעפּעט אַלע אָרדענס און מעדאַלן, און איך האָב געשפּאַנט, ווי אויף אַ פּאַראַד. נאָר אויפֿן האַרצן איז געווען קאַלעמוטנע. מיר האָט זיך געדוכט, אַז אַלע קוקן און טײַטלען אויף מיר מיט די פֿינגער. און דער האַלדזטוך... זינט יענער געשיכטע מיט די שפּליטערס, קאָן איך ניט טראָגן קיין האַלדזטוך. ער רײַבט מיר, ווי אַן ענגע שלייע, און איך האַלט אין איין דרייען דעם האַלדז אהין און אהער. נאָר מער פֿון אַלץ האָט מיר געריבן אין קאָפּ די כופּע. איך געדענק שוין ניט, ווען איך האָב געזען אַזאַ זאַך, סײַדן קינדווײַז, אָבער דעמאָלט איז געווען עפּעס אַנדערש. דעמאָלט איז דאָס געווען עמעסדיקס, ווײַל אַנדערש האָט קיינער ניט געטראַכט און אַנדערש זיך ניט פֿאָרגעשטעלט. איצט אָבער איז אַלץ ווי נאָכגעקרימט. און דעריקער — קעגן ווילן און פֿאַרשטאַנד פֿון כאָסן-קאַלע. וואָסי? אַ טויזנטער. איך גיי און שטעל זיך פֿאַר דעם מיניען, וואָס מיכל האָט צונויפֿגעשלעפּט צו אונדזערע קינדער אין הויף אַרײַן. די זעלבע אַלטע לײַט, וואָס מע רופֿט צונויף אויף אָפּזאָגן אַ קאַדיש.

— הערסטו, סאָפּעטשקע, — רוף איך זיך אָן. — איך פֿיל זיך אַזוי, גלײַך מיר וואָלטן געגאַנגען אויף אַ לעווײַע.

— בײַס זיך אָפּ די צונג, — האָט זי מיך אויסגעזידלט.

אַזאַ טעוועס באַ איר. זאָג איך עפּעס ניט אַזוי, פֿאַלט זי אָן אויף מײַן צונג. מעגלעך, אַז זי איז טאַקע גערעכט. דער געדאַנק איז עפּשער געווען באַ מיר אַ קלוגער, נאָר ביז ער האָט זיך דערקליבן צו דער צונג...

מיר האָבן געמיינט, אַז מיר וועלן קומען שוין נאָך דער כופּע, האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט, אַז ס'איז נאָך קיין אָנהייב ניט געווען. אַלע מעכוטאָנים זײַנען געווען אויפֿן אָרט, דער מיניען ייִדן אויך, די פֿיר שטעקנס אויך, נאָר עפּעס איז געשען אַזוינס, וואָס האָט ניט געדאַרפֿט געשען. איך טו אַ קוק אויף מײַן סאָפּעטשקען און שווײַג שוין. איך האָב מוירע, זי זאָל ווידער ניט אָנפֿאַלן אויף מײַן צונג. אַלע גייען אַרום שטאַרק פֿאַרומערט, אָנגעדראָדלט, און די פּענעמער — באַ וועמען בלייך, באַ וועמען רויט, און באַ אַלעמען האָט ווי אָפּגענומען דאָס לאָשן. איך פֿיל, אַז מיר האָבן זיך שוין אַרײַנגעפּאַקט. נאָר — אַ פֿאַרפֿאַלענע זאַך. וועסט דאָך ניט פֿאַרקער'עווען צוריק.

וואָס זשע איז געשען? דער כאַסן האָט זיך ערגעץ פֿאַרהאַלטן. ערשט ניט לאַנג איז ער דאָ געווען, ערגעץ אַוועק אויף אַ פּאָר מינוט און נאָך אַלץ ניטאָ. מײַן סאָפּיאַ איסאַקאָוונאַ האָט גלײַך זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָ שמעקט מיט אַ געוויטער, און זי מוז עפּעס צוטראַכטן אויף אַ ביסל אָפּקילן די אָנגעגליטע לופֿט. אַזוי האָט זי טאַקע דערנאָך מיר דערקלערט — זי האָט געוואָלט אָפּקילן די אַטמאָספֿער. זי האָט אָנגעהויבן האַווען, ראַשן און טומלען, אַרומגעיאָגט אַהין און צוריק פֿון דער קיך אין צימער אַרײַן. מײַן סאָפּעטשקע, אַז זי וויל, קען זי. זי דאַרף נאָר פֿאַרשטיין, אַז זי מוז. און אין דער מינוט האָט זי גראָד פֿאַרשטאַנען. די כופּע איז נאָך קיין כופּע ניט געווען, און זי האָט שוין גענומען גרייטן אין קיך די כופּע־וועטשערע. אַרויסגעשטעלט די טעלערלעך, פֿאַנאַנדערגעלייגט די שטיקלעך פֿלאָדן, צי איך ווייס וואָס דאָרטן, געקאָמאַנדעוועט מיט קימעטשקען און מיט בענציען, און אַפֿילו גע־פּרוּווט ווײַזלען זיך אויך. און די קאַלע, אונדזער אייניקל, אַ ראַכמאָנעס געווען קוקן אויף איר. דאָס פּאָנעם פֿלאַמט פֿאַר ווייטיק און ביזאָיען און איז פֿאַרגאָסן מיט טרערן. ס'האָט טאַקע אויסגעזען אַזוי, ווי אַ קאַלע דאַרף וויינען פֿאַר דער כופּע. ס'האָט נאָר געפֿעלט אַ שטיקל באַדכן. נאָר דאָס איז געווען גאָר אַן אַנדער באַווייִנעניש. איך האָב זי גאַנץ גוט פֿאַרשטאַנען. זי איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און זיך געשעמט אַ קוק טאָן עמעצן אין די אויגן. זי האָט באַוויינט איר אייגענע שוואַכקײַט, איר פּרינציפּלאָזיקײַט, זי האָט זיך אַליין באַוויינט דערפֿאַר, וואָס באַ איר זײַנען געווען גענוג הויכע ווערטער, נאָר קעגנשטעלן זיך אַרטשיקן, די עלטערן האָט איר קיין מוט ניט געקלעקט. מע קאָן זי, פֿאַרשטייט זיך, פֿאַרורטיילן דערפֿאַר, איך בין אויך געניגט געווען דערצו, נאָר פֿאַרשטיין זי דאַרף מען: הײַנטיקע צײַטן... אַ מיידל... קאַלעס אַ סאַך און כאַסאַנים ווייניק. מעגלעך, גאָר ניט אַזוי ווייניק, נאָר זיי זײַנען שטאַרק פֿערעבירלעווע. און ס'איז דען אַזאַ גרויסער כעט אַ דריי טאָן זיך אונטער דער כופּע און אָנטאָן דאָס פֿינגערל? דאָס פֿינגערל אַליין איז דאָך שוין איצט אויך קאָשער, אין זאַגס טוט מען דאָס אויך אָן, איז וואָס, אַז אַ שטיקעלע כופּע?

זיצט זי, די קאַלע, און באַוויינט זיך אַליין. אַוואַדע האָט זי געוואָלט וואָס גיכער איבערקומען דאָס דרייעניש, נאָר ווי אָפּצולאָכעס. די זון פֿאַרגייט שוין, ס'איז שוין באַלד אַפֿילע שפּעט צו שטעלן אַ כופּע, און דער כאָסן איז ניטאָ. איר זײַט אַמאָל געווען אין אַזאַ לאַגע? כאַטש וואָס זאָג איך? נאָר איר קאָנט זיך פֿאָרשטעלן, וואָס פֿילט אַ קאַלע אין אַזעלכע מינוטן, ווען איר דוכט זיך, אַז ס'איז איר געוואָרן ניט גוט אויף צו כאַלעשן.

דאַרף דערצו זיך טרעפֿן נאָך אַ זאַך. איך ווייס גאָר ניט, צי עס לעבט אײַך דערציילן וועגן דעם. איר קאָנט נאָך דערפֿון מאַכן אַ פֿריילעכע הומאָרעסקע. כאָטש לאַכן איז ניט געווען פֿון וואָס. פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ קוויטשיק קעלכל, אַ מיידליש קעלכל אַזאַ, וואָס שרײַט אין דער וועלט אַרײַן:

— גוואַלד, גוואַלד, גוואַלד!..

מיר זײַנען אַלע דערציטערט געוואָרן. ס'איז אַפֿילע קיינעם אויפֿן זינען ניט געקומען, אַז קעדיי אַ ביסל לינדערן די שטימונג, האָט עמעצער אײַנגעשלאָסן די ראַדיאָלע. און אַז עס גייט, גייט עס פֿון אַלע זײַטן. איז אין דער ראַדיאָלע גראָד געשטאַנען יענץ לידל, און די נאָדל האָט געטראָפֿן ניט צום אָנהייב, נאָר צום סאַמע סאָף, ווו עס זינגט זיך:

גוואַלד, ווו נעמט מען,
אַ כאָסן אויף צו עסן די וואַרנעטשקעס?..

האָט שוין מײַן אייניקל ניט אויסגעהאַלטן, זיך אַ ריס געטאָן, אַוועקגעלאָפֿן אין צווייטן צימער און זיך אַ וואָרף געטאָן אויפֿן דיוואַן. נו, איר פֿאַרשטייט שוין אַליין: נאָך איר איז אַרײַנגעלאָפֿן אַהין איר מאַמע, דערנאָך איר באָבע, מע האָט זי געגומען מינטערן, ווײַל מע האָט געמיינט, אַז זי כאַלעשט. נאָר באַ קיין כאַלאָשעס האָט עס דערווײַל ניט געהאַלטן. די כאַלאָשעס איז געקומען ערשט דאַן, ווען עס האָט זיך אַ יאַווע געטאָן אַ יאַטל און איר איבערגעגעבן אַ צעטעלע. טאַקע פֿון אַרטשיקן. און ביז זי האָט געעפֿנט דאָס צעטעלע, און ביז זי האָט דאָס איבערגעלייענט, האָט זי צוויי מאָל געכאַלעשט. ווער ס'איז אַוועק נאָך אַ גלאָז וואַסער, ווער נאָך עטלעכע טראָפּנס, נאָר מע האָט גאָרנישט ניט געדאַרפֿט. די בע־סטע רעפֿועׂ איז געווען דאָס צעטעלע אַליין. אַ צעטעלע פֿון גאָלע גאָלד: „פֿרידעטשקע, איך האָב לאַנג געטראַכט און האָב זיך באַטראַכט. דו ביסט טאַקע געווען גערעכט. מאָרגן אין זאַגס וועט אַלץ זײַן לויטן פּלאַן".

אָט האָט איר אײַך אַ מאַטעמאַטיקער. און דאַפֿקע פֿון די בעסאַראַבער. איז שוין געווען קימאַט, ווי מײַן סאָפּעטשקע האָט געוואָלט — אַ יעוראָפּייסקע כאַסענע. אַ כאַסענע אָן קלעזמער. ס'האָט בלויז געשפּילט די ראַדיאָלע, און מע האָט געטאַנצט. און איר זאָלט געווען

הערן די זינגערן פון יענעם פלאַט. שוין גאָר ניט אזא קוויטשיק קעלכל. און זי האָט גאָר-ניט אזוי געגוואַלדעוועט. ס'איז פּאַשעט א מעכייַע געווען צו הערן, ווי זי זינגט אויס:

גוואַלד, ווו נעמט מען,
ווו נעמט מען, ווו נעמט מען,
א כאַסן אף צו עסן די וואַרנעטשקעס?..

פרעג איך אייַך, איז וואַרנעטשקעס א ייִדיש וואָרט?

ניגנדלעך, ניגנדלעך...

דאָס וועט שוין בלייַבן א סאָד: פאַרוואָס האָט פּלוצלינג א קלונג געטאָן אין זיקאָרן גראָד אָט דאָס ניגנדל? עפּשער האָט א וואָרט דאָס אַרויסגערופן, עפּשער א בילד, צי עפּשער גאָר א ווינטעלע... דאָס וואַרעמע ווינטעלע, וואָס קומט ווער ווייסט פונוואַנען און איז פול מיט גרוסן פון יענע ווייַטע קאַנטן און ווייַטע צייַטן. באַקומט זיך שוין אומפאַר-שטענדלעכס. א ניט קלאָר בילד האָט אַרויסגערופן א לאַנג פאַרגעסן ניגנדל, און דאָס ניגנדל אַליין, צי מיט ווערטער צי אָן ווערטער, רופט אַרויס איינס נאָכן אַנדערן בילדער און געשעענישן, פול מיט רעגונג און בענקעניש. און עס הייבט זיך אָן... עפּעס ציטערט אינווייניק, ווי די סטרונע פון א פידעלע, וואָס פאַרמאָגט אין זיך א ביסעלע געוויין און א ביסעלע איך ווייס אַליין ניט וואָס. און עס האַלט אין איין ברומען אונטערן האַרצן. עס ווערט שרעקלעך ענג, ווייטיקלעך ענג, ווי עס וואָלט דאָרט געוואָרן ביז גאָר אָנגעשוואָלן, און אָט-אָט וועט דאָס פּלאַצן, פּונקט ווי עס פּלאַצט אַן אָנגעשוואָלענער קנאָספּ. נאָר פון א קנאָספּ הייבן זיך אָן אויספּיקן לעבעדיקע בלעטעלעך, און וואָס וועט זיך פון דעם אויספּיקן?

ווי עס זאָל ניט זייַן, נאָר דאָס ניגנדל פאָדערט, מע זאָל עס אויסזינגען. שטיל, אין זיך, בלויז אין די געדאַנקען. קומט פריִער דאָס ניגנדל, דו ווייסט נאָך אַליין ניט, וואָס פאַר א לידעלע דאָס איז: צי פון יענע ייִדישע לידעלעך, וואָס די מאַמע פלעגט זינגען, צי פון די מאָלדאַווישע דוינעס, וואָס דער טאַטע פלעגט אויסשפּילן אפן פידעלע, צי פון א רוסישן ראָמאַנס, וואָס דער עלטערער ברודער פלעגט אָנהייבן און די ייִנגערע שוועסטער האָבן גלייַך נאָכגעזונגען. ערשט דערנאָך, ווען דאָס לידל צעוואַקסט זיך און עס קומען אויף אין זיקאָרן די ערשטע ווערטער, הייבט עס אָן א ביסעלע פאַרפּירן. עס פאַרפירט דיך אין גאָר אַן אַנדער וועלט, אין אַן אַנדער צייַט, אפן האַרצן ווערט זיסלעך און ביטערלעך, און עס קומט אויף יענער זעלטענער נאַכעס-רועך, ווען דיר ווילט זיך שוין גאָרנישט ניט, עס ווילט זיך נאָר, עס זאָל לענגער קלינגען אין די אויערן דאָס ניגנדל, דאָס לידעלע זאָל זיך אויפ-שטעלן אין קאָפּ ביז דער לעצטער שורע, ביזן לעצטן וואָרט, און זאָלסט קלאָרער זען און פילן אַלץ, וואָס דאָס לידעלע האָט אַרויסגערופן. דו ווילסט נאָר, עס זאָל לענגער הענגען איבער דיר דאָס וואָלקנדל, וואָס מאַכט די זון ניט אזוי טשמעליענדיק און דעם ווינט ניט אזוי סאַרפּענדיק.

דער גרויסער קישעף פון א ניגן.

אַלעמאָל באַקומט זיך אזוי: פריִער קומט אויף יענע ליד און גלייַך נאָך דעם — דער ביס פונעם מעשוגענעם הונט. כאָטש דער ביס איז געווען מיט א וואָך פריִער, און די מייַסע איז ניט אין אים גופע. נאָר...

יענעם זומער האָט בא אונדז גאַסטראָלירט די באַרימטע אַקטריסע קלאַרע יונג, וועלכע האָט ניט לאַנג צוריק געהאַט זיך אומגעקערט פון אַמעריקע. איך ווייס ניט, פאַרוואָס איז זי אין אָנהייב פון די דרייַסיקער יאָרן אַוועק קיין אַמעריקע און אין סאָף פון די דרייַסיקער זיך אומגעקערט צוריק. ניט אין דעם גייט עס. נאָר אירע קאָנצערטן זייַנען געווען פאַר אונדז א גרויסער יאָמטעוו. מיר האָבן שוין דאַן געהאַט א זומער-טעאַטער. האַרט לעבן וועלדל, הינטערן דאָרף, איז געווען אויסגעשטעלט א היפּשע צאָל בענק אונטערן פרייַען הימל. נאָר די בינע איז געווען אַן עמעסדיקע, לויט אַלע קלאָלים. יעדן אָוונט זייַנען מיר געגאַנגען אף אירע קאָנצערטן. און אָט, דעם לעצטן פאַרנאַכט, ווען איך האָב אָנגעטאָן מייַנע נייַע הויזן, א ווייַס העמדל און בין אַוועק אין זומער-טעאַטער, איז שטילערהייט

אונטערגעלאָפן א הינטל און מיך א ביס געטאָן אין פוס. דער ביס איז געווען ניט קיין שטארקער, נאָר די הויזן האָט עס היפש צעריסן. דער ריס האָט מיך מער פארדראָסן, איידער דער ביס. דאָס זײַנען געווען א פּאָר נײַע הויזן פון טײַערן שטאָף, און דאַן איז געווען ניט גרינג צו קריגן אזעלכע זאכן. כוץ דעם, האָב איך אין יענעם אָוונט געדארפט ארויס-טרעטן מיט עטלעכע גוטע ווערטער וועגן קלאַרע יונג. ווי זשע גייט מען ארויף אף דער בינע מיט צעריסענע הויזן? איך האָב יאָקאָס צוגעטראכט פאר זיך א פּאָזע, דער ריס זאָל זיך אזוי ניט ווארפן אין די אויגן, און מײַן וואָרט איז געזאָגט געוואָרן, ווי עס דארף צו זײַן. באנאכט האָט שוין דער ביס מיך מער פארדראָסן, איידער דער ריס, און גאנצפרי בין איך אוועק אין פּאָליקליניק. באקוקט דעם צעדראפּעטן פוס, האָט דער דאָקטער געזאָגט, אז, ערשטנס, איז דער ביס ניט קיין טיפער און ניט קיין שרעקלעכער, און צווייטנס...

— איר פארשטייט, נעכטן פארנאכט, טאקע ניט ווײַט פון דעם זעלבן אָרט, ווו ס'האָט מיט אײַך געטראָפן, האָט עפּעס א הינטל א ביס געטאָן א כאזער. דארף מען איצט זוכן דעם הונט און נאָכקוקן, וויאזוי דער כאזער וועט זיך פילן. אײַך וואָלט איך געייצעט... ניט קיין סאך, נאָר צען איניעקציעס דארף מען מאכן. ווער ווייסט. אין זאפּאָראָזשיע איז דאָ א פאסטער-אינסטיטוט. דארף מען פאָרן קיין זאפּאָראָזשיע.

— און אין קיִעוו איז אויך פאראן אזא אינסטיטוט? — האָב איך געפרעגט.

— פארשטייט זיך.

— וועל איך בעסער פאָרן קיין קיִעוו.

יעדע זאך האָט שטענדיק אן איבערשלאק און אן אונטערשלאק. און ווי ס'איז מיר ניט שווער געווען די נעסיִע פון א געביסענעם, האָב איך זיך געטרייסט דערמיט, וואָס איך וועל צען טעג זײַן אין קיִעוו, וועל יעדן אָוונט גיין אין יידישן טעאטער, יעדן טאָג ארײַנ-קומען אין דער רעדאקציע פונעם „שטערן", ווו עס דרוקן זיך אָפּט מײַנע דערציילונגען און פארצייכענונגען, און איך האָב גענומען מאָלן פאר זיך דעם גאנצן איניען פון גאָר אן אנ-דער זײַט. ס'איז אפילע, הייסט עס, גוט, וואָס א הונט האָט מיך א ביס געטאָן. ווי וואָלט איך, א רעדאקטאָר פון א ראיאָנישער צײַטונג, געקאָנט ארויסמאנקירן פאר זיך אזעלכע צען יאָמטעוודיקע טעג?

ס'האָט מיר אָפּגעגליקט. איך האָב פארכאפּט די לעצטע צוויי שטעלונגען פונעם מאָסק-ווער מעלוכישן יידישן טעאטער, וואָס האָט דעמלט גאסטראָלירט אין קיִעוו, און געזען „קיניג ליר" און „טעוויע דעם מילכיקן". איך טראכט איצט אָפּט: וואָס וואָלט געווען, ווען ניט דער ביס פונעם מעשוגענעם הונט, און איך זאָל ניט געווען זען דעם „קיניג ליר" מיט מיכאָעלסן און זוסקינען? עס וואָלט מיר געפעלט אין לעבן אזוינס, וואָס איך וואָלט ניט געקאָנט פארפילן. דערנאָך האָב איך געקוקט די שטעלונגען פונעם קיִעווער מעלוכישן יידישן טעאטער: שאָלעם-אליכעמס „בלאָנדזנדע שטערן", „דער פארקישעפטער שנײַדער", און שמועל האלקינס „באר-קאָכבא".

בין איך יעדן אָוונט געגאנגען אין טעאטער און יעדן באגינען געפאָרן אין פאסטער-אינסטיטוט.

דער אינסטיטוט האָט זיך געפונען ערגעץ אין אויסרײַסעניש. מע האָט געדארפט פאָרן אהין מיט צוויי טראמווײַען און דערנאָך גיין א היפש ביסל צופוס. יעדן גאנצפרי האָט זיך אהין צונויפגעקליבן א גרויסע צאָל געביסענע און זיך אויסגעזעצט אף די בענק ארום דעם דרײַגאָרנדיקן מויער. קימאט אלע געביסענע זײַנען געווען עלטערע פרויען און איבערהויפּט דאָרפישע. וויפל שרעקלעכע געשיכטעס האָב איך יעדן גאנצפרי זיך אָנגעהערט! פון די דערציילונגען איז מיר דורך א גרויל איבערן לײַב, און מיסטאמע האָט יעדערער גענומען זיך ארומקוקן און זיך ארומטאפּן: צי האָט ער שוין אויך ניט פארשפּעטיקט מיט די איניעק-ציעס, און צי הייבט זיך ניט אָן בא אים יענץ-אָ...

אפן דריטן צי אפן פערטן טאָג האָט זיך באוויזן א פרוי פון מײַן עלטער צי עפּשער א ביסל יינגער. די דאָזיקע גלײַכקײַט פון עלטער האָט געשאפן פאר אונדז א שטיקעלע אויסנאם און ארויסגערופן א פארלאנג צוזעצן זיך באנאנד און שמועסן וועגן זאכן, וואָס זײַנען ניט פארבונדן מיט מעשוגענע הינט. דער פארלאנג איז געוויס געווען א געמיינזאמער, נאָר איך בין געווען א שעמעוודיקער. מיר איז זייער שווער געווען צו פארפירן אונטער-וועגנס פארשיידענע באקאנטשאפטן, באזונדערס מיט פרויען. דערצו נאָך, ווען די פרוי איז א יונגע און ניט קיין מיִעסע. די איניציִאטיוו האָט דעמלט גלײַך גענומען די פרוי.

— איר זעט ניט קיין היגער? — האָט זי א פרעג געטאָן.

— פונוואַנען נעמט איר דאָס?

— איך שטעל זיך דאָס פאָר לויט אײַער...

— לויט מײַן דאָרפישן הוילעך?

— ניט נאָר דאָס...

זי האָט געקענט שוין שמייכלען, יענע אומבאַקאַנטע; אײַנגעהאַלטן, פֿילדײַטיק און לײַטזעליק. און מע האָט געקאָנט פֿיל אויסלייענען פֿון איר פֿילפּאַכיקן שמייכל. פֿון מײַנע אָנשטויסונגען האָב איך זיך אַ ביסל פֿאַרויטלט, נאָר דערווידערן האָב איך ניט געהאַט מיט וואָס. לאַנג רויטלען זיך האָט זי מיר ניט געלאָזט און געשטעלט אַ נײַע פֿראַגע:

— וואָס זשע טוט איר אין די אָוונטן?

— איך גיי אין טעאַטער.

ווען איך האָב איר אויסדערציילט, ווו איך בין געווען און וואָס איך האָב געזען, האָט זי ווידער געפֿרעגט:

— און קאַרנייטשוקס „אין די סטעפּעס פֿון אוקראַינע" קלײַבט איר זיך ניט קוקן?

— דעם ספּעקטאַקל האָב איך געזען נאָך פֿאַראַיאָרן, אין זאַפּאָראָזשיע.

— ריכטיק, דער זאַפּאָראָזשיער טעאַטער האָט דער ערשטער געשטעלט אָט די פּיעסע.

ביסלעכווײַז איז אופֿגעקומען דאָס, וואָס מיר האָבן געקאָנט אַרומשמועסן. ס'האָט זיך שטענדיק באַקומען אַזוי: סאַמע אינמיטן שמועס איז אָנגעקומען אונדזער ריי, און דער געשפּרעך איז געבליבן ניט פֿאַרענדיקט. נאָך די אינעקציעס האָט יעדערער פֿון אונדז ערגעץ זיך געײַלט, און ס'איז שטענדיק געבליבן אַ פֿאַרזעצונג פֿאַרן מאָרגנדיקן שמועס.

האָט שוין געמוזט זײַן אויך אַזוי. ווער ס'איז געקומען אַ ביסל פֿריִער, האָט פֿאַרנומען אַן אָרט אויף אַ באַנק ניט בלויז פֿאַר זיך, נאָר פֿאַר אונדז ביידן. און שטענדיק איז אויף איר פּאָנעם געלעגן איר פֿילפּאַכיקער שמייכל, וואָס האָט מיך געדאַרפֿט אונטערמונטערן, באַפֿרײַען פֿון מײַן דאָרפֿישער אָפּהענטיקײַט און מאַכן באַריידעוודיקער. מיר האָבן גערעדט וועגן פּראָזע, אין וועלכער איך האָב זיך געפֿילט פֿעסטער, און וועגן דראַמאַטורגיע, אין וועלכער זי איז געווען פֿיל באַהאַוונטער. איך האָב זייער געוואָלט וויסן, ווי קומט עס צו איר, נאָר פֿרעגן וועגן דעם האָב איך ניט געוואַגט. זי האָט שוין געוווּסט וועגן מיר אַלץ, איך וועגן איר — גאָרניט ניט.

אַזוי האָבן זיך געצויגן מײַנע צען טעג אין קיִעוו. אין אָוונט — אין טעאַטער, און גאַנצפֿרי — אינעם הויף פֿונעם אינסטיטוט. די שמועסן האָבן מיך פֿאַרכאַפּט מיט זייער נײַקײַט, און מיר האָט זיך זייער געוואָלט, זיי זאָלן דויערן וואָס לענגער. ס'האָט מיך שוין פֿאַרדראָסן אויף דעם מעשוגענעם הונט, וואָס האָט מיך אַזוי קאַרג אַ ביס געטאָן און מע האָט מיר צוגעשריבן בלויז צען אינעקציעס. כאָטש וויפֿל אינעקציעס דאַרף נעמען מײַן אומבאַקאַנטע, האָב איך ניט געוווּסט.

דעם נײַנטן טאָג האָט אונדזער געשפּרעך עפּעס זיך ניט געקלעפּט. איר שטענדיקער שמייכל האָט אויך אָנגעווירן זײַן גלאַנץ. מע האָט אים ביכלאַל קוים אָנגעזען, ווי אַ כמאַרעלע וואָלט אים פֿאַרדעקט. עפּעס איז געשען מיט איר אַזוינס, וואָס מיר איז שווער געווען צו באַשטימען. מעגלעך, די אינעקציעס האָבן אויף איר אַזוי געווירקט, און ווי זי האָט זיך ניט געסטאַרעט, איז איר דאָס שווער געווען אויסבאַהאַלטן.

דאָס מאָל האָבן מיר מער געשוויגן ווי גערעדט, זי האָט געקוקט ערגעץ אין דער וועלט אַרײַן, און איר בליק איז געווען אַזאַ, וואָס האָט אַוודאי געקאָנט אָנשרעקן. אַ מוטנער, אַ צעבויטעטער, אָן אַ מינדסטער ליטערקײַט. פֿון מאָל צו מאָל האָט זי געשטעלט אַ פֿראַגע, וואָס האָט גאָרניט ניט געהאַט צו טאָן מיט אונדזערע פֿריִערדיקע שמועסן, און ס'איז געווען צו באַמערקן, אַז מיט די געדאַנקען איז זי זייער ווײַט פֿון דעם אַרומיקן. מיר האָבן זיך אָפּגעזעגנט צו טרוקן, עפּעס גאָר ווי באַרויגעזלעך, כאָטש פֿאַר אַ רויגעז זײַנען קיין סיבעס ניט געווען. און אין אונדזער שמועס איז גאָרניט ניט געווען אַזוינס, עס זאָל כאָטש עפּעס איבערבלײַבן אויף מאָרגן. בין איך אַוועק פֿון דאָרטן מיט אַ ניט קלאָרן פֿאַרדראָס. אַ גאַנצן טאָג בין איך געווען אומרויִק און ניט אופֿגעהערט צו טראַכטן וועגן דעם, וואָס עס האָט געקאָנט געשען. איך האָב בײַ זיך פֿעסט באַשטימט מאָרגן בײַ איר אויספֿרעגן אַלץ, וואָס מע מעג אויספֿרעגן, און אויב עס וועט נייטיק זײַן, פֿאַרשרײַבן איר אַדרעס. איך האָב צוליב דעם געקויפֿט אַ נײַעם בלאָקנאָט און אַ לײַטישן בלײַער. קוים דערצויגן ביזן אָוונט און אַוועק אין טעאַטער.

דאָס מאָל האָט מען געשטעלט שמועל האַלקינס „באַר-קאָכבאַ". די שפּיל האָט מיך שטאַרק פֿאַרכאַפּט, און איך האָב פֿאַרגעסן אין אַלץ. איך געדענק ביז הײַנט יענע שטעלונג, און ס'איז אויף שטענדיק געבליבן אין מיר דער ניגון און די ווערטער פֿונעם דועט צווישן דעם פֿאַרליבטן פּאָרל:

א ליכטיקער שטערן אראָפּ איז פֿון הימל...

א גאַנצע נאַכט האָט זיך מיר געבאָמבלט אין מויער דער ניגון, און באַגינען בין איך אוועק נעמען די צענטע אינ׳עקציע און אויסקלאָרן, וואָס עס איז געשען מיט מײַן אומבאַקאַנטער. איך בין אוועק פריער ווי שטענדיק, קעדיי פאַרנעמען אַן אָרט אף א גוטער באַנק, און אַלעמאָל געכאַפּט א טאַפּ די... קעשענע, צי ליגן דאָרט דער בלאָקנאָט מיטן בלײַער. די גאַנצע צײַט האָב איך ניט אופגעהערט אויסזינגען אין זיך דעם נײַעם ניגון. געזונגען שטיל, אין זיך. ס׳איז געווען א מין אינווײַניקסטע ברומעניש, פול מיט פּאַרדראָס און אימרו. איך האָב אַלץ אַרויסגעקוקט, געוואַרט און... זיך ניט דערוואַרט.

מיטן ניגון בין איך אוועק צום קאַבינעט, ווו א באַיאָרטער בײַכיקער פעלדשער האָט געשטאָכן די גרויסע נאָדל אין בויך אַרײַן. ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען, האָב איך א ביסל זיך פאַרהאַלטן, געגנישטערט מיט די אויגן איבער דער אַלץ אַנוואַקסנדיקער ריי, נאָר... זי איז ניט געקומען. בין איך געבליבן שטעקן מיט מײַן נײַעם בלאָקנאָט, מיט מײַן פאַרשניצטן בלײַער, מיט מײַן שיינעם ניגון און שטומען פּאַרדראָס. איך האָב געוואָלט זיך דערוויסן, וואָס מיט איר איז געשען, עפשער א פּאָשעטע זאַך — נעכטן גענומען די לעצטע אינ׳עקציע, — נאָר איך האָב ניט געוווּסט, וויאַזוי מע רופט זי.

איז זי פאַרבליבן פאַר מיר א סאָד, וואָס רופט שטענדיק בא מיר אַרויס יענעם אַלטן פּאַרדראָס. און אַלעמאָל געשעט אַזוי: פריער קומט אוף אין געדאַנק דער ניגון, דערנאָך דערזע איך דעם הויף פונעם פּאַסטער-אינסטיטוט, די עלטערע פרויען מיט זייערע שרעקלעכע געשיכטעס וועגן געביסענע, און איינע א יינגערע. און אַלעמאָל א פראַגע: וואָס האָט דאָן אַזוינס שרעקלעכס אַרויסגעקוקט פון איר מוטנעם בליק?

אַן אַנדער באַגעגעניש איז פאָרגעקומען מיט א יאָר שפּעטער, אין אָנהייב יוני פון איין-און-פערציקסטן, ווען איך האָב זיך אומגעקערט פון קיִעוו נאָכן אָפּגעבן אין „נאַצמינדפאַרלאַג” מײַן ערשטן ראָמאַן. איך בין געפאָרן אַהיים מיט א געמישטן געפיל. איך בין געווען באַפליגלט דערמיט, וואָס דער ראָמאַן איז אָנגענומען געוואָרן, און אייניצײַטיק שטאַרק באַומרויִקט פון דעם, וואָס איך האָב געהערט אף אַן אָוונט אין שרײַבער-הויז. דער דעמאָלטיקער סעקרעטאַר פונעם אוקראַיִנישן שרײַבער-פאַרבאַנד אַלעקסאַנדער קאָרנייטשוק האָט דאָן געהאַט זיך אומגעקערט פון מאָסקווע, ווו ס׳איז פאָרגעקומען א באַגעגעניש פון א גרופּע שרײַבער פון אַלע רעפּובליקן מיט סטאַלינען. אַלעקסאַנדער קאָרנייטשוק האָט דערציילט פיל אינטערעסאַנטע פּראָטים וועגן יענער באַגעגעניש. מיר האָט זיך דערבײַ פאַרקריצט אין זיקאָרן סטאַלינס א רעפּליק בײַס עמעצנס אַן אַרויסטרעטונג, ווען ס׳זײַנען דערמאָנט געוואָרן די יאָרן פונעם בירגערקריג.

— אינגיכן וועט אונדזער ליטעראַטור ווידער אויסקומען אַריבערזעצן זיך אף יענע טאַטשאַנקעס, — האָט סטאַלין געזאָגט.

די נאָענטקײַט פון דער גרויזאַמער מילכאָמע האָט זיך געפילט אף יעדער שריט און טריט, און מיר האָבן ניט אופגעהערט צו טראַכטן וועגן איר. זי איז שוין, אייגנטלעך, געגאַנגען אין פיל ערטער פון אייראָפּע און מיט יעדן טאָג זיך דערנעענטערט צו אונדזערע גרענעצן. נאָר אָט די רעפּליק... און פון ווּעמען! ליגנדיק אין וואַגאָן אף אַן אייבערשטער פּאָליקע, האָב איך ניט אופגעהערט צו טראַכטן וועגן דעם און מיט אָט די אומרויִקע געדאַנקען אַנשלאָפן געוואָרן. ווען איך האָב זיך אופגעכאַפּט, זײַנען שוין פיל געזעסן אַרומגעוואַשענע און צוגעקעמטע. מעגלעך, שוין באַוויזן איבערקײַען אויך. די באַגינענדיקע זון האָט געבלענדט די אויגן. פּלוצלינג האָב איך דערהערט א שטים, וואָס האָט זיך צעוויגט אונטער מיר און אָנגעפילט דעם וואַגאָן מיט פאַרשיקערנדיקער דופּטיקײַט.

Белая акация, ветки душистые...

אַזאַ באַקאַנטער, האַרציקער ניגון! נאָר איך האָב געהאַט פאַר אים אַנדערע ווערטער. טאַקע ביז גאָר אַנדערע. מיר האָבן זיי אויסגעזונגען, ווען מיר האָבן אַרומשפּאַצירט דורך די נעכט איבער די שטעטלשע גאַסן, א כאָפּטע בעוורע, פעסט האַלטנדיק זיך פאַר די הענט. דער ניגון האָט מיך אַרויסגעריסן פונעם שלאָף. איך האָב געמוזט דערמאָנען זיך יענע ווערטער. איך האָב זיי אָנגעהויבן צונויפקלײַבן א וואָרט נאָך א וואָרט, ווי מע קלײַבט איבער א שיסלע הערטשענע גרויפּן. קעדיי צונויפנעמען אַלע ווערטער אינײנעם, האָב איך זיי אָנגעהויבן אויסזינגען. זייער און זייער שטיל:

Слушай рабочий, война началася...

דער זעלבער ניגון, נאָר אין מײַן מויל האָט ער געקלונגען גאָר אַנדערש, פֿול מיט צאָרן און אומרו. און ווי שטיל מע זאָל אים נישט אויסזינגען, קלינגט ער הויך און רופֿנדיק. מיך האָט ביז גאָר איבערראַשט דאָס, וואָס יענע שורעס, די שורעס פֿון דער ווײַסער אַקאַציע, האָבן געקלונגען גאָר אַנדערש. מיט ווייטיק און מיט בענקעניש... נאָך עפּעס אַ וועלט, נאָך עפּעס אַ צײַט, צי עפּשער נאָך יאָרן... יאָרן, וואָס זײַנען אוועק און וועלן זיך שוין ניט אומקערן. יאָרן, פֿון וועלכע ס'איז געבליבן דער רייער פֿון ווײַסער אַקאַציע. איך האָב אַ קוק געטאָן אַראָפּ, זי האָט פֿאַרהויבן דעם קאָפּ אַרויף, דערנאָך בין איך אַראָפּגעשפּרונגען און געבליבן שטיין קעגן איר. איך — אין מײַן צעקנייטשט העמדל און היפּש צעשויבערטער טשופּרינע, זי — אַליין אויך ענלעך אַף אַ צעצוויטעטער אַקאַציע. אַלץ אַף איר האָט שעמערירט מיט שמעקנדיקער ווײַסקײַט: איר גלאַט לענגלעך פּנים, איר גראָבער צאָפּ, אַ פֿאַרדרייטער אַפֿן קאָפּ ווי אַ קרוין, און אירע גרויסע ליכטיקע אויגן, פֿון וועלכע עס האָט אַרויסגעקוקט אַ טיפֿער אומעט. עס האָט זיך עפּעס ניט געקלעפּט צו דעם, וואָס עס איז געווען אַרום אונדז — זי האָט אַרויסגעשײַנט און געבלענדט, ווי די באַגײַענדיקע זון. אַזוי זײַנען מיר געשטאַנען איינער קעגן דעם אַנדערן. געשטאַנען בין, אייגנטלעך, נאָר איך. זי איז געזעסן. נאָר אונדזער קעגנזײַטיקע באַקוקעניש איז געווען פֿול מיט שטוינונג. דאָס האָט געהאַט אַ שײַכעס ניט אַזוי צו אונדזער ניט ענלעכן אויסערלעכן אויסזען, נאָר צו אונדזער ניגון, וואָס איז אַזוי ענלעך און ניט ענלעך. אַ ניגון, וואָס שטעלט פֿאָר צוויי פֿאַרשיידענע וועלטן, און איז אויסגעדריקט מיט ביז גאָר פֿאַרשיידענע ווערטער. אַ לאַנגע צײַט האָבן מיר געפֿירט אַ שטומען שמועס, דערנאָך האָב איך זיך אָנגערופֿן:

— איך האָב ניט געוווּסט, אַז דער ניגון האָט נאָך אַנדערע ווערטער.

— אייגנטלעך, זײַנען דאָס טאַקע די עמעסדיקע ווערטער פֿון דער ליד. אַנדערע זײַנען געקומען שוין דערנאָך, אין אונדזער צײַט.

— פֿונוואַנען ווייסט איר דאָס?

— דאָס איז ניט וויכטיק.

זי האָט, אַפּנים, ניט געוואָלט ענטפֿערן אַף דער פֿראַגע. נאָר דער ווייטיק, וואָס האָט אַף אַ ווײַלע אַ בליץ געטאָן אין אירע אויגן, האָט אָן איר ווילן געענטפֿערט. איז שוין געווען קלאָר, אַז דער ניגון איז פֿאַרבונדן בא איר מיט זייער טרויעריקן.

זי האָט געדאַרפֿט אַראָפּגיין אַף עטלעכע סטאַנציעס פֿאַר מיר. האָט זי אַף גיך פֿאַר-פּאַקוועט איר טשעמאָדאַן, און, ווי עס פֿירן זיך אויף אומבאַקאַנטע, שווײַגנדיק, מיט אַ וווּנק, זיך געזעגנט. איך האָב געפּרוּווט אַ נעם טאָן פֿון איר האַנט דעם טשעמאָדאַן, נאָר זי האָט קאַטעגאָריש, אַפֿילע שטרענגלעך אַ זאָג געטאָן:

— מע דאַרף ניט.

דערנאָך שוין ווייכער, ווי מיט אַ געבעט:

— און קוקט מיר ניט נאָך.

— פֿאַרוואָס?

און דאָ האָט בא איר ניט ווילנדיק זיך אַרויסגעכאַפּט:

— ווען יענער זאָל ניט געווען אַזוי נאָכקוקן...

איך האָב ניט גלײַך פֿאַרשטאַנען, וואָס זי מיינט. נאָר גראָד דערפֿאַר האָב איך ניט נאָכקוקן שוין ניט געקאָנט. האָב איך באַמערקט... פֿונעם וואַגאָן איז זי אַרויסגעגאַנגען פּאַמעלעך, ווי געשקראָבעט מיט די שיך איבער דער ערד. און ערשט דערנאָך, ווען זי איז שוין געווען אַ ביסל ווײַטער, האָב איך פֿאַרשטאַנען, וואָס האָט זי אין וואַגאָן געוואָלט אויס-באַהאַלטן און פֿאַרוואָס האָט זי ניט געוואָלט, איך זאָל איר נאָכקוקן. זי איז דאָך אַ קרומע! זי הינקט שטאַרק אונטער אַפֿן לינקן פֿוס און מוז אַלעמאָל זיך אַ בייג טאָן מיטן גאַנצן קערפּער אַף לינקס. מיר האָט פֿאַרקלעמט דאָס האַרץ פֿון פֿאַרדראָס... פֿון פֿאַרדראָס אַף די שפּיצלעך, וואָס די נאַטור טוט אַמאָל אָפּ, אָדער ווען פּלוצלינג מישט זיך אַרײַן דער טײַוול. איז געקומען אַף דער וועלט אַ שיינהײַט אַף צו שפּיגלען זיך אין איר — און נאַ דיר גאָר... און ביז איצט... זײַ שווימען אויף פֿאַר מיר ביידע מיטאַמאָל. דער ניגון פֿון דער ליד און דאָס מיידל, וואָס האָט אַלייך געבליט, ווי די אַקאַציע אין פֿרילינג. איך האָב ניט איין מאָל געפּרוּווט שאַפֿן פֿאַר זיך אַ ווערסיע פֿון איר ראָמאַן. פֿון אַ שיינער און גרויסער ליבע, וואָס איז צעשטערט געוואָרן איבער איר קרומען פֿוס. געבליבן פֿון דעם אַלעמען איז בא איר בלויז יענער ניגון. פֿון די פֿאַרשיידענע ווערסיעס האָט זיך בא מיר גאָרנישט ניט באַקומען, און מיר אַליין איז אויך געבליבן ניט מער ווי דער ניגון. און שטענדיק רופֿט ער אַרויס אַ שטיקעלע האַרצקלעמעניש, ווי דאַן, ווען איך האָב זי דערזען אין אונטערהינקענדיקע...

עפּעס ענלעכס, צי עפּשער גאָרניט אַזוי ענלעכס, איז געשען אין ווינטער פֿון צוויי-און-פֿערציקסטן הינטער וואָראָניעזש. אַריבערגעקליבן זיך איבערן דאָן מיטן אײַז, האָב איך

באַזוכט די פֿאָדערשטע פּאָזיציעס פֿון אײנעם אַ באַטאַליאָן און געדאַרפֿט זיך אַריבערקלײַבן אין אַ צװײטן. דער מעהאַלעך איז געװען ניט אַזאַ װײַטער, דער װעג איז מיר אױך געװען באַקאַנט, נאָר ס'איז ניט אָנגענומען שפּאַצירן איבער די פֿאָדערשטע ליניעס אײנער אַלײן. מאַלע־װאָס עס קאָן זיך טרעפֿן. האָט דער קאָמאַנדיר פֿונעם באַטאַליאָן מיר געגעבן אַ באַגלײטער.

מיר האָבן געשפּאַנט שװײַגנדיק, מער געפּויזעט, װי געשפּאַנט, און איבער אונדז זײַנען װי בלענדנדיקע בליצלעך בײס אַ געװיסער געפֿלױגן טראַסירנדיקע קױלן. אַלעמאָל זײַנען געבליבן הענגען איבער אונדזערע קעפּ עטלעכע באַלױכטונג־ראַקעטעס, און עס האָבן אָן אױפֿהער פֿון בײדע זײַטן געשטעפּט די קױלנװאַרפֿערס. אונדזערע — מיט אַ שאַרפֿער, קנאַלנדיקער שטים, די דײַטשישע — מיט אַ טעמפּער בײזקײַט. די פֿאָדערשטע ליניע האָט געלעבט מיט איר אינטענסיװ באַנאַכטיק לעבן, געטעמט מיט פֿײַער, גערױשט מיט מילכאָמע, געשפּיגן מיט טױט. אַלץ אַרום האָט געהודיעט, און מיר האָבן אַפֿילע קױם געהערט דעם סקריפּ אונטער אונדזערע פֿיס. האָב איך זיך דערלױבט אַ פֿרעג טאָן:

— װי רופֿט מען דיך?

— קי־קי־רר־י־י־ל! — האָט ער קױם אַרױסגעצױגן פֿון זיך.

האָב איך שױן מער קײן פֿראַגן ניט געשטעלט. מיר איז קלאָר געװאָרן, פֿאַרװאָס האָט ער די גאַנצע צײַט ניט אױסגערעדט קײן װאָרט.

און פּלוצלינג האָט ער אָנגעהױבן זינגען. פֿאַמעלעך, שטיל, קימאַט אין זיך, אַזױ, װי מע קאָן זיך דערלױבן עטלעכע צענדליק שפּאַן פֿון די אָקאָפּעס.

Повій, вітре, на Вкраїну,
Де покинув я дівчину...

דער ניגן האָט געקלונגען מיט אױסגעװײטיקטער בענקעניש, און די װערטער זײַנען געפֿלאָסן פֿון זײַן מױל מיט זױבערער רײנקײַט, מיט אומבאַגרײַפֿלעכער אָפּגעטאָקטקײַט און דײַטלעכקײַט. ס'איז שװער געװען זיך פֿאָרשטעלן, אַז דאָס איז דער זעלבער קיריל, װאָס פֿאַרהיקעט זיך אַזױ שטאַרק. איבער אונדז איז געהאַנגען אַ װײַטער אױסגעשטערנטער הימל און איבער אונדזערע קעפּ זײַנען געפֿלױגן פֿילפֿאַרביקע פֿײַערלעך, אָנגעשפּיגעװעטע מיט טױט. קיריל האָט אַלץ געזונגען, װי געפּרוּװט אױסלאָדן זיך פֿון זײַן נאָגנדיקער בענקעניש. און מיר האָט בײסמײַסע זיך געװאָלט אײן זאַך: זאָל ער אַזױ זינגען לאַנג, לאַנג, פֿיל יאָרן. און זאָל יענץ מײדל אַף אוקראַינע אױך אַמאָל קאָנען הערן װי ער זינגט.

און נאָך אײן ניגן. ערשט ניט לאַנג, הײַנטיקן װינטער, מיט אַ פּאָר װאָכן צוריק. ס'איז געװען אַ װאַרעמער פֿאַרנאַכט, זײַנען מיר אַרױס מיט דער פֿרױ אין נאָענטן סקװער אַף אַ קורצן שפּאַציר. איך האָב דאַן גראָד געהאַט צו טאָן מיט אָט דער דערצײלונג און געטראַכט, מיט װאָס זי צו פֿאַרענדיקן. געטראַכט און צוטראַכטן גאָרנישט ניט געקאָנט. אומדערװאַרט איז צוגעקומען צו אונדז אַ פֿרױ, אײנגאַנצן אַן אומבאַקאַנטע, און אונדז אָפּגעשטעלט. ס'איז געװען צו זען, אַז זי איז שטאַרק אױפֿגערעגט.

— הערט אַ מײַסע, — האָט זי זיך אָנגערופֿן. — אײנמיטן װינטער נעמט עס אַן עלטערער מענטש, שטעלט אַרױס זײַן מאַגניטאָפֿאָן אַפֿן באַלקאָן און הײבט אָן שפּילן.

— נו איז װאָס? — האָב איך ניט פֿאַרשטאַנען.

— ניט דאָס מײן איך, נאָר דעם ראָמאַנס. דער מאַגניטאָפֿאָן האָט אױסגעשפּילט אַ ראָמאַנס, װאָס האָט מיר צערודערט אַלע מײַנע איװורים. ער האָט מיר דערמאָנט אַזױנס... װײ, װײ, מע זאָל גאָר מער ניט דערלעבן.

אָן שום איבערגאַנג האָט זי גענומען אױסזינגען דעם גאַנצן ראָמאַנס פֿון אָנהײב ביזן סאָף. מיר איז ער געװען אומבאַקאַנט, און זײַן ניגן האָט מיר גאָרנישט ניט געזאָגט. נאָר איך האָב אַ דערשטױנטער צוגעקוקט, װי איר פּאָנעם מינעט זיך, װי עס האָט זיך פּלוצלינג צעפֿלאַמט, און אַף דעם איז מיט אַ דערשיטערנדיקער בױלעטקײַט אַרױסגעטראָטן דער שױדער און דער װײטיק, װאָס לעבט אין איר און הערט ניט אױף צו טליען פֿיל יאָרן. געענדיקט זינגען, האָט זי אַ פֿרעג געטאָן:

— פֿון בערשאַדער געטאָ האָט איר געהערט? ס'איז געװען פֿינקטלעך דאַן, װען מײַן טאַטע איז דאָרט אומגעקומען.

נאָר דאָס איז שױן אַן אַנדער געשיכטע.

מיט אלע זיבן כיינען

א טאָג

אין פלאַטערדיקן פלי,
מיט זיך אליין א ווײַלע,
פון סאַמע אינדערפרי
זיך טראָגן איבער מײַלן

און פילן, ווי ס׳פאַרבינדט
די ערד מיך מיט די רוימען,

א סימען, ווידער כ׳בין
מיט מײַנע שענסטע טרוימען.
ס׳איז ליב מיר אזא טאָג,
כ׳האָב אויסגעטראַכט אליין אים
און שוין אים אויסגעטאָקט —
מיט אלע זיבן כיינען.

דער זיקאָרן

ווער זאָגט — ס׳איז שוין צײַט צו פאַרגעסן
די אלטע פאַרצויגענע װוּנדן?
די כײַשע „יונקערס” און „מעסערס”,
זיי זײַנען נאָך אלץ ניט פאַרשוווּנדן!

ווער זאָגט — שוין גענוג צו דערמאָנען
די אלטע יעסורים און ווייען?
געדענקען מע מוז זיי, אַפּאָנעם,
אויב אנדערש, ווי קאָן מען זיך פרייען?

אין דאָרף

אין פרײַיקער בליונג
דאָס פעלד און דער וואַלד,
דער דופטיקער פרילינג
א פרײַלעכער שאַלט.

עס קרייען די הענער,
אַן אָנזאָג זיך טראָגט,
ארום ווערט אלץ שענער,
ס׳שאַריַעט אַף טאָג.

די טוייקע גראָזן
א ווינטל פאַרקעמט,

א שײַטער א ראָזער
באַם הימל-ראַנד ברענט.

ווי גלײַך א מין קישעף
דאָס לעבן פאַרמאָגט!
עס וואַכט אוף דער יישעוו,
ס׳שאַריַעט אַף טאָג.

דער דאָרפישער רייער,
די הענער, דאָס פעלד, —
ערשט איצטער פאַרשטיי איך,
וואָס מיר האָט געפעלט...

א פעסטער סיידער

עס פאַלט אין בלויער הייך א שטערן
און ציט נאָך זיך א פאַס מיט שײַן.
וואָס ניט געווען איז, קאָן אלץ ווערן,
אין אופקום וווּנדערלעכן — זײַן.

ווען ס׳וואָלט דער שטערן זיך פאַרהאַלטן
און ניט צעשאָטן באַלד זײַן ליכט,
וואָלט עפשער גאָר דער קאָסמאָס קאַלטער
פאַרלאָרן דאַן זײַן גלײַכגעוויכט,

די צײַט וואָלט נעמען אנדערש יאָגן
און וואָס עס טויג, וואָלט ניט געטויגט,
און די פאַרקישעפטע פאַרטאָגן
פאַרשווונדן וואָלטן פון מײַן אויג.

נאָר כ׳ווייס, עס וועט אזוינס ניט טרעפן,
די וועלט איר פעסטן סיידער האָט
און אלע סוידעס אירע עפנט
פאַר מיר, דעם מענטשן, ניט פאַר גאָט.

ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס

מוישע טייף

1966—1904

מ ו י ש ע ט י י ף

א ניט פאַרענדיקטע דערציילונג



[1]

הענעך באַשער — דאָ, אין ראַיצענטער, פלעגט מען אים אויך אָפט רופן ווי אַמאָל — הענעך דער זייגערמײַסטער, — האָט זיך שוין געקליבן אַרויסגיין מיטן עמער אָנשעפּן פרישׁ וואַסער. שטענדיק פלעגט עס טאָן זײַן טאָכטער בראָניע (אויך דעמלט, ווען זי פלעגט קומען אינדערפרי פון דער נאַכט־וואַכטע אין שפּיטאָל. ווײַל אים — ווי ער פלעגט זאָגן מיט אַ ביטערן שמייכל, דעם „שפּילער אין דער וואָלייבאָלנער קאָמאַנדע", איז שוין געווען שווער־לעך צו דרייען דאָס אײַזערנע הענטל פון דער קײַלעכדיקער ברעווענע און אַרופציִען דעם גרויסן שווערן עמער וואַסער). עס האָט זיך דערהערט דער באַקאַנטער סקריפּענדיקער קוויטש פון דער קאַליטקע, וואָס ער קלײַבט זיך שוין לאַנג אונטערשמירן. „בראָניע", — האָט ער אַ טראַכט געטאָן און האָט שוין געוואָלט אוועקשטעלן דעם עמער. ניין, ניט בראָניע. ער האָט נאָר באַוויזן צו זען מאַלאַנקע דעם ברייוונטרעגערס האַנט, וואָס האָט אוועקגעלייגט

די צײַטונג אפֿן פענצטער, און די קאַליטקע האָט זיך ווידער מיט א סקריפּ פֿאַרמאַכט. ער האָט איר געוואָלט עפּעס זאָגן (א ווילדע ציג, ששמט זיך!). ער האָט אײַלנדיק צעוויקלט די צײַטונג — מיט פעטע אויסיעס איז געווען אָפּגעדרוקט די באַשטימונג וועגן די לענין-פּרעמיעס. „יאָ! — האָט הענעך א צופֿרידענער גערעדט צו זיך, — מע האָט זיי פּרעמירט".

זיי — דאָס זײַנען צוויי פֿרײַנט, אן אַרכעאָלאָג און א היסטאָריקער, וואָס איז אַזוי ענלעך — צוויי טראָפּנס וואַסער, — האָט בראָניע געזאָגט, — אַף זײַן מײַערקען. קאָן טאַקע זײַן, אַז דאָס איז געווען די סיבע, פֿאַרוואָס ער האָט אויסגעשניטן פֿון דער צײַטונג דאָס אַרטיקל וועגן זייער געמיינזאַמען בוך „מירבי". דאָס אַרטיקל ליגט אין דער פּאַפּקע. א פֿולע פּאַפּקע מיט צײַטונגס-אויסשניטן. ער האָט איינמאָל צופֿעליק דערהערט:

— סטאַרי יאַק מאַלי, זאָגן די בעלאָרוסן, קינדער קלײַבן מאַרקעס, ער קלײַבט אַרטיקלען. האָט ניט וואָס צו טאָן אַף דער עלטער... מעשוגע...

דאָס האָט בראָניע, זײַן באַסיעכידקעלע, ווי ער פֿלעגט זאָגן, ניט אָן גיפֿט געזאָגט אים („דאָס גאָלדענע צײַנדל").

„כ'האָב אײַך ביידע אין פּיאַטע", — האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין און ווען ער פֿלעגט בעשום-אויפֿן ניט קענען אײַנהאַלטן זײַן קאַס:

— א מאַנצבל מיט א גאָלדענעם צאָן אין מויל איז א האַלבער אַפֿעריסט.
מיט א טראַסק אין טיר פֿלעגט זי אַרויס אפֿן גאַס.

די פּאַפּקע ליגט אין א קליין קעסטל, וווּ עס ליגן זײַנע א טייל מאַכשירים. (אפֿן טישל ליגט נאָך די „גיכע הילף" — ווי ער פֿלעגט זאָגן, — א צוויי שפּאַקטיוון, עטלעכע פּינצעטן, אַטוויאַרטקעס, קליינע ניקלנע אָפּצוועגלעך, א פּיצינק פֿלעשעלע בענזין).

דאָס קעסטעלע האָט ער אַליין אויסגעמײַסטרעוועט (נאָך דאָרט, אין עוואַקואַציע) מיט פֿאַרשיידענע ברייטע, שמאָלע אָפּטיילונגען און פֿילצאָליקע, פּירקאַנטיקע נעסטן (הענעך האָט אויך געקענט האַלטן אין האַנט א הובל, א סטאַמעסקע). ער האָט זי אַרומגעשלאָגן מיט דערמאַטין און אײַנגעפּאַסט אַן אינווייניקסטן שלאָס. נו, וואָס האָט איר געאַרט, בראָניען, אַז דאָס קעסטל איז געשטאַנען אונטער זײַן נידעריקער בעט. ער פֿלעגט זיך אַפֿילע ניט דאַרפֿן אײַנבויגן, נאָר אַראָפּלאָזן די האַנט און פֿלעגט לײַכט אַרויסשלעפּן. אונטער דער בעט, — פֿלעגט זי טײַנען, — דאַרף זײַן פּוסט און ריין (זינט דער „גאָלדענער צאָן" האָט זיך באַוויזן מיט דער אַקטיאָרישער בריגאַדע אין ראַיאָן און זיך באַקאַנט מיט בראָניען, האָט בא איר אין שטוב אַלץ געפֿינקלט און געשפּיגלט). אָבער, ווײַזט אויס, אַז די אַקשאָנעס האָט זי טאַקע געיאַרשנט פֿון אים.

— הער זיך אײַן, טעכטערל, זאָל דאָס קעסטל שטיין, וווּ עס שטייט. ס'איז מײַנע העכער פֿינף יאָר האָרעוואַניע. אין שטוב איז דאָ גענוג צימערן, ווּ דו קאָנסט מיט אים אַרומרײַדן דײַנע אינטערעסן.

און אַזוי איז געבליבן. זײַן קעסטעלע קומט אים ניט זעלטן צונוץ, ווען א באַקאַנטער פֿויער ברענגט אים א טשיקאַווען טיש-זייגער, ווי ער פֿלעגט זאָגן, פֿון מיילעך סאָבעצקיס צײַטן, — עס טרעפֿט אויך, אַז דער היגער יונגער מײַסטער קומט צו אים אַף א „קאָנסולטאַציע".

ער נעמט אַרויס די פּאַפּקע און זוכט אויף דאָס אַרטיקל וועגן דעם פּרעמירטן בוך „מירבי".

פֿיל יאָרן האָבן געווידמעט צוויי יונגע וויסנשאַפֿטלער זייער באַליבטער טעמע: די געשיכטע פֿון דעם פֿאַרשווונדענעם פֿאָלק מירבי, זײַן רײַכע קולטור און אינטערעסאַנטע מינהאָגים. זיי האָט זיך אײַנגעגעבן געפֿינען ניט נאָר דעם אַלעפֿבייס פֿון אָט דעם פֿאָלק, נאָר פֿאַנאַנדערקלײַבן געוויסע אומפֿאַרשטענדלעכע צייכנס, לויט וועלכע די מירבער פֿלעגן אויסזינגען זייערע טפֿילעס צו זייער גאָט. אין די אויסערלעך שטומע הייסע זאַמדן פֿון אונדזער סאָוועטישער מיטל-אַזיע האָבן די דאָזיקע צוויי יונגע אידעאַליסטן געפֿונען א קוואַל פֿאַר ווײַטערדיקע וויסנשאַפֿט-פֿאָרשונגען, — נאָר „וואָס איז באַזונדער טשיקאַווע, — האָט פֿאַרגעזעצט דער אַוטאָר פֿון דעם אַרטיקל, — ניט געקוקט דערויף, וואָס אָט די פֿאַרהעלטניסמעסיק קליינע צאָל איז באַזיגט געוואָרן פֿון פֿאַרשיידענע קלענערע און גרעסערע טשינגיסכאַנען פֿון יענע העט-ווײַטע יאָרן — און איז צעשפּרייט געוואָרן צווישן אַנדערע פֿעלקער און שוואָטים, — האָבן די צוויי יונגע געלערנטע פֿעסטגעשטעלט: די מירבער האָבן נאָך א סאַך יאָרן פֿאַרהיט זייער שפּראַך און רעליגיע. די אויסיעס אַף א סאַך ליימענע טאָוועלעך, וואָס זײַנען געפֿונען געוואָרן אין אייניקע מיזרעך- און מײַרעוו-איראָפּעיִשע לענדער, זײַנען אַבסאָליוט אידענטיש צו די געפֿונענע אין אונדזער מיטל-אַזיע. מיר אייצענען דעם לייענער זיך באַקאַנען מיט דעם בוך „מירבי". אויסער זײַן גרויסע וויסנשאַפֿטלעכע באַדײַטונג לייענט ער זיך פּאָשעט פֿאַרכאַפּנדיק".

מוישע טייף וואָלט איצט אלט געוואָרן 80 יאָר. איינער פון די גרונטלייגער פונעם היינטצייטיקן פעריאָד אין דער סאָוועטישער יידישער ליטעראטור, האָט מ. טייף איבערגעלעבט אין די לעצטע פאָר יאָרצענדליקער א שטארקן אופבלי פון זיין שעפערישן טאלאנט. זייענדיק שוין ברייט באוווּסט, ווי איינער פון די בעסטע יידישע ליריקער, האָט ער אין אָט די יאָרן געגעבן אויך מוסטערן פון קינסטלערישער פראָזע, באלאַדע-דיכטונג און איבערזעצונגען פון אַנדערע שפראכן. ווען ער איז נאָך א לאנגדויערנדיקער קראנקייט געשטאָרבן אין 1966, איז אף זיין שרייבטיש פארבליבן א ניט פארענדיקטע גרעסערע דערציילונג, וועלכע מיר פארעפנטלעכן דאָ אין צוזאמענהאנג מיטן שרייבערס געבורטסטאָג.

דערמאָנענדיק דעם טראגישן שיקזאַל פון די צוויי אוטאָרן, — איינער איז געשטאָרבן אין גאָר ווייטע קאנטן, דער צווייטער — פון א לופט-קאטאסטראָפע אין מיטל-אזיע, פארענדיקט דער אוטאָר: „די דאָזיקע ארבעט פארדינט בעליסאָפעק די הויכע מעלוכישע פרעמיע"...

אָפט, אז קיינער איז אין שטוב ניטאָ, נעמט ער ארויס פון זיין פעקעלע דאָקומענטן מיט בריוו מייערקעס פאָטאָ, און עס הייבט זיך אָן דער שמועס אָן ווערטער, אָן קלאַנגען, א שמועס מיט זיך און א שמועס מיט „אים".

— פאָשעט נישטוימעם צו ווערן...

— וואָס, טאטע?..

— דאָס זאָג איך וועגן דער פאָטאָ פונעם היסטאָריקער... נישטוימעם צו ווערן... ווי צוויי טראָפּנס וואסער... די נאָז, די דיקע ליפּן, אפילע די געדיכטע ברעמען גייען זיך צונויף אף די ציגיינערשע אויגן...

— מייערקע ציגאַן...

— האָסט זיך דערמאָנט דיין צונעמעניש?.. שטעל זיך פאָר, אז דיין זיידן האָט מען אויך אזוי גערופן: „אווריעמצע ציגאַן!" פונקט ווי דו — א קורצער, סקולאַסטער און ווי דו פלעגט ער זיך אָנצינדן ווי א שוועבעלע, מיט דיינע עטוואָס צעקרימטע פיס... ווען דו ביסט עלטער געוואָרן, האָט מען דעם פעלער קוים געזען.

— יאָ... דער מום האָט מיר געקאָסט געגוג געזונט, מיידלעך פלעגן אנטלויפן פון מיר...

— מייערקע, וואָס איך האָב דעמאָלט איבערגעלעבט, איז בעסער ניט דערמאָנען זיך! געדענקסט, איינמאָל ביסטו נעלעם געוואָרן, מיר האָבן ניט געוווּסט וואָס איבערצוטראכטן. איך בין דערגאנגען אזש ביז צו לודהאָוויא ווירגיא, פלעגסט ליב האָבן דאָרטן כאפּן מיט קאָנדראַטס יינגל די קאראסלעך אין טייך.

— און איך בין גאָר געלעגן אין שטאַל.

— ווען די בעהיימע איז געקומען פון דער טשערעדע און די מאמע האָט זי אויסגעמאָלקן, האָט זי דערהערט פון הינטן א געשריי... (פון שרעק האָט זיך דאָס מעלקשעפל איבערגעקערט.)

— פארוואָס האָסטו מיך געבוירן מיט צעקרימטע פיס?

— אָבער דאָס געדענקסטו ניט — איך בין לעם דיר קימאט א גאנצע נאכט געזעסן, געטרייסט, אז דאָקטוירים וועלן העלפן, פאראן אזעלכע קוואלן, און מיר וועלן פאָרן אהין, און אלץ איז טאקע קימאט מעקוייעם געוואָרן.

— הוסט ניט, טאטע... דאָס האָלטסטו אײַן די טרערן, נעמט דיר שטעכן אין האַלדז... ווען איך פּלעג וויינען, וואָס פּלעגסטו זאָגן?

— א מאַנצבל טאָר ניט וויינען... קיינמאָל ניט... א מאַנצבל, וואָס וויינט, איז ווערט א פּיטאַקל (איך וויין ניט, מייערקע, נייך! נייך!). דאָס איז איבער מײַנע ספּאַזמעס... א שאַר־פע סטענאָקאַרדיע... איך וועל נעמען א טאַבלעטקע ניטראָגליצערין... „גיכע הילף"...

— איצטער רייד ניט, טאַטע, שווײַג! דו ווייסט, וואָס איך האָב זיך טאַקע איצט אין דער רעגע דערמאָנט? מיר נעמט זיך לאַכן... דײַנע מײַסעס וועגן שײַקע פײַפער. אָדער ווי דו און די מאַמע פּלעגן זינגען א ייִדישע ליד, נאָכדעם פּלעגט בראָניע פאַרצײַען. איר פּלעגט, ווײַזט אויס, אַלע וועלן מיך פריילעך מאַכן, פאַרטרײַבן פון מיר די מאָרעשכוירע... רייד ניט, טאַטע! שווײַג! ווען מע לייגט די טאַבלעטקע אונטערן צונג, דאַרף מען שווײַגן, ניט גיין, גאָרניט טאָן... איינמאָל, ווען דו האָסט געמיינט, אז איך שלאָף שוין, האָסטו דערציילט דער מאַמען זייער א פּיקאַנטע מײַסע... נו? שוין? בעסער?

— יאָ, מייערקע! טשיקאַווע, וואָס גראָד אָט די מײַסע האָסטו פאַרגעדענקט...

— וואָס, דו ווייסט דען ניט, אז טרייפע זאַכן קלעפּן זיך צו קינדער גיכער, ווי קאָ־שערע...

— אז איך האָב דערציילט דער מאַמען א טרייפע זאַך, איז דאָך אויך טשיקאַווע וויסן, ווי האָסטו אָף מיר צומאַרגנס געקוקט?

— ווי שטענדיק. א טײַערער, א גוטער, א פריילעכער טאַטע, נאָר יונגערהייט זײַט איר, רעב העניעך, געווען „א שטיקל קולט"...

— א מאַלעך געוויס ניט! ווען איך בין געקומען פון דער צאַרסקער סלוזשבע, בין איך שוין געווען ניט יענער... א פינצטערע סלוזשבע... געדענקסט, מייערקע... אין היפּשע יאָרן אַרום האָב איך ניט פאַרגעסן און דיך אויסגעלערנט פאַרגעדענקען דײַן טאַטנס סאָלדאַטסקן ייִכעס, געדענקסט?

— גדיע סלוזשיש בראַט-סאָלדאַט? יאָ...

— יאָ סאָלדאַט...

— איך געדענק ניט, טאַטע, צי איך האָב דיר געשריבן, צי דערציילט, אז מײַן פּראָ־פעסאָר איז זייער געפעלן דער עצעם געדאַנק פון אײַנשליסן אין דעם צווייטן טייל פון דער סימפאָניע די טעמע — דער פריזיוו אין צאַרישער אַרמיי... אייגנטלעך גערעדט, טאַטע, — אויב דו האָסט ניט פאַרגעסן, — האָסטו מיר אַליין געשריבן: ווי קאָן מען ניט אָפּשפּיגלען דעם פריזיוו אין אַמאָליקן שטעטל, ביפראַט, אז עס זײַנען דאָ צענדליקער פאָלקסלידער וועגן דעם, — אַזוי האָסטו געשריבן. אינמיטן עפּיזאָד „גדיע סלוזשיש בראַט-סאָלדאַט" — טרעט אַרײַן דער כאָר... נאָר ווארט צו, האָסט דאָך מיר פונדעסטוועגן ניט געזאָגט אײַנ־גאַנצן קלאָר, פאַרוואָס האָסטו אויסגעשניטן דאָס אַרטיקל וועגן די צוויי יונגע פּרעמירטע אוטאָרן פונעם בוך „מירבי"? טאַקע נאָר צוליב דער פּאַטאָ פון דעם היסטאָריקער, וואָס איז אַזוי ענלעך אָף מיר?.. איך פאַרשטיי, אז דו האָסט מיך ליב, אָבער דאָס איז שוין עפּעס מאָדנע, עפּעס...

— ווילסט זאָגן... ניט נאָרמאַל? אָדער „סטאָרי יאַק מאַלי", קינדער, הייסט עס, קלײַבן מאַרקעס, און... אז דו האָסט קיינמאָל ניט געענדיקט די קאָנסערוואַטאָריע, אז דו ביסט ניט קיין קאָמפּאָזיטאָר, נאָר א היסטאָריקער און געענדערט דײַן פאַמיליע.

— און דעמלט, טאַטע, וואָלט איך דאָך געוויס געווען גערעכט — ווי אָפטמאָל, ווען איך פּלעג אָפּקילן דײַנע היספּײַלעס וועגן א לײַכט, פּוסט ביכל — א וואָלוועלן קינאָפילם!

— איך געדענק גוט: דאָס, וואָס דו האָסט ליב לייענען א צײַטונג, א זשורנאַל, איז גוט, נאָר דײַן געשמאַק איז ניט קיין אַנטוויקלטער — א מענטש, וואָס האָט ליב נאָר לײַכטע פריילעכע מוזיק, ווייסט ניט, וואָס עס איז מוזיק..

אָבער די זאַך איז זייער א פּאַשעטע: ווען דער בריוונטרעגער האָט געבראַכט די צײַ־טונג, איז גראָד בראָניע געווען אין שטוב. איך בין געלעגן אין בעט. דער דאָקטער האָט געהייסן כאָטש א וואָכן צוויי ניט באַוועגן זיך, האַגאַם די קאַרדיאָגראַמעס זײַנען, צום גליק, געווען גוטע. בראָניע האָט אויך געהייסן ליגן, לויפט זי אַרײַן צו מיר מיט א פריילעכן געשריי מיט דער צײַטונג:

— זע, טאַטע! פּונקט מייערקע! אָט דער, פון לינקס, ווי צוויי טראָפּנס וואַסער...

איך טו א קוק: אָ, ריכטיק! פּאַשעט נישטוימעם צו ווערן! טראַכט איך בא זיך: דעם כאַווער דאַרף מען פאַרהיטן, זאָל ער ליגן אין דער פּאַפּקע...

— אין דײַן פּײַערקאַסע...

— יאָ, ס'איז מײַן פּײַערקאַסע...

— ריכטיקער וואָלט געווען זאָגן: דײַן גריזאַטע.

— א זיסע גריזאַטע.

— אבי מע זאָגט, אז נאָר מיידלעך, נארישע ציגן, שנייַדן אויס די קראסאוועצעס זייערע, די קינאָ-ארטיסטן, און הענגען זיי אויף איבער דער בעט...

— הער אויף צו שפּאסן... אָבער האָב געדולד און הער אויס: ווען איך האָב אָנגעהויבן לייענען דאָס ארטיקל — קימאט א האַלבע זייַט פון דער צייַטונג, — איז איין אָרט האָט מיך קימאט א הייב געטאָן פון בעט, אָט וועל איך דיר איבערלייענען, ניט מער ווי א שורעס צען אָדער פופצן: „אין דעם געפונענעם לײמענעם קריגל זייַנען געלעגן עטלעכע דינע פּאַרמעטענע בויגנס מיט צייכנס, וועלכע האָבן זיך ארויסגעוויזן — ווי מיר האָבן דאָס שוין פריער דערמאָנט — פאר פארצייַטיקע נאָטן. ערשט שפּעטער, ווען מע האָט געפונען דעם אַלעפבייס פון דעם פארשוווּנדענעם פאָלק מירבי, האָבן אייניקע יונגע וויסנשאפטלער צונויפגעשטעלט צענדליקער שורעס פון א טפילע צו זייער גאָט". אין יענעם מאָמענט האָב איך געטראכט, ווי אינטערעסאנט וואָלט עס געווען פאר דיר, איך מיין זייער בוך „מירבי". איך האָב זיך ניט ווילנדיק דערמאָנט דעם טאָג, דעם הארבסטיקן כמאריקן אינדערפרי, ווען מיר, דאָס הייסט איך, די מאמע און דייַן סאָנעלע — ווארט, ווארט, וויפל איז זי דעמלט אלט

געווען? יאָ, פיר יאָר מיט דריי כאַדאָשים — האָבן זיך אומגעקערט פון עוואַקואַציע. און ס'איז דאָך נאַטירלעך, אַז מיר האָבן דערמאָנט אונדזער שטעטל, דיין דיסקוסיע מיט דעם פּאָעט, וואָס האָט דיר געשריבן די טעקסטן פאַר סאָלאָ אין כאָר צו דיין סימפאָניע. יאָ, די דיסקוסיע. איך האָב פאַרהיט אַלע דיינע בריוו. איך בין מאַסקים געווען מיט דיר. דער פינאַל דאַרף ניט און טאָר ניט זיין קיין טרויעריקער, טאַקע ווי דו האָסט געוואָלט: — ניט „שטעטעלע, פאַרשווינד", נאָר „שטעטעלע, בליי!"

— טאַטע! דו געדענקסט עס נאָך? וווּנדערלעך...

— קאָן מען דאָס פאַרגעסן? דאַרף מען דאָס פאַרגעסן? דעם עמעס געזאָגט, איז דאָס געווען אַ פּוסטע דיסקוסיע, היטלער האָט אויסגעראָטן דאָ די יידן, אויך איצט לעבן ניט וויניק יידישע מישפּאָכעס אין הונדערטער שטעטלעך. דו ווייסט, וואָס בראָניע האָט געזאָגט דעם שאָכן אַנטקעגן, אייגנטלעך איר, ניט אים (וועגן אים וועל איך דיר נאָך דערציילן)? זי איז אַרויס צו אונדז מיט אַ גוט האַרץ, אַפילע מיטן טיכל געווישט די אויגן: „די לעצטע, נעבעך, די לעצטע, אַ דאַנק גאָט, לעבן געבליבן". זאָגט איר בראָניע:

— טיאָטקאַ מאַלאַנאַ, מי אַפּאַשניע, אַליע פּאַרשיע...

— גוט געזאָגט! איי, בראָניע! איי, אַ צינגעלע...

— איז אָט: נאָך דערמלט אָפן פּוסטן פעלד האָב איך דערזען אַ גאַנעקל, וואָס איז אַלפּי נעס געבליבן פון אַ כאָרעווער שטוב (דאַכט זיך, אַפילע פון אונדזער שטוב), שטעלט זיך אָף אים בראָניע און זינגט אויס דעם לייטמאָטיוו „גיי איך מיר אַרויס אָפן גאַנעקל". מיר האָבן אַלע געוויינט... יאָ, וואָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגן? פאַרגעסן... דער סקלעראָז... יאָ! יאָ! וועגן דער צייטונג: האָב איך באַשטימט פאַרהיטן. מיר איז שטאַרק געווען צום האַרצן דער מאָמענט מיטן לייִמענעם קריגל, מיט די אוראַלטע נאָטן, איך האָב געשריבן סאָנעלען, זי זאָל מיר צושיקן דעם בוך... אינטערעסאַנט... יאָ, אין יענעם האַרבסטיקן אינדערפרי האָבן מיר זיך אַלע דערמאָנט דיין סימפאָניע, וואָס האָט געדאַרפט זיין, ווי דו האָסט מיר געשריבן, אַ דענקמאָל דיין וויגעלע.

— אַ דענקמאָל דעם יידישן שטעטל.

— יאָ, יאָ, אַ דענקמאָל דעם יידישן שטעטל. אָט איז דיין בריוו, זעסט? זעקס אָנגעפּיקעוועטע זייטלעך פּאַפּיר, ווו דו גיסט מיר צו וויסן צום ערשטן מאָל וועגן דער סימפאָניע — דיין דיפּלאָם-אַרבעט.

— שוין העכער 25 יאָר ליגט עס בא דיר פאַרהיט.

— אָבער דאָך זאָג מיר, צוליב וואָס קלייבסטו די צייטונגס-אויסשניטן? וועגן וואָס גייט דאָרט אַ רייד?..

— אַלע האָט דאָ אַ שייכעס צו איין טעמע: „1941—1945".

— די מילכאָמע מיט היטלערן.

— יאָ. דריי טעמעס: אַ מילכאָמע, דאָס הייסט שלאַכט-עפּיזאָדן, פּאַרטיזאַנשטשינע, געטאָ.

— זאָג מיר, צוליב וואָס דאַרפסטו עס?

— עפּשער?..

— וואָס עפּשער? איך פאַרשטיי ניט...

— דו זעסט אָט דאָס איבערגעבונדן פּעקעלע? דאָס איז קאָפּיעס פון מיינע מעלדונגען און בריוו אין פאַרשיידענע אַנשטאַלטן און צו באַקאַנטע און די ענטפערס: „ניט באַוווּסט, ניט געהערט, ניט געזען, ניט באַגעגנט".

— קיין שום וווּנדער... אין דער מילכאָמע-צייט זיינען פיל מענטשן ווי אין וואַסער אַריין.

— וואָלט איך כאָטש באַקומען, ווי פיל מענטשן, без вести пропал.

— וואָלט דיר דערפון גרינגער געוואָרן?

— דו זאָלסט אַזוי ריידן? אָט ליגט דיין בריוול (איך האָב דאָך פאַרהיט אַלע דיינע בריוו, די טשערנאָוויקעס, די ערשטע עסקיזן פון דיין סימפאָניע). דאָס איז געווען ניט קיין בריוו. אָן עמעסער הישט אַפּריס האַנעפּעש. דעם בריוו האָסטו געשריבן נאָך דער טרויעריקער געשיכטע מיט דיין פּלאַמפּייערדיקער ליבע צו דער זינגערן. געדענקסט? געדענקסט? ווען איך האָב זי דערזען, האָב איך דיר נאָכדעם געזאָגט...

— אַ שיינע פרוי איז אַ מיעס וויייב...

— וואָדען? ניט אַזוי? ווען דו וואָלסט אָבער וויסן, ווי איך האָב איבערגעלעבט דיין ווייטיק.

— איך ווייס...

— יאָ, דײַן בריוול... דער סקלעראָז רײַסט און צעטומלט מײַנע געדאַנקען. ווײ-ווײ, ווי טרויעריק איז, ווען די זון שײַנט; ווען די פייגעלעך זינגען און דו פילסט: מאָרגן-איבער-מאָרגן וועט דער טויט עפענען די טיר.

— הער אויף, טאַטע! דו וועסט לעבן! דו מוזסט לעבן! דו דאַרפסט לעבן! נו, האַלט זיך אײַן!.. הוסט ניט...

— איין רעגעלע... וואַרט... יאָ, דײַן בריוול... יענץ בריוול... אָט איז עס... „טײַערער פרײַנט!" — אַזוי פלעגסטו שרײַבן, „טײַערער פרײַנט! נאָר דיר קען איך אַלץ שרײַבן. איך בין גליקלעך, וואָס איך האָב אַזאַ טרײַען, אַזאַ קלוגן טאַטן, אַ טאַטן — אַ פרײַנט. זאָל די מאַמע אַף מיר ניט פאַריבל האָבן. זאָל זי נאָר זײַן געזונט און גליקלעך. איך וועל אַלץ טאָן, זי זאָל ניט האָבן קיין האַרצווייטיק, און מער וועל איך זי ניט רופן „מעשוגענע ייִדע-נע" — ווי דעמאָלט, ווען זי האָט גערופן די אַלטע כײַע — סטעשע, זי זאָל מיך אָפּשפּרעכן, ווען איך בין געלעגן אַ צוגעקילטער. אַ מאַמע איז אַ מאַמע. און יעדער מאַמע האָט ליב איר קינד. אונדז ביידן, טאַטע, פאַרבינדן גײַסטיקע פעדעם. ווען איך האָב באַוויזן מײַן פּראָפעסאָר דײַן בריוו מיט דײַנע באַמערקונגען און אייצעס, האָט ער זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ. ער האָט עס אַלץ דערקלערט מיט דעם, וואָס דו ביסט אַ באַל-מענאַגן, אַ ליבהאָבער, אַ פאַרלאָרענער טאַלאַנט. אָט דער אַלטער, ערלעכער פּעטערבורגער אינטעליגענט ווייסט ניט, אַז אין אונד-זערע הונדערטער שטעטלעך האָבן געלעבט פּאַשעטע ייִדן, וואָס האָבן ליב געהאַט אַ סיידער און באַזונדערס דו, טאַטע. דערפאַר טאַקע האָב איך דיר שוין איינמאָל געשריבן, ווי גליק-לעך איך בין, וואָס דײַן ליבשאַפט צו מיר איז געבונדן מיט גײַסטיקע פעדעם....

— יאָ, טאַטע, אַזוי איז דאָס....

— איז ווי האָסטו גאָר געקענט אַרויסברענגען פון מויל... „וואָלט דיר גרינגער גע-וואָרן?". געוויס וואָלט מיר גרינגער געוואָרן. ניט נאָר דערפאַר, וואָס אַ טאַטע וויל וויסן, וואָס עס איז פונדעסטוועגן געשען מיט זײַן זון. באַ מיר קאָן זיך ביז הײַנט אין קאָפּ ניט פּאַטויפּען, אַז קיינער, קיינער, קיינער זאָל אַבסאָליוט גאָרניט וויסן.

— איז וואָס איז די פולע פון די צײַטונגס-אויסשניטן?

— עפּשער...

— וואָס עפּשער?

— ניט לאַנג צוריק האָבן זיך אָפּגעפונען עטלעכע אונדזערע בירגער, און ווו? אַף אַ בעסאָלמען אין איטאַליע! הער נאָר אַ מײַסע. זיי זײַנען אַנטלאָפן פון געפאַנגענשאַפט און אומגעקומען באַ די איטאַליענישע ווידערשטענדלער. און נאָך און נאָך אַזעלכע צענדליקער, הונדערטער געשיכטעס. פאַראַן אַפילע אַ באַוווּסטער שרײַבער, וואָס פאַרנעמט זיך דערמיט. קלײַב איך דאָס. עפּשער... עפּשער וועל איך באַגעגענען דײַן נאָמען... קיינעם דערצייל איך וועגן דעם ניט. דאַרף זיך מאַכן, אַז בראָניע האָט דערזען די פּאַפּקע...

— סטאַרי יאַק מאַלי...

— וואָס נאָך האָט זי געקענט זאָגן? אַ נאַרישע ציג...

— ס'וועט זיך עפּעס באַקומען באַ איר מיטן גאָלדענעם צייינדל?

— פּוסטע וועלדער — וויסטע פעלדער... יאָ, כ'האָב שיר ניט פאַרגעסן... ווידער דער סקלעראָז... גלײַך ווי מיר האָבן זיך אומגעקערט, האָב איך געזוכט אונדזערע היגע מענטשן. גיי איך אַרײַן אין דער ערשטער זעמליאַנקע און טרעף, וועמען מיינסטו? די שיינע מאַלאַנ-קע... עס רעדט זיך אַזוי: די שיינע. אַלט, אײַנגעבויגן, אַ שרעק געווען צו קוקן אַף איר. (אַגעוו, איר מאַן איז געווען אַ וואָלאָסטוועץ. דערציילט האָט מיר וועגן דעם אַלעקסיי פּעט-ראָוויטש. ער איז געווען ביז דער מילכאָמע דער פאַרזיצער פון אונדזער ראַט, ער איז איצט קראַנק... יענע קרענק... דער מאַמעס... מאַלאַנקעס מאַן איז געקומען פון וואָרקוטאַ העט שפּעטער. ער אַרבעט איצט אַף דער לעסאָפּילקע.) האַקיצער — זי האָט געשוואָרן און זיך געציילעמט, אַז דעמאָלט, ווען די דײַטשישע טאַנקען זײַנען שוין געגאַנגען אַפן זשוראַווי-טשער טראַקט, האָט זי געזען, ווי אַ יונגער באָכער מיט אַ קליינעם טשעמאָדאַנטשיק אין האַנט איז אַרײַן אין אונדזער פּוסטער שטוב. ס'איז געווען שוין נאַכט. זי זאָגט, אַז אַף דיר זייער ענלעך. באַגינען איז זי צוגעגאַנגען צום גאַנעק, אַ קוק געטאָן אין די פענצטער, קיי-נער איז שוין ניט געווען. שפּעטער אַ ביסל, זאָגט זי, האָבן די דײַטשישע אַעראָפּלאַנען באָמבאַרדירט דעם מיליטערישן אַעראָדראָם, ווי דו געדענקסט, ניט ווײַט פונעם יישעוו, און אַלץ, זאָגט זי, האָט געברענט — בלויז צוויי הײַזער זײַנען געבליבן גאַנץ... זאָל זײַן טאַקע, אַז דאָס ביסטו געווען? דײַן לעצטער בריוו איז געווען דעם 22 יוני 1941 יאָר, האָסט צוגע-זאָגט קומען, נעמען אונדז מיט סאַנעלען, זי איז דאָך געווען אין די הויכע כאַדאָשים... בי-סטו דאָס טאַקע געווען? ווי האָסטו זיך דערקליבן פון שטאָט? דער אײַזנבאַן-וועג איז שוין געווען אין פיל ערטער אופגעריסן. מיט אַ מאַשין אָדער צופוס? 60 קילאָמעטער... און

וווּהין ביסטו אנטרונען? ווּ איז דײַן קיוּוער? אוי, איך פּלאָנטער שוין... וואָס קיוּוער — ווען קיוּוער. ווען איך ווייס, לעמאָשל, אז דו ביסט אומגעקומען אָט אין יענעם ווּעלדל אַרײַבערן טײַך, איז — לאָך יאָ, לאָך ניט — וואָלט איך אַהין געגאנגען טאָגטעגלעך און וואָלט געזאָגט — פֿאַרוואָס געזאָגט — טאקע אויסגעזונגען אן איילמאָלע. הער א מײַסע. דו וועסט זיך וווּנדערן. איך — אויך. עס טרעפֿט, אז מײַן יונג טענאָרל טוט א שפּאַר פֿון האלדז און איך ט:ו א זינג א שטיקל „האביין יאקיר לי עפֿראַים" און אפֿילע קוואַרטינס שעדעווער „אָווינו מאלקיינו" — ערנוואָרט! עמעס, עס געדויערט א פּאָר מינוט, און נאָכדעם — סטאָפּ מאַשינאַ! ווײַזט אויס, שולדיק איז מײַן שווערע סטענאָקארדיע... אָבער דעמלט, ווען די מופּקער איז ניטאָ אין שטוב. זי וועט נאָך נעמען פֿראווען מיט מיר טורעס?.. איר געלעכטערל... די אלטע באַסיעכידע...

— שלאָף, טאטע... באַרוּיִק זיך...

— שלאָף... גרינג צו זאָגן — שלאָף... „טאטע — פֿרײַנט", „גײַסטיקע פֿעדעם". דאָס איז אייביק. דאָס קאָן מען ניט פֿאַרגעסן. איין זון. און אזא זון!

— באַרוּיִק זיך, טאטע! איך בעט דיך... שלאָף אײַן...

— שוין העכער צוואנציק יאָר, אז איך רייד מיט דיר... ווען איך בלײַב אליין... ווען איך טו נאָר אן עפֿן די פֿאַפּקע. ווער וועט גלייבן, ווען איך דערצייל דאָס! געוויס וואָלט מען געזאָגט: דער מענטש איז ניט מיט אַלעמען... וואָס זאָגסטו, מייערקע? צאַרעס ראבים... כאָצי נעכאָמע? יאָ, ריכטיק... ס'איז בעעמעס א ריכטיק, טאקע א קלוג גלײַכוואָרט: צאַרעס ראבים, כאָצע נעכאָמע... נאָר מײַן ווייטיק איז דאָך א צווייענדיקער. וואָס זאָג איך, א צווייענדיקער? טאקע איין לעשאער. ניט צו באַגרײַפֿן... ווען נאָר א זון... קנאַפּ זין האָט דאָס מילכאָמע-פֿײַער פֿאַרניכטעט? נאָר א זון א טאלאנט! ווּ האָב איך געלייענט? איך געדענק שוין ניט אפֿילע דעם נאָמען פֿונעם ביכל (דו פֿלעגסט פֿון מיר לאַכן: „טאטע, אין וועלכן מיסטקאַסטן האָסטו געפֿונען אָט דאָס ביכל... ס'איז דאָך פֿון מיילעך סאָבעצקיס צײַטן"). וואָס איז דאָס טאלאנט? — אזוי הייבט זיך אָן דאָס ערשטע קאַפּיטל פֿון בוך. — און אף אָט דער פֿראַגע קען נאָך די וויסנשאַפֿט ניט ענטפֿערן, — זאָגט דער מעכאַבער פֿונעם בוך און פֿרעגט ווײַטער: — ווי הייסט די גימנאַזיע, ווּ מע קען באַקומען א טאלאנט?

און דער מעכאַבער ענטפֿערט: ניטאָ אף דער וועלט אזא גימנאַזיע (דער אווטאָר האָט געזאָגט ניט גימנאַזיע, נאָר אן אנדער וואָרט — ליציי!).

איך געדענק זייער גוט, אז דאָס צווייטע קאַפּיטל האָט זיך אָנגעהויבן מיט עטלעכע פֿראַגעס:

— מיט וואָס דערקלערט זיך, וואָס א טאלאנט גייט איבער בעירושע?

— מיט וואָס דערקלערט זיך, וואָס א טאלאנט גייט ניט איבער בעירושע?

— מיט וואָס דערקלערט זיך, וואָס בא טאלאנטפֿולע מענטשן ווערן געבוירן קינדער אָדער דעפֿעקטיווע, אָדער ביכלאל געוויינלעכע און אמאָל טאקע זייער נישטיקע? דער טאטע איז א גאָט און דער זון איז ווערט א פּיטאַק. און דער מעכאַבער ענדיקט דעם בוך מיט איין פֿראַזע: טאלאנט — דאָס איז יענער געהיימער ברילִיאַנט, וואָס טרעפֿט זיך זעלטן, פֿונוואַנען ער קומט און פֿאַרוואָס ער קומט, ווייסט קיינער ניט. ס'איז א געהיימע רעטעניש. ס'איז גיכער א מאַטאָנע פֿון גאָט.

— טאטע! דאָס איז ניט מאַרקסיסטיש...

— איך אָבער האָב אויך דעמלט, ווי מע זאָגט, געפּאַקט פֿאַר דער האַנט: נאַרישע ציגן! ווי:אזוי קאָן דער אווטאָר זײַן א מאַרקסיסט, אז נאָט, זעט, דער בוך איז דאָך דערשינען פֿונקט טאקע אין דעם יאָר, ווען מאַרקס איז געבוירן געוואָרן.

— ווּ האָסטו דאָס ביכל געפּאַקט?

— געדענקסט דען ניט, מייערקע? אין דעם אָפּרו-הויז „סאָסנאָווי באָר". אָט זעט עס זיך פֿונווײַטן אַריבערן טײַך. איין געבײַדע איז געבליבן גאנץ, די איבעריקע האָט מען די לעצטע יאָרן געשטעלט... האָסט פֿאַרגעסן, מײַן זון, איך פֿלעג אַהין גיין.

— יאָ, יאָ, היילן דעם גראַף בענשיקאָוויטשעס זייגער פֿון וואָספּאַלעני:ע לִיאָכקיד... דײַנע ווערטער, טאטע...

— געדענקסט... א טשיקאַווער פּאַרעץ געווען... איך געדענק אים נאָך גוט... אין אַלע זאַלן פֿלעגן בא אים שטיין שטייענדיקע זייגערס, אנטיקלען. דעם סייפֿער האָב איך גענומען דאָרטן טאקע אין ביבלִיאָטעק. דאָרט, אין א זײַטיקן צימער, זײַנען געשטאַנען אַלטע גלעזערנע שאַפֿעס מיט ביכער אין טײַערע לעדערנע אײַנבונדן. דאָרט זײַנען אפֿילע געווען עטלעכע טאַנאַכן — א יִידיש-רוסישער, א יִידיש-דײַטשישער און נאָך, און נאָך. פֿרעג איך דיך, מייערקע, קאָן מיר דען טרייסטן דאָס קלוגע גלײַכוואָרט וועגן „צאַרעס ראבים", אז דער

מעכאַבער איז פאַרט גערעכט: טאַלאַנט — דאָס איז אַ געהיימער בריליאַנט און... און ער איז, נעבעך, צעטראָטן געוואָרן אַכזאָריעסדיק, פאַרברענט געוואָרן...

— באַרויִק זיך, טאַטע, איך בעט דיך... באַרויִק זיך...

— דו פאַרשטייסט, די ערשטע צייַט, ווען דו ביסט געווען אין די לעצטע קלאַסן, טאַקע דעמאָלט, ווען דייַן אַלט איז אַרויס פון מויל און צוריק זיך ניט אומגעקערט (איך האָב גוט געוווּסט, אַז דאָס טרעפט, דער „איבערגאַנג", ווי מע רופט עס, האָב איך ביכלאַל געצווייפלט אין דייַן פעיִקייַט אַלײן אָנשרייַבן ניגונים). איך האָב אַלץ געטראַכט, צי איז עס ניט קיין קינדערישע פאַרווייַלונג. טאַקע דערפאַר פלעג איך שווייַגן — און דו פלעגסט מיט רוגזע פרעגן: „טאַטע, פאַרוואָס שווייַגסטו? פאַרוואָס זאָגסטו גאָרניט? צי געפעלט, צי געפעלט ניט?" יאָ, איך האָב געשוויגן. די מאַמע פלעגט מיר זאָגן (ניט קיין נאַרישע מאַמע, אוי, ניט קיין נאַרישע...): „ס'איז אויך אַ מין מאַזלען...". זי פלעגט מיר זאָגן: „מיך אַרט ניט, ער זאָל זייַן אַ גוטער זייגערמייַסטער, אַבי ניט קיין שליאָנדריק" — אַזוי פלעגט זי אָנרופן — געדענקסט? — די אַרטיסטן, וועלכע פלעגן קומען צו אונדז אין שטעטל. איך האָב גוט געוווּסט — און ניט נאָר פון ביכער. איך בין דאָך, ווי דו ווייסט, צוויי מאָל אַ סאָלדאַט געווען, געפאָרן קיין אַמעריקע זוכן גליק, געזען אַ וועלט, געזען פאַרשיידענע מענטשן, — יאָ, איך האָב גוט געוווּסט, אַז עלטערן קאָנען צעקאַליעטשען אַ קינד טאַקע פון ליבע צו דעם. אָט נעמען בוקען — זייַנע עלטערן זייַנען זיכער געווען, אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער מאָלער, ער האָט טאַקע יונגערהייט קונציק געמאָלט, און וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט: אַ וואַלד-מייַסטער! האָב איך טאַקע דעמאָלט פעסט באַשטימט: ניט געבן קיין אייצעס! איז דאָס טאַקע טאַלאַנט, וועט ער מוזן פרייִער-שפּעטער אַרויסקריכן. און קאַכהאַוועס!

— דעם ערשטן דאַנק דאַרף איך זאָגן איזיען...

— איזי... איזי כאַריק — געדענקסט אים, מייערקע?

— איז דען געווען בייַ אונדז אין ווייַסרוסלאַנד כאָטש איין יידישע מישפּאָכע, וואָס האָט ניט געהערט וועגן אים?

— ווי דו, שטייט ער פאַר מיר אַ לעבעדיקער...

— יאָ, ביסט גערעכט. אים דאַרף מען זאָגן דעם ערשטן דאַנק, געדענקסט? נאָכן ליטעראַרישן אָוונט האָבן אים און זייַנע כאַווייריִם אייַנגעלאַדן צו אונדז אין שטוב איך און בראָניע. דו און די מאַמע זייַנען געווען אפן זיבעטן הימל. אַ קלייניקייַט: כאַריק איז אונדזער גאַסט! אויב דו געדענקסט, פלעגט דער האָמלער צוג אָנקומען אף אונדזער סטאַנציע 3 מיט 15 בייַנאַכט. האָט מען באַשטימט די צייַט פאַרברענגען בייַ אונדז. האָט מען געזונגען לידער (אין שטוב איז ניט געווען ווו אַ שפּילקע זאָל פאַלן, און די מאַמע האָט געמאַכט אַ טיש טאַקע קעיאַד האַמעלעך...). בראָניעס שטים איז אים זייער געפעלן געוואָרן. „איר דאַרפט זיך לערנען, — האָט ער צו איר געטייַנעט. — פאַרט אין שטאָט און קומט אָן אין מוזיקאַלן טעכניקום".

רופט זי זיך אָפ:

— און איצט וועל איך אייַך אויסזינגען אַ ליד אף אייַערע ווערטער פון אייַער פּאָעמע „ברויט" (אָט זע, מייערקע, אָט איז די ליד, זי ליגט גאָר אונטן אין דער פּאַפּקע. איך האָב פּאַרהיט...).

— איך געדענק גוט. זייַנע אויגן האָבן זיך פּאָשעט צעבלישטשעט...

— „און ווער איז דער קאָמפּאָזיטאָר?" — ער האָט אָנגערופן עטלעכע פאַמיליעס... איך געדענק שוין ניט...

ווייַזט בראָניע מיטן פינגער אף דיר:

— אָט איז ער, דער קאָמפּאָזיטאָר, פאַרוקט זיך אין ווינקל...

— אָט דער-אָ... אָט דאָס קליין ציגייַנערל? קום נאָר אַהער, באָכערעץ, זעץ זיך נעענטער... זע נאָר, אַ טשופּרינע! גרעסער פון מייַנער. אַנו, לאָמיר הערן...

אָט דעמאָלט, מייערקע, האָט זיך עס אָנגעהויבן. איך וויל זאָגן: אָט דעמאָלט האָב איך אָנגעהויבן גלייבן. יאָ, ער איז געווען איבעראַשט, ער האָט אויסגעטאָן די פּענסנע, זייַנע גרויסע אויגן — אויך ווי בייַ דיר, ציגיינערישע אויגן — זייַנען פול געווען מיט נאַכעס. ער האָט געהאַלטן אין איין טייַנען: „וועסטו ניט פאָרן לערנען זיך, זייַנען מיר אויס כאַווער". איך געדענק זייַנע ווערטער, וואָס ער האָט מיר געזאָגט מיפּע לעפּע: „איר הערט, רעב העניעך, דער יאַט אייַערער איז אַ געבוירענער טאַלאַנט! דאָס טאָר ניט גיין לעיִבעד!" אַזוי האָט ער געזאָגט, יאָ, אַזוי: „דאָס טאָר ניט גיין לעיִבעד!" עס איז דורך אַ יאָר צי אָנדערהאַלבן, און איך האָב דיך באַגלייט צו דער סטאַנציע. געדענקסט, מייערקע? איך געדענק גוט. די מאַמע האָט דיר מיטגעגעבן אין וועג אַ פולן טשעמאָדאַן מיט גאָמלקעס, סמעטענע, קעז, קיכלעך און אַ קריגעלע האָניק אין קוישל.

— דו, טאַטע, דײַן טיפֿער גלויבן אין מיר, איך האָב עס געפֿילט... דעם גאַנצן וועג צו דער סטאַנציע האָסטו געשוויגן. נאָר פֿאַרן געזעגענען זיך האָסטו געזאָגט: „איין זאַך וויל איך...“

— „אַז די מאַמע זאָל אַ טאָעס האָבן: זאָלסט ניט ווערן קיין שליאַנדריק...“

— יאָ, יאָ, אַזוי האָב איך טאַקע געזאָגט, מײַערקע. ווען דו ביסט שוין געווען אויפֿן פֿאַרלעצטן קורס, ווען דו ביסט אַרײַן שוין אין די הויכע מאַטעריעס פֿון קאָנטראַפּונקט, האָב איך גאָר צופֿעליק דערהערט, ווי דער ראַדיאָ־דיקטאָר מעלדעט, אַז מע וועט טראַנס־לירן שאַפֿונגען פֿונעם קלאַס קאָמפּאָזיציע, דאַכט זיך, זיבן סטודענטן. דו ביסט געווען דער מיטלסטער (איך בין געווען צופֿרידן: שווער צו זײַן דער ערשטער, שלעכט דער לעצטער, דער מיטלסטער האָט שטענדיק עמעצן פֿון רעכטס און לינקס). די מאַמע האָט אויסגעהערט און געפֿרעגט בײַ מיר:

— דאָס וועט געבן פּאַרנאָסע?

— וואָס? — פֿרעג איך זי.

— אָט, אָט, פֿאַר די לידלעך... מע צאָלט דערפֿאַר? בײַ אונדז אין שטעטל איז געווען אַ בלינדער ייִד, פֿלעגט ער אויף די יאַרידים זינגען, און מע פֿלעגט אים וואַרפֿן גראָשנס אין אַ שיסעלע... אויך אַ פּאַך — דו מיט דײַנע פֿאַנטאַזיעס... ס'איז קיין ציבעלע ניט ווערט... מײַן פֿרייד — איין לעשאַער, קאָנוואַטאָעס אויף מײַן קאָפּ! (זי האָט אַ לאַנגע צײַט בעשום־אופֿן ניט געקענט אויסריידן — קאָנסערוואַטאָריעס.)

איך פֿלעג ווערן מאַלע רעציכע, נאָר געשוויגן. יאָ... וועגן יענער ליד. געזונגען האָט זי בראָניע גוט, אַ שטים — ווייך, ווי פּוטער, געדיכט, טאַקע האָניק־זיס (האַלעווײַ וואָלט זי געהאַט אַזאַ כאַראַקטער!). נאָר דו האָסט אָבער געהאַט פֿאַריבל אויף מײַן בריוו. „אייגנטלעך די ליד האָט עס גע־ניט אויפֿן גאַנצן בריוו, נאָר אויף איין וואָרט מײַנס „מעסיקע“. אין דער ליד האָט עס גע־פֿעלט. אָט איז ער, יענער בריוו (איך האָב דיר, דאַכט זיך, געזאָגט, מײַערקע, אַז איך האָב אַלע דײַנע בריוו פֿאַרהיט...). האָסט איבערגעכאַזערט דאָס, וואָס איך האָב פֿון דיר שוין געהערט: „דײַן געשמאַק, טאַטע, איז אַלטפֿרענקיש...“. קאָן זײַן, קאָן זײַן, מײַערקע! אָבער שפּעטער... שפּעטער... האָט זיך טאַקע אָט די אַלטפֿרענקישקײַט באַוויזן: די נעשאָמע, דאָס האַרץ, טאַקע יענע געהיימע זאַך... דער בריליאַנט... די מאַטאָנע פֿון דײַן ליבן נאָמען, וועגן וועלכן יענער קלוגער פֿראַנצויז האָט געזאָגט, אַז דאָס קויפֿט מען ניט און מע פֿאַרקויפֿט ניט, אַז דאָס קאָן מען זיך ניט אויסלערנען... ניטאָ אַזעלכע גימנאַזיעס... באַזונדערס איז דײַן סימפֿאָניע... ווי איז דאָס דיר אַרײַן אין קאָפּ, אַז אַזאַ פּאָשעטע ליד זאָל ווערן די נע־שאָמע פֿון דײַן דיפּלאָם... אַ קלוגער געשמאַק! אַ שטיק פֿון אונדזער געשיכטע!.. מײַן פֿרייד איז געווען איין לעשאַער. נאָר איך האָב קיינעם קיין וואָרט ניט געזאָגט, צו וואָס? באַרימען זיך? אויספּײַנען זיך? און, צוריק גערעדט, ביסטו דען געווען דאָס איינציקע פּעיִקע ייִנגל בײַ אונדז אין שטעטל? עמעס, מענטשן האָבן זיך אַליין גענומען אינטערעסירן, מע פֿלעגט אָפּט צו אונדז אַרײַנלויפֿן: רעב הענעך, שליסט אײַן די ראַדיאָ, מע זינגט מײַערקעס אַ ליד! יאָ, איך זאָג: סטודענטן פֿלעגן קומען ניט ווייניק אויף קאָניקולן אין שטעטל, נאָר אַ סטו־דענט אַ קאָמפּאָזיטאָר? דו איינער, מײַערקע, יאָ, איך זאָג: איך האָב זיך ניט באַרימט (פֿאַר מײַן שווײַגן האָט מיר די מאַמע נאָך באַכרוײַז אָנגערופֿן „די קאַלטע כאַליאָווע“), אָבער יעדער בריוו דײַנער איז פֿאַר מיר געווען אַ רעפֿוע שליימע, האַגאָם — איך קען דיר איצט זאָגן דעם גאַנצן עמעס — אַ וואָרעם האָט מיך געטאָטשעט. דו האָסט עס געפֿילט פֿון מײַנע ענטפֿערס. איך האָב אַלץ געטראַכט: ווער ווייסט, ווער ווייסט, מיט וואָס דאָס קאָן זיך ענ־דיקן?.. קנאַפּ טראַגישע געשיכטעס האָסטו מיר דערציילט, וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיטן פּאַך פֿון קינסטלער. און וויפֿל האָב איך אַליין איבערגעלייענט? און וויפֿל האָב איך אַליין מיט מײַנע אייגענע אויגן געזען? (געדענקסט, איך האָב דיר דערציילט: ווען איך בין געפֿאָרן צוריק פֿון ניו־יאָרק, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין פּאַריזש. אויף איינער אַ גאַס האָב איך באַגעגנט אַ סאַך יונגע באָכערים אין סאַמעטענע פּידזשאַקלעך אינעם בירהויז, אַלע קימאַט אין בערעטן. זיי האָבן דאָ אויפֿן אָרט געמאָלט און פֿאַרקויפֿט זייערע בילדער. איך זאָג „פֿאַרקויפֿט“. עס רעדט זיך אַזוי. בילדער זײַנען געווען הונדערטער, און קויפֿער איינציקע...). די פֿראַגע פֿון דעם ווי פֿיל זײַנען פֿון זיי פֿאַר דער צײַט פֿון הונגער און צאָרעס געשטאָרבן? די פֿראַגע פֿון דעם קלוגן פֿראַנצויז: „מיט וואָס קאָן מען דערקלערן, וואָס אַ טאַלאַנט צעבליט זיך אַ געוויסע צײַט און נאָכדעם פֿאַרשווינדט ער?“ איך האָב זיך דערמאָנט דעם סאָף — זייער אַן אינ־טערעסאַנטער — פֿון דער פֿראַגע: „און דער קינסטלער גייט אום ביז זײַן טויט ווי אַ לע־בעדיקער מעס?“ פֿאַרוואָס האָב איך ניט געדענקט טראַכטן, אַז אויך דו, מײַערקע, וועסט ווערן אַ לעבעדיקער מעס? אָט האָב איך אַ געוויסע צײַט געזונגען, געווען אַ ליבהאָבער אַ מענאַגן, איין צײַט פֿאַרדינט ניט שלעכט אויף די יאָמים־נעראָים. איז געקומען אַ צײַט, און

איך בין געוואָרן אויס זינגער, בין איך אָבער געווען א באַלמעלאָכע (און מע זאָגט, גאָרניט קיין שלעכטער באַלמעלאָכע!). איז עפּשער די מאַמע געווען גערעכט, ווען זי פלעגט האַלטן אין איין טײַנען: „פּוסטע מײַסעס", „קאָנוואָטאָרע", „ס'איז אַן אַרבעט פאַר שליאָנדריקעס, ניט פאַר מײַנע קינדער". אָבער דעמלט, ווען איך בין געקומען הערן די סימפאָניע, ווען איך בין געזעסן אין שקלאָוון זאַל, ווען איך האָב געהערט די אַרויסטרעטונגען — איז שוין פאַר מיר געווען אינגאַנצן קלאָר: ביסט אַרויס אַף א דערעך! (יאָ... אין זאַל האָב איך דערזען עטעלען... איך האָב זי גלײַך דערקענט נאָך דער פאָטאָ, וואָס דו האָסט מיר צוגעשיקט...). יאָ... פאַרשטייט זיך, ווײַט ניט אַלץ האָב איך פאַרשטאַנען פון דעם מיינונג-אויסטײַש. גראָד דעם פּראָפעסאָרס וואָרט איז מיר מער געווען פאַרשטענדלעך, ער האָט טאַקע גערעדט וועגן פאַרשטענדלעכקײַט, ער האָט טאַקע פונקט שיר ניט דערמאָנט דאָס, וואָס איך האָב אָפּט דיר געזאָגט: מע דאַרף, די מאַסע זאָל פאַרשטיין. ער האָט געזאָגט — מאַסעוודיקײַט, פאַרשטענדלעכקײַט, מעלאָדישקײַט, זייער געלויבט דײַן כאָר און די סאָלאָ (בראָניעלע האָט טאַקע געשמאַק געזונגען...). איינער האָט אָנגעוויזן אַף די, ווי ער האָט געזאָגט, פאַרדריסלעכע טעכנישע פעלערן, וואָס „דער אווטאָר קאָן אָבער לײַכט פאַריכטן",— אַזוי האָט ער געזאָגט... און צום סאָף האָט דער פּראָפעסאָר געענדיקט: „די עצעם טעמע איז פריש, נײַ, אינטערעסאַנט". איך האָב געקוקט אַף עטעלען. זי האָט געקוואָלן פון נאַכעס. דער אוילעם האָט אַפּלאָדירט. מיט א ריי פאַר מיר זײַנען געזעסן צוויי סטודענטן. זיי האָבן געשוויגן, זיך מאָדנע איבערגעקוקט מיט א שמייכעלע, איינער האָט דעם צווייטן עפּעס אין אויער געשושקעט, און איך האָב גלײַך פאַרשטאַנען: קינע! עס איז אין יעדער פאַך און בא א קינסטלער אַלאַכאַס קאַמע וועקאַמע... געדענקסט! דו און עטעלע האָבן מיך באַגלייט צום וואָקזאַל. פאַרוואָס האָב איך זיך דעמלט אַזוי געײַלט? צי דען האָט מײַן האַרץ געפילט, אַז דער אומגליק איז נאָענט? איר האָט שטאַרק פאַרדראָסן, לעמײַ איך בין ניט אַרײַן באַקאַנען זיך מיט אירע עלטערן... דעם עמעס געזאָגט, האָב איך קיין באַזונדערן כיישעק ניט געהאַט. פון דײַנע רייד האָב איך זיך שוין גוט פאָרגעשטעלט די צוויי פייגעלעך — דעם זאַוומאַג און, ווי מע פלעגט זי רופן, „די פעטע פאַס", איר מאַמע, די „זאַוומאַגיכע". דו ביסט ניט נויסע כיין געווען. דו! הער נאָר א מײַסע! דײַן פאַך... און ווי זי פלעגט צוגעבן:

«и кроме всего прочего, мы люди городские»... און זי — נאָר דו און דו! טאַקע דיך ליב געהאַט, מייערקע? א קלוג מיידל געווען. איך האָב שטאַרק געלאַכט, ווען דו האָסט מיר דערציילט, ווי זי גיט אים פעפער, איר טאַטן דעם זאַוומאַג („ביסט ניט קיין ווידוויזשענעץ, נאָר א וויראָזשדענעץ"...). אָט איז זי אָט: קוקט אַף מיר און שמייכלט... אָט איז ער, אָט דײַן לעצטער בריוו און די לעצטע שורע: „מיר קומען שאַבעס, קימאַט אַלע כעווריע וועלן קומען, מיט די אינסטרומענטן. זונטיק איז דער פרײַער טאָג — וועלן מיר פּראַווען די כאַסענע". און אירע עטלעכע געציילטע ווערטער, געשריבן אַף ייִדיש מיט גרויסע קינדערשע בוכשטאַבן: „ליבער פאָטער און ליבע מוטער, איך קוש אײַך"... אָט איז ער, דער בריוו. זעסט, מייערקע, איך האַלט אים אין האַנט. זונטיק, זונטיק האָט געדאַרפט זײַן די כאַסענע. איך געדענק גוט די דאַטע... זונטיק דעם 21-טן יוני 1941... וויי, וויי צו מיר. וויי... די מאַמע האָט שוין אָנגעהויבן שאָבן, רײַבן, באַקן און קאָכן... ניט דו ביסט געקומען, ניט זי... געבליבן איז איצט נאָר די פאַפּקע, וואָס איז מיר אַזוי טײַער, אַזוי טײַער...

— באַרויִק זיך, טאַטע, איך בעט דיך, באַרויִק זיך. שלאָף... ס'איז שוין שפּעט...

— יאָ, מייערקע, ס'איז שוין שפּעט... אָט וועל איך נעמען דעם פּראָשעק אייפּילין, 25
טראָפּנס וואַלאָקאָרדין, און איך וועל פּרוּוון אײַנשלאָפן... גאָרטשיטשניקעס...

[2]

א האַסטיקע קנאַקערײַ פון א מאָטאָציקל האָט אים אויפגעריסן פון שלאָף, די גראַקן אַף די הויכע טאָפּאָליעס פאַזע דעם וועג האָבן פון אומגעריכטער שרעק זיך א ריס געטאָן פון די נעסטן און, נערוועז פאַטשנדיק מיט די פליגלען, א פלאַטער געטאָן און נאָכדעם זיך ווידער צעזעצט אַף די צווײַגן.

— בראָניע! — האָט א טראַכט געטאָן הענעך. שטענדיק האָט זי אַזאַ טעווע — דורכפאָרן די גאַס מיט א טראַסק... אײַ, א מעשוגענע מויד... אָט באַלד וועט א סקריפּע טאָן די קאַליטקע... און בראָניע וועט א מידע, ניט קיין אויסגעשלאָפענע אפּגיך אַראָפּציִען דעם כאַלאַט און בעטנדיק: „אוי, טאַטע, א גלאָז טיי!", וועט זי אים, ווי שטענדיק, דערציילן, וואָס, ווו, מיט וועמען איז הײַנטיקע נאַכט פאַרלאָפן.

אָבער די קאַליטקע האָט קיינער ניט געעפנט, און דער מאַטאָציקל קנאַקט נאָך... אָטאָט, דאַכט זיך, לעשט ער זיך אויס.

עמעצער האָט לײַכט א פויק געטאָן אין שויב, און ס'האָט זיך באַוויזן אין פענצטער א באַקאַנטע לעדערנע קעפּי און אויגן, וואָס האָבן אַרײַנגעקוקט דורכן גלאָז, ווי וואָלנדיק זיך דערוויסן, עמעצער איז דאָ, צי ניט...

נו, יאָ, הירשל! הענעך האָט אויפגעעפנט דאָס פענצטער.

— א גוט-מאָרגן אײַך, רעב הענעך, און איך ווונדער זיך: שוין די אַכטע שאָ, און דאָס פענצטער איז פאַרמאַכט. איך ווייס דאָך, אז איר שטייט אויף פון פרי.

הענעך האָט נאָך ניט באַוויזן אים זאָגן — „נו, קריך שוין אַראָפּ פון דײַן פערדל און קום אַרײַן“, נאָר דער מאָטאָציקל האָט זיך ווידער צעקנאַקט, און הענעך האָט קוים דערהערט: — א גרוס אײַך פון סאָנעלען!

און טײַטלענדיק מיטן פינגער אפן האַנטזייגער — ער אײַלט, הייסט עס, האָט קיין צײַט ניט, איז ער נעלעם געוואָרן...

אָט א שעד! שטענדיק אַזוי... געווען מיסטאַמע אין שטאָט... באַגעגנט זי מיסטאַמע. יאָ, ער פאָרט פון צײַט צו צײַט אין שטאָט — ווי בראַניע. מע רופט אים אָפט אַרויס אַף באַראַטונגען צי וועגן אַנדערע איניאַנים — יאָ... פאַרגעסן אים זאָגן: אַף זײַן טיש ליגט א פּאַקעט פון דעם הינטער-אויגיקן וואַלד-אינסטיטוט. אָט א שעד! הו-האַ, און ניטאָ. מיט א וואָך צוריק איז ער אויך אַזוי פאַרבײַגעפאָרן, ווידער א גרוס פון סאָנען. ער האָט געאײַלט צו דער סטאַנציע. אָנגעקומען א נײַע פּאַרטיע עלעקטראָ-זעגן. שטענדיק אײַלט ער... אָט א שעד! וואָס האָט ער צו טאָן דאָ, אין זײַן צימער, וואָס איז וואָכנווײַז ליידיק... מיט מיר שמועסן? וויפל איז א שיר צו שמועסן. זײַן גאַנץ לעבן — וואַלד. א וואַלד-מײַסטער. מע האַלט פון אים זייער. נאָר אַן אָקשן: באַשטימט באַקומען דעם דיפּלאָם. פאַרנומען גאַנצע טעג. קומט זעלטן נעכטיקן. געוויס האָט ער אַן אישע... קאָן זײַן, אז בראַניע איז גערעכט. זי ווייסט דאָך אַלץ. אַלעמען קען זי גוט, און ווער קען זי ניט דאָ אין דער געגנט.

— אייגנטלעך גערעדט, טאַטע, — פלעגט זי זאָגן, — וואָס איז דײַן דײַגע — זיך יאָ צוגעקלעפּט, ניט צוגעקלעפּט, ער האָט שוין פון לאַנג א „פּריצעפּל“.

— וואָס פאַר א „פּריצעפּל“? שטענדיק האָסטו עפּעס מאָדנע ווערטלעך...

— ס'איז זײַן אויסדרוק... ער האָט דאָס מיר אַליין געזאָגט... ווייסט ניט, וואָס עס איז פּריצעפּ?

— צי א וואָגן, צי א פּלאַטפאָרמע אַף רעדער, וואָס מע טשעפּעט צו צו א מאַשין...

— אַף א פרוי, וואָס האָט א קינד און וויל כאַסענע האָבן, זאָגט מען, אז זי האָט א „פּריצעפּ“. דאָס זעלבע — אַף א מאַנצבל. קומענדיק פון די ווײַטע קאַנטן, האָט ער זיך צוגעקלעפּט צו עפּעס א פרוי, וואָס איז שוין געווען פון עמעצן טראָגעוודיק, נאָר ער איז דאָך א קונילעמל, א גאָטס בעהיימע, האָט זי אים אײַנגערעדט, אז דאָס קינד איז זײַנס... און מע האָט אים פאַרשריבן אַף זײַן פאַמיליע.

— הער נאָר א מײַסע, איך האָב גאָרניט געוווּסט... אָבער פונוואַנען ווייסטו אַזעלכע פּינקטלעכקײַטן?..

— ער האָט דאָך מיר אַליין דערציילט. זי איז געווען אַף א סאַך ייִנגער פון אים, א קאַסירערן אין א מאָסקווער מאַגאַזין. יענץ פייגעלע... זי איז נעלעם געוואָרן מיט א סומע געלט — ווי זי האָט אים דערציילט — א קליינע סומע, האָט מען זי געפּאַקט און צוגעשטעלט א „גאָרטשיטשניק“ אַף פינף יאָר... האַקיצער, דאַרף טרעפן, אז זי וועט אים דאָרט באַגעגענען. ער האָט זיך אײַנגעאָרדנט אַרבעטן אין א לעספּראָמכאָז — דאָס ווייסטו דאָך, טאַטע, — האָט ער געאַרבעט און גוט פאַרדינט. טאַקע דאָרט, אינעם ווײַטן ייִשעוו, האָט ער זיך מיט איר באַגעגנט, און זי האָט דערשמעקט א גוטן רובל און א מאַנצבל, וואָס טרינקט ניט, איז דאָרט א יעקאַר האַמציִעס, האָט דאָס פייגעלע אים גענומען אין די לאַפּקעלעך...

— איז וואָס איז ער געקומען אַהער?

— זי האָט זיך אונטערגעשפּילט מיט אַן אַנדערן... ער האָט מיר אַלץ דערציילט, ווען בא אונדז איז שוין געווען אַף א לאַד... האָט ער גענומען זײַן טשעמאָדאַן און איז אַוועקגעפאָרן... איבערגעלאָזט דאָרט א דירע מיט קאַלטוּוו, אין וואָס ער איז געווען אַנגעטאָן, אין דעם איז ער אַנטלאָפן פון איר... נאָר אַלימענטן צאָלט ער... די בוכהאַלטערשע פון אונדזער לעספּראָמכאָז האָט מיר אַליין דערציילט... יעדער כוידעש א דריטל...

— הער נאָר א מײַסע! צאָלט ער גאָר אַלימענטן? א שטילינקער, א שווײַגער... פאַרוואָס האָסטו עס מיר ניט דערציילט?.. אַז איך האָב גאָרניט געוווּסט...

— דו מיינסט, טאַטע, אז מיר איז געווען גוט אפן האַרצן? איך האָב דאָך געטראַכט דעמלט, ווען בא אונדז איז שוין אַלץ געווען...

העניעך האָט גוט געוווּסט, אַז בראָניעס „דעמלט, ווען באַ אונדז איז שוין אַלץ געווען אַף אַ לאַד", איז נאָר אַ פּוסטע אײַנרעדעניש. ס'איז באַ איר קיינמאָל ניט געווען מיט אים, ווי זי זאָגט, „אַף אַ לאַד". עמעס, די ערשטע צײַט האָט ער געטראַכט: „עפּשער? עפּשער איז דאָס טאַקע אַ זיווּג? עפּשער וועט זײַן דאָס מאָל — ווי זי פֿלעגט ליב האָבן זאָגן ווילינגעריש: — טאַטע, ס'וועט זײַן פֿונדאַמענטאַלנע.

אויסגעזען האָט זי אַ סאַך ייִנגער פֿון אירע יאָרן — 45 — אַ בעריע, איינע אין דער וועלט, טאַקע שיין ווי די וועלט. אַ פּענעמל — נאָר צעקושן עס, אַ גלאַט, פֿריש פּאָנעם, אַ שלאַנקער, הויכער קערפּער, און די לענדן — און וועמען האָט זי זיך עס אײַנגעגעבן?

ווען הירשל האָט זיך אַרײַנגעקליבן, האָט זי געמאַכט די פֿריזור. צערוישט מיט אַ לאַנגן עק, נאָכדעם ווי אַ טורעם, און האָר האָט זי געהאַט געדיכטע. קוקנדיק אַף איר, פֿלעגט ער שפּאַסן: בראָניעלע וועט דאָך באַלד מיט דעם טורעם האָר אופֿהייבן דעם באַלקן! נאָר ער פֿלעגט זיך שטענדיק דערמאָנען דעם ווײַבס ווערטל: „מע קאָן זײַן ניט שיין, אַבי האָבן מאַזל". דאָס איז געווען דעמלט, ווען זיי זײַנען געקומען פֿון עוואַקואַציע און איר צווייטער מאַן, וואָס האָט געאַרבעט אין זאַגאָטזערנאָ, איז פּלוצעם נעלעם געוואָרן. העניעך פֿלעגט זיך מיט אים קריגן:

— הערט אוף מיט אײַערע טרייפֿע געשעפֿטן... סאָף גאַנעוו לעטליע.

— וואָס זאָגסטו אָפּן צאַדיק? — פֿלעגט יענער שמייכלען צו בראָניען, — אַלע גאַנווענען — גאַנווע איך אויך. זאַט? אָנגעטאָן? וואַרעם?

פֿאַרשטייט זיך, אַז העניעך האָט זייער געוואָלט, זי זאָל כאַסענע האָבן „פֿונדאַמענטאַלנע". ווײַל וויפֿל איז דער שיר? בראָניע האָט בעפֿיירעש געוואָלט כאַסענע האָבן, נאָר שטענדיק איז באַ איר געגאַנגען מיט דער פּוטער אַראָפּ. מאַנצבלען האָבן זיך צו איר געקלעפּט, נאָר זי פֿלעגט שטענדיק זאָגן:

— מיינסט, זיי ווילן כאַסענע האָבן? איך דערקען זיי פֿון ערשטן קוק... הענער! און גאָר!

יאָ, די ערשטע צײַט איז טאַקע באַ איר געגאַנגען מיט הירשלען „אַף אַ לאַד". באַגעגנט האָבן זיי זיך טאַקע ווי אַלטע גוטע כאַווײרים. העניעך פֿלעגט איר זאָגן, בראָניען:

— דו האָסט זיך צו אים צו הייס און צו גיך צוגעקלעפּט... — דו קענסט ניט אַנדערש, ווי דײַן טעווע איז — דו מוזסט אָנשיטן אַ ביסל זאַלץ... — איך? אַדרעבע זאָל זײַן מיט מאַזל, אָבער...

— וואָס אָבער — ווען אָבער... האָבער האָט ליב אַ פֿערד...

דעם אַלטן איז אָפּט פֿריקרע געווען צו הערן:

— הירשעלע, איך האָב גענומען צוויי בילעטן אין קינאָ...

— אָט די טופֿל איז פּונקט פֿאַר דיר... מע האָט עס געכאַפּט אין צענטראַלן אוניווערמאַג, ווי לעבעדיקע פֿיש... שיינע. טשעכישע טופֿל עקסטראַ מאָדערן.

— אַנו, מעסט אָן דעם שניפּס, פּונקט צו דײַן טונקל העמדל.

— כ'האָב הײַנט געשטעלט באַנקעס דעם פּאַרוואַלטער פֿון אַטעליע. זאָלסט אומבאַדינגט מאָרגן אַרײַנגיין, אָנגעקומען גלענצנדיקע אימפּאָרטנער שטאָף אַף מענערישע אַנצוגן, געבליבן פֿיר מעטער... ער וועט עס אָפּלייגן פֿאַר דיר... פּרים — פּרימאַ!...

— און מעסט אָן דעם רעגן-פּלאַשטש... באָלאָניע... פֿאַרשטייט זיך, אין וואַלד צו דײַן אַרבעט טויג ער ניט... אָבער דאָ, אָבער שפּאַצירן אין שטאָט אָפּן לענין-פּראָספּעקט... ראָסקאָשע!

איינמאָל, גאָר צופֿעליק, האָט ער דערהערט:

— הער אויף, בראָניע! גיי צו זיך...

— אוי, דו נאַרישער באָק! — און אַ שטאַרקער קלאַפּ מיט דער טיר...

העניעך האָט זיך ניט ווילנדיק צעשמייכלט: ער האָט זיך דערמאָנט דאָס שיינע מײַסעלע פֿון כומעש — יויסעף און פּויטיפֿערע. טויזנטער יאָרן זײַנען אָפּגעפֿלויגן, — האָט העניעך געטראַכט, — און ס'כאַזערן זיך אַלץ איבער די זעלבע מײַסעס.

און ווידער געטראַכט:

— איז ניט מאַן-און-ווײַב?

— ניט כאָסן-קאַלע?

— עפּשער טאַקע יענע ליבע. די שיינע ליבע...

— אַ שאַד בראָניען. אַ ראַכמאָנעס. זי וויל כאַסענע האָבן, זײַן אַ געטרײַע ווײַב. יאָ, זי האָט זיך צו גיך און צו הייס צוגעקלעפּט. און דעמלט טאַקע טרעפֿט פֿאַרקערט: דער מאַנצבל ווערט ניט הייס און ניט גיך...

נאָר ס'האָט שוין, ווי הענעך האָט געזאָגט, „געשמעקט מיט אויס" דעמלט, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי:
— כאַפּ ניט...
— שלינג ניט...
— שטענדיק פאַרפלעקט ער די מייקעס...
— זע נאָר די נעגל זיינע... אַ פּוד קויט, אַ וואַלד-מײַסטער גראָבט דען טאָרף?
— אַ גענגעלע! שלעפּט די פיס, ווי פון סמאַלע.
— הער, וואָלסט עפּשער אויסגעטאָן די שטיוול אין פּירהויז און ניט געשלעפּט אין שטוב דעם וואַלד מיט דער בלאָטע...
— אוי, אַ כראָפּען! נו, אַ כראָפּען, וועקסט דאָך אויף די פייגל אין די נעסטן.
— אַ קוניל־למל...
— אַ גאָטס בעהיימע...
און דעמלט, ווען בראָניע האָט אים דערציילט די געשיכטע מיט דער בלאָנדינקע, איז הענעכן קלאָר געוואָרן, פאַרוואָס הירשל איז אַזוי צוריקגעהאַלטן...
האָט ער זיך אַזוי אָפּגעבריט — וועט ער אַזוי גיך ניט כאַסענע האָבן. און עפּשער? — האָט טאַקע געטראַכט הענעך. — און עפּשער גראָד פאַרקערט? עפּשער יאָ? נאָר „די מויד" קריכט אים שוין אונטער דער הויט... און אויסער דעם: ער איז דאָך יינגער פון איר אַף פינף יאָר?
און איינגאַנצן אויס איז געוואָרן דעמלט, ווען ער איז געקומען פון שטאָט. ער האָט זיך דאָרט צוגעקילט. אַ שווערע לונגען-אָנצינדונג. האָט מען אים אָוועקגעלייגט אין „צענטראַלן שפּיטאָל". דאָרט האָט פּראַקטיקירט סאָגע, און זי האָט טאַקע צו וויסן געגעבן דער מומע בראָניע און דעם זיידן וועגן זיין געזונט. בראָניע האָט זיך שוין געקליבן קומען אים מעוואַקער-כוילע זיין, נאָר סאָנעלע האָט איר אָנגעקלונגען אין שפּיטאָל, אַז דער פעטער גרישע פילט זיך שוין בעסער און אין אַ וואָך אַרום וועט מען אים אויסשרייבן.
נאָר פאַרפאַרן איז ער ניט אַהיים, נאָר גלייך אַהין, אין דער וואַלד-קאַנטאָר, ווו עס זיינען געשטאַנען די „כאַלאַסטיאַצקע שטיבלעך" פון די וואַלדהעקער. קלוימערשט צוליב דרינגענדיקער אַרבעט — ווי ער האָט דערקלערט הענעכן. אהיים פלעגט ער קומען די ער־שטע צייט איין מאָל, צוויי מאָל א וואָך און ווידער צוליב דרינגענדיקער אַרבעט, אָדער אַ זיצונג, אַ פאַרזאַמלונג, איילן צוריק און ניט נעכטיקן. נאָכדעם איז ער געקומען נאָכן טשע־מאָדאַן, איבערלאָזנדיק אין שאַפע זיינע צוויי נייע אָנצוגן, און פאַרבייפאַרנדיק אָפּט אַפן מאָ־טאָציקל, אים אָפּשטעלן אף א ווײַלע און אויסשרייען אין אָפענעם פענצטער:
— א גוטער מאָרגן אייך, רעב הענעך, א גרוס אייך פון סאָנען! — און ווידער פאַר־פאַלן ווערן.
ניין, הענעך האָט ניט געזען און ניט געפילט, אַז דער „איינגאַנצן אויס" זאָל קימערן בראָניען. זי ווערט פון קיין זאַך ניט ניספּאַעל.
— איך דאַרף אים האָבן, דעם מעלאַמעד.. אַ כאַסן, א לײַטישער געלעכטער, — פלעגט זי זאָגן.
ער האָט איר ניט געענטפערט דערמיט, וואָס עס איז געלעגן בא אים אַפן שפּיץ צונג: „עס איז דאָך א גרויסע פראַגע, צי ער דאַרף דיך האָבן...".
ער האָט אָבער גוט געוווסט, אַז „דאָס גאָלדענע צײַנדל" האָט געהאָלפן, זי זאָל זיך ניט קימערן...
אָבער ווו איז זי, בראָניע? שוין צוויי מעסלעס, אַז זי פאַרהאַלט זיך אין שטאָט. עמעס, דאָס טרעפט שוין איצט ניט זעלטן. פאַרן שפּיטאָל געפינט זי פאַרשיידענע טערוצים, אָבער שטענדיק קומט זי ניט מיט ליידיקע הענט. אירע שליכעס פילט זי אויס גלענצנדיק. די אַרבעט געטריי.
הענעך איז אַרויס אָנשעפּן אַן עמער וואַסער. שוין גאָר שווערלעך געוואָרן ציִען דעם עמער אַרויף, נאָר וואָס זאָל מען טאָן?
געווען פאַר דער מילכאָמע אין די הונדערטער יידישע שטעטלעך טייערע, האַרציקע יידישע באַכערים און מיידלעך. ווען דער שטורעמדיקער ווינט פון דער רעוואָלוציע האָט צעשמעטערט די זעלבסטהערשונג און דער שאָס פון „אוראָרא" האָט אָנגעזאָגט דאָס נײַע קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער געוועזענער צאַרישער ראַסיי, האָט מען אָט די יינגלעך און מיידלעך גערופן מיט די אַלטע טאַנאַכיש-טאַלמודישע נעמען:
— ראָכל-לייע.
— לייע-ראָכל.
— סאָרע-ריווקע.

— ריוקע-סאָרע.

— עלכאָנע-ייִצכאָק.

— מוישע-אַרן.

— אַרן-מוישע.

אין דעם גרעסטן טייל זײַנען זיי, אַט די סאָרע-ריוקעלעך און מוישע-אַרעלעך, געבוירן געוואָרן אין אָרעמע האָרעפּאַשנע אײַנשטאָקיקע שטיבלעך מיט מאָכיקע שינדל-דעכער, געס-לעך און לאָנקעס, וועלכע פלעגן האַרט צוגיין צו די נידעריקע שוועלן און אַרײַנטראָגן אין די פינצטערע צימערן פרישע, לעבעדיקע רייכעס פון נאָענטע וועלדער. די נעגל און פּיאַט-קעס בײַ אַט די קינדער זײַנען געווען האַרטע פון אַרומלויפן באָרוועס איבער די געסלעך, פעלדער און וועלדער. זיי האָבן ניט געוווּסט פון דעליקאַטע שטאָטישע מײַכאָלים. ברויט מיט אַ ציבעלע פון אייגענעם גאָרטן, אַ מערעלע, אַן אוגערקע, אַ רעטעכל — נאָך פריש און קאַלט פון באַגינענדיקן טוי — איז געווען אַ מײַכל. זעלטן-ווער פון זיי האָט געוווּסט פון אַ ציין-דאָקטער. מע האָט זיי קליינערהייט ניט געפּעסטעט מיט קאָנפעטקעס און שאָ-קאָלאַד. מיט אומגעדולד האָבן זיי געוואַרט אַף שאַבעס, ווען די מאַמע וועט געבן כאַלע מיט צימעס, אַ שטיקל קוגל, געפילטע פיש. זייערע טאַטעס האָבן געהאָרעוועט און ערלעך געדאַוונט. די מאַמעס פלעגן בענטשן ליכט און יאָמקיפּער אופריכטיק וויינען. זייער בוך פון אַלע ביכער איז געווען די צענעווערענע. די יוגנט האָט שוין אָבער געזונגען גאָר אַנדערע לידער. דער בירגערקריג אין לאַנד האָט אופגעוועקט בײַ אַט די קליינע ייִנגעלעך און מייד-לעך גאָר אַנדערע מאַכשאָוועס, אַנדערע טרוימען. מע פלעגט זיי אַלץ ווייניקער און ווייני-קער זען אין בעסמעדרעש, אין כיידער. זיי האָבן אַ פלײַיץ געטאָן אין די מיטלשולן, אָוונט-קורסן, קרײַזלעך. און די טאַטעס? שוין אין יענע יאָרן זײַנען געווען פּאָפּולער די ווערטער פונעם דיכטער:

> מיר, צעקריגטע מיט די טאַטעס,
>
> מיר צערײַסן אַלטע שמאַטעס.

די טאַטעס פלעגן זיצן אַף די פּריזבעס און קראַצן די פּאַטיליצעס. ס'הייסט: וואָס קאָן מען מאַכן? אַנדערע צײַטן — אַנדערע לידער.

עס איז גוט באַוווּסט, אַז פיל הונדערטער פון די דאָזיקע ייִנגלעך און מיידלעך האָבן פאַרלאָזט זייערע היימען, געוואָרן גרויסע געלערנטע, דאָקטוירים, אינזשעניערן, פּילאָטן, עקאָנאָמיסטן, הויכקוואַליפיצירטע מײַסטערס, שרײַבער, יאָ, שרײַבער, און גוטע שרײַבער. ווילט זיך זיי — אונדזערע שטילע שטעטלעך — זאָגן אַ דאַנק, און לאָמיר זיי דערמאָנען מיט אַ גוט וואָרט, באַזונדערס איצט, ווען ס'איז ניטאָ קימאַט קיין איין שטעטל, ווו עס זאָל נאָענט ניט זײַן קיין יאָר מיט ביינער פון ייִדישע טאַטעס און מאַמעס.

עס איז קלאָר: די דאָזיקע שטעטלדיקע יוגנט איז ניט געווען, פאַרשטייט זיך, פון איין שניט, פון איין מאָס, פון איין גוס. עס האָבן זיך באַשײַמפערלעך געלאָזט פילן צוויי טיילן: איין טייל — קינדער פון מער פאַרמעגלעכע עלטערן, רײַכערע קוסטאַרן, קינדער פון פאַר-שיידענע קלייקוידעש האָבן געטרוימט וועגן „אַן אייגענער ייִדישער מעדינע", און קינדער פון פּראָלעטאַרישע און האַלב-פּראָלעטאַרישע עלטערן.

אַ טייל פון זיי זײַנען טאַקע געפאָרן אין פּאַלעסטינע, אויסגעשטאַנען ניט ווייניק צאָ-רעס און געפלאַנצט ווײַנגערטנער, און בויער, וואָס האָבן געזונגען „מיר — די יונגע גוואַרדיע".

עס איז אָבער אויך פאַראַן אַ מער געוויינלעכע, פּראָזאַישע דערקלערונג פאַר אַט די טרוימען: די פאַרמעגלעכע עלטערן זײַנען געוואָרן לישענצעס, און די קינדער פלעגן דער-פון לײַדן: מע פלעגט זיי ניט נעמען אין קאָמיוג, האַמעווען בײַ אָנקומען אין לערן-אַנשטאַלט, אין אַרמיי, אַף אַרבעט.

יאָ, אַזוי איז געווען אַ געוויסע צײַט. ניט ווייניק פון דער יוגנט האָט געפונען אַן אויס-וועג: פּראָלעטאַריזירן זיך.

ניט זעלטן האָט מען געקענט זען בײַ אַ קאָוואַל, אַ שנײַדער, אַ שוסטער אַ ייִנגל, און אַף דער פראַגע וועמעס איז ער, איז דער ענטפער געווען:

— שאַכנע דעם קרעמערס.

— דעם ראָווס.

— דעם שויכעטס.

צווישן אַט דער שטעטלדיקער יוגנט פלעגט זיך שטענדיק געפינען יענץ באַכערל, אָפּט אַ יאַסעם, אַ צאַרבאַלעכאַים, אַ שטילע נעשאָמע, — ווי די שטעטלדיקע מאַמעס פלעגן אים רופן, און נעמען אים אַלס מוסטער פאַר זייערע קינדער.

אין הענעכס שטעטל איז אַט „די שטילע נעשאָמע" — אַ הויך ייִנגל, וואָס פלעגט

לייענען אויסווייניק צענדליקער לידער פון מאַרקישן, האָפשטיינען, איז געווען „הירשעלע דעם מילנערס". קאָן זײַן, אַז אַ שוידערלעכע טראַגעדיע, וואָס דאָס ייִנגל האָט איבערגע-לעבט, איז עפשער געווען דער וואָרצל פון דער שטילער נעשאָמע. ער איז געווען אַ בענ-יאָכיד בײַ זײַן טאַטן, אַן אַלמען, וואָס האָט אַ סאַך יאָרן געהאַנדלט מיט וואַלד און איז געווען אַן אייגנטימער פון אַ גרויסער, דעמלט די איינציקע אין ראַיאָן, דאַמף-מיל. ער פלעגט כאַדאָשימווײַז פאַרברענגען מיטן טאַטן אין די וועלדער, איבערנעכטיקן מיט אים אין פויערשע כאַטעס, דער טאַטע האָט אים קיינמאָל ניט געפּעסטעט און געקעכלט. דאָס איז געווען אַ שטרענגער הויכער מענטש, וועלכער פלעגט קימאַט אַ גאַנץ יאָר ניט אויסטאָן זײַנע שטיוול. אַ קאַרגער, „אַ פאַרמאַכטער פויסט" — פלעגט מען וועגן אים ריידן. ווען אַלץ איז אַוועק, ווי די באָבע פלעגט זאָגן, „מיט דער פוטער אַראָפּ", איז, ווײַזט אויס, אַף אייביק אין זײַן געדעכעניש פאַרבליבן אַ בילד:

ער — מיסטאָמע ניט מער ווי אַ יאָר 6—7, זעט, ווי די באָבע קוקט אין פענצטער אַף דער ברענענדיקער מיל, ברעכט די הענט און כאַזערט איבער כליפּענדיק איינע און די זעלבע ווערטער: „וויי צו מיר, וויי צו מײַנע יאָרן! מע וועט אים שיסן!"

ניין, מע האָט אים ניט געשאָסן. ער האָט זיך אויפגעהאַנגען. טאַקע דאָרט, אין דער מיל.

אין שטעטל האָט מען גאָר געזאָגט:

— נאָר אַזאַ „אײַזערנער שטיין" קען דאָס... יענץ כאַראַקטערל... אַ ראַכמאָנעס, נע-בעך, אפן ייִנגל... אַ שטילע נעשאָמע...

אָבער אין לעצטן קלאַס, שוין נאָך די עקזאַמענעס, זײַנען דאָס שטעטל און די אַרומי-קע דערפער געוואָרן אויפגעשוידערט פון אַן אומגעריכטער געשיכטע. פון טיר צו טיר איז בליץ-שנעל געגאַנגען:

— ניין, עס קען ניט זײַן...

— ווער? הירשעלע?

— רעדט ניט קיין נאַרישקייטן...

— כאָטש הארגעט מיך — גלייב איך ניט.

— אַזאַ שטילע נעשאָמע...

— ניין, ס'קען ניט זײַן... עפשער גאָר ניט פון אים.

— מע האָט ניט וואָס צו טאָן, ראַק מע פלוידערט.

— באָבעמײַסעס.

ניין, ס'איז ניט געווען קיין באָבעמײַסעס. ס'איז געווען אַן עמעס.

אַ ליבע.

און וואָס פאַר אַ ליבע!

די ערשטע, די הייליקע...

אפילע מייערקע, זײַן נאָענטסטער כאַווער, האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט דעמלט, ווען:

— וואָס טוט מען, מייערקע? זיי וועלן זי דערהאַרגענען... די מאַמע, אַ ווילדע פאַנאַ-טישע גויע.

— דער הימל לייגט זיך ניט אַף דער ערד... איר האָט דאָך פעסט באַשטימט פאָרן אין שטאָט, מע וועט אײַך באַשטימט געבן ווי מאַן-און-ווײַב איין צימער... ניט שרעקלעך...

נאָר הירשל האָט געטײַנעט זײַנס:

— די אַלטע גויע וועט זי האַרגענען... איך ווייס, וואָס איך רייד...

ווען מאַלאַנקע, אַ בלייכע, אַן אָפּגעצערטע, איז געקומען פון דעם שכיינעסדיקן דאָרף, וווּ די אַלטע באָבע, וואָס היילט מיט פּיאַווקעס און זעקעלעך גראָז, האָט איר אָפּגע-טאָן „יענע אַרבעט", האָט איר מאַמע טייקעף אַלץ פאַרשטאַנען און האָט זיך געוואָרפן אַף איר מיט אַ קאָסע. ווען ניט דער טאַטע, וואָס האָט אַ בייג געטאָן איר האַנט, וואָלט אַך און וויי געווען צו מאַלאַנקען. באַנאַכט איז זי שטיל אַרויס פון שטוב און צוריק ניט גע-קומען. זי האָט זיך דערטרונקען.

ווען דער דאָזיקער ראַיאָן האָט זיך צײַטווײַליק געראַכנט די פאַרטיזאַנישע זאָנע, פלעגן זיך אייניקע פון הירשלס אָטריאַד וווּנדערן:

— וואָס טוט ער דאָרט, אַף „די רוסישע מאַהילקעס"?..

— ער איז דאָך אַ ייִד...

— ער שטייט דאָרט אָפּ גאַנצע שאָען בײַ עפּעס אַ קייווער...

ווײַזט אויס, אַז „יענע ווונד", די ערשטע, די הייליקע, האָט נאָך געטלײַעט אין זײַן אָרנטלעך האַרץ...

ווען הענעך האָט, טראַכטנדיק וועגן עפּעס, לאַנגזאַם געדרייט דאָס הענטל פון דעם

קײַלעכדיקן ברונעם-קלעצל און ס'האָט זיך שוין אָט-אָט באַוויזן דער פולער עמער וואַסער, איז אים פּלוצעם — ווי דאָס פלעגט טרעפן — שווער געוואָרן: ער האָט דערפילט א שאַרפע שטעכעניש אין ברוסט, אונטער די ביינער און אין דער לינקער האַנט, אַפּלאָזנדיק דאָס הענטל, האָט זיך דאָס קײַלעכדיקע ברונעם-קלעצל גענומען האַסטיק דרייען, און דער עמער, צוגעטשעפּעט צו דער לאַנגער קייט, האָט זיך, האַסטיק ליאַזגענדיק אין די זײַטן, א פליוכע געטאָן טיף אַראָפּ צום דנאָ. ער האָט זיך צוגעזעצט אויפן הויכן פלאַטשיקן שטיין לעם ברונעם און שנעל אונטערגעלייגט אונטערן צונג א טאַבלעטקע ניטראָגליצערין, וואָס האָט גלײַך גענומען אַטאַקירן, לעשן דעם ווייטיק.

— ניין! עס קאָן ניט זײַן!

— ניין! עס טאָר ניט זײַן!

אָט די ניט מיטן מויל, נאָר אין זיך, מיט היץ אַרויסגעזאָגטע ווערטער האָבן אים אויפגעשויבערט, דאָס בלוט האָט א בריי געטאָן און גלײַך אַרויסגערופן די שווערע ספּאַזמע...

דאָס פּיצינק ווײַסע, צאַרטע טאַבלעטל אונטערן צונג האָט גלײַך פון זיך א וואָרף געטאָן אירע אומזעבאַרע בײַסנדיקע שטראַלן-רעטער. ביסלעכווײַז איז דער ווייטיק פאַרשוווּנדן.

— און עפּשער יאָ פאָרן אין סאַנאַטאָריע? — האָט ער א טראַכט געטאָן. — זי האַלט איך אין איין טײַנען און בעטן: „טאַטע, דו מוזסט פאָרן אין סאַנאַטאָריע". ער אויך, דאָס גאָלדענע ציינדל, און, ווי זײַן שטייגער, מיט באַרימערײַ: „א פּוטיאָווקע? אויך מיר אַן איניען! כאַטש צען, און די בעסטע".

האָט ער אים דעמלט געענטפערט ווי אַפּצולאָכעס:

— אַלץ קענט איר!

— אַלץ ווייסט איר!

— אַלץ קריגט איר!

און ער האָט זיך אײַנגעשפּאַרט: „ניין! איך וועל ניט פאָרן. דאָ איז אויך די בעסטע סאַנאַטאָריע".

ער האָט זיך געזעצט צום פענצטער. עפּשער וועט דער „שעד" זיך אומקערן גיך. אַזוי פלעגט אָפט טרעפן. דורכגעפאָרן מיט זײַן: „א גרוס אײַך פון סאַנען!" עפּעס-וואָס גיך דערליידיקט אין ראַיסאָוועט און הײַדא צוריק.

און דער שמועס מיט זיך האָט זיך בליץ-שנעל צעוויקלט: „וואַרט צו, וואַרט צו, רעב הענעך. עפּשער איז דאָס געווען נאָר צוליב דעם „א גרוס אײַך פון סאַנען" — געקומען, געזאָגט און הײַדא צוריק.

און ווידעראַמאָל איבערגעכאַזערט, דאָס מאָל שוין אײַנגאַנצן רויִק: „ניין, עס קאָן ניט זײַן און דאַרף ניט זײַן...". „וואַרט צו, וואַרט צו, אַלטער באָק, הייליקער צדיק, וויפל ביסטו אַלט געווען, ווען דו האָסט כאַסענע געהאַט?.. מע דאַרף זיך דערמאָנען... אָט וויפל ביסטו עלטער געווען פון דײַן איטקען? וואָס האָט מען דעמלט געזאָגט: „אָט דער-אָ? אָט דער איז דאָס איר כאָסן... מיט די לאַנגע וואָנצעס, אין די אַמעריקאַנער מעשוגענע הויזן מיט די קעסטעלעך, ער זעט אויס, ווי איר טאַטע"... דערמאָנט זיך, יאָ, רעב הענעך? הייליקער צדיק... קנאַפּ הולטײַעוועט אין פאַרשיידענע לענדער... אויף יענע געסעלעך... מיט די רויטע לעמפּעלעך. אוי, ליבע מענטשן, אויף דער עלטער ווערט איר פרום און שטיל, נאָר טו אײַך עטוואָס א צעשפּיליע, לויפן אַרויס אוויירעס, ווי זשומענדיקע פליגן... אָבער...

„וואָס אָבער?"

„אָבער עס קאָן ניט זײַן, עס דאַרף ניט זײַן"... וואָס ליבע — ווען ליבע?! זי — 21, ער — 42 יאָר.

„מעשוגע צו ווערן!"

ליבע!

איין ווײַלינקע... איין ווײַלינקע... אַהאַ! נו, יאָ! דערמאָנט זיך! ווען זי פלעגט קומען אַהער, איז אָפּגעפאַרטיקט אויפן גאָרטן, אויסגעוואַשן די פּאָדלאָגעס (אוי, א געזונט איר אין קאָפּ! אַזאַ בריליאַנט! אַזאַ גאָלדן קינד! מייערקע! זײַן כאַראַקטער, גוט ווי די וועלט...). און ער איז שוין דאָ מיטן מאָטאָציקל. אוואַדע געפונען א טערעץ!

— שוועמלעך.

— יאַגעדעס.

— פיש (זי האָט ליב געהאַט כאַפּן פיש)...

— קינאָ. די גרוב... (זי פלעגט גאַנצע אָוונטן זיצן לעם גרוב).

האָט מיר דען געקאָנט דעמלט אויפן זינען עפּעס אַרופגיין... פאַרקערט... איך בין דאַן

געווען צופרידן. זאָל דאָס קינד פאַרברענגען גוט די צײַט. איך האָב דאָך געגלייבט מײַן מופקער: דער קוניִלעמל האָט שוין דאָרטן א ווײַבל...

אָט פונוואַנען עס נעמט זיך דאָס אָפּטע „א גרוס אײַך פון סאָנען”... געשעמט זיך אַרײַנגיין... עפּעס-וואָס מער זאָגן... צי עפשער ניט געוואָלט טרעפן זיך מיט דער „מופקער”... איך ווייס?

צי דען האָט עס פּאַסירט? א ליבע?

הענעך האָט קיין טאָעס ניט געהאַט.

אָנגעהויבן האָט זיך עס טאַקע דעמלט...

— געוויס וואָלסטו געלאַכט, הא, מייערקע? געוויס וואָלסטו געזאָגט, ווי איך: הירשעלע, מאַך זיך ניט נאַריש! דו — סאָנעס כאָסן? א טאַטע ביסטו, ניט קיין כאָסן!.. זי איז דאָך, א קינד... הער אויף. מע טאָר עס ניט טאָן... וואָס זאָגסטו, מייערקע? רייד! קיינער איז אין שטוב ניטאָ. קיינער הערט אונדז ניט... איך הער דײַן שטים... די גאַנצע צײַט הער איך דײַן שטים... בא דיר איז געווען א ריינער, ניט קיין שלעכטער באַריטאָן. א מאַמע ליבט בעקויל ראָם, א טאַטע... א טאַטע טאָר ניט אויסזאָגן פון זײַן ליבע צום קינד... יאָ, יאָ, דו האָסט געפילט, פאַרשטאַנען... איז בין איך גערעכט, יאָ? געוויס וואָלסטו געלאַכט פון דעם: „א גרוס פון סאָנען! א גרוס פון סאָנען!” און עפּשער איז עס גאָרניט? עפּשער דאַכט זיך מיר?

א ייִנגל, און ניט קיין שלעכטער... ער לעבט אין מאָסקווע, אַרבעט אף א זאַוואָד און לערנט זיך. עפּשער געדענקסטו די דאַטשניקעס, וועלכע האָבן יאָר-יערלעך געלעבט אפן כוטאָר בא דער אַלטער נאַסטאַסיע? דאָס איז זייער ייִנגל. זי האָט אים אויסבאַהאַלטן. ביז איצט רופט ער זי מאַמע, שרײַבט ער איר בריוו.

ווערדליק מײַן סייכל, איז דאָס געווען א גלײַכע זאַך, נאָר ווער ווייסט, וואָס עס איז גלײַך און וואָס עס איז קרום...

— יאָ, מייערקע! ווער ווייסט, וואָס עס איז גלײַך און וואָס עס איז קרום. איין מאָל נאָר האָב איך בא איר געפרעגט, צי ער שרײַבט... בראָניע האָט דערציילט, אז ער פלעגט איר שיקן לאַנגע בריוו... יאָ? — האָב איך בא איר געפרעגט. האָט זי מיר, די מעשוגענע ציג, אַרומגענומען און אויסגעזונגען בראָניעס באַליבטע ליד: „...הײַנטיקע ייִנגעלעך קאָן מען דאָך גלייבן, אזויווי דעם הונט אפן גאַס...”. וואָס זאָגסטו? איך זאָל ניט קוקן אף דײַן פּאַטאָ?

— קוק ניט, טאַטע... מע דאַרף ניט...

— אָבער קיינער זעט דאָך ניט... קיינער ווייסט ניט, קיינער הערט ניט.

— ס'איז ניט קיין פּאַטאָ... ס'איז דײַנע ספּאַזמעס...

— מײַן זיסע גריזאַטע... און עפּשער איז זי טאַקע גערעכט, די מאַלאַנקע... אַז דאָס ביסטו געווען אָט יענער יונגערמאַן מיטן טשעמאָדאַנטשיק... עפּשער ליגן טאַקע דײַנע ביינער דאָרט אין גרוב? אַריבער דעם בריק, לעם וואַלד... אָט זע איך פענצטער... ניט ווײַט לײַכטן די פענצטער פון סאַנאַטאָריע...

— שלאָף, טאַטע...

— פינף שאָ, אַז איך שלאָף, בין איך גליקלעך. אַלטע לײַט, אַפילו געזונטע, שלאָפן ווייניק... עס קלינגט מיר אין אויער דײַן שטים... וואָס קען מען מאַכן? עס קלינגט... אָט דעמאָלט ערשט הייבן זיך אָן די ספּאַזמעס, נאָר איצט ניט. זיי קומען אומדערוואַרט... פאָרן אין סאַנאַטאָריע?

— פאָר! געוויס... פאָר!

— דו מיינסט, אַז מיר האָבן אַף דיר ניט געוואַרט? ביסט דאָך נאָר אָפּגעפאָרן אַף צוויי טעג דערלײדיקן דײַנע אינייאָנים... קומען צוריק און זײַן בא אונדז דעם זומער. עטלעכע איז שיר פון זינען ניט אַראָפּ... ווען דו ווייסט, וואָס דאָ האָט זיך געטאָן... טויזנטער מענטשן זײַנען געגאַנגען מיטן שליאַך... א ראַכמאָנעס געווען צו קוקן אַף די לאַפּאָשניקעס.. אין וואָס מע איז געווען אָנגעטאָן, אין דעם איז מען געלאָפן... זיי פלעגן בא אונדז אָפּרוען, איבערנעכטיקן און גיין ווײַטער... „וואָס וואַרט איר? — פלעגן זיי שרײַען אַף אונדז. — איר וואַרט, דער ראָשע זאָל אײַך קוילענען?". די מאַמע האָט געהאַלטן אין איין ווייגען: ווי לאָזט מען איבער די כודאָבע? א סאַך אונדזערע שטעטלדיקע זײַנען אַוועק, אייניקע האָבן אַלץ געצווייפלט...

דער פּעטער לייזער, דער גרויסער כאָכעם, האָט אַלץ געטײַנעט צו דער מאַמען און צו מיר: „וואָס די דײַטשן? זיי וועלן אונדז ניט טשעפּען... באַלמעלאָכעס וועט מען ניט טשעפּען. זיי זײַנען שוין דאָ געווען אין 18־טן יאָר... זיי האָבן קיינעם ניט געטשעפּעט" (זיי האָבן דעמאָלט פונדאַנען געשיקט וואַגאָנען בולבעס מיט ברויט). אַפן מאַרק פלעגן זיי טײַנען צו די ייִדענעס: „וויר האַבען אַלעס", און די ייִדענעס פלעגן זיי זאָגן: „יאַ, יאַ, זיי האַבען דאַלעס!.."

דעם עמעס געזאָגט, האָב איך אויך געצווייפלט. אין א פּאָר טעג אַרום איז געקומען צו לויפן אַלעקסיי פּעטראָוויטשעס טאָכטער (ער איז דאָך געווען דעמאָלט דער פרעדסעדאַטעל פון אונדזער סאָוועט) און איבערגעגעבן, אַז דער טאַטע אייצעט גלײַך גיין צו דער באַן, מע האָט צוגעטשעפּעט צום עשעלאָן צוויי וואַגאָנען... די דײַטשישע טאַנקען האָבן זיך שוין אַרײַנגעריסן אין שטאָט, און 70 קילאָמעטער איז פאַר זיי א שפּײַ... פאַרשטייסטו דאָך אונדזער ווייטיק. ווען מיר זײַנען אַרײַן אין וואַגאָן... מיר זײַנען זיכער געווען, אַז דו ביסט אַוועק פון שטאָט... מיר זײַנען זיכער געווען, אַז פריִער־שפּעטער וועלן מיר זיך עפּשערווו טרעפן... אַזויפיל יאָרן אַדורך... — עפּשער צײַט צו פאַרגעסן?..

— וועמען? דיך פאַרגעסן? דיך, מייערקע? זאָל איך מער ניט קוקן אַף דײַן פּאַטאָ? באַהאַלטן זיי? געווען — און אויס?.. גלייבן, טאַקע מיטן גאַנצן האַרצן גלייבן, אַז דײַנע ביינער ליגן דאָרט אין גרוב... צי עפּשער זאָל איך לאָזן האַק־און־פּאַק און ווי יענער אַלטער צאַדיק פון דעם שיינעם מײַסעלע ווערן א וואַנדערער. גיין, ווי ער, איבער שטעט און לענדער און פרעגן: „איר, די פון יענער מעדינע, ווו יעדער בירגער, זאָגט מען, ווערט געבוירן א האַלבער סאָלדאַט און א האַלבער מעכאַניקער, איר דאַרפט דאָך געוויס וויסן... ערגעץ־ווו בא אײַך איז דאָך פאַרשריבן זײַן פאַמיליע... איר, די, וואָס לעבן..."

דו זאָגסט — ניט קוקן?.. ניט קוקן אַף דער פּאַטאָ... ניט לייענען דײַנע בריוו... יאָ, ביסט גערעכט... ס'איז דאָך דײַנע ווערטער „א זיסע גריזאַטע". אָט דאָס טאַקע, די „זיסע גריזאַטע", איז מײַן גליק... די פּאַפּקע מײַנע... נאָר פאַרגלײַך איך טאַקע דײַן פּאַטאָ מיט זײַנער, מיט דעם היסטאָריקערס — קאָן מען בעעמעס ניספּאָעל ווערן... אַזא ענלעכקײַט! ווי צוויי טראָפּנס וואַסער... יאָ, וועגן דעם יונגן מאַן ווייסט מען... ער איז געשטאָרבן, נאָר ער לעבט... איז זײַן וויכטיקן אופטו לעבט ער... פאַרוואָס שיקט זי מיר ניט צו, סאָנע, דעם סייפער „מירבי"... אינטערעסאַנט... אוראַלטע צייכנס פון א ניגן... אָן אַלעפבייס פון א פאַרשוווּנדענעם פאָלק... יאָ, ער לעבט, דער יונגערמאַן... בא מיר קלינגט אַמאָל אין אויער דײַן ווייכער טענאָר... האָסט געקענט אַליין אויסזינגען דײַנע ניגונים... דו האָסט מיר געזאָגט, אַז צווישן די קאָמפּאָזיטאָרן טרעפט דאָס זעלטן... און עפּשער ניט אין דער גרוב... עפּשער אין אַן אַנדער אָרט... פאַרוואָגלט געוואָרן, ווו מע פלעגט אַרײַנפירן נאַקעטע מענטשן, קלוימערשט אין א באָד, קעדיי דאָרטן דערשטיקן זיי מיט גאַז... אָט דאָ אין פּאַפּקע האָב איך וועגן דעם פּיל... וואָס פרעגסטו מיך, מייערקע? אָט דער קאָנווערט? אוי, ווּעסט לאַכן

פון מיר... אַט דעם „גאָלדן ציינדל" האָב איך געזאָגט, ער זאָל מער אהער ניט קומען, ביידע אַרויסגעבראַכט פון די קיילים, אז קלוימערשט דאָ בא אונדז ליגט באַגראָבן א קעסטעלע צירונג... נאָר דאָס פעלט מיר, הא? ער האָט געמיינט, אז ער כאַפּט מיך גלײַך אַרײַן, ס'הייסט: איך וועל זיך אָנצינדן און הייב אָן זוכן דאָס קעסטעלע צירונג... א ייִד, זאָג איך דיר, א מאַמזער! צוערשט האָט זיך אָנגעהויבן א פּאַרשע „בריגאַדע", ס'הייסט, ער נעמט זי אין זײַן בריגאַדע... און ווען ס'איז קלאָר געוואָרן, אז ס'איז לוי האָיאָ וועלוי ניוורע, איז אַוועק א פּאַרשע „מיר פּאָרן"... ס'הייסט, ער צעשרײַבט זיך מיט איר, און זיי פּאָרן אַוועק קיין פּוילן... איז צו וואָס זאָל עס פאַרפאַלן ווערן דאָס צירונג? האָבן איך געזאָגט זיך אַליין: „דו האַלטסט זיך פאַר א כאָכעם, און איך האַלט זיך פאַר א נאַר". שווײַג איך. פרעגט זי: „טאַטע, וואָס שווײַגסטו? עס איז דאָך א גלײַכע זאַך". זאָג איך: „בעהיימע, ער וועט זיך אָף דיר הונדערט מאָל אויסשפּײַען... דו ווייסט דאָך, אז ערגעץ דאָרטן האָט ער א ווײַב מיט צוויי גרויסע קינדער — שוין אויסגעגעבענע. פאַר ניט — ער איז ניט דײַן מאַן, און דו ביסט ניט זײַן ווײַב... ער וועט זיך אָף דיר אויסשפּײַען... און געדענק: בולקעלעך מיט פּוטער... אַן עמעסער שליאַנדריק!" ווי די מאַמע, אַלעהאַהאַשאָלעם, פלעגט זיי רופן, א וויטליק, א ווײַסל פון אַן אויג, א פּוסטע קיילע... צירונג האָט זיך אים פאַרוואָלט. א מאַקע. ס'איז א באָבעמײַסע! דאָ האָט מען שוין די ערד הונדערט מאָל געריוועט, ווײַזט אויס, טאַקע וועגן דעם פלעגן זיי זיך שושקען...

אַט, עס הייבט זיך אָן... איך פיל שוין... אונטער די ציינער... גיי ניט אַוועק, מייערקע, זיץ... זיץ... איך וועל נעמען וואַטשעווס טראָפּנס... 7 טראָפּנס אָף דעם קליין שטיקעלע צוקער... א כאָכעם א מענטש האָט זיי אויסגעטראַכט... זאָל אים גאָט געבן לאַנגע יאָרן... אַהאַ... עס ווערט מיר שוין גרינגער... יאָ, מייערקע, איך וועל זיך צולייגן... גוט וואָלט געווען גאָרטשיטשניקעס... סאָנעלע פלעגט מיר זיי לייגן... אוי, א געזונט איר אין קאָפּ... לויט מײַן כעזשבן, האָט זי שוין געדאַרפט קומען, אין שפּיטאָל וואַרט מען שוין לאַנג אָף איר... נאָר ווו איז בראָניע?.. וואָס פאַרהאַלט זי זיך? עפּשער צוליב דער פּוטיאָווקע?..

יאָ, „דאָס גאָלדענע ציינדל"....

אייגנטלעך גערעדט, האָט זיך עס אָנגעהויבן פון אים, פון הענעכן. די ערשטע צײַט האָט ער זיך אַליין געזידלט: „אַלטער נאַר! צו וואָס האָסטו אים געזאָגט: — „קומט אַרײַן! מיר וועלן טרינקען א גלאָז טיי, א ביסל שמועסן". אגעוו, די טאָכטער מײַנע פירט דאָ אָן מיט א כאָר, זי זינגט אַליין אויך, סאָלאָ... נאָך דעמלט, באַם ערשטן שמועס. נו, ווען ער זאָגט עס ניט, וואָלט ער ניט געקומען? איז דאָך קלאָר, אז דער „זײַט אַזוי ליבנסווירדיק, טוט א קוק מײַן זייגערל, עס שטייט"... — איז דאָך געווען נאָר אַן אויסרייד. ער וואָלט סײַוויסײַ געקומען. אײַ, א בראַנדעסקאַ! אײַ, א מאַמזער! מאַרקוס בראַנדעסקאַ! ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די וואָזגעניש, פלעגט ער אַמאָל ניט אויסהאַלטן און זאָגן בראָניען:

— בעהיימע! די פאַמיליע אַליין שמעקט מיט אַפּערע, מיט גנייווע!

— טאַטע, ביסט אויסגעוועזן א וועלט, און דו זאָלסט אַזוי ריידן... דאָס איז זײַן אַקטיאָרישע פאַמיליע... איך האָב דיר שוין וויפל מאָל דערציילט: ער איז דאָך פון די רומעניש־מאָלדאַווישע קאַנטן, אַרומגעפאָרן דאָרט, און דער גוירל האָט אים, נעבעך, פאַרוואָרפן אין א שטעטל ערגעץ אין מײַרעוו־רוסלאַנד.

„נעבעך" — אוי, בעהיימע! בעהיימע!

פאַרשטייט זיך, דעמלט, ווען ער האָט אים דערזען דאָס ערשטע מאָל: א הויכער, שלאַנקער מאַנספּאַרשוין, געוויס אַריבער 50, אין א פרישן גאַבאַרדינענעם מאַקינטאָש, מיט א דיקן, שיינעם פּאָרטפעל, מיט א גרויסער זילבערנער מאָנאָגראַם, — פאַרשטייט זיך, דעמלט, באַם ערשטן קוק, וואָס האָב איך געקענט וועגן אים טראַכטן שלעכטס? פלעגט זיך הענעך וועלן גרינגער מאַכן. געקומען מיט אַן עסטראַדנע בריגאַדע. ריכטיקער, געקומען צוגרייטן צוויי־דרײַ קאָנצערטן: „זען דעם זאַל, א קוק טאָן דעם ראָיאַל, צוגרייטן דעם האָטעל, דערריידן זיך וועגן אַן אויטאָבוס!

א גאַנץ פײַנער, אָנשטענדיקער מענטש. דעם עמעס געזאָגט, שוין לאַנג ניט געהערט אַזאַ לאָשן:

— זײַט אַזוי ליבנסווירדיק און טוט א קוק...

און ווען ער האָט געקוקט:

— אַן אײַנהאָרע אײַך, איר זײַט, זע איך, א גאָלדענער באַלמעלאָכע, איר גייט נאָך אַלץ אָף אַרבעט?

און נאָכדעם זאָגן:

— איך בין אײַך טיף דאַנקבאַר.

אזוי האָט ער געזאָגט: טיף דאַנקבאַר.

און ווען הענעך האָר אים געזאָגט:

— לייגט אַרײַן אײַער טײַסטער צוריק. אײַער זייגער איז א גוט זייגערל. איך האָט אים וויניק אַנגעדרייט — עס טרעפט בא פּאַרנומענע מענטשן, וואָס אײַלן זיך שטענדיק. און א זייגער איז ווי א מענטש: מע דאַרף אים צו דער צײַט און גוט אָנקאַרמענען, א זייגער צו דער צייט, דאָס הייסט, איין אייז און דער זעלבער צײַט אַנדרייען, און טאַקע ביזן סאָף — דאַרף ער גיין אַמווייניקסטן 36 שאָ...

און נאָכדעם, ווען הענעך האָט אים געזאָגט:

— קומט אַרײַן, מירן טרינקען א גלעזל...

— אָ! א שיינעם דאַנק. איך בין טיף גערירט... — אזוי האָט ער געזאָגט: „איך בין טיף גערירט פון אײַער גאַסטפרײַנטלעכקײַט”...

אָבער דעמלט, באַם טיש, שוין נאָך די:

— איז וואָס מאַכט מען?

— ווי לעבט זיך דאָ?..

— ס'איז אײַער אייגענע שטוב?..

— פאַראַן דאָ נאָך מישפּאָכעס?

— איך וואָלט אײַך קיין 74 יאָר ניט געגעבן...

— אָן אײַנהאָרע אײַך, איר זעט אויס...

און:

— אוי גאָר! געענדיקט די קאָנסערוואַטאָריע...

און:

— א קאָמפּאָזיטאָר? שטייט, כ'האָב, דאַכט זיך, עפּעס יאָ געהערט... א קענטלעכע פאַמיליע.

אָבער דעמלט, ווען דאָס אַלץ האָט זיך געענדיקט און אומגעריכט — נאָך דער צווייטער גלאָז טיי, טאַקע אומגעריכט האָט ער, קוקנדיק מיט זײַנע שמייכלענדיקע אויגן, דעמלט טאַקע פלעגט א פינקל טאָן זײַן גאָלדענער צאָן — טאַקע מאָדנע אומגעריכט א זאָג געטאָן:

— זאָגט מיר, ליבער ייִד, עפשער האָט איר עטלעכע, נו, א צוויי-דרײַ ניט מער, א צוויי-דרײַ צענערלעך...

— וועלכע צענערלעך?..

— נו, יענע, די קלייניקע, געלינקע, קלינגענדיקע...

בא הענעכן איז שיר די גלאָז טיי ניט אַרויסגעפאַלן...

— וואָס הייסט? איר לאַכט פון מיר, צי וואָס? ווי קומען צו מיר אַזעלכע זאַכן...

דער ערשטער געדאַנק איז געווען בא אים: צי איז ער עפשער א „צוגעשיקטער”, און ער האָט איבערגעכאַזערט נאָכאַמאָל:

— איך בין א באַלמעלאָכע! א פּראָסטער באַלמעלאָכע! גאָט איז מיט אײַך, ווי קומען צו מיר אַזעלכע זאַכן? איר האָט ניט געלייענט די צײַטונגען? אין הײַנטיקן נומער... עס גייט דאָך א גרויסער גריכט.

— וואָס צײַטונג-שמײַטונג! איר האָט ניט געלייענט דעם פּאַרטראָג? מע קויפט אײַן פּוטער, אבי אָפּנאַרן די מעלוכע, אויסגעפילט דעם פּלאַן... דאָס מעג מען?

— געוויס ניט! שטראָפט מען דאָך דערפאַר...

דעמלט טאַקע איז אָפּן שפּיץ צונג בא הענעכן געלעגן יענע צווי פראַזעס, וואָס האָבן מאַמעש געבערנט אָפן שפּיץ צונג:

גייט אײַך געזונטערהייט פונדאַנען!

— אײַער זוואַניע זאָל דאָ ניט זײַן!

נאָך צוריקגערעדט — פלעגט זיך נאָכדעם וועלן גרינגער מאַכן הענעך — ווי נעמט עס א מענטשן און מע טרײַבט אים אַרויס? פאַרוואָס? ער איז געקומען גאַנווענען? אָפּנאַרן האַרגענען?

— איך פאַרשטייט, — האָט ער אים דאָך געגומען באַרויקן, — איך פאַר אַוועק, איך בין א „דאָרטיקער”, וואָלטן צוניץ געקומען א צוויי-דרײַ צענערלעך...

— און איך זאָג אײַך, ליבער מענטש, — האָט אים שוין רויִק געענטפערט הענעך, — פאַרנעמט זיך ניט מיט אָט דער טרייפער סכוירע, ס'איז, זאָל גאָט אָפּהיטן, א שפּיל מיט פײַער... און וואָס, אייגנטלעך, איז דער פּאַרן... וועלכע גליקן וואַרטן אויף אײַך דאָרטן... ווי איך פאַרשטיי, האָט איר גאָרניט קיין שלעכטע אַרבעט, א רובל פאַרדינט מען מיסטאָמע...

— יאָ! וועגן דעם רעד מען ניט... נאָר עס ציט אַהיים... עס ווילט זיך זען מיט מײַנע ברידער און שוועסטער...

און עס איז אַוועק:

— אַ ברודער אין ניו-יאָרק.

— אַ ברודער אין פּאַריז.

— אַ שוועסטער אין אַרגענטינע.

— אַ פֿעטער אין יאָהאַנעסבורג.

— אין טעל-אָוויוו.

— אין מעלבורן.

און אַלע:

— גרויסע מענטשן.

— גרויסע מיליאָנערן.

„ס'איז אַלץ קווזעו וועשעקער", — טראַכט פֿאַר זיך הענעך און וויל אים פֿאַר זײַנע „עפּשער האָט זיך בײַ אײַך צופֿעליק פֿאַרוואַלגערט אַ צוויי-דרײַ אָט יענע, די גאַלינקע, די קלינגענדיקע"..., אַרײַנלאָזן פֿון צײַט צו צײַט אַ שפּילקעלע:

נו, גוט! זייער גוט... אַז מע האָט אַזויפֿיל אייגענע, גרויסע מענטשן, מיליאָנערן, קאָן מען אײַך נאָר מעקאַנע זײַן... וועט איר געוויס זײַן בײַ זיי אַן אַנגעלייגטער גאַסט.

— געוויס... זיי וואַרטן אויף מיר...

— ס'איז גוט קומען צוגאַסט, געוויס גוט... נאָר, ווי זאָגט אונדזער ווערטל, אַ פֿיש שטינקט אויפֿן צווייטן טאָג, אַ גאַסט אויפֿן דריטן...

— איך וויל גאָרניט זײַן בײַ זיי אויף קעסט, זאָל מיך גאָט אָפּהיטן.

אַז איר האָט ברידער און שוועסטער מיליאָנערן, שפּילט בײַ זיי אַ ראָליע העלפֿן אַ ברודער שוין ווײַט ניט קיין יונגן... אַריבער זעכציק, האַ? אויף דער עלטער לעבן פֿון צדקה איז ניט גאָר פֿון די געשמאַקע זאַכן, האָגאַם מע זאָגט: צדקה טאַציל מימאָוועס...

— ווער? איך? איך וועל לעבן פֿון צדקה? איך?! קענט איר ניט מאַרקוס בראַנדעס-קאָ. און אויסער דעם פֿאַרגעסט ניט, אַז איך בין ניט סתּם אַ ייִד, נאָר אַ הייסער ייִד...

— דאָס איז געוויס אַ מעלע...

— און פֿאַרן וויל איך גאָר ניט צו מײַנע ברידער, נאָר אין ערעץ... אין מעדינאַס-ייִסראָעל... ווײַל איך זאָג אײַך נאָכאַמאָל, איך בין סתּם אַ ייִד, ווי איר, אַ גאָלעס-ייִד, נאָר אַן עמעסער, אַ הייסער ייִד...

— פֿאַרוואָס בין איך אַ גאָלעס-ייִד? דאָס פֿאַרשטיי איך ניט. איך זאָג, אַז מײַן זון, וועגן וועלכן איך האָב אײַך קורץ דערציילט, איז דען אויך געווען אַ גאָלעס-ייִד? אָבער איך וויל אײַך פֿרעגן אַן אַנדער זאַך: מיילע, אַזאַ ייִד, ווי איך, כאָטש אַ זאַקן, ווען איך קום אין ערעץ, וואָלט נאָך מײַן שטיקל ברויט יאַקאָס פֿאַרדינט... אַ וועק-זייגער, אַ שטיי-זייגער, אַ וואַנט-זייגער איז בײַ מיר אַ שפּיל. מע דאַרף נאָר אַוועקשטעלן בײַ מיר אויפֿן טיש, און ער איז שוין אין מײַנע הענט... יאָ... אין אַ מינוט... איך האָב שוין פֿאַרגעסן... יאָ! יאָ! איך האָב אײַך געוואָלט פֿרעגן: וואָס וואָלט, אַשטייגער, געטאָן אין ערעץ אַזאַ עמעסער, אַזאַ הייסער ייִד, ווי איר? אַרומגעפֿירט אין עסטראַדנע בריגאַדע?

— פֿאַרוואָס ניט?

— הער נאָר אַ מײַסע! און איך בין זיכער, אַז דאָרטן איז פֿאַראַן אַן אײַך גענוג... פֿירער און אונטערפֿירער...

— מיינט איר, אַז איך טויג שוין צו גאָרניט? איך וואָלט קיין אַרבעט ניט געפֿונען? דער גאַסט האָט זיך הויך צעלאַכט און נאָכדעם אַ ווײַלע אָנשוויגן געוואָרן, קוקנדיק מיט אַ שמייכל אויף הענעכן, וועלכן ס'האָט זיך אין די געציילטע רעגעס אָפּגעדוכט, אַז יענער וויל אָט-אָט אַ פֿרעג טאָן: „נאָר פֿונדעסטוועגן זאָגט מיר, עפּשער האָט זיך בײַ אײַך יאָ פֿאַרוואַלגערט אַ צוויי-דרײַ צענערלעך... אָט יענע... די גאַלינקע, די קלינגענדיקע..." און דאָ האָט אים הענעך זייער געלאַסן, רויִק געזאָגט:

— פֿאַרוואָס? געוויס וואָלט איר געפֿונען אַן אַרבעט. לעמאַשל...

— נו, לעמאַשל, וועלכע?..

— אַ שוימער אויף אַ בעסאַלמען... איך אַ שטיקל ברויט...

— וואָס? איך? איר זײַט ניט מעשוגע?!

ווער ווייסט, מיט וואָס דער שמועס וואָלט זיך געענדיקט, ווען בראָניע קומט ניט אַרײַן. הענעך איז שפּעטער זיכער געווען, אַז בײַ אים וואָלט זיך פֿאַרט אַראָפּגעריסן פֿון שפּיץ צונג „אײַער וואָגניע זאָל דאָ ניט זײַן".

א היפּשע צײַט שפּעטער האָט נאָך אים אַלץ געפּיקט אין מויעך: „אַן אונטערגעשיק-טער". אַזוי צי ניט אַזוי, נאָר בראָניען — פלעגט אָפט טראַכטן דער אַלטער — האָט ער פאַרסאַמט.

— יאָ, יאָ, פאַרסאַמט, — אַזוי פלעגט ער זאָגן צו איר.

און ס'האָט זיך אָנגעהויבן „די וואָזגעניש". שוין קאַרגע צוויי יאָר. דאָס גאָלדענע ציינדל איז געוואָרן, ווי מע זאָגט, א בען-באָיס, אַן אייגענער מענטש, אַפילע א נאָענטער מענטש. ער פלעגט האַלטן אין איין טײַנען:

— אין אונדזער פאַך באַדאַרף מען ניט נאָר טאַלאַנט, נאָר אויך געדולד. און נאָכאַמאָל געדולד (פאַרבויגן א פינגער, א צווייטן פינגער).

אָדער:

— בלוט פון נאָז, און די בריגאַדע וועט זײַן!... ער. זי. א פּיאַניסט. ער וועט לייענען. זי וועט זינגען. דער פּיאַניסט עפנט דעם קאָנצערט און אַקאָמפּאַנירט.

אָדער:

— מאַרקוס בראַנדעסקאַ ווייסט, ווי מע ברעכט טירן...

זי האָט שוין עטלעכע מאָל געוואָרפן די אַרבעט און צוריק זיך אומגעקערט אין שפּיטאָל. דער הויפּט-דאָקטער איז ווילנדיק, ניט ווילנדיק איר אַנטקעגנגעגאַנגען. אויסער דעם, וואָס עס האָבן אויסגעפּעלט מענטשן, איז זי טאַקע געווען איינע פון די בעסטע על-טערע מעדשוועסטער, פאַקטיש א גלענצנדיקער פעלדשער, פלעגט מען זי אָפט שיקן אין שטאָט צוליב פאַרשיידענע איניאַנים פון שפּיטאָל: ברענגען בלוט, ספּעציעלע מעדיקאַמענטן, א קאָנסולטאַנט. אויך איניאַנים פון דעם ראַיקולטור-הויז און ס'האָט זיך אַלץ פון טאָג אויף טאָג, פון כוידעש אויף כוידעש פאַרצויגן מאַרקוסעס „אָט היינט — אָט מאָרגן, און מיר נעמען אַרבעטן".

שוין דער פינפטער טאָג, אַז זי האָט זיך פאַרהאַלטן אין שטאָט. אָט קומט שוין אָן די נאַכט, און זי איז ניטאָ. הייסט עס, — טראַכט הענעך, — היינט וועט זי ניט קומען. זי שלאָפט דאָך בא אים. זי קומט שטענדיק מיטן צווייטן אויטאָבוס אַזייגער איינס-צוויי באַטאָג.

וואָס האָט זי זיך אַזויפיל פאַרהאַלטן?

— א גוטע טעווע האָסטו געהאַט — שרײַבן דײַנע בריוו אויף איין זײַטל. די מאַמע פלעגט זאָגן: ס'איז מיסטאָמע אַזאַ מאָדע, שרײַבן אויף איין זײַט? אָדער מע איז שוין אַזוי פויל געוואָרן, אַז ס'איז שווער איבערקערן דאָס בייגעלע פּאַפּיר אויף דער אַנדערער זײַט... יאָ, גוט האָסטו געטאָן... איך האָב זיי אַלע אָנגעקלעפּט אויף פּאַפּיר... האָבן זיך דײַנע בריוו טאַקע בעסער פאַרהיט... נאָר אײַנמיטן, ווו דאָס זײַטל איז איבערגעבויגן, האָבן זיך אייניקע ווערטער אָפּגעריבן... אַזויפיל יאָרן, מער פון א פערטל יאָרהונדערט. אָט וועל איך אַוועק-שטעלן מײַן טיש-לאָמפּ אויפן בענקל לעם בעט, טו אָן מײַן שפּאַקטיווע און לייען די אָפּגע-ריבענע אויסיעלעך... „א וווּנדער... כע, א וווּנדערלעכע ליד. דער סאָף — א וווּנדערלעכע לירישע סאָפּראַנאָ".

„דער וואָקאַלער אַנסאַמבל פאָרט שוין אויך אין אַנדערע שטעט אויף גאַסטראָלן. 10 מוידן, ווי די סאָסנעס. איינע אין איינע קראַסאַוויצעס. טאַטע, ווען זי זינגט סאָלאָ, גלייבט זיך מיר גאָרניט: ס'איז טאַקע אונדזער בראָניע? א כײעס צו קוקן אויף איר, א פאַרגעניגן צו הערן. יאָ, די קאָנסערוואַטאָריע האָט איר א סאַך געגעבן. נאָר פויל — א שרעק! דאָרט איז פאַראַן נאָך איינע א סאָליסטקע, איך האָב דיר וועגן איר דערציילט. א שטים — א מעצאָ — א וויאָלאָנטשעל. איר מאַן איז דער יידישער פּאָעט, וואָס שרײַבט מיר טעקסטן צו מײַן „גיי איך מיר אַרויס אויפן גאַנעקל"...

— יאָ, טאַטע, איך זאָל ניט פאַרגעסן: דערמאָן נאָכאַמאָל — ווייסט וועמען, — אַז דערווײַל דאַרף מען שווײַגן... יאָ, איך דאַרף דיר זאָגן, טאַטע, אַז איך ווער אויף איר אַמאָל מאָלע רעציכע. איך זאָג איר: „ניט אומזיסט האָט מען דיך גערופן אין שטעטל בראָניעלע ברענדל". דו הער נאָר, א ווילדע טעווע: ווען מיר גייען אַלע, אונדזער גאַנצע קאָמפּאַניע, שפּאַצירן אין שטאָט-גאָרטן, גיי איך מיט אים צוזאַמען... ער האָט זיך זייער אינטערעסירט מיט מײַן סימפּאָניע. מיטאַמאָל שטעלט ער זיך אָפּ און זאָגט: „בראָניע רופט מיך" (זי איז געגאַנגען מיט אירע כאַווערטעס פון אַנסאַמבל פון הינטן א טריט צען פון אונדז). זאָג איך:

— איך האָב ניט געהערט, זי זאָל דיך רופן.

זאָגט ער:

— אָט הער זיך אײַן.

איך האָב דערהערט אַ פּיַיף, ווי מע רופט צו זיך אַ הינטל.

לאָזט זיך אויס, אַז ווען זי דאַרף אים אַ רוף טאָן, פּיַיפט זי...

איך האָב זי אָפּגערופן אין אַ זיַיט. דאָס בלוט האָט אין מיר געקאָכט. איך האָב איר געזאָגט: „בראָניע, הער אויף מיט דיַינע מיִעסע געננג!.. ס'איז דאָך אַ כאַרפּע! מיינסט, אַז דו ביסט אַלץ יענע בראָנקע ברענדל, וואָס איז געגאַנגען צום קסיאָנדז אין גאָרטן נאָך די סאָנישניקעס? איך זאָל דאָס מער ניט הערן!" און ער — ער שמייכלט. וואָס איז דאָ צו ריידן, אַז שעקספּיר האָט נאָך געזאָגט: „פאַרליבטע זיַינען בלינד".

— יאָ, מייערקע, ריכטיק, „פאַרליבטע זיַינען בלינד". נאָר איך גלייב ניט, דו הערסט, מייערקע, איך גלייב ניט, זי זאָל אים ליב האָבן. איך גלייב אויך ניט, אַז ער זאָל זי ליב האָבן... און עפּשער?.. און עפּשער האָב איך אַ טאָעס? קוקן קוקט ער אויף איר, ווי אַ קאָטער אויף סמעטענע. וואָס איז דאָ צו ריידן — אַן אַלטער ראַזוואַטניק... איך האָב אים איינמאָל טאַקע אַזוי געזאָגט, ווען זי איז אין שטוב ניט געווען:

— כאָווער בראַנדעסקאַ, וואָס קוקט איר אַזוי אויף בראָניען, ווי אַ קאָטער אויף סמעטענע?

איז ער דאָך ניט פויל און ענטפערט:

— און וואָס קוקט איר, רעב הענעך, אַזוי אויף דער פּאַטשטאַליאָנשע?

דאָ האָט ער מיך געפּאַקט. וויַיזט אויס, אַזאַ טעווע האָבן שוין זקיינים — קוקן אויף יונגע, שיינע מיידלעך. אָבער בראָניע איז דאָך פאָרט ניט קיין יונג, שיין מיידל... אָט־אָט ווערט איר 50 (עמעס, זי האָט אים געזאָגט 45...). אַן איַינהאָרע דיך געוואָרן... מאַמעש אַ פּעסל... עמעס, דאָס פּענעמל איז גלאַט, קימאַט ווי אַן אַ קנייטש... די אייגעלעך בליאַסקען... פאַרבט די האָר (איך קאָן ניט קוקן אויף דעם... עס קערט מיר די גאַל..).

יאָ... אַנטקעגן דעם, וואָס דו האָסט מיר געשריבן דעמלט וועגן שוויַיגן. אוי, מייערקע, עס איז ניט געווען פון די גרינגע זאַכן. גאָט איז אַן איידעס, ווי שווער עס איז מיר געווען אַריַינגיין צו מאַריאַ פּעטראָוונען (זי איז דאָך געווען דירעקטאָר פון שול). און פּונקט דעמלט, ווען זי האָט איבערגעלעבט יענעם אומגליק, ווען זי איז געבליבן אַליין... זי איז געווען בעעמעס אַ קלוגע, קולטורעלע פרוי, זי האָט מיך גוט פאַרשטאַנען. גאָר אינגיכן איז זי אַוועקגעפאָרן ערגעץ אין טיף ראַסיי (איך האָב געהאַט איר אַדרעס). דו מיינסט, איך האָב ניט געוווּסט וועגן זייער ליבע? ריכטיקער געזאָגט, וועגן זיַין ליבע. דעם עמעס געזאָגט, האָב איך, זעענדיק, ווי די ייִנגלעך קלעפּן זיך צו איר, שטאַרק געצווייפלט, צי זי וועט ווען־עס־איז אין עמעצן איַינליבן זיך. איך געדענק שוין ניט, וווּ האָב איך דאָס געלייענט (אַגעוו, אונדזער ביבליאָטעקערשע טיַינעט: „געניריך מאַרקאָוויטש, איך וועל שוין אינגיכן ניט האָבן פאַר איַיך און פאַר אַלעקסיי פּעטראָוויטשן קיין ראָמאַנען... איר שלינגט זיי, ווי פּרישע פּירעשקעס...).

יאָ... ווו האָב איך דאָס געלייענט: שיינע פרויען ליבט מען, נאָר זיי ליבן זיך איַין זעלטן. יאָ, איך האָב געוווּסט... איך וויל דיר זאָגן נאָך מער: געזען! איין מאָל. איך בין געגאַנגען פון סאַנאַטאָריע (איך האָב זיך אַ האַלבן טאָג געפּאָרקעט אַרום דעם גרויסן שטיי־זייגער), דער טאָג איז געווען אַ הייסער, פאַרקערעווע איך פון גרויסן בריק אַראָפּ צום טיַיך. דו ווייסט דאָך, וויַיטער אַ ביסל לעם וואַלד איז דער טיַיך שמאָל און ניט טיף. טראַכט איך: איך וועל זיך אַ ביסל אָפּפרישן און אַריבערגיין. ערשט איך זע, אין די קוסטעס — אָט זע איך זיי — זיצן זיי ביידע. איר קאָפּ אויף זיַינע קני, און ער קושט אירע האָר. זי שנעלט אים אין נאָז... אַ ברענדל! מאַך איך גליַיך פּאַמעלעכקע, פּאַמעלעכקע אַ וואָזוראָך צוריק. זיי האָבן מיך טאַקע ניט געזען.

יאָ, מייערקע, איך האָב געזען די ליבע. זיַין ליבע! נאָכדעם, ווען זי איז צוזאַמען מיט דיר און עטלעכן געקומען אויף איַיער כאַסענע, איז ער דאָך געזעסן אין אַ זיַיט. פּאַשעט ווי אַ גאַסט... די מאַמע — ווי דו פלעגסט זי רופן... די פאַנאַטישע ייִדענע — וואָלט דאָך ניט אויסגעהאַלטן. ער איז געזעסן שטיל, ווי אַ טויב. איך האָב געפילט, אַז דעם טאַטנס אומגליק קאָסט אים געזונט. ערשט נאָכדעם, ווען ס'איז אָנגעקומען די פּאַכאַראָנקע און בראָניע האָט ניט אויסגעהאַלטן, זיך צעוויינט אויף אַ קאָל, האָט די מאַמע זי געטרייסט:

— מאַ יוימאַר און מאַ נעדאַבער!.. באַהאַלטן פון אַ מאַמען! וואָסי, וואָס, אַ שלעכטער ייִכעס? עלע וואָס דען, אַ גוי? אַזאַ יאָר זאָל איך האָבן, סאַראַ גאָלדן ייִדיש האַרץ ער האָט געהאַט. וואָדען? פון איין שטעטל, מע קען זאָגן פון איין גאַס, פון אונדזערע בעלאַרוסן... מיר האָבן דען פון זיי געזען שלעכטס? אַ לעבן אָפּגעלעבט און קיינמאָל ניט געקריגט זיך... ס'האָט געקלעקט פאַר אַלעמען... וואָדען?

בראָנקעלע פלעגט ציַיטנוויַיז זאָגן:

— נו, גוט, מאמע, גוט! איך שטעל זיך פֿאָר, וואָס וואָלסטו דעמלט מיר געזונגען: „אוי, כ'וועל זיך אַ מײַסע אָנטאָן! אוי, כ'וועל אוועקגיין פֿאַר דער צײַט פֿון דער וועלט! וואָסי? וואָס, ווייניק ייִדישע ייִנגלעך קלעפּן זיך ארום דיר?..“

יאָ, מייערקע, בראָניע האָט שטארק איבערגעלעבט דעם בראָך. צי דאָס — איך מיין אַלעסעס טויט, צי דײַן פֿארשווּנדן, צי ביכלאַל די שווערע לאגע (מײַן ברויט האָב איך פֿארדינט... נאָר אז ס'איז דאָ ברויט, גילט דאָך דער פּאסעך לוי האלעכעס יעוואדוי...). נאָר זי האָט זיך געענדערט. און זי האָט זיך צוגעקלעפּט צו דײַן קינד — צו דײַן סאָנעלען (זי איז דעמלט אלט געווען צוויי יאָר). וואָס הייסט צוגעקלעפּט, טאקע בעליִיו וואָנעפּעש. פֿארשטייט זיך, אז אַלעסעס טויט האָט בעפּיירעש איבערגעלאָזט א טיפֿן ווייטיק אין איר הארץ. אויך דאָרטן, אין סאמארקאנד, פֿלעגן זיך צו איר קלעפּן מאנצבלען, נאָר זי איז דאָך ניט קיין נאַר, זי האָט גוט געוווּסט, אז אזא געטרײַע ליבע טרעפֿט זיך אין לעבן איין מאָל. צײַטנווײַז פֿלעגט זי לאנג אָפּזיצן א שווײַגנדיקע בא סאָנעס בעטל. נאָר א זייגער בלײַבט א זייגער. עס ציט. זי איז ארויסגעטראָטן אין קלובן, שפּיטאָלן. נאָר איך האָב דערפֿילט, אז מיט איר שטים איז בא איר עפּעס געשען... עמעס, איך בין ווײַט ניט קיין גרויסער מיִיון אין אײַער סיסרע טוירע... די שטים האָט נאָך געקלונגען גאנץ שטארק און ווייך... אָבער דער בליאסק איז פֿון טאָג צו טאָג טונקל געוואָרן... די ווייכקײַט, די מעסיקע, די זיסקײַט — אַלץ ווייניקער און ווייניקער... און א מאָדנע זאך: דו געדענקסט דאָך, מיסטאמע, ווען זי האָט געארבעט אין אנסאמבל, האָט דער דאָקטער געייצעט אויסשנײַדן „די גלאנדעס“, נאָר זי האָט זיך אויסגעלאכט, און איצט, ווי נאָר זי פֿלעגט אויסטרינקען א ביסל קאלט וואסער, פֿלעגט עס גלײַך ווירקן אפֿן האלדז... זי האָט זיך אָנגעהויבן אָפּט צוקילן... מיר האָט עס געקאָסט פּודן געזונט, נאָר איך האָב געשוויגן... האקיצער, זי איז אָנגעקומען אף קורצטערמיניקע קורסן פֿון מעדיציניִשע שוועסטער און געארבעט אין שפּיטאָל. קומענדיק אהער צוריק, פֿארשטייסטו דאָך אליין, איז יעדער מענטש, שוין אָפּגערעדט א מענטש מיט א שטיקל פּאך, געווען ווי אף גאָלד. נו, איצט איז דאָך שוין ניטאָ וואָס צו רידן, זי איז אין שפּיטאָל, קאָן מען זאָגן, א שייני לעמעלעך. דער דירעקטאָר האָט ליב דעם ביטערן טראָפּן, איז אַלץ טוט זי. ער פֿארלאָזט זיך אף איר, זי האָט דאָך שוין א היפּשן סטאַזש. עטלעכע מאָל געווען, ווי בא זיי הייסט עס курсы усовершенствования. זי האָט געארבעט... שײַעך צו זאָגן געארבעט... טאקע געהאָרעוועט! באטאָג און באנאכט! איז דען פֿאראן כאָטש איין מענטש אין ראַיצענטער, כאָטש איין קאָלווירטניק אין די ארומיקע דערפֿער, ער זאָל זי ניט קענען? און א בעריע! אזא בעריע! א געזונט אין אירע הענט! און אף אַלץ געפֿינט זי צײַט. אין שטוב האָט אַלץ געפֿינקלט. דער גאָרטן — צו דער צײַט איבערגעגראָבן, צו דער צײַט געיִעט. עמעס, סאָנעלע פֿלעגט אָפּט קומען העלפֿן. אַלע שאבעס און זונטיק, אַלע יאָמטויוים. איז וויפֿל געדויערט דאָס? איצט גייען דאָך בא אונדז רעגולער די אווטאָבוסן — פֿאר קארגע דרײַ שאָ פֿון שטאָט. נאָר זי איז מאָדנע דיק געוואָרן. א פּעסל! נאָך אן אײַנהאָרע איר, גייט גיך, טוט גיך, אַלץ ברענט בא איר אונטער די הענט. אָפּרײַבן א באליע וועש איז בא איר א שפּיל. זאָג איך צו איר: „אז דו ביסט אזוי פֿארנומען, צו וואָס דארפֿסטו זיך וואָזגען מיטן כאזער? איך עס גיט, דו אויך ניט“. זאָגט זי: „און סאָנע?“ זאָג איך: „איב סאָנע האָט ליב טיי מיט א שטיקל פֿריש ברויט און סאלע, גייט מען אריַין און מע קויפֿט הונדערט גראם סאלע“. זאָגט זי מיר: „איך פֿארשטיי ניט, טאטע, אן איבעריקער רובל וואלגערט זיך בא דיר אין גאס? איך האָב שוין אף אים ניט איין קוינע“. „זעסטו חשע, — זאָג איך צו איר, — דאָס גלייב איך גרײַלעך, אָבער דו ביסט דאָך אזוי אויך פֿארנומען“.

אָבער איך זאָג דאָך דיר, זי געפֿינט צײַט... אז אַלץ ברענט בא איר אונטער די הענט. פֿארקויפֿט דעם כאזער, האָט זיך אָנגעהויבן א סעדרע מאָטאָציקל. דאָ איז שוין א ביסעלע שולדיק דײַן סאָנעלע. פֿארוואָס, זעסטו, האָט דיאדיע גרישע א מאָטאָציקל, און טיאָטיע בראָניע ניט — זי דארף געוויס, ער וועט צוניִץ קומען. א האלב יאָר איז אָפּגעווען דער מאָטאָציקל בא סאָנען, דער גאנצער אינסטיטוט איז שוין אף אים געפֿאָרן. דעם עמעס געזאָגט, פֿלעגט מיר אָפּט ציטערן דאָס הארץ. ס'איז דאָך ניט אונדזער ראַיצענטער, ניט אונדזער ברייטער שליאַך, איך רייד שוין ניט וועגן די שטילע דאָרפֿישע וועגן... „בראָניע, — פֿלעג איך צו איר טײַנען, — ס'איז דאָך א שטאָט — אווטאָבוסן, טראָליובוסן, טראמווײַען, עס קאָן, כאָלילע, נאָך עפּעס טרעפֿן, נעם צו בא איר דעם מאָטאָציקל! זי איז דאָך אזא שעד, ווי דו ביסט געווען (בראָניע מיט אַלע פּישטשעווקעס!)“. שרײַב איך, בעט זי. קומט אָן א בריוו, אז זי איז מאסקים, נאָר איך זאָל קומען צו איר, זי וויל מיך באקאָנען מיט איר גרופּע, זאָלן זיי, הייסט עס, זען, סארא שיינעם זיידן זי האָט. האָב איך

געהאַט אַן אַנדער ברייטע? פֿאַרן מיר איבערן שליאַך, און מיטאַמאָל פֿאַרקערעוועט — זי צום וואַלד. „וווּהין?“ — פֿרעג איך. „זאָל, — זאָגט זי, — דער דיאַדיע גרישע זען, אַז אונדזער מאַטאָציקל איז בעסער פֿון זײַן „אַלטן פּרימוס“...“ איך זע פֿונוויַטן, ער שטייט... טוט זי טייקעף אַ פֿאָר צו צו דער קאַנטאָר און אַ דריי דעם רודער, און זײַט מיר געזונט! זי האָט נאָר לאַכנדיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. ער האָט אַפֿילו ניט באַוויזן זאָגן אַ וואָרט און געבליבן שטיין מיט אַן אָפֿענעם מויל. אָבער סאָפּקאָלסאָף האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך בין פֿאָרט גערעכט: דער שאָפֿער פֿון דער „גיכער הילף“-מאַשין פֿלעגט אָפֿט געפֿינען פֿאַרשיידענע טערוצים. דאָ הוסט די מאַשין, דאָ כריפּעט זי, עפּעס קאַליע, באַזונדערס נאָך יאָמטעוו, זונטיק — מע מאַכט אַ קויסע... נעמט מען זיך צופּיל קושן, דערנאָך שלאָגן. די מאַשין שטייט. און זי אַפֿן מאַטאָציקל — דאָס קעסטעלע גייט גיך — און הײַדאַ! און אינמיטן נאַכט קלאַפּט מען דען ניט אין פֿענצטער:

— בראַניסלאַווע געוריכאַוונאַ, ראַטויצע!

מוז מען דאָך העלפֿן. זאָל זײַן אַ גוסרעגן, אַ פֿראָסט, אַ זאַווייע. זי וועט זיך ניט אָפּזאָגן. אַלע ווייסן: זי האָט אַ גאָלדן האַרץ. אַזוי איז דאָס טאַקע. ווער האָט זי דאָ ניט ליב? ווער וועט זאָגן וועגן איר אַ שלעכט וואָרט? איז דאָך גוט, האַ? וואָס האָט איר געפֿעלט? ס׳הייסט, ריכטיקער געזאָגט: וואָס פֿעלט איר? איך האָב אַלץ געטראַכט: עפּשער וועט זי פֿונדעסטוועגן געפֿינען איר באַשערטן? רײדן מיט איר וועגן דעם? זאָל גאָט אָפּהיטן! איינמאָל האָט זיך דאָ באַוויזן אַ פֿאָעט מיט אַ פּעמפּיק, און מיטאַמאָל איז ער אויך נעלעם געוואָרן. געווען, און אויס. האָט מיר דען דאָס האַרץ ניט געוויייטיקט? דאכט זיך, שיין, אַ בעריע, פּאַרדינט... נאָר קיין מאַזל איז ניטאָ. און שטענדיק, ווי נאָר עס ווײַזט זיך אין שטוב אַ מאַנצבל, ס׳הייסט אַ כאָסן, נעמט מיר טיאַכקען דאָס האַרץ. איך ווייס, ס׳וועט זיך סײַווי באַקומען מיט דער פֿוטער אַראָפּ... און די יאָרן גייען... די יאָרן? אין איר עלטער איז דאָך יעדער כוידעש, יעדער טאָג טײַער...

פֿאַלט אַראָפּ אהער אָט דער מאַרקוס בראַנדעסקאַ. דו פֿרעגסט, וואָס האָב איך צו אים? גאָרניט. איך האָב פֿײַנט נאָר, ווי ער קוקט אויף איר... אַן עלטערער מענטש (זי ווייסט דאָך פּינקטלעך: 64 יאָר!), און האָט אַ טעווע נאָר קוקן אויף איר דעקאָלטע (שטענדיק, אײדער ער קומט, טוט זי אָן אירע קליידער). איך פֿרעג גאָרניט... נאָר ער שלאָפֿט דאָך בײַ איר אין צימער... זי מיינט, אַז איך בין אים אַ סוינע, ווײַל אויב עס וועט זיך יאָ אײַנגעבן בײַ זײַ מיט דער בריגאַדע (שטענדיק ווײַזט ער מיר די אָנגעמאָלטע אַפּישע: „קאָנצערט, בראַניסלאַווא באַרשײַ, מאַרקוס בראַנדעסקאַ“), וועט מיר אויסקומען כאַדאָשימווײַז זײַן אַליין, דעריבער ווײַל איך ניט... איך שווײַג. זאָל איך איר זאָגן די עמעסע סיבע? (און אַז זי איז דאָ אין שטוב, קאָך איך ניט אָפּעסן אַליין קיין וואַרמעס? די גרויסע טוירע!).

דו פֿאַרשטייסט: איך גלייב ניט. איך גלייב ניט אין דער גאַנצער פּאָסטרויקע. ווײַל גערעכט איז דאָך יענער כאַווער, וואָס האָט מיר געשריבן: „ווען איר וואָלט אָנגעהויבן אין דער יוגנט...“. זי האָט טאַקע אָנגעהויבן אין דער יוגנט, און גאָרניט שלעכט. נאָר וואָס זאָל מען טאָן, אַז די יוגנט איז אַוועק? קאָן מען נאָר זינגען דאָס באַוווּסטע לידעלע: „אָ, יוגנט, יוגנט, קום צוריק“, נאָר וואָס קאָן מען מאַכן — זי קומט ניט צוריק. דו פֿאַרשטייסט: ער האָט איר אײַנגעשמועסט. און זי גלייבט. ער האָט אין איר אויפֿגעוועקט דאָס, וואָס עס איז שוין רויִק געשלאָפֿן... יענעם סאָם... דעם זיסן... וויפֿל טשײקאַווע געשיכטעס האָסטו מיר, מײערקע, דערציילט וועגן דעם? (און אַליין ווייס איך ניט? קנאָפּ געלייענט?) די שווערלעכע טראַגעדיע פֿון אַרטיסטן, וואָס צאַפּלט אין האַנט, וואָס ווילן שפּילן... וואָס ווילן זינגען...

אָבער יענער סאָם. דער זיסער סאָם איז דאָך דער ווילדער אַקשן. ער קאָכט אין דעם בלוט, ער טרײַבט, ער זידט, ער ברענט...

האָט ער דעם סאָם ווידער אָנגעצונדן:

— דו פֿאַרשטייסט, בראַניסלאַווע (ער איז מיט איר אויף „דו“), דו ביסט אַ געבוירענער מוזיקאַנט, אַ גאָט געבענטשטע וואָקאַליסטקע. זיצן מיט אַ דיפּלאָם פֿון אַ קאָנסערוואַטאָריע דאָ אין העק? אומגעהערט! אַ פֿעלדשער! אומדערלאָזבאַר.

דו ווייסט, וואָס ער טײַנעט?

— אויף זינגען אַ פֿאָלקסליד דאַרף מען אַ שטים די גרייס ווי אַ שוועבעלע, מע דאַרף אַ קאָפּ מיט 200 גראַם סייכל (הער אַ לאָשן! אַזוי זאָגט ער צו איר: 200 גראַם סייכל). די הויפּט-זאַך איז: אַרויסרופֿן בײַ „מוישע טיפּעש“ — בײַם געערטן פּובליקום צוויי זאַכן — אַ „לאַכעלע“ און אַן „אָכצעלע“ — אָט דאָס! און מער גאָרניט!

נו, וואָס זאָגסטו אויף אָט דעם מאַרקוס בראַנדעסקאַ?.. פֿע, מײערקע! יענער מאַמזער,

א פײַער אים אין די ביינער! נעמען א מענטשן, וואָס איז אזוי גוט אײַנגעאָרדנט, וואָס האָט אזא גוטן פּאַך, אזא קאָוועד און אײַנשמועסן אים א קינד אין בויך. דאָס דאַרף מען דאָך קענען! איך ווייס גוט, אז דאָס וועט זיך ענדיקן מיט א בראָך. ערשטנס, טראַכטן זיי ביידע ניט וועגן „זאגס". ס'איז דען א פּאָר? הימל און ערד! און צווייטנס: א פּופּציקיאָריקע יידענע זאָל ארומפּאָרן מיט א שטים, ווי ער אליין זאָגט, „די גרייס ווי א שוועבעלע"? צוליב וועז? צוליב וואָס? ס'איז טאַקע א לאַכעלע מיט אן אָכצעלע!

סאַנעלע טײַנעט (נאָר מיט איר און מיט אלעקסיי פּעטראָוויטשן רייד איך וועגן דעם): „איך פאַרשטיי ניט, זיידע, אז זי וויל — וואָס דאַרפט איר זײַן קעגן? זאָל זי פּרוּוון!"

א קלוגע און וויל ניט פאַרשטיין, אז דאָס אלץ וועט ארויסגיין באָקאָם, אז דאָס וועט זיך ענדיקן מיט אגמעסנעפּעש. און וויפל קאָן זיך דאָס ציִען אז מע איז אלט אָט־אָט 50? אלעקסיי פּעטראָוויטש זאָגט אויך: „זאָל זי פּרוּוון". און עפּשער, זאָגט ער, איז ער גערעכט, מאַרקוס — אז מע שטעלט זיי פלעקענער. אויסער דעם, וואָס דאָס איז אזא פּאַך, ווו ס'איז אַף טריט און שריט קינע־סינע, זײַנען נאָך פאַראַן ניט ווייניק גלאַט ביוראָקראַטן, נעגאָדיאַיעס, פּאַסקודניאַקעס, מענוּוואָלים... אָבער איך טײַנע מײַנס און אויסער אלץ: די ארבעט וועט אַף איר וואַרטן? עס וואַלגערט זיך אזא ארבעט? עס קומען צו היגע מענטשן. און פּענסיע? מע דאַרף דאָך וועגן דעם אויך טראַכטן... דיר קאָן איך זאָגן דעם עמעס, מייערקע: ווען איך בין א נאַטשאַלניק און עס גייט צו מיר ארײַן אָט דער 68־יאָריקער מענטש מיט זײַן 50־יאָריקער דיקער דאַמע, ווייסטו וואָס איך וואָלט זיי געפרעגט:

— אײַניקלעך האָט איר? איז פאַרט מיט זיי געזונטערהייט אין פּאַלאַנגע. וואָס מאַכט איר זיך נאַריש? אגעוו, פאַרגעסט ניט נעמען מיט זיך א נאַכט־טעפּל... אין פּראָקאַט איז דאָס ניטאָ!

אַמאָל האַלט איך ניט אויס און טו א פרעג:

— נו, די אַפּישע דרוקט מען שוין?

דער ענטפער:

— אָט מאָרגן־איבערמאָרגן. דער לעצטער „דורכקוק".

איצט הער איך שוין פון איר ניט: „איך פאָר אַפן דורכקוק". פאַראַן אנדערע טערוצים. ליבע? עס געפעלט אים די דיקע דאַמאַטשקע?

איך בין זיכער, אז ער איז דאָ אויסן „יענע מײַסע". דאָס „קעסטעלע": „איך וויל ניט הערן און וויל ניט וויסן", איך בין מער ווי זיכער, אז ס'איז קעזעוו וועשעקער, ווי זײַן מײַסע מיט זײַנע ברידער — „גרויסע מענטשן — גרויסע מיליאָנערן". קעזעוו וועשעקער. ער האָט איין שוועסטער, זי ארבעט אין קיבוץ אַף דער אויפעס־פערמע (אז מע שלאָפט צוזאמען, האָט ליב א פרוי א קוק טאָן, וואָס ליגט בא איר געליבטן, לעהאַוודל, אין פּידזשאַק. האָט זי געלייענט דעם בריוו). „אויב דו ווילסט קומען, — שרײַבט זי, — איז אדעראבע, קום, און האָגאָם דו ביסט שוין א זאָקן, — אזוי שרײַבט זי, „א זאָקן"! — נאָר אן ארבעט וועט זיך געפינען... א פּאַסטעך איז בא אונדז א גוטע, בעקאָוועדיקע פּראָפעסיע...". גאָלדענע ווערטער, הא, מייערקע! ס'איז געוויס אזוי! אונדזער פּאַסטעך האָט א גראַמאַטע, זײַן פּאָרטרעט איז אָפּגעדרוקט אין דער ראַיאָנער צײַטונג... זי האָט אים אפילע פונעם כומעש געבראַכט א פּאָסעק — נאָר בראָניע האָט עס ניט געקענט איבערלייענען. ס'איז אַף לאָשנקוידעש... יאָ, מייערקע, איך בין מער ווי זיכער, אז ער האָט זיך צו איר צוגעקלעפּט צוליב יענעם מײַסעלע... יאָ, איך בין מער ווי זיכער... ער שווײַגט, דער מאַמזער, ער רעדט ניט קיין וואָרט... ער ווייסט, אז איך וועל טאָן אלץ פאַרקערט. ער פילט: איך האָב אים פײַנט, ווי א שפּין. ער פאַרשטייט, אז איך בין ניט קיין פּעפּקע. איך האָב צו אים גאָרניט. ער האַלט זיך פאַר אן ארטיסט. ער קאָן זיך ניט שיידן מיט זײַן ארבעט. ער גאַנוועט ניט בא יענעם זײַן ברויט. ס'איז אלץ ריכטיק. נאָר וואָס האָט ער צו בראָניען? זי האָט ווייניק צאָרעס איבערגעלעבט? צוליב וואָס וועקן בא איר יענעם סאַם... דעם זיסן סאַם... צוליב וואָס? צוליב וועמען?

אָבער וואָס זאָגסטו אַף דער שוועסטער אַף זײַנער, הא? א קלוגע פרוי! א פּאַסטעך, זאָגט זי, איז בא זיי אויך א בעקאָוועדיקע פּראָפעסיע! וואָדען? איך וואָלט אים געזאָגט אנדערש: מילך ווילסטו טרינקען? נו, און ווער וועט פּאַשען די בעהיימע?

אוי, ריבוינעשעלוילעם, ריבוינעשעלוילעם, האַלעווײַ וואָלטן אַף דער וועלט געווען גוטע פּאַסטעכער, וואָלט עפּשער קיין מילכאָמע ניט געווען? וואָלטן עפּשער דײַנע ביינער ניט געלעגן דאָ, אין יאַר, אָט דאָרט, קימאַט א קילאָמעטער פון דער סאַנאַטאָריע, אריבערן טײַכל...

און עפּשער ניט? עפּשער גאָר ניט דאָרט ליגן דײַנע ביינער? עפּשער גאָר אין אן

אַנדער אָרט... עפּשער דאָרטן, ווו פון די קוימענס פלעגט שפּאַרן דער שוידערלעכער רויך פון פאַרגאַזטע גופים?.. עפּשער האָב איך ניט געדאַרפט זאָגן סאָנעלען, אַז דאָ ליגן דײַנע ביינער? האָ? מײַערקע? ווי מאָדנע ענלעך דו ביסט אויף יענעם יונגן היסטאָריקער. דער, וואָס האָט געפונען דעם אַלעפבייס פון דעם פאַרשוווּנדענעם פאָלק מירבי...

[3]

דער אַלטער הענעך האָט בעפּיירעש אַ טאָעס געהאַט, ווען טראַכטנדיק וועגן דעם בראַנדעסקען: — אַ פײַער אין זײַנע ביינער! אַ שליאַנדריק! — איז ער זיכער געווען אין זײַן אומפאַרמײַדלעכן פּסאַקדין וועגן בראָניעס פאַרזעונלעכע גליקן.

— אָבער אומגליקן קלעפּן זיך צו איר!

ער וואָלט נאָר ביליק אַ שמייכל געטאָן, ווען מע זאָגט אים: — ער האָט זי ליב, בראָניען...

און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. ער האָט זי ליב געקראָגן. אויפריכטיק ליב. פאַרשטייט זיך, זי האָט וועגן דעם מיטן טאַטן ניט גערעדט. זי האָט ביכלאַל שוין פון לאַנג אויפגעהערט צו ריידן מיט אים וועגן איר פלענער. זי האָט געפילט, אַז יעדעס מאָל, ווען מאַרקוס קומט, גייט ער אַוועק פון שטוב. דאָס קאָסט אים געזונט. ער וויל אים ניט זען, ער וויל אים ניט הערן. ווײַזט אויס, לויט איר באַקאָשע איז מאַרקוס אַלץ זעלטענער געקומען. ער האָט ניט געוווּסט, מיט וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלער ענערגיע פאַרנעמט זיך בראַנדעסקאַ בוכשטעבלעך טאָגטעגלעך, קעדיי אומקערן בראָניען צו איר אַלטן פאַך. קוידעמקאָל האָט ער געדאַרפט, אַז זי אַליין זאָל אָנהייבן גלייבן אין זיך, עס זאָל זיך אַפילע אומבאַמערקטערהייט, רויִק, נאַטירלעך צוריק אָנצינדן דער אַלטער, זיסער סאַם.

צײַטנווײַז פלעגט זי פּרוּוון דערציילן אייניקע פּראָטים וועגן בראַנדעסקאַ, וועגן „דעם גוטן נאָמען, וואָס ער האָט" — ווי זי פלעגט זיך אויסדריקן... הענעך פלעגט נאָר אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט, ס'הייסט: — טשעפּע זיך פון מיר אָפּ...

נאָר סאָפּקאָלסאָף האָט זיך מאַרקוס בראַנדעסקאַ דערשלאָגן זײַנס. זי האָט אָנגעהויבן אויפריכטיק גלייבן, אַז זי קען נאָך — זאָל זײַן אויף אַ קורצער צײַט — „ווידער אַ בליק טאָן", ווי מאַרקוס פלעגט זאָגן. „פאַרוואָס, — פלעגט ער ניט איין מאָל טײַנען, — פאַרוואָס דאַרף אַ מענטש מיט אַ דיפּלאָם פון אַ קאָנסערוואַטאָריע זיצן ערגעץ אין אַ העק, אין אַ ראַיצענטער און מאַכן אַן אוקאָל?"

— אַ דיפּלאָם, — פלעגט זי ענטפערן, — קען ניט אומקערן די פעיִקײַט...

נאָר ניט פון אים, נאָר פון זײַנע פילצאָליקע פרײַנט פלעגט זי ניט איין מאָל הערן:

— אַ פעיִקער מענטש...

— בעפּיירעש, אַ פעיִקער מענטש.

— די יִידישע און ווײַסרוסישע פאָלקסלידער באַקומען זיך בײַ איר זייער גוט...

— אָנגעמאָסטן פאַר דער עסטראַדע...

מאַרקוס בראַנדעסקאַ האָט טאַקע געהאַט אַ גוטן נאָמען אין דער קאָנצערט-אָרגאַניזאַציע. ער האָט זיך גערעכנט פאַר איינעם פון די בעסטע אַדמיניסטראַטאָרס. מיט אים האָבן געוואָלט אַרבעטן די בעסטע קויכעס פון שטאָט. קוידעמקאָל איז ער געווען אַ וואָרט-מענטש. אויב עפּעס צוגעזאָגט, איז אומבאַדינגט אויסגעפילט. דאָס האָבן אַלע אַרטיסטן געוווּסט. ער פלעגט קיינמאָל ניט פאַרמינערן די שווּעריקײַטן, וואָס קענען זײַן אין דער אָדער יענער נעסיִע. אַ לענגערע צײַט האָבן די דירעקטאָרן ניט געגלייבט, ער זאָל ניט מאַכן קיין „לינקע קאָנצערטן", אַדאַנק וועלכע — האָבן זיי געטראַכט — איז יעדער אַרטיסט גרייט זיך אויפהייבן אינמיטן נאַכט און פאָרן מיט אים. מעגלעך, אַז קיין גרויסן טאָעס האָבן זיי ניט געהאַט, ווײַל וואָס-וואָס, נאָר אָן איבעריקן רובל האָט מאַרקוס ניט פײַנט געהאַט. נאָר איין זאַך איז בעפּיירעש געווען אָן עמעס, און דאָס האָבן געוווּסט אַלע: מאַרקוס בראַנדעסקאַ איז פאַרליבט אין דער אַרבעט. ער ווייסט זי, פאַרשטייט זי אויסגעצייכנט. איך אין טאָגטעגלעכן לעבן איז ער געווען אַ פילבאַרער, האַרציקער כאַווער. טאָן אַ טויווע, אַנטלײַען אַ גמילעסכעסעד, מעוואַקער כוילע זײַן אַ קראַנקן אַרטיסט, עפּעס קריגן וואָס פון דעפיציטע זאַכן, — דאָס אַלץ האָט ער געטאָן מיט פאַרגעניגן. באַקאַנטשאַפט. און אויסער דעם: די רעזשיסערן פון דער קאָנצערט-אָרגאַניזאַציע פלעגן זיך צוהערן צו זײַן מיינונג. אָפּטמאָל אָנעמען טאַקע קריטישע באַמערקונגען. אַלע אַרטיסטן האָבן געוווּסט, אַז ער איז קימאַט, אָן אַ גוזמע געזאָגט, פון דער פריִער יוגנט געקניפּט און

געבונדן מיט דער עסטראַדע. אַקטיאָרן, באַזונדערס יונגע אַקטיאָרן, פּלעגן ליב האָבן שאָענ־ווײַז הערן זײַנע זכרונות. בראָניע איז איינמאָל בײַגעווען בײַ אַזאַ סצענע און האָט געזאָגט:

— איך ווייס נאָר איין עסטראַדע־אַרטיסט, וועלכער האָט געקענט צו 70 יאָר אָנטאָן אַ צילינדער און טאַנצנדיק זינגען קופּלעטן — קלאַראַ יונג! נאָר ניט מאַרקוס יונג.

בראָניע, זײַענדיק די לעצטע צײַט צוריקגעהאַלטן, אַפילו פאַרזיכטיק אין אײַנשטעלן נאָענטע קאָנטאַקטן מיט אים, האָט זיך אָבער ניט איין מאָל איבערצײַגט, אַז זי האָט צו טאָן ניט מיט קיין שליאָנדריק. שפּעטער, ווען זי האָט דערפילט, אַז איר ציט צו אים, אַז ער איז איר בעפירעש טרײַ, האָט זי אים נאָר איין מאָל געפרעגט:

— וויאַזוי דו — אַ קלוגער, דערפאַרענער מענטש און, ווי איך זע טאַקע, אַ מענטש מיט אַ גוטן נאָמען, — וויאַזוי האָסטו געקאָנט דערלאָזן, אַז דער טאַטע זאָל דיר ווערן אַ דאַם־סוינע?

— בראָניעלע, — פלעגט ער ענטפערן שמייכלענדיק, — דאָווויד האַמעלעך, וואָס איז געווען קליגער און פרימער פון אונדז ביידן, דאָווויד האַמעלעך, וואָס האָט איבערגעלאָזט דער מענטשהײַט זײַן טילים, האָט אָפּגעטאָן איין קלייניקײַט: ער האָט גענומען אַן ערלעכן מענטש, געשיקט אים אויף טויט און צוגענומען זײַן ווײַב. פרעגסטו מיך, וויאַזוי, וויאַזוי... איצטער וועסטו מיר שוין געוויס גלייבן, אויב איך וועל דיר זאָגן, אַז שולדיק איז זי. ריכטיקער, דער וווּנדערלעכער גרוס, וואָס איך האָב באַקומען פון איר, וואָס איינע אַ דאַמע, וועלכע איז געקומען אַהער צו אונדז אין שטאָט אין באַשטאַנד פון אַ טוריסטישער דעלע־גאַציע און טאַקע דעמלט האָט זיך בײַ מיר ווידער אָנגעהויבן דער וואָסרויצעצו — יאָ פאָרן, ניט פאָרן. אויב „יאָ" איז ניט קומען צו איר ווי אַ קאַפּצן. האָבן כאָטש אַ קליינעם, נאָר אַן אייגענעם פעסטן רובל. פלעג איך אָנהייבן זוכן „די צענערלעך". געטראַכט טאַקע האָב איך אָנהייבן פון דעם דעם שמועס און נאָכדעם אַריבערגיין צו דעם „קעסטעלע". ערשט דעמלט, ווען איך האָב דיך דערזען און מיר האָבן זיך צעשמועסט און געוואָרן פרײַנט, האָט מיר די גאַנצע מײַסע שטאַרק פאַרדראָסן. אָבער דו ווייסט דאָך אויך גוט, אַז זײַן סינע צו מיר נעמט זיך אויך דערפון, וואָס ער וויל ניט, דו זאָלסט וואַרפן אַזאַ גוטע שטעלע, ער וויל ניט, דו זאָלסט אַוועקפאָרן. ער וויל ניט און גלייבט ניט.

ניין, ער האָט עס אַפילו ניט געוואָלט אויסבאַהאַלטן פון בראָניען. עמעס, די ערשטע צײַט פלעגט בראָניע אים זאָגן:

— דו זאָג מיר ניט קיין האַלבע ווערטער... דערצייל אַלץ.

— בראָניע, איך טשעפּע ניט דײַנע ווונדן, דו טשעפּע ניט מײַנע ווונדן...

נאָר איינמאָל, ווען בראָניע האָט געמאַכט אַ גענעראַלע אויבאָרקע בײַ אים אין צימער, האָט זי געפונען איר פּאָטאָ. אַ פּרעכטיקע שיינע יונגע פרוי. אויף דער אַנדערער זײַט האָט זיך פאַרהיט שפּורן פון דער פאָטאָ־פירמע „בוקאַרעשט". דאָס איז געווען זײַן ווונד... און פּאַסירט האָט עס — ווי דאָס טרעפט אָפט — אין סאַמע בליי פון זײַן יוגנט, און וואָס איז שוין לאַנג באַוווּסט און גוט באַקאַנט — האָט מאַרקוס מיט אַ ביטערן שמייכל צוגעגעבן.

ער איז געווען יונג און זייער פעיִק און... זייער אָרעם. זי איז געווען שיין, עלטער פון אים אויף גאַנצע פינף יאָר און, פאַרשטייט זיך, קאַפּריז. האָט זיך עס געענדיקט פּאָ־שעט: זי איז אַנטלאָפן מיט אַ יונגן רײַכן סויכער קיין אַרגענטינע. דאָרט האָט זי, אַגעוו, געהאַט רײַכע ברידער און שוועסטער. איצט איז זי אַן אַלטע אַלמאָנע (אַ זייער רײַכע דאַמע, נאָך זייער־זייער סימפּאַטיש־עלעגאַנט — ווי יענע טוריסטן האָט דערציילט). זי שיקט איך פּאָטאָ („אַ דאַנק, מאַדאַם, אַ דאַנק!"), זי ווייסט שוין פון לאַנג, אַז ער לעבט דאָ אין דער גרויסער שטאָט... זי וויל זייער וויסן, צי עפּשער איז נייטיק אים וועלכע־ניט־איז הילף. („ניין, מאַדאַם! איך נייטיק זיך ניט..."). זי ווייסט אַפילו, אַז ער איז זייער געאַכטעט פון זײַנע פאַך־קאָלעגן... איינער אַ פּוילישער ייִד, מיט וועלכן דער הער בראַנדעסקאַ האָט גע־לעבט ערגעץ („אין קאַזאַכסטאַן, מאַדאַם"), יאָ... יאָ... האָט איבערגעשיקט די ערשטע גרוסן. זי איז געווען אַפילו גליקלעך...

טאַקע פון אָט דעם פּוילישן ייִדן, אַ זאָקן אַ שנײַדער, ער איז געשטאָרבן, איז געווען אַ וויכטיקער גרוס וועגן אַן אינטערעסאַנטן איניען, וואָס די מאַדאַם גענריעטאַ וויל, ער זאָל וויסן וועגן דעם (אַפילו אַן איניען?). אַ זייער גוטע פרײַנדן פון אײַער פרויס אַ ווײַטער קרוווע איז געפאָרן צו איר קראַנקער מוטער אין אַ שטעטל דאָ ערגעץ אין אײַ־רע קאַנטן און מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן. די מוטער און די טאָכטער זײַנען געשטאָרבן. זי האָט אָבער באַוויזן זאָגן אָט יענעם ייִד וועגן אירס אַ קעסטעלע צירונג, וואָס זי האָט באַגראָבן אין אַ קעלער ערגעץ דאָ בײַ אײַך אין אַ שטעטל בײַ איינעם אַ ייִד אַ זייגער־

מײַסטער — אײן מינוט, כ'וועל א קוק טאָן אין ביכל... סמילאָוויטש צי סמאָלעוויטש... פאראַן אזעלכער („פאראַן, מאדאם, פאראַן").

ווען בראָניע האָט עס אויסגעהערט, האָט זי, פארשטייט זיך, געזאָגט אזוי, ווי נאָר זי, בראָניע, האָט געקענט זאָגן:

— א טויבער האָט געהערט, אז א בלינדער האָט געזען ווי א בעהיימע איז געפלויגן...

— כאלוימעס!

— פונעם פערדס פוס פּאָדקאָוועס... ניט אזוי?

— איך האָב, בראָניע, אויך אזוי געטראכט און אויסער דעם — 25 יאָר! נאָר וואָדען? די ערשטע צײַט האָט מיך געעגבערט א מאָדנער געדאנק: עפשער קומען צו איר? עפשער גענוג צו טראכטן נארישע טרוימען וועגן געפינען פאר זיך עפּעס גוטס... אף דער עלטער איז דאָס קימאט אויסגעשלאָסן... אָדער ווידער זיך פארסאמען מיט א יונגער שליוכע צוליב געלט?

איז אָט: ווען עס פלעגט זיך אָנהייבן דער „יאָ-פאָרן", פלעגט ער נעמען זוכן „די געלינקע", ווײַל איידער קומען צו איר, איז נאָר מיט עפּעס אין קעשענע און אינגאנצן און מיט אלץ א באזאָרגטער. זי זאָל כאסוועכאָלילע ניט מיינען, אז אָט הייסט עס: מאסקים קומען צו איר צוליב מײַן קאפּצאָנעס. כאָטש בלוט פון נאָז, נאָר דאָס ניט. איז אז עס האָט זיך געמאכט די יאזדע צו אײַך — בין איך געווען געוויס צופרידן. קומען גלאַט אזוי אין דער וועלט און זוכן א זייגער-מײַסטער האָב איך ניט געוואָלט. נאָר שטעל זיך פאָר, אז גראָד דעמלט, ווען איך בין געקומען צו אײַך מיט דער בריגאדע, איז בא מיר געווען די שטימונג פון „ניט-פאָרן". א גליק, וואָס דו ביסט דעמלט געקומען.

— מיר דאכט, אז ער איז נאָך איצט זיכער, אז דו ביסט געווען אן אונטערגעשיקטער...

— איך וועל דיר זאָגן, בראָניע, דעם ריינעם עמעס: איך אליין וואָלט אויך אזוי געטראכט. גראָד דעמלט ליגט בא אים אפן טיש א צײַטונג וועגן א גרויסן פּראָצעס איבער וואליוטשיקעס... נאָר דאָך זאָג איך דיר נאָכאמאָל און נאָכאמאָל, אז דער קאָס איז ניט איבער דעם, ווײַל איך האָב אים געפּרוווט בארויִקן, אז איך בין א דאָרטיקער, אז איך פאָר אהין, קיין פּוילן, און פון פּוילן ווײַטער. עמעס, ער האָט גאָרניט געזאָגט, נאָר עס האָט ניט געהאָלפן... ער איז טאקע זיכער געווען, אז איך בין אן אונטערגעשיקטער... ווען איך בין אוועקגעפאָרן, איז פאר מיר געווען קלאָר: איך האָב דאָס לעצטע מאָל באגעגנט מײַן גליק. און אויסער דעם: דו, א מענטש מיט קאָנסערוואטאָריע-בילדונג, זאָלסט דאָרט זיצן אין פּוילן? פאר וואָס, פאר ווען? בעפיירעש א טאלאנטפולער מענטש! און איך האָב זיך געזאָגט: איך וועל זי ארויסשלעפּן. און אזוי איז טאקע געווען. ער האָט זי ארויסגעשלעפּט. בראָניע איז געווען גליקלעך.

[4]

— ניין, מייערקע, איך האָב זיך אַף איר ניט דערוואַרט... זי איז ניט געקומען. זי האָט נאָר צוגעשיקט אַ קורץ בריוול. געציילטע עטלעכע שורעס, אַז זי פֿאָרט אַוועק מיט זײַן בריגאַדע אַף אַ כאַדאָשים צוויי און פֿאַרענדיקט: „טאַטע, איך בעט דיך זייער, זײַ ניט באַרויגעז אַף מיר"... איך האָב געפֿילט, אַז די שורעס האָט זי אָנגעשריבן מיט טרערן אין די אויגן... ס'איז יענע טרערן, דעם ביבערס...

— טאַטע, פֿאַרוואָס זאָגט מען „ער קלאָגט, ווי אַ ביבער"? אַזוי, מייערקע, האָסטו אויך איינמאָל געפֿרעגט. מע דערציילט, אַז דער ביבער גייט צו דער פּאַסטקע אַף דער „פּרימאַנקע" און וויינט... ער ווייסט, אַז דאָרט וואַרט אַף אים דער טויט, נאָר עס ציט — גייט ער און וויינט... איך בין זיכער, מייערקע, אַז אויב ס'איז שוין ניט אַזוי, וועט עס זײַן... נאָר דו אַליין פֿלעגסט דאָך זאָגן:

„אוקאַהאַל"? יאָ, קונסט איז גליק — עס ציט... ווי דאָס פֿײַערל ציט צו זיך דעם שמעטערלינג... איך דאַרף זי פֿאַרשטיין? געוויס. דעם עמעס געזאָגט, האָט מיך טיף פֿאַרדראָסן אָט וואָס: איך זאָל ניט וויסן. בישטיקע. איך רייד וועגן דער מעלדונג, מע זאָל זי באַפֿרײַען פֿון דער שטעלע. דער טאַטע דערוויסט זיך וועגן דעם פֿון אַנדערע. דו ווילסט זאָגן, מייערקע, אַז איר איז שווער געווען צו קומען אַהיים און זאָגן: „טאַטע, איך האָב דערלאַנגט אַ מעלדונג, אַז איך גיי אַוועק פֿון דער אַרבעט", מיט דעם בין איך מאַסקים...

— „געוויס איז דאָס ריכטיק" — זאָגסטו... נאָר דו מיינסט עפּעס אַנדערש מיט דײַן „איך דאַרף זי פֿאַרשטיין"?

— וואָדען? איך פֿאַרשטיי זי ניט? ווילסט זאָגן, מייערקע, אַז אַן אַרטיסט, אַ קינסטלער, ווען ער ווערט שוין אַלט, קראַנק, כאַלעמט ער וועגן איין זאַך — כאָטש נאָכאַמאָל, כאָטש אַ קורצע צײַט פֿאַרזוכן דעם פֿאַרגעניגן פֿון קונסט, אַף וואָס ער האָט אָפּגעגעבן זײַנע בעסטע יאָרן...

— צי איך שטעל זיך פֿאָר איר פֿרייד? ווען זי האָט געזען איר נאָמען און פֿאַמיליע — בראָניסלאַוואַ באַרושײַ — צווישן די איבעריקע פֿאַמיליעס אַף דער אַפֿישע...

— צי איך שטעל זיך פֿאָר איר פֿרייד, פֿרעגסטו מיך?

זי גייט אַרויס אַף דער בינע. הונדערט אויגן קוקן. זי זינגט. אַפּלאָדיסמענטן. דער הייליקער ספּירט!

— צי איך שטעל זיך פֿאָר איר פֿרייד! נאָך אַזאַ איבעררײַס! נאָך אַזויפֿיל צאָרעס! ביסט גערעכט! געוויס ביסטו גערעכט, מייערקע. נאָכאַמאָל זאָג איך דיר: איך האָב ניט געגלייבט. איך גלייב ניט אין ניסים.

— ער האָט זי ליב.

— דו זאָלסט אַזוי ריידן, מייערקע?

— ער האָט זי ליב.

— נאַרישקײַטן! „ער האָט זי ליב". איך וויל עס אַפֿילע ניט הערן. אַף דער עלטער ווערן זקיינים נאָך מער אויסגעלאָסן...

— ער איז דאָס גאַנצע לעבן געווען עלנט...

— אָט, אָט! איבער זײַן אויסגעלאָסנקײַט... וואָס? וואָס זאָגסטו? איך הער שלעכט, רייד העכער, מייערקע, קיינער איז אין שטוב ניטאָ. סאָנעלע איז נאָך ניט געקומען... זי גייט אַף די מעלוכע-עקזאַמענעס. רייד העכער!

— זי האָט אים ליב.

— זײַ מיר מויכל, דאָס רעדסטו שוין גאָר ווי אַ...

— זי האָט אים ליב.

— דאָס קאָן ניט זײַן. שפּעט! שוין צו שפּעט פֿאַר ליבעס. און אויסער דעם, זי האָט ווען-עס-איז וועמען ליב געהאַט? אַפֿילע אים, דעם ערשטן און דעם בעסטן, פֿלעגט זי רופֿן צוגיין מיט אַ פּײַף. אַ שיין מיידל, אָרום וועלכער עס דרייט זיך אַ כאַפּטע, וועט זיך ניט אײַנליבן. עס טרעפֿט. זייער, זייער זעלטן. איינמאָל האָב איך איר געזאָגט: ער מיינט דיך, צי יענע מײַסע? איך קאָן דיר ניט איבערגעבן, ווי זי האָט זיך צעשריִען. און פֿון דעמלט אָן האָט ער אויפֿגעהערט אַפֿילע קומען אַהער. פֿון דעמלט אָן רעדט זי ניט אַפֿילע וועגן אים. זי האָט דאָך אַליין געזאָגט. געדענקסט: „אַ בלינדער האָט געזען, ווי אַ שטומער האָט געזאָגט, אַז אַ בעהיימע איז געפֿלויגן"... און... עפּשער... איך וויל טאַקע בא דיר פֿרעגן, מייערקע: עפּשער איז דאָס טאַקע אַן עמעס? „יענע מײַסע"... דאָס שאַכטעלע... געווען אַזעלכע פֿאַלן... דאָס שאַכטעלע צירונג... יאָ... כ'האָב שיר ניט פֿאַרגעסן... פּונקט אַ טאָג פֿאַר בראָניעס אָפּפֿאָר איז געווען אַ מאַרק-טאָג. איז זי אַוועק עפּעס קויפֿן. שטענדיק ברענגט

זי אים עפּעס: א הינדל, א קריגל האָניק, סמעטענע, קעז. אָבער דאָס מאָל האָט זי זיך פאַרזאַמט מער פון אַלעמאָל. וואָס איז געשען? זי האָט דערזען, ווי נאַסטיעס טעכטערל, וואָס אַרבעט אַלס סאַניטאַרקע, האַלט א קלייד צום פאַרקויפן. א שיין קלייד, פונקט, טראַכט זי, פאַר סאָנעלען א מאַטאַנע.

— מע דאַרף א טראַכט טאָן, עפּשער טאַקע ווי א זוך טאָן...

— א זוך טאָן? דו ווייסט, וואָס דו רעדסט? איצט? ווען עס גייען די פּראָצעסן איבער די וואַליוטשיקעס?

— יאָ, טאַקע איצט. געפינען און אָפּגעבן דער מעלוכע.

— וואָדען? ווי טראַכסטו, מייערקע, איך וועל דאָס נעמען פאַר זיך? אַף וואָס דאַרף איך דאָס, אָדער סאָנע, בראָניע? קויפן וועלדער, קויפן זאַוואָדן, אַוטאָמאָבילן, אימעניעס, דאַטשעס, האָטעלן?

— די מעלוכע גיט 25 פּראָצענט...

— זאָל איך, הייסט עס, אַוועק אין ראַיסאָוועט און זאָגן: גייט און זוכט?

— מע קאָן אַזוי.

— אָדער אַליין גראָבן...

— מע קאָן אַזוי אויך.

— נאָר דו שטעלסט זיך פאָר, וואָס דאָ וואָלט זיך אָפּטאָן? דו שטעלסט זיך פאָר דעם ביזוווּנדער?

— „גיי איך צו נעענטער, — האָט זי דערציילט, — נעם דאָס קלייד און איך פיל מאַמעש, אַז דאָס בלוט האָט מיר א קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ. ציניקע מירלס געניי! געדענקסט ניט מיסטאַמע, מייערקע... געווען בא אונדז א ציניקע מירל, א שניידערקע. אונדזערע מיידלעך פלעגן טראָגן אירע קליידער. אַפילע די מיידלעך פון פוילישן דאָרף פלעגן בא איר באַשטעלן אַזעלכע קליידער: „דאָס יידישע קלייד" — אַזוי האָט געהייסן די מאָדע. פרעגט בא איר בראָניע: „ס'איז דען ניט דיין מאָס, וואָס דו פאַרקויפסט?" זאָגט זי: „צו קורץ, ס'ליגט שוין לאַנג בא אונדז...". די מאַמע האָט געזאָגט: „פאַרקויף און ניי זיך אויף אַן אַנדערע". איז דאָך אָבער בראָניע — בראָניע! באַצאָלט זי איר פאַר דעם קלייד און גייט אַריין צו נאַסטיען. האַקיצער, וואָס דאָרט איז געווען, פאַרשטייסטו דאָך אַליין. נאָר נאַסטיע האָט געקלאָגט און געשוואָרן, אַז דאָס קלייד האָט זי געקויפט נאָך מיט יאָרן צוריק, ווען מאַלאַנקע איז נאָך געווען א קינד — זאָל ליגן אין סונדוק א שיין קלייד — בעכאַצי-כינעם בא איינער א פּויערטע. זי איז גרייט שוין די רעגע גיין מיט איר אַהין... שוין, די רעגע... ס'איז טאַקע ריכטיק, זאָגט זי, ס'איז טאַקע ציניקע מירלס געניי... וואָס אַן עמעס, קאָנדראַט האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, נאָר לעסאָף געזאָגט: „אויב איר האַלט, אַז עס איז אייער קלייד, איז נאָט אייך, בראָניסלאַווע, דאָס געלט צוריק". פאַרשטייט זיך, אַז דאָס געלט האָט זי ניט גענומען צוריק — עס איז דאָך פאַראַן א מענטש, וואָס קאָן באַשטעטיקן, אַז נאַסטיע איז גאָט די נעשאָמע שולדיק... „אָבער זאָג מיר, טאַטע, — האָט בראָניע צו מיר געטיינעט, ווען זי האָט שוין געהאַלטן גיין צום 12-אַזייגערדיקן אַוטאָבוס, — איך האָב נאָך ניט געזען, אַז א פּויערטע זאָל קויפן פאַר א קליין קינד א קלייד פון א דערוואַקסענעם מיידל"... זאָג איך צו איר, ווי מע זאָגט אַמאָל בא אונדז, טאַקע בלייבט א קאַשע: יאָ גע-קויפט — ניט געקויפט, האָסט ניט געדאַרפט עפּשער פאַרקאָכן די גאַנצע קאַשע. אַגעוו, דאַרף איך דיר זאָגן, אַז אונדזער גאַלעך און דער קסיאָנדז — זיי לעבן נאָך ביידע — האָבן מיר דערציילט, אַז דעמלט, ווען מע האָט די איבערגעבליבענע יידן פאַרטריבן אין געטאָ, האָבן זיי אויסגערופן אין קלויסטער און אין קאָסטיאָל, אַז דער, וואָס וועט זיך צורירן צו פרעמד גוטס, וועט באַשטראָפט ווערן פון גאָט... נאָר הער א מייסע: זי פאָרט אַוועק, און פונקט אַף מאָרגן רופט מען אַרויס קאָנדראַטן אין ראַיסאָוועט... נאַסטיע איז צו מיר אַריינ-געלאָפן ניט טויט, ניט לעבעדיק. און וויפל איך האָב איר ניט איינגערעדט, אַז דאָס האָט ניט קיין מינדסטע שייכעס צו דעם קלייד, האָט זי אירס געטיינעט, אַז מיר, ס'הייסט בראָניע, האָט זיך מיסטאַמע געזשאַלעוועט... ווען ער איז געקומען צוריק, בין איך אַליין אַריין צו זיי. ער איז געזעסן א פּינצטערער. וויל איך שוין עפּעס פרעגן, זאָגט ער צו מיר: „רעב העניעך, קיין שום טייַנעס האָב איך ניט, ניט צו אייך, ניט צו בראָניסלאַווען... מע האָט בא מיר געפרעגט, צי וויל איך ניט פאָרן אַף צעלינאַ"... מער גאָר! דערציילט מיר אַף מאָרגן ניקאָליי פּעטראָוויטש, אַז ס'איז קוזוו וועשעקער — קיין שום צעלינאַ... שטעל זיך פאָר, מייערקע, אַז היינט איז ער צו מיר, אָט טאַקע דאָ ניט לאַנג — ער פלעג קיינמאָל ניט קומען צו מיר — און ווייסט, וואָס ער האָט מיך געבעטן? אַז אויב, הייסט עס, מע וועט מיך אַרויסרופן, זאָל איך זאָגן וועגן אים א גוט וואָרט... איך האָב אים צוגעזאָגט. ווייל, צוריק-

גערעדט, ניט פאר דער מילכאָמע, ניט נאָך דער מילכאָמע האָב איך פון אים קיין שלעכטס ניט געזען, וועגן נאַסטיען איז שוין אָפּגערעדט. פאַרן אוועקגיין פרעג איך אים:

— איז טאקע אַן עמעס, אַז נאַסטיע האָט מייערקען געזען?..

— אַן עמעס. איך האָב געזאָגט דעם טעכטערל — מײַן אייניקל, אַז זײַנע ביינער ליגן דאָ...

— געוויס אַזוי.

— פאַרוואָס?

— ער האָט ווײַט ניט געקענט אוועקגיין — פון אַלע אַרומיקע יישוווים האָט מען אַהער צונויפגעטריבן — אַקציעס. מע האָט אפילע נאָענט ניט צוגעלאָזט צום דראָט... איך בין שוין דאָ ניט געווען...

— ער האָט געהאַלטן א פּאָרטפעל...

סאָנעלע:

— זיידע, וואָס האָט געקענט ליגן בא אים אין פּאָרטפעל?

— נו, וואָס?

— זאָג איך דיר זיכער: דער דיפּלאָם. די סימפאָניע, „גיי איך מיר אַרויס אפן גאַנעקל".

— ליגן טאקע דאָ דײַנע ביינער? הא, מייערקע?

[5]

סאָטשי.

די קאַווקאַזער קוראָרט-שטאָט, אַרומגערינגלט מיט אוראַלטע הויכע באַרג-שפּיצן, האָט בא העניעכן ניט אַרויסגערופן קיין באַזונדערס גרויסע אַנציקונג. ער האָט אין זײַן לעבן געזען נאָך שענערע דאָרועמדיקע קוראָרט-ערטער. אָוונט-צײַט האָט דאָ געהודעט, ווי אין א בינשטאָק. פון פאַרשיידענע ווינקלען, פון רעסטאָראַנען און אפילע פענצטער, וווּ ס'האָבן געווינט די אָרטיקע מענטשן, האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען פון מוזיק. אַף די גאַסן, פּיל-צאָליקע בולוואַרן האָבן פּרויען און מענער זיך געפילט ווי מענטשן, וואָס האָבן ענדלעך אויסגעטאָן די שיך, וועלכע קוועטשן זיי, און זיך געפילט אויסגעצייכנט.

באַזונדערס טומלדיק איז געווען אַף דעם אַזוינגערופענעם „פּלעצל" — ווו יונגע פאָר-לעך פלעגן זיך באַגעגענען און טאַנצן.

די דאָקטערין פון סאַנאַטאָריע — א באַיאָרטע פרוי — האָט אים צוערשטנס נאָך זײַן קומען אויסגעהערט און קורץ-קלאָר געזאָגט:

— ניט שרעקלעך פאַר אײַער עלטער. אָט דאָ האָט איר אַלע פּראָצעדורן, — האָט זי אים געזאָגט, אויסשטרעקנדיק דאָס קוראָרט-ביכל. זי האָט אים באַגלייט צו דער טיר, פרעגנדיק:

— איר רייכערט?

— ניין.

— טרינקט?

— ניין...

— אויסגעצייכנט.

זי האָט אופגעעפנט די טיר און גאַנץ הויך אויסגעשריען:

— סלעדוייושטשי...

אין איר שטים האָט העניעך דערפילט דעם סקעפּסיס פון דער אַלטער, קלוגער פרוי, וואָס האָט שוין פאַר איר לאַנגן לעבן דאָ אין דער קוראָרט-שטאָט אויסגעהיילט און אויס-געקלאַפּט די ביינער בא פיל טויזנטער מאַניאַקעס — קוראָרטניקעס און גוט געוווּסט דאָס, וואָס ער, דער געניטער זייגער-מײַסטער, ווייסט: איז דער זייגער קאַליע געוואָרן — זײַן העניעלע — זײַן הענדל — איז פּשיק, פאַרפאַלן, און זײַט איר אינדערעמעסן קראַנק, מיינט איר טאקע, אַז איך וועל אײַך צושרײַבן בעסערע רעפּועס ווי אײַער דערפאַרענער ראַיאָ-נער דאָקטער? א גאַנץ יאָר ווילט איר פרעסן, זויפן, נעריעון, רייכערן, טרינקען און אויסער דעם: איינער דעם צווייטן הריזען — און דאָ ווילט איר פאַר א פּאָר צענדליק טעג צוריק יונג ווערן! אוי, מענטשן, מענטשן, נאַרישע מענטשן!

יאָ, העניעך האָט זיך נאָכדעם דערמאָנט: ווען זי האָט אים אָפּגעגעבן דאָס קוראָרט-ביכל, האָט זי אים געפרעגט:

— אַלץ קלאָר?.. קיין שום פראַגן?

— אַלץ קלאָר. קיין שום פראַגן.

— א זעלטענער קליִענט, — האָט זי שמייכלענדיק צוגעגעבן. — איר זײַט א דאָקטער? ניין?

די פּראָצעדורן: מאַרשרוט און וואַנעס. מאַרשרוט, אַנדערש געזאָגט א שפּאַציר — א באַשטימטע שטרעקע אין א באַשטימטער צײַט. און די צווייטע פּראָצעדור — וואַנעס. דאָ, ווי אין אַלע קוראָרט-שטעט, איז אויך געווען פּאָפּולער די באַוווּסטע „פּראָצעדור":

— פאָטאָגראַפירן זיך.

זעלטן פלעגט מען באַגעגענען א קוראָרטניק, ער זאָל ניט האָבן די צוויי קיילים — א טראַנזיסטאָר און אַן אַפּאַראַט.

די אָרטיקע פאָטאָגראַפן האָבן אָבער גלענצנדיק אויסגענוצט די דאָזיקע כּלאַסן פון די קוראָרטניקעס. זיי האָבן אָקופּירט אַלע „פּיקאַנטנע" ערטער אין שטאָט: אַן אַלטער דעמב, א פלאַטשיקער שטיין אינמיטן שמאָל טײַכל, דאָס בריקל איבערן טײַך, די פאָנטאַנען. באַזונדערס פּאָפּולער זײַנען געווען צוויי ערטער: „הינטער דעם וואַסערפאַל" און „לעם די סקאַלעס".

דאָס אָרט הינטער דעם וואַסערפאַל איז בעעמעס געווען אַן אויסטערלישע דערשײַנונג פון דער נאַטור, וואָס נאָר אירע געהיימע הענט האָבן עס געקאָנט אויספורעמען: א שטרענג פּירקאַנטיקע קרישטאָל-דורכזיכטיקע דינע גלאָז איז שטיל געפלאָסן אַראָפּ פון א באַרג-ושפּאַלט צום טײַכל. קימאַט אינמיטן פונעם גרויסן געדיכטן פּאַרק. אונטער דעם דאָזיקן ווונדערלעכן וואַסער-פאָרהאַנג פלעגן שטענדיק שטיין מענטשן, קעדיין צו פאָטאָגראַפירן זיך, פאַרשטייט זיך. באַזונדערס פול, טומלדיק איז דאָ געווען מיט קינדער.

הענעך האָט לאַנג געקוקט אויף, ווי ער האָט צו זיך געזאָגט, אויך ניט בײַגעשטאַנען דעם יעיצערהאָרע. פאַרן אייניקל, האָט ער באַשטימט, וועט עס זײַן אינטערעסאַנט.

„לעם די סקאַלעס" איז שטענדיק געווען א ריי צום פאָטאָגראַף, א באַיאָרטן, קורצוווּקסיקן מענטשן מיט בוילעטע מאָנגאָלישע שטריכן. זײַן געניט אויג האָט פון באַגינען ביז זון-פאַרגאַנג אויסגענוצט דאָס טשיקאַווע אָרט: „לעם די סקאַלעס". זיי זײַנען געשטאַנען פאַזע דעם וועג פון דעם צענטראַלן מאַרשרוט, און שטענדיק פלעגט דאָ זײַן פול. ווי דאָ איז שוין געווען באַוווּסט, האָט דער אַלטער פאָטאָגראַף אַליין אויסגעלייגט טרעפּלעך אַרויף צו די סקאַלעס. אויף דעם העכסטן ברייטן טרעפּל פלעגט זיך שטעלן דער קוראָרטניק, און א מעטער אָנדערהאַלבן איבער אים איז געווען די „אָדלער-נעסט". אָט דאָס איז, אייגנטלעך, געווען דער מאַגניט. דער אַלטער פלעגט ווונדערלעך געניט א וואָרף טאָן אין נעסט א רוי שטיקל פלייש, און עס פלעגט זיך גלײַך דערהערן א מין האַרצרײַסנדיקער גערויש, עס פלעגט זיך ווײַזן א לעבעדיקער אָדלער. דער אַלטער פלעגט אים אָנרופן באַם נאָמען און א פּאַטש טאָן מיט די הענט, דער אָדלער פלעגט עפּעס אַרויסגעבן א מאָדנעם כאָרכלענדיקן קלאַנג און רוישיק צעשפּרייטן זײַנע פליגל. אָט אין דעם מאָמענט פלעגט דער אַלטער צולויפן צו זײַן אַפּאַראַט.



— רויִק! רויִק! — פלעגט דער אַלטער מונטערן. — האָט ניט מוירע! מײַן אָדלער טשעפּעט ניט קיין מענטשן, ער איז א געלערנטער...

אין ריי „לעם די סקאַלעס" האָט הענעך דערזען דעם שאָכן.

— הענעך גריגאָריעוויטש, — האָט ער אים א רוף געטאָן, — לאָמיר זיך פאָטאָגראַפירן. — דער שאָכן האָט אים גענומען אונטער דער האַנט און פאַרזיכטיק אַרויף צו די סקאַלעס.

מיט דעם דאָזיקן מענטש — א פּעדאַגאָג פון א ווײַטער סיבירער שטאָט — האָט זיך הענעך געטראָפן דאָס ערשטע מאָל אין וואַנע-צימער, ווען די מעדשוועסטער — א יונגע שטאַלטנע פרײַלן האָט אים צוגעגרייט די וואַנע...

אלעקסאנדער דונאיעווסקי

זשאנא לאבורב, עסטער לייפמאן און אירע טעכטער

דער רוסישער שרײַבער אלעקסאנדער דונאיעווסקי איז באוווּסט אלס מעכאבער פון פיל פאָרשערישע ביכער: „לויט די שפּורן פון גאָי", „איך גיי נאָך האשעקן", „דער רויטער דונדיטש", „די ווירקלעכע געשיכטע פון קאראַי ליגעטי", „פּלאַטען — דער באוווּסטער און ניט־באוווּסטער". אין דעם זעלבן נוסעך איז אָנגעשריבן זײַן בוך וועגן זשאנא לאבורב.

— אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן דערפון, וואָס איך האָב איבערגעלייענט אין אַן אַלטער, שוין פאַרגעלטער צײַטונג „פּראַוודאַ" פאַרן 1919 אַ נאָטיץ פון פינף שורעס, — דערציילט דער שרײַבער. — דאָרט איז געמאָלדן, אַז אין אָדעס, וועלכע איז דעמלט געווען אָקופּירט דורך די אינטערווענטן, זײַנען צווישן די דערשאָסענע מיטגלידער פון דער אַזוי־גערופענער „אויסלענדישער קאָלעגיע" געווען עטלעכע פראַנצויזישע קאָמוניסטן: מישעל און זשאַק און נאָך איין פרוי מיט אַ רוסישער פאַמיליע — מיראָנאָווא. איך האָב באַשלאָסן צו גיין לויט די שפּורן פון דער דאָזיקער מיטיילונג. די פאָרשונג האָט זיך פאַרצויגן אויף לאַנגע יאָרן. צוערשט האָט זיך מיר אײַנגעגעבן פעסטשטעלן, אַז מישעל און זשאַק זײַנען ניט קיין פראַנצויזן, נאָר געבוירענע אָדעסיטן. ביידע שטאַמען זיי פון אָרעמע ייִדישע מישפּאָכעס, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן דעם צאַרישן רעזשים. זשאַקס עמעסער נאָמען איז יאַקאָוו יעלין און מישעלס — מיכאל שטיליוּוקער. מע האָט זיי געהאַלטן פאַר פראַנצויזן, ווײַל ביידע זײַנען געקומען קיין פּאַריזש צוליב עפּעס פאַרדינען און דאָרט האָבן זיי זיך אויסגעלערנט פראַנצויזיש.

יעלין איז געווען אַ באָלשעוויק פון 1905. ער האָט געאַרבעט אַלס שלאָסער אויפן אויטאָזאַוואָד „רענאָ". מיכאל איז געווען אַ טאַקסיסט אין דער פראַנצויזישער הויפּטשטאָט. ווען אין רוסלאַנד האָט אויסגעבראָכן די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע, האָבן זיי זיך אומגעקערט אַהיים און זיך אָנגעשלאָסן אין קאַמף קעגן דער קאָנטררעוואָלוציע.

די פראַנצויזישע פרוי מיט דער רוסישער פאַמיליע איז געווען זשאַנאַ לאַבורב. לויטן פאַך — אַ לערערין, לויט די אָנשויונגען — אַ קאָמוניסטקע. ווען זי האָט געלעבט אין מאָסקווע, איז זי געשטאַנען בעראָש פון דער פראַנ-

זשאנא לאַבורב

צויזישער קאָמוניסטישער גרופּע רקפּ(ב). זי האָט געאַרבעט אין דער פראַנצויזישער צײַטונג, וועגן וועלכער וו. אי. לענין האָט זיך אָפּגערופן מיט באַגײַסטערונג.

ווען די אַנטאַנטישע שיפן האָבן זיך אַרויסגעזעצט אין אָדעס, איז זשאנא פרײַוויליק אוועקגעפאָרן אַהין, קעדיי פירן א רעוואָליוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע צווישן אירע לאַנדסלײַט, זיי דערקלערן, ווער עס זײַנען זייערע עמעסע פרײַנט.

איך בין געפאָרן פון מאָסקווע קיין אָדעס מיט דעם זעלבן וועג, וואָס מיט א האַלבן יאָרהונדערט צוריק איז געפאָרן די פראַנצויזישע קאָמוניסטקע אײנינעם מיט אירע קאַמפּס-כאַווײרים. איך פאָר, קעדיי זיך דערוויסן וועגן זשאנען, וועגן אירע מיטקעמפּפער, וועלכע האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן פאַר דער רעוואָליוציע. איך האָב זיך געגראָבן אין די אַרכיוון, שאַענווײַז געשמועסט מיט מענטשן, וועלכע האָבן געהערט צי אפילע געדענקט די אויסערגעוויינלעכע פרוי, וועגן וועלכער וו. אי. לענין האָט געזאָגט, אז איר נאָמען „איז געוואָרן דער לאָזונג פון קאַמף", און אויך די, וועלכע האָבן איר געהאָלפן, אײנינעם מיט איר צעטיילט דעם ביטערן גוירל פון דער בלוטיקער מאַרט-נאַכט בא דעם אַלטן יידישן בעסוילעם אין אָדעס.

בייס מײַן באַגעגעניש אין אָדעסער לאָקאַל פון געלערנטע האָבן זיך געפונען פיל מענטשן, וועלכע זײַנען גרייט געווען צו זוכן מאַטעריאַל און מיר העלפן אויפצושטעלן דעם עמעס וועגן זשאנא לאַבורב.

צוזאַמען מיט די נײַע פרײַנט האָב איך באַזוכט דאָס הויז, ווו אין צימער פון אײנעם אַן אָדעסער אַרבעטער זײַנען פאָרגעקומען זיצונגען פון דער „אויסלענדישער קאָלעגיע" און ווו זשאנא האָט געהאַלטן א פלאַמיקע רעדע. אײנינעם האָבן מיר באַזוכט דאָס הויז אף פּושקין-גאַס, וווּהין זי האָט זיך אומגעקערט שפּעט אין אָוונט א מידע, נאָר א באַפליגלטע נאָך דעם, ווי זי האָט איבערצײַגט א טייל פון אירע פראַנצויזישע לאַנדסלײַט-מאַטראָסן, ווער עס איז זייער עמעסער פרײַנט און מיט וועמען דאַרף מען זיך שלאָגן.

מיטן אָדעסער היסטאָריקער וולאַדימיר איוואַנאָוויטש קאָנאָוואַלאָוו האָב איך געהאַט א קורצן שמועס וועגן דער דירע אף פּושקין-גאַס, נומ. 24. דער געשפּרעך איז געגאַנגען אַרום דער מישפּאָכע לייפּמאַן, בא וועלכער זשאנא לאַבורב האָט געוווינט. וו. קאָנאָוואַלאָוו האָט באַהויפּטעט, אז די מישפּאָכע האָט ניט קיין שום שײַכעס צו דער רעוואָליוציע. זי האָט געליטן נאָר דערפאַר, וואָס די אַלטע האָט פאַרדונגען א צימער זשאנא לאַבורב. אויב אַזוי, האָב איך צוערשט ניט געפונען קיין אינטערעס צו דער דאָזיקער מישפּאָכע. נאָר נאָכן שמועס מיט ווערא איוואַנאָוונא נעלען האָב איך מײַן מיינונג געביטן.

דאָס איז געווען ניט קיין גרויסע, נידעריקע שטוב, פולגעפאַקט מיט אײַנוווינער, ווי א קאַווען מיט יאָדערן. די דירע נומ. 13 איז א צווייצימערדיקע. דער ערשטער איז א דורכגאַנג-צימער, פון וועלכן די פענצטער קוקן שטענדיק אף א פאַרשימלטער שטיינערנער וואַנט און דעריבער איז אין צימער קיינמאָל ניטאָ קיין ליכטיקע שײַן.

ווערא איוואַנאָוונא געדענקט גוט די גרויסע מיזאַמע מישפּאָכע פון דעם לעדער-אַרבעטער לייפּמאַן: די זעכציקיאָריקע פרוי זײַנע — עסטער, וועלכע איז געווען אומדערמידלעך באַשעפטיקט אין שטוב פון אינדערפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט, די דרײַ טעכטער זײַנע, נייטערנס, מיטגלידער פון פראָפאַריין, דעם זון פערעץ, א מעטאַל-אַרבעטער און זײַן פרוי א שנײַדערן.

— ניט קיין קליינע מישפּאָכע — זיבן עלטערע מענטשן, — האָט דערציילט ווערא איוואַנאָוונא, — האָט געלעבט אין אַזא ענגשאַפט, ווו קיין איבעריקע טאַבורעטקע וועסטו ניט אוועקשטעלן. נאָר די פראַנצויזישע קאָמוניסטקע, וועלכע איז געקומען פון מאָסקווע, פון לענינען, האָבן זיי אופגענומען ווי אן אייגענע. מיינט איר, אז זיי האָבן ניט געוווּסט, אז פאַר אַזא גאַסטפרײַנטלעכקײַט וועלן די שטאָטישע מאַכט-אָרגאַנען ניט א גלעט טאָן איבערן קאָפּ? דעמלט זײַנען אף די פּליטן

און טומבעס אין גאנץ אָדעס געווען אַרויסגעהאנגען שטרענגע באפעלן: די באָלשעוויקעס זײַנען דערקלערט געוואָרן אויסערן געזעץ, און די, וואָס וועלן זיי באהאלטן, וועלן באשטראָפט ווערן מיט טויט.

ווען זשאנא איז אָנגעקומען צו זיי אַף קוואַרטיר, איז שוין דער באָלעבאָס אוועקגעפאָרן. דער יונגער קאָמוניסט פּערעץ איז אַרײַנגעטראָטן פרײַוויליק אין דער רויטער אַרמיי. אין דער דירע זײַנען געבליבן איינע פרויען. פון די פינף פרויען האָט זיך געראַטעוועט בלויז קלאַרע — פּערעצעס פרוי.

— ווו לעבט זי? צי זי לעבט בכלל?

און איך טו א טראַכט: אויב איך וועל זי געפינען, וועט זיך מיר אײַנגעבן צו דערוויסן זיך אייניקע פּראָטים וועגן זשאנא לאַבורבס לעבן אַף דער פּושקין-גאַס.

— איך מיין, אַז זי לעבט. נאָר ווו געפינט מען זי אַצינד?

— און ווי איז איצט איר פאַמיליע-נאָמען?

— איר פאַמיליע-נאָמען? — כאַזערט איבער ווערא איוואַנאָוונא, רײַבנדיק דעם שטערן. — איך ווייס ניט. דעם פריערדיקן האָט זי געביטן. פּערעץ איז אין יענעם יאָר אומגעקומען אַפן פראָנט. קלאַרע האָט לאַנג געקלאָגט, נאָר שפּעטער האָט זי כאַסענע געהאַט פאַר א רויטן קאָמאַנדיר — אין דער פרידלעכער צײַט האָט ער געטראָגן צוויי ראָמבן. זי איז מיט אים אוועקגעפאָרן — דאַכט זיך, אַפן ווײַטן מיזרעך, אָדער אפילע אַף יענער זײַט פונעם פּאָליאַר-קרײַז. איצט איז שוין, ווײַזט אויס, שווער זי צו געפינען. פּרווו געפינען א מענטשן אין אַן אָקעאַן.

עמעס, געפינען א מענטשן אין אומענדלעכן מענטשן-אָקעאַן בלויז לויט איין נאָמען איז ניט קיין פּאָשעטע זאַך. פונדעסטוועגן האָבן אייניקע כוואַליעס פון דעם „אָקעאַן“ זיך דערקײַקלט צו מיר. איינע אַזאַ כוואַליע איז געקומען פון דער הויפּטשטאָט, ווו אין טעאַטער איז אַפּסנײַ געשטעלט געוואָרן לעוו סלאַווינס פּיעסע „אינטערווענץ“.

ווי געוויינלעך, האָבן די צושויער פאַרנומען אַלע ערטער. אין זאַל איז פאַרלאָשן געוואָרן די שײַן. די שטראַלן פונעם פּראָזשעקטאָר האָבן באַלויכטן אַפן פאָרהאַנג די ווירקלעכע העלדן, די קאָרבאָנעס פון דער אינטערווענץ. די עמעסע נעמען זייערע זײַנען געווען גאָר אַנדערע, איידער יענע, וועלכע זײַנען געווען אָנגעוויזן אין דער טעאַטראַלער פּראָגראַם.

און פּלוצעם איז אין דער טיפענישׁ פון זאַל דורכגעלאָפן דורך די רייען אַן אופגערעגטער טומל.

— צי איז ניטאָ בא עמעצן וואַלידאָל?

איינער א פרוי איז שלעכט געוואָרן.

ס'האָט זיך געפונען ניטראָגליצערין, און ס'איז ווידער שטיל געוואָרן.

דאָס איז געשען מיט אַן עלטערער פרוי: זי האָט דערזען אינעם צעטל פון די דערשאָסענע, נאָענטע איר מענטשן. אפילע בא א געזונטן און יונגן וועלן ניט אויסהאַלטן די נערוון אין אַזאַ פאַל.

„ווער איז די פרוי? ווער פון די דערשאָסענע אין אָדעס מענטשן האָט אַזוי גערירט איר קראַנק האַרץ?“

איבערקלײַבנדיק אין געדאַנק די באַקאַנטע פאַמיליעס, שטעל איך זיך אָפּ אַף זשאַקן, דעם מיטגליד פון דער אָדעסער „אויסלענדישער קאָלעגיע“. יאָ, כ'האָב געטראָפן: דאָס איז געווען זשאַקס אַלמאָנע — סאָפיא יאַקאָוולעוונא יעלינא. נאָך דעם, ווי דער מאַן האָט זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד, איז זי געבליבן אין פּאַריזש מיט צוויי טעכטער — דער אַכטיאָריקער ווערא און דער פינפיאָריקער זשאַקלין, געבוירענע אין פראַנקרײַך. טאָג נאָך טאָג, שאָ נאָך שאָ האָט מען געוואַרט אַף דעם אַרויסרוף. אָבער קיין שום ידיעס: ניט קיין אַרויסרוף, ניט קיין מיטיילונג.

א פונק פון האָפענונג האָט געבראַכט די אינדערפריִעדיקע צײַטונג: פון מאָסקווע ווערט געשיקט קיין פראַנקרײַך א דעלעגאַציע פונעם אַלרוסלענדישן רויטן קרייץ. אין איר באַשטאַנד איז אינעסאַ אַרמאַנד, זי האָט געקענט זשאַקן. זי פלעגט אָפט באַזוכן די מישפּאָכע, ווען זיי האָבן געוווינט אַף מאַריאַ-ראָז-גאַס, אַף דער זעלבער גאַס, ווו עס האָט געלעבט וולאַדימיר איליטש לענין.

אָבער אַרמאַנד און אירע כאַווײרים זײַנען קיין פּאַריזש ניט אָנגעקומען — גלײַך ווי זיי זײַנען אַראָפּ פונעם דאַמפער, האָט מען זיי אינטערנירט. די פּאָליציי האָט זיי פון אויג ניט אָפּגעלאָזט, געשטערט אײַנשטעלן פאַרבינדונגען מיט די רוסישע סאָלדאַטן, מיט די מישפּאָכעס פון די פּאָליט-עמיגראַנטן.

אָבער סאָפיא יעלינא איז געשטאָרבן אין 1959, און דאָס, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין מאָסקווער טעאַטער, איז געווען פיל שפּעטער.

„עפּשער איז איינע פון אירע טעכטער דעמלט בײַגעווען אַף דעם ספּעקטאַקל אין טעאַטער?“ — האָב איך געטראַכט. נאָר זשאַקלין און ווערא, האָט זיך אַרויסגעוויזן, זײַנען אין דער צײַט געווען אין לענינגראַד.

און עפּשער איז דאָס געווען מישעלס אַלמאָנע? א גרויסער סאָפעק. זי לעבט שוין פון לאַנג אין אָדעס, אין ערגעץ ניט אַרויספאָרנדיק. דאָרט אַרבעט אַלס קינדער-דאָקטער שטיליוקערס אייניקל. אַנדערע — דובינסקי,

וויניצקי, וואָפּעלניק האָבן ניט באַוויזן כאָסענע האָבן און זײַנען גאָר יונגע אוועק פונעם לעבן. זייערע עלטערן זײַנען שוין פון לאַנג גע-שטאָרבן.

ווער זשע איז פונדעסטוועגן די פרוי? איך קום אַלץ מער צו דער מיינונג, אַז דאָס האָט געקאָנט זײַן קלאַרע — די, וואָס האָט גענו-מען זשאַנען צו זיך אַף קוואַרטיר. נאָר ווו געפינט מען זי? מעגלעך, אַז זי לעבט אין מאָסקווע, אָדער זי איז געווען בא עמעצן צו-גאַסט און האָט געקוקט דעם ספּעקטאַקל.

ביז דער מילכאָמע האָב איך אין וואַכטאַנ-גאָוו-טעאַטער געזען דעם ספּעקטאַקל „אינ-טערוווענץ". נאָך דער מילכאָמע האָט דעם ספּעקטאַקל געבראַכט דער טעאַטער פון דזערזשינסק. איך וואָלט באַדאַרפט אים באַ-זוכן צום דריטן מאָל, און דעמלט וואָלט איך זיך געוויס באַקאַנט מיט דער פרוי, וועלכע אינטערעסירט מיך. ס'איז דאָך אַזוי וויניק געבליבן מענטשן, וועלכע האָבן פּערזענלעך געקענט זשאַנאַ לאַבורב.

אין צעטל פון די מענטשן, וועלכע איך האָב געזוכט ניט איין כוידעש, האָט זיך גע-פונען דער אַלטער באַלשעוויק יוזשני, דער געוועזענער שעף פון דער אויסשפּירונג אין דעם אָדעסער אונטערערדישן געגנטקאָם. זײַן נאָמען ווערט עטלעכע מאָל דערמאָנט אינעם זאַמלבוך „אָקטיאַבער אַף אָדעסשטשינע", וועל-כער איז דערשינען נאָך אין 1927.

יוזשני... צי איז דאָס זײַן עמעסער פאַמי-ליע-נאָמען? און עפשער איז דאָס גאָר א פּאַרטייִשער צונאָמען? אין אָדעסער אונטער-ערד זײַנען דאָך געווען א צאַפּנדיקער, א מײַרעווודיקער און אויך א מיזרעכדיקער געגנטקאָמען — מע קאָן זאָגן, פאַרשטייער פון אַלע עקן וועלט.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער עמעסער פאַמיליע-נאָמען פונעם געוועזענעם שעף פון דער אויסשפּירונג אין דעם אָדעסער אונטער-ערדישן געגנטקאָם איז געווען גאַרעניוק. הייסט עס, דאַרף מען זוכן יוזשני-גאַרעניוק.

און דאָ האָט מיר נאָכאַמאָל געהאָלפן א צופאַל. איינמאָל האָב איך אַף א בונטער אַפּי-שע, וואָס איז געווען אַרויסגעהאַנגען אַף דער ווּיטער פּרעסניע, איבערגעלייענט א מעלדונג וועגן נײַע ביכער פונעם פאַרלאַג „נאַוקאַ". צווישן צענדליקער נעמען איז געווען דער-מאָנט א זאַמלונג „דער אָנטייל פון אויסלענ-דישע אַרבעטער אין דער אָקטיאַבער-רעוואָ-ליוציע", צונויפגעשטעלט לויט די מאַטעריאַלן פון דער אַלפאַרבאַנדישער היסטאָריש-וויסנ-שאַפטלעכער קאָנפערענץ.

איך האָב געקויפט א זאַמלונג און אָנגע-הויבן בלעטערן. אין דעם פאָרוואָרט האָב איך איבערגעלייענט: „דער אַלטער באַלשעוויק, אָנטיילנעמער אין די אָדעסער רעוואָלוציאָ-נערע געשעענישן י. ע. יוזשני-גאַרעניוק, האָט גערעדט וועגן דעם, אַז אייניקע ליטעראַטן און קונסט-טוער פירן אַרויס ניט זעלטן אין זייערע ווערק געשטאַלטן, וועלכע זײַנען גאָר ווײַט פונעם היסטאָרישן עמעס".

די אינטויִציע האָט מיר אונטערגעזאָגט, אַז דאָס איז דער זעלבער י. ע. יוזשני-גאַרע-ניוק, וועגן וועלכן כ'האָב זיך ערשט ניט לאַנג צוריק דערוווּסט.

איך גיי אין שטאָטישן אַדרעס-ביוראָ, זײַענדיק איבערצײַגט, אַז איצט וועל איך ניט הערן די פאַרדריסלעכע ווערטער: „אין מאָסק-ווע לעבט ער ניט". נאָר באַלד האָב איך באַ-קומען אן אויסשעפּנדיקע ספּראַווקע: „יאָסיף עמאַנויִלאָוויטש יוזשני-גאַרעניוק, געבוירן אין 1894, איז צוגעשריבן אין מאָסקווע אַף בע-רעזשקאָווער נאַבערעזשנע, נומ. 40.

יאָ, יוזשני-גאַרעניוק איז געווען טאַקע דער מענטש, וועמען איך האָב אַזוי געדאַרפט האָבן. ער שטאַמט פון אן אָרעמער ייִדישער מישפּאָכע, וועלכע האָט איבערגעטראָגן גענוג צאַרעס — דערפון נעמט זיך זײַן פאַמיליע-נאָמען גאַרעניוק. ווי איך האָב זיך שפּע-טער דערוווּסט, האָט יאָסיף נאָך פון קינדווײַז אָן זיך פאַרבונדן מיט דער רעוואָ-ליוציע.

ווען זשאַנאַ איז אָנגעקומען קיין אָדעס, האָט זי זיך באַלד באַגעגנט מיטן שעף פון דער אויסשפּירונג פון דער פּאַרטיי. יוזשני האָט געוווינט אַף דער פּראָוואַנסקע-גאַס אין א געהיימער קוואַרטיר. ער איז געווען באַ-פולמעכטיקט צו דערציילן איר וועגן די אומ-שטענדן אין אָדעס נאָך דעם, ווי די פראַנצויִ-זישע אַרמיי האָט זיך דאָרט אַרויסגעזעצט: אין וועלכע ערטער דיסלאָצירן זיך די טיילן פון דעם עקספּעדיציע-קאָרפּוס, וואָס פאַר א מיליטערישע שיפן שטייען אין אינערלעכן רעיד און וועלכע אין אויסערלעכן, ווו געפינען זיך באַזונדערע מיליטערישע טיילן, וועלכע באַשטייען פון פראַנצויזן, מאַראָקאַנער און אַלזשירער.

צווישן זיי האָט זשאַנאַ געדאַרפט פירן אַן אַגיטאַציע-אַרבעט, זיי איבערצײַגן, אַז די עמעסע פײַנט זייערע געפינען זיך ניט אין אָדעס, נאָר אין פּאַריז.

יוזשני האָט מיר געזאָגט:

— א שאָד, וואָס איך האָב זיך באַגעגנט מיט זשאַנען נאָר עטלעכע מאָל, און די באַ-געגענישן זײַנען געווען זייער קורצע, נאָר זי האָט זיך מיר פאַרגעדענקט אַף לאַנג, אפן גאַנצן לעבן!

יאָסיף עמאַנויִלאָוויטש האָט אויפמערקזאַם
אַ קוק געטאָן אַף מיר:

— צי זײַט איר געווען אין אַדעס אַף פּושקין-גאַס, 24 און אין דער דרײַצנטער דירע? צי האָט איר געזען, אין וועלכע באַדינגונגען האָט געלעבט זשאַנאַ?

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז יוזשני האָט באַשטימט דורכקאָנטראָלירן, אַף וויפֿל טיף און ערנסט פּירט זיך די פאָרשונג.

— געווען...

— און אָט די נאָטיץ האָט איר געלײענט? — יוזשני האָט מיר דערלאַנגט אַן אויסשניט פון דער צײַטונג „אָדעסקיִע נאָוואָסטי“. שטרעבנדיק קלוימערשט זײַן גאַנץ אָביעקטיוו, האָט די בורזשואַזע צײַטונג געמאָלדן וועגן דער אָדעסער טראַגעדיע. „אין צוזאַמענהאַנג מיטן קאָשמאַרן פאַקט, אַז אָפן גרויסן פאָנטאַנער וועג (ניט ווײַט פון דער טורמע און נאָענט פון דעם יידישן בעסוילעם) זײַנען געפונען געוואָרן פיר מאַנצבלען (ייִדן) און זעקס פרויען, האָט איינער אַ גוויִעס-איידעס דערציילט:

ערעוו זונטיק, האַלב איינס באַנאַכט, איז דורך דעם גרויסן פאָנטאַנער וועג האַסטיק דורכגעפאָרן ניט קיין גרויסער לאַסט-אויטאָמאָביל אין דער ריכטונג צו דער טורמע. אין דער מאַשין זײַנען געזעסן עטלעכע יונגע פרויען, אַרומגערינגלט מיט באַוואָפנטע מאַנצבלען. דער אויטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט אַף אַ מעהאַלעך פון זעכציק סאַזשען צום צווייטן טויער פון דעם יידישן בעסוילעם. די פרויען האָט מען אַראָפּגעשלעפּט פון דער מאַשין און זיי אוועקגעשטעלט צו דערשיסן באַ אַ בוים. איינע פון די פרויען האָט היסטעריש געשריגן. אָפּגייענדיק אַף עטלעכע שפּאַן, האָבן די באַוואָפנטע אויסגעשאָסן, און אַלע פרויען זײַנען דערהאַרגעט געוואָרן.

דער אויטאָמאָביל איז אָפּגעפאָרן, און באַלד איז אָנגעקומען אַ צווייטער אויטאָמאָביל, אין וועלכן עס זײַנען געזעסן פינף מאַנצבלען, אַרומגערינגלטע מיט באַוואָפנטע סאָלדאַטן. די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט ניט ווײַט פונעם בעסוילעם אַף אַ מעהאַלעך פון 25 סאַזשען. די מאַנצבלען זײַנען געווען יונגע. מע האָט זיי אוועקגעשטעלט צום לאַמטערן-סלופּ און דערשאָסן. אַלע עלף דערשאָסענע האָט מען געבראַכט אין מאָרג, ווו איינע פון דער מישפּאָכע לייפמאַן האָט דערקענט די אַלטע מוטער מיט אירע טעכטער, זייערן אַ באַקאַנטן — שוועץ און איינע אַ פראַנצויזישע פרוי. איר פאַמיליע-נאָמען איז ניט אָנגערופן געוואָרן...

די מישפּאָכע לייפמאַן האָט געלעבט אַף פּושקין-גאַס, 24, אין דער דרײַצנטער דירע. פון דער דירע האָט מען זיי אַלע אוועקגעפירט אַף דער מאַשין און זיי דערשאָסן. צוויי דערשאָסענע מיידלעך זײַנען געווען ווערע און העסיע לייפמאַן, און נאָך איינע, וועלכע איז ניט לאַנג צוריק אָנגעקומען פון מאָסקווע. ווערע און העסיע זײַנען געווען מיטגלידער פון דעם נאָדל-פאַריין[1].

גאָר ניט לאַנג אָנגעקומען פון מאָסקווע. דאָס איז שוין אַ פעדעמל אַף פאָרזעצן די פאָרשונג. צי איז זי ניט מיט זשאַנען געקומען קיין אַדעס? און צי ניט מיט איר האָט זי גערעדט אין וועג אַף פראַנצויזיש?

איך זאָג אַרויס די היפּאָטעזע יוזשניען.

— מעגלעך,— האָט ער געענטפערט,— בעסער פרעגט באַ זייער נאָענטער קרויווע, די שנור.

— עפשער איז דאָס געווען קלאַרע? — רוף איך אָן דעם נאָמען, וואָס איך האָב געהערט אין אַדעס.

— וואָס זשע, איר קענט זי?

— ניין, איך זוך זי שוין פון לאַנג.

— און וואָס זשע איז די מעניע? קלאַרא מאַלקוס לעבט אין מאָסקווע. פאָרט צו צו דער סטאַנציע „סאָקאָל“, און פון דאָרט מיטן 23-טן טראַמוויי.

— מיט וואָס פאַרנעמט זי זיך איצט?

— ווי מע זאָגט, אַף פאַרדינטער רו. די סאָוועטישע רעגירונג האָט איר באַשטימט אַ פערסאָנעלע פענסיע. אין פאַרטיי איז זי פונעם נײַנצנטן יאָר, און די גאַנצע צײַט זיך פאַרנומען מיט אַקטיווער אַרבעט. איצט איז שוין ניט יענער געזונט-צושטאַנד, זי קרענקט אָפּט.

איך עפן דעם בלאָקנאָט און וויל פאַרשרײַבן איר אַדרעס. יוזשני פאַרהאַלט מיר:

— איין מאָמענט! — ער גייט צו צום טעלעפאָן. — ס'קאָן זיך מאַכן, אַז זי איז אין שפּיטאָל...

— אַ גוט-מאָרגן, קלאַרע. דאָס בין איך. וואָס מאַכסטו אין געזונט? מיט דיר וויל רײדן אַ כאַווער, דערצייל אים וועגן זשאַנען. דו האָסט זי ניט פאַרגעסן? (יוזשני רופט אָן מײַן נאָמען און גיט מיר איבער דאָס טעלעפאָן-טרײַבל).

— וואָס הייסט פאַרגעסן? — האָב איך דערהערט איר ענטפער. — זי איז געווען אַזאַ פרײַנטלעכע און האַרציקע. ווי נאָר זי איז געקומען צו אונדז אין דער פינצטערער דירע, איז גלײַך ליכטיק געוואָרן. דו הערסט מיך?

[1] דאָ איז דערלאָזט געוואָרן אַ פעלער. באַ עסטער לייפמאַן זײַנען געווען ניט צוויי טעכטער, נאָר דרײַ. די עלטערע פון זיי איז געווען ריווקע.

א פאוזע. איך זאָג איר, אַז באַם אַפּאַראַט איז ניט יוזשני, אַז איך דאַרף דרינגענד מיט איר האָבן א געשפּרעך וועגן זשאַנאַ לאַבורב.

— וויאַזוי האָט זי זיך באַוויזן אין איַיער דירע?

— זיך ניט באַוויזן, — האָט מיר העפלעך פאַריכט קלאַרע מאַלקוס, — געבראַכט צו אונדז האָט זי לייפּמאַנס טאָכטער ריוועקע. אין אונדזער דירע פלעג זשאַנאַ זיך באַגעגענען מיט די כאַווירים פון אונטערערד, און די מיידלעך האָבן איר געהאָלפן.

דאָס, וואָס איך האָב דערהערט, האָט זיך ניט געבונדן מיט דעם, וואָס עס האָט מיר דערציילט דער אָדעסער היסטאָריקער קאַנאַוואַלאָוו בא דער ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט אים: לויט זיַין פאַרשטעלונג, איז זשאַנאַ געווען א געוויינלעכע קוואַרטיראַנטקע, וועלכע האָט פאַרדונגען א צימער אַף פּושקין-גאַס. אַזוי איז געזאָגט געוואָרן אין זיַין בוך.

— פאַרדונגען? — האָט מיט קאַס א געשריי געטאָן מאַלקוס. — מיַין שוויגער האָט ניט גענומען בא זשאַנען קיין איין גראַשן. איך האָב איר אָפּגעטראָטן מיַין בעט, און אַליין האָב איך גענעכטיקט בא מיַינער א כאַווערטע. לאַבורב האָט געלעבט מיט די מיידלעך אין איין צימער, זי האָט זיי געלערנט פראַנצויזיש. ס'איז אַפילע געבליבן א לערנבוך מיט זשאַנעס באַמערקונגען.

— דער לערנבוך איז גאַנץ?

— צום באַדויערן... איר האָט מיר דערמאָנט אין אַרט אין קאַנאַוואַלאָווס בוך „יעלענא". וואַרט צו א סעקונדע באַם טעלעפאָן.

אין טעלעפאָן האָט זיך דערהערט דער געבלעטער פון א בוך.

— אָט האָב איך געפונען. דאָס הונדערט פיר-און-זעכציקסטע זיַיטל. דאָ זיַינען איבערגערעכנט די פאַמיליעס פון די אומגעקומענע טוער פון דער „אויסלענדישער קאָלעגיע". דאָ ווערט אויך געזאָגט, אַז די אָדעסער ארבעטער האָבן אָרגאַניזירט זשאַנען א פיַיערלעכע לעוויַיע. ריכטיקער וואָלט געווען זאָגן, אַז א פיַיערלעכע לעוויַיע האָט מען געמאַכט אַפן יידישן בעסוילעם אַלע מיטגלידער פון דער „אויסלענדישער קאָלעגיע", וועלכע זיַינען אומגעקומען אין איין טאָג און אין איין שאָ.

— איך בין מיט איר מאַסקים געווען. מע דאַרף ניט אַלץ צושריַיבן איין מענטשן: זשאַנאַ וואָלט ניט אויפגעטאָן קיין הונדערטכיילעק דערפון, וואָס זי האָט געטאָן, ווען זי וואָלט אַליינע געפירט א פּראָפּאַגאַנדע צווישן די מאַטראָסן און סאָלדאַטן. אין אָט דער אַרבעט האָבן אָנטיילגענומען הונדערטער אָדעסער קאָמוניסטן און מיטפילנדיקע.

נאָך א פאוזע האָט קלאַרע מאַלקוס געייצעט מיר איבערלייענען דאָס ארטיקל וועגן לייפּמאַנס מישפּאָכע אין „אָדעסער קאָמוניסט":

— אין ארטיקל האָט קלימענקאָ...

דער געשפּרעך האָט זיך אַף דעם אָפּגעריסן. אין טריַיבל האָט זיך דערהערט א דומפּער קלאַנג.

עטלעכע מאָל האָב איך געפּרווּט אָנעמען דעם טעלעפאָן, וועלכן יוזשני האָט מיר געגעבן, נאָר אָן דערפאָלג. ענדלעך האָט מיר געענטפערט א שטים, נאָר גאָר אַן אַנדערע, א יונגע.

— די מאַמע האָט מען אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל מיט א האַרץ-אַטאַקע.

איך האָב געבעטן מיר מויכל זיַין, טראַכטנדיק, אַז דער לאַנגער טעלעפאָן-געשפּרעך וועגן די אומגעקומענע קרויווים האָט געקאָנט אופרעגן איר מוטער.

— ניין, ניין, איר זיַיט גאָר ניט שולדיק. בא דער מאַמען זיַינען אָפטע האַרץ-אַטאַקעס. איין אַטאַקע האָט זיך געטראָפן מיט איר ערשט ניט לאַנג אין טעאַטער אַפן ספּעקטאַקל „אינטערוועניע". זי לעבט איבער זייער שטאַרק אַלץ, וואָס עס איז פאַרבונדן מיט דער אָדעסער טראַגעדיע. זאָגט איַיער טעלעפאָן-נומער. ווען די מאַמע וועט זיך אומקערן פון שפּיטאָל, וועט זי איַיך אומבאַדינגט אָנקלינגען.

איך האָב אַוועקגעלייגט דאָס טריַיבל און א קוק געטאָן אַף יוזשנין. זיַין פּנעם האָט זיך געענדערט. פיל זיַינע כאַווירים, אָנטיילנעמער פון אָדעסער אונטערערד, האָט ער באַגלייט אין לעצטן וועג. און דער טויט לויערט אַרום, שניַידט און שניַידט...

דער איבערגעריסענער טעלעפאָן-געשפּרעך אַף דעם נאָמען קלימענקאָ האָט מיר דערמאָנט די גאָר וויַיטע קינדהייט. איך האָב זיך דערמאָנט די באַגעגעניש מיט איוואַן יעוודאָקימאָוויטשן, דעם דעמלטיקן פּאַרטיי-סעקרעטאַר פון צק אוקראַיִנע, אין פּאָלטאַווער שול. דער שמועס האָט אונדז אַלע, יונגע לעניניצעס, פאַרכאַפּט. ער האָט דערציילט וועגן דער אומבאַוווסטער פראַנצויזין זשאַנען און וועגן די, וואָס האָבן מוטיק געקעמפט און אומגעקומען אינאיינעם מיט איר.

אין אָדעס איז קלימענקאָ אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון דעם אונטערערדישן רעווקאָם. און ווען אין שטאָט האָט זיך ווידער איַינגעשטעלט די ראַטנמאַכט, איז איוואַן יעוודאָקימאָוויטש געוואָרן צוערשט פאָרזיצער פון אָדעסער גוברעווקאָם און דערנאָך גוביספּירקאָם.

אין דער יוגנט האָט קלימענקאָ געצויגן צו זשורנאַליסטיק. זיַינענדיק פאַרנומען מיט

פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט, האָט ער זיך גע־דרוקט אין „אָדעסער קאָמוניסט", געווען אַ מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע. גאַנץ מעגלעך, אַז ער האָט געקאָנט אָנשרײַבן אַ נאָטיץ אָדער אַן אַרטיקל וועגן די, מיט וועמען עס האָט געאַרבעט זשאַנאַ און מיט וועמען זי איז אומגעקומען.

צום ערשטן יאָרטאָג נאָכן אומקום פון דער „אויסלענדישער קאָלעגיע" איז אין „אָדעסער קאָמוניסט" פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַן אַרטיקל „צום ליכטיקן אָנדענק פון דער מישפּאָכע לייפמאַן", אין וועלכן ס'איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז די מישפּאָכע לייפמאַן האָט געהאַלטן הויך די פאָן פון דער רעוואָליוציע ביזן לעצטן אָטעם:

„צווישן דער גרופּע אַגיטאַטאָרס בעראָש מיט זשאַנאַ לאַבורב איז געווען ריווקע לייפמאַן. דער אומקום פון זשאַנאַ לאַבורב און ריווקע לייפמאַן האָט אַ שטויס געטאָן לייפמאַנס גאַנצע מישפּאָכע צו אַקטיווער רעוואָליוציאָנערער אַרבעט. פון אָט דעם מאָמענט איז דאָס הויז פון די לייפמאַנס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צענטער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער באָלשעוויסטישער גרופּע. אינאיינעם מיט די אַגיטאַטאָרס פון צענטער האָבן ריווקע, ווערע און העסיע לייפמאַן אַקטיוו זיך באַטייליקט אין דער פּראָפּאַגאַנדע צווישן די פראַנצויזישע סאָלדאַטן און מאַטראָסן.

די אַלטע 60-יאָריקע עסטער לייפמאַן, וועלכע האָט געהאַט אַ ביטערן גורל, האָט גאַנץ באַוווּסטזיניק זיך באַציגן צו דער רעוואָליוציאָנערער אַרבעט פון אירע קינדער און האָט איבערגעגעבן איר דירע צוליב אונטערערדישער טעטיקײַט.

די מישפּאָכע לייפמאַן האָט אויסגעפּילט דעם רעוואָליוציאָנערן כויוו ניט בלויז פאַרן אָדעסער אַרבעטער-קלאַס, נאָר אויך פאַרן אַרבעטער-קלאַס פון פראַנקרײַך".

אונטערן אַרטיקל איז אונטערגעשריבן — „זעצער". מעגלעך, אַז דאָס איז געווען קלימענקאָס פּסעוודאָנים.

— אַזוי איז טאַקע געווען, — האָט באַשטעטיקט נאָכן אומקערן זיך פונעם שפּיטאָל קלאַרע מאַלקוס, ווען איך האָב איר איבערגעלייענט די אויסצוגן פון דער צײַטונג „אָדעסער קאָמוניסט". — אַלץ ריכטיק. עמעס, בײַ אונדז פלעגן זיך צונויפזאַמלען די אינטערנאַציאָנאַליסטן בעראָש מיט זשאַנען. די אַלטע לייפמאַן האָט אַלמעגלעך געהאָלפן די טעכטער צו פירן אַן אונטערערדישע אַרבעט, און זיי — זשאַנען. איוואַן יעוודאָקימאָוויטש האָט וועגן דעם געוווּסט. וויסנדיק גוט אונדזער מישפּאָכע, האָט ער געוויס געקאָנט זײַן דער אווטאָר פונעם אַרטיקל.

— יאָ, וועגן דעם, וואָס עס האָט זיך געטראָפן אין דער דרײַצנטער דירע, האָט זיך קלאַרע דערוווּסט ערשט אינדערפרי נאָך דער באַנאַכטיקער דעזשורסטווע אין קלוב „נאָדל". אַ דערשיטערטע פון דער שרעקלעכער ידיעה, האָט זי געײַלט אויף דער פּושקין-גאַס מיט דער האָפענונג, אַז דאָס געהערטע וועט זיך ניט באַשטעטיקן. די טיר אָבער איז געווען פאַרשטעמפּלט. איינע אַ שכינע האָט דערציילט, אַז שפּעט אין אָוונט האָבן די קאָנטר-אויסשפּירער אַרומגערינגלט דאָס הויז. זיי האָבן אין דער דירע אַלץ איבערגעקערט. בעשאַס דעם אונטערזוך האָט מען קיינעם ניט אַרויסגעלאָזט פונעם טויער און קיינעם ניט אַרײַנגעלאָזט. דערנאָך האָט מען זיי אַרויסגעפירט אויף דער גאַס מיט פאַרבונדענע הענט און אַוועקגעפירט אויף יעקאַטערינינסקע פּלאַץ, וווּ ס'האָט זיך געפונען די קאָנטר-אויסשפּיר-גרופּע פון דער שטאָט — די פראַנצויזישע. קלאַרע איז אַרומגעלאָפן איבער דער שטאָט, געזוכט די כאַווײרים פון אונטערערד. באַטאָג האָט זי זיך דערוווּסט פון אַן אַרבעטער, וועלכער האָט געווינט אויף דעם אַזוויגערופענעם סאַכאַלינטשיק, אַז אין מאָרג האָט מען געבראַכט „טויטע קערפּערס פון אומבאַוווּסטע פּערזאָנען", וועלכע מע האָט דערשאָסן אין דער נאַכט אויפן צווייטן מאַרט בײַ דער וואַנט פון דער ייִדישן בעסוילעם.

„מעגלעך, אַז דאָס זײַנען אונדזערע", — האָט אַ טראַכט געטאָן קלאַרע און איז אַוועק צום מאָרג, — און אוי, אַ שוידער!.. אויף די קערפּערס — צעטעלעך: „אַן אומבאַוווּסטע", „אַן אומבאַוווּסטער", נאָר פאַר איר זײַנען אַלע געווען באַוווּסטע. זי האָט דערקענט די שוויגער, אירע טעכטער, די לערערן לימאַן און זשאַנען. זשאַנעס פּאָנעם איז געווען שוידערלעך צעשלאָגן אויף ניט צו דערקענען, און פונדעסטוועגן האָט זי זשאַנען דערקענט לויט די שוואַרצע געקרײַזלטע האָר, לויטן אַלטן ברוינעם מאַנטל, וועלכן די מיידלעך האָבן ניט איין מאָל געמאָסטן: זיי איז געווען געפעלן די פּאַריזשער מאָדע.

נאָר זשאַנעס נאָמען האָט זי ניט אָנגערופן. זי האָט ניט געוואָלט, אַז די סאָנים זאָלן זיך פרייען. דערפאַר טאַקע האָט די צײַטונג „אָדעסקיע נאָוואָסטי" געמוזט זיך באַנוגענען מיט אַ קורצער מיטיילונג, אַז צווישן די דערהאַרגעטע „איז פאַראַן אַ פראַנצויזישע אונטערטאַנערן, וועלכע איז ניט דערקענט געוואָרן און איז ניט באַוווּסט".

— יאָ, איך האָב אַפילע ניט קיין פּינטל געטאָן מיטן אויג, ניט געוויזן, אַז איך קען זי. ווי זשע האָב איך דעמלט ניט געקאָנט געדענקען איר נאָמען, אויב איך געדענק נאָך

ביז איצט די מינדסטע איינצלהייטן? איך געדענק אפילע, ווי זשאנא האָט געשריבן פּראָקלאמאציעס: אָט גיך, גיך געפירט די פּען איבער א שילער־העפט, אָט, אָפּשטעלנדיק זיך, גענומען שרייבן לאנגזאמער, באטראכטנדיק יעדעס וואָרט, יעדע פראזע, קעדיי קלאָרער אויסדריקן דעם געדאנק און קעדיי איבערצייגן די פראנצויזישע סאָלדאטן און מאטראָסן אין דער גערעכטיקייט פון אונדזער זאך, — האָט זיך דערמאָנט קלארע.

— איינמאָל אין אָוונט, זיצנדיק בא דער וועטשערע, האָבן מיר געבעטן זשאנען, זי זאָל זיך פירן פאָרזיכטיקער. האָט זי געענטפערט, אז זי האָט ליב דאָס לעבן, די פרייהייט, אָבער זי האָט נישט מוירע ניט פארן ארעסט און אפילע ניט פארן טויט. זי גלייבט אין אירע לאנדסלייט. אויב, כאָלילע, עס וועלן זי כאפּן די ווייסגווארדייער, וועלן די פראנצויזישע סאָלדאטן ניט לאָזן זי באליידיקן, זיי וועלן זי ראטעווען. זייערע זיידעס האָבן דאָך געקאָנט מיט שטורעם איינעמען די קיניגלעכע באסטיליע, וועלן זיי אַף געוויס נעמען מיט שטורעם אויך די אָדעסער טורמע. אויב די זאך וועט דערגיין ביזן געריכט, וועט זי עפנטלעך אנטפּלעקן דעם עמעס. זי וועט זאָגן, אז ניט דערפאר געפינט זי זיך דאָ, קעדיי זיך צו פארטיידיקן, נאָר צוליב דעם, קעדיי צו באשולדיקן. זי האָט איבערגעכאזערט: „אויב דער געריכט וועט מיך ניט בארעכטיקן, וועלן מיך באפרייען די סאָלדאטן און מאטראָסן. מע דארף זיי נאָר געבן צו וויסן, און זיי וועלן געוויס ראטעווען!”

— זשאנא האָט ארויסגעזאָגט די ווערטער מיט אזא אינערלעכער קראפט, אז קלארע האָט א טראכט געטאָן: „און עפשער איז זשאנא טאקע גערעכט”.

צום באדויערן, איז דאָס ניט פאָרגעקומען. די מערדער האָבן אָרודעוועט געהיים, אין דער טיפער נאכט, און די רעוואָליוציאָנערע פראנצויזישע מאטראָסן און אָדעסער ארבעטער האָבן ניט געקאָנט ראטעווען זשאנען מיט אירע כאווײרים.

זיי האָבן געשווירן צו נעמען נעקאָמע פאר זשאנען און פאר די, וועלכע זיינען געווען איינעם מיט איר — פאר עסטער לייפמאנס ארבעטזאמער מישפּאָכע, וועגן וועלכער די צייטונג „אָדעסקי קאָמוניסט” האָט געשריבן: „זיי האָבן הויך געהאלטן די רעוואָליוציאָנערע פאָן ביזן לעצטן אָטעם. זיי האָבן אויסגעפילט זייער כויוו ניט בלויז פארן ארבעטער־קלאס פון אָדעס, נאָר אויך פארן ארבעטער־קלאס פון פראנקרייך”.

ייִדיש — כ. זייען

מיניאַטורן

* * *

א הינטישע נאַטור. ער פלעגט א שטאַרקן לעקן,
און אָפט פאַר טרײַער דינסט באַקומען לוין — א שטעקן.

נאַטירלעך, אז דאָס אומרעכט פלעג אים שטאַרק פאַרדריסן —
און ווו ער האָט געקענט, האָט ער דעם מענטש געביסן.

* * *

ווי שווער עס איז דער בלום,
דער צויבערדיקער קווייט
זיך דורכצושלאָגן צו דער זון!
א גאַנצע טשאַטע אַנגערעגטע דערנער

דאָס שוואכע בלימעלע באַגלייט
און שטויסן מיט די הערנער —
פאַרשלאָגן און פאַרדעקן...
דאָס בלימל אָבער בלײַבט אין באָדן שטעקן.

* * *

ער האָט באַגלייט און נאָכגעשריגן: „קום צו פאָרן,
מײַן שטוב איז פאַר דיר שטענדיק אָפן!"
בין איך, ניט לאַנג געזאַמט, געקומען,
נאָר ניט געטראָפן
מײַן פרײַנט מײַן אַלטן.
אין שטוב איז אַלצדינג אפן אָרט — און ער, דער באַלעבאָס, — ניטאָ,
דער גאַסטגעבער האָט זיך באַהאַלטן!
און ווו? אין מאָקעם, וואָס אַן אויוונס און אַן קוימענס,
אין גרוב
אונטער א שטיינדל. —
אזא מין כיינדל!
פאַרשײַט געווען אַלע יאָרן:
„קום צו פאָרן!"

* * *

א פאַרעלע — א קעפל צו א קעפל,
פונקט, ווי אף צווייען א צעטיילטער עפל.
איין פּאָנעם, און איין מאַמע, און איין וויג —
און אויסגעשלאָסן איז דאָ יעדער קריג!

* * *

אויב מענטשן הונגערן נאָך, מעג מיר פאַסטן
א טאָג צי צוויי אין יאָר אַלטמאָדיש פאַסטן,
קעדיי ניט אײַנדרעמלען אין זאַטער רו,
ווען מענטשן הונגערן נאָך ערגעץ-ווו.

* * *

ס'איז לויטער עמעס, נאָר עס גלייבט זיך קוים:
קעדיי אראָפּנעמען די פיירעס, האַקט מען אויס דעם בוים:
דעם יונגן בוים, וואָס האָט אַזויפיל יאָרן
אַזויפיל שיינע פיירעס נאָך געקענט געבאָרן!

א בריוו צו דאָוויד בערגעלסאָן

טײַערער דאָוויד!

...א יובילײ פון אזא קינסטלער, ווי איר, פון אזא גרויס און פארנעם, באטײַט אן אָרנטלעכער און אופריכטיקער סאכאקל פון אופריכטיקער קינסטלערישער ענערגיע, פארוואנדלט אין וואָרט, בילד, געשטאלט, האלבטיפן און טיפן, וואָס דאָס פאָלק זעט אין זיי א פארקערפּערטע שטיק געשיכטע פון זײַנעם א געוויסן פעריאָד, און לערנט זיי, און לייענט זיי ווי דאָס בוך פון זײַנע גוראָלעס.

אלץ, וואָס דאָס פאָלק האָט אין יענעם פעריאָד געטראָפן, דאָס סאמע פריידיקסטע אָדער פײַנלעכסטע, איז אין יענע טיפן און האלב-טיפן פארפיקסירט און פאָרגעשטאלטיקט דורך דעם קינסטלערישן וואָרט, וואָס איז דער פאָלקס-אידעס, ארויסגעגראָבן פון זײַנע טיפסטע אינווייניקסטע אויצרעס, און דורכגעשליפן און געלײַטערט, מיט אלע מיטלען, מיט וועלכע זײַן קינסטלער, זײַן באפולמעכטיקטער דערוף איז פון דעם באשאָנקען.

דאָס פאָלק זעט זיך אין די געשאפענע ווערק פון זײַן גרויסן קינסטלער, — סײַ אין דעם פעריאָד, ווען זיי ווערן געשאפן, סײַ אויך מיט דורות שפּעטער, — ווי אין א געטרײַען שפּיגל געגעבן, מיט אלע יענע מײַלעס און כעסרוינעס, וואָס א פאָלקס-קערפּער, ווי יעדער קערפּער, פארמאָגט, פרייענדיק זיך מיט די מײַלעס, וועלכע דינען דעם פאר א מוסטער און שטאָלצירנדיקער פרייד, און אָפּקערעווענדיק פון די כעסרוינעס, וועלכע האָבן זיך אפּן געשיכטלעכן וועג צו דעם צוגעקלעפּט, ווי א פרעמד-פּאראזיטירנדיק געוויקס.

יאָ... דעם עמעסן פאָלקס-קינסטלערס באַרוף איז ניט נאָר די קונסט אין ענגסטן זין פון וואָרט, נאָר יעדעס מאָל, צוזאמען מיט איר און ניט אָפּצוטיילן פון איר, אויך דאָס דידאקטישע, דאָס לערערישע, דאָס שטראָפנדיקע, אָדער טרייסטנדיקע, וואָס דאָס באדײַט אויך יעדעס מאָל דאָס פאָרויסגיין און פאָרויסזען פונעם קינסטלער ווי א פאָלקס-פירער, וואָס זאָרגט פאר די געפירטע, זאָלן זיי קיין שטרויכלונגען אף זייער סאָציאלן וועג ניט טרעפן, און אויב שוין יאָ געטראָפן, — זאָל זיך דאָס מער ניט איבערכאזערן.

דאָס איז דער העכסטער קינסטלער-באַרוף, פאר וועלכן דער קינסטלער גיט אוועק און שענקט זײַן גאנץ לעבן אָן איבערבלײַב, און דאָס פאָלק באלוינט דערפאר מיט די שענסטע ווערטער אין זײַנע פאנטעאָנען, דאָס מיינט מען — אין זײַנע באערנדיקע געדעכענישן, וועלכע נעמען זיך ניט אויס און לעבן אייביק, ווי אייביק דאָס פאָלק לעבט.

טײַערער דאָוויד! אײַער אָרט איז צווישן יענע אויבנדערמאָנטע קינסטלער. איר האָט אײַער גאנץ ביזאהעריק לעבן געווידמעט דעם געטרײַען שילדערן און קינסטלערישן פארפיקסירן יענע פּראָצעסן, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אין אונדזער פאָלקס-לעבן, — אָנהייבנדיק פון אײַער געוויסער סעריע-יאָרדים, געזעלשאפטלעכע שלימאזלס און „איבעריקע" מענטשן — דער אומפארמײַדלעכער פּראָדוקט פון א געוויסער געזעלשאפטלעכער פאָרמאציע און פּאָליטישן רעזשים, אײַערע מירלס, מאלקעס, כאַים-מוישעס און אנדערע, און איבערגייענדיק און האָבנדיק די זכיע מיטצושאפן צו פאָרגעשטאלטיקן אויך די נײַע פּראָצעסן, וואָס זײַנען אזוי ווײַט פון די פריערדיקע, ווי הימל פון ערד.

איר האָט מיט גרויס בראָך באערדיקט אײַער יאָרדים-דאָר און אף זײַן קייווער אָפּגעזאָגט דעם כליפּענדיקן קינסטלערישן „קאַדיש".

ס'האָט אײַך זייער ווי געטאָן, צוזעענדיק, ווי דאָס סאמע פּעיִקסטע, אָרנטלעכסטע און געוויסנהאפטיקע גייט צו גרונט, ניט געפינענדיק קיין אָרט אין יענעם לעבנשטייגער, ניט געפינענדיק קיין וואָרט אף אויסצודריקן זײַנע פארשטומטע ליידן, און א פּשיטע שוין — ניט קיין שטיין אף ארײַנצוהאקן אין די טירן און שויבן פון יענע אורזאכן און פארורזאכער, וואָס האָבן זיי — אזוינע פּעיִקע — אונטערגעהאקט די פליגל, און זיי געמאכט קריכן, פויזען, צו גאָרנישט ניט טויגן, און נאָר צום „לײַטיש" געלעכטער.

איר האָט שטילערהייט, שילדערנדיק יענע פארשווינען, אונטערגעווײַנט, מיטפילנדיק זייער אומקומען, זייער „אָפּגיין" און לאָזן נאָך זיך נאָר שטומע שלעסלעך אף זייערע טירן, און אף שטענדיק פארשלאָסענע, ווי אײַער מיילעך.

און ווי אלע — מירל, וועמען ס'האָט געדוכט, און ס'האָט זיך געמוזט דוכטן, אז איר לעבן האָט פאר איר אן אנדער ווערט, ווען שוין אָפּגעלעבט, און איר, מירלען, אליין, איז דאָ, אף דער וועלט, געבליבן ניט מער ווי נאָר דורך סימאָנים פון עמעצנס טריט דורכצוגיין, אליין די ערד קימאַט ניט אָנרירן, זײַענדיק דער טרוים פון איר אייגן לעבן, נאָר ערגעץ

וויַיט-וויַיט אין די זיך לעשנדיקע און צאַנקענדיקע האָריזאָנטן.

איר האָט מיט טרערן אין די אויגן, אַליין אויך, פון צייַט צו צייַט הינטנאָרום, געכאַפּט א קוק אַף יענע האָריזאָנטן, פרעגנדיק: ווען און פונוואַנען וועט ער אָנקומען, דער גוירל פאַר יענע, וואָס גייען אום, ווי אין אוילעם-האַטוהו, פּאַטערן לעבנס אומזיסט און אומנישט, קומען אָפּ פאַר פרעמדע זינד, און ס׳איז צייַט זיי אויסצולייזן...

אונדזער פאָלק איז שוין לאַנג אוועק פון יענער צייַט — אַזוי וויַיט, אַז ס׳פּילט צו איר קיין שום קרויוועשאַפט, ניט ווייסנדיק פון איר לעבן און געביין, זיך געפינענדיק שוין גאָר אין אַן אַנדער רעזשים, שוין גאָר אין אַן אַנדער געזעלשאַפט, און מיטן באַוווסטזייַן, אַז דאָס וואָרט „יוירעד", „געזעלשאַפטלעכער שלימאַזל" און „איבעריקער מענטש" האָט שוין ניט קיין אָרט אין זייַן לעקסיקאָן אַפילע.

אָבער ווי וויַיט דאָס פאָלק איז שוין איצט אוועק, און שפּעטער, ווען ס׳וועט האָבן נאָך מער אוועקגעגאַנגען, וועט עס דאָך, אומקוקנדיק אַף צוריק און וועלנדיק זען זייַן אייגן לעבן, ווי עס האָט פריִער אויסגעזען — אייַך, דעם קינסטלער בערגעלסאָן געוויס דאַנקבאַר זייַן פאַר אייַער מי געטרייַ צו שילדערן יענע קלאָלעדיקע פאַרגאַנגענהייַט; און יעדעס מאָל, לייענענדיק אייַערע ווערק, וועט עס האָבן דאָס בילד פאַר די אויגן, וויאַזוי אין דער שווערער באַוואָלקנדיקייַט פון יענער צייַט זייַט איר מיט א הויך פּאַריסענעם קאָפּ געשטאַנען, זיך אויסקוקנדיק די אויגן און וואַרטנדיק אַף דער שייַן, וואָס דאַרף און מוז זיך פון ערגעץ דורכרייַסן.

איר האָט געקוקט, געוואַרט, זיך אויסדערוואַרט און דערזען... און מיט וואָס פאַר א הונגער, מיט וועלכן אַפּעטיט און גירייקייַט איר האָט זיך א לאָז געטאָן צו דער נייַער ווירקלעכקייַט, וואָס זי איז נאָך קימאַט קיין ווירקלעכקייַט ניט געווען: דעמלט, ווען זי האָט ערשט געהאַלטן אין ווערן; דעמלט, ווען אַלע געזעלשאַפטלעכע יעסוידעס האָבן נאָך געהאַלטן אין איין ציטערן און טרייסלען זיך פון אונטערערדישע שטויסן, — אָט דעמלט האָט איר זיך מיט אייַער קלאָמעריקן געדאַנק שוין אָנגעכאַפּט פאַרן נייַעם, ניט וועלנדיק אָפּלאָזן, ווייסנדיק, אַז צום אַלטן איז קיין צוריקער, אַז שלימאַזל איז געענדיקט, דאָס פּאַסיווע, דאָס זיך נאָכשלעפּנדיקע און אונטער דער ראָד צעריבענע איז אויס... ס׳הייבט זיך אָן אַן ערע פון מאַזאָליעס — פון העכסטע, אַקטיווע, אין קאַמף געבוירענע און אין בלוט בויענדיקע; און — אַוואַדע און אַוואַדע וועט מען אייַך אויך דערפאַר דאַנקבאַר זייַן — פאַר אייַערע געשילדערטע באַטשקאָס, פּיליפּאָווס, פּענעקס און אַנדערע — קינדער פון שטורעם-פּייַן און מאַרטירערטום, אָבער שוין מיט זיגער-שייַן אַף די שטערנס.

יאָ, דאָס אַלץ איז באַוווסט און פון אַלעמען אָנערקענט.

וואָס זשע געהער אָבער באַזונדערס מיר — איינעם אייַערן א בען-דאָר, וואָס דער צופאַל האָט אים געגליקט זיך צוזאַמענטרעפן מיט אייַך אין זייַן פריִער נאָך יוגנט, און וואָס איך בין אַזויפיל באַווירקט געוואָרן פון אָט דעם זיך צוזאַמענטרעפן און לאַנגן צוזאַמענלעבן, — בין איך אַוואַדע שטענדיק דאַנקבאַר געווען און וועל, ווען איך וועל לעבן, דאַנקבאַר זייַן אָט דעם צופאַל.

איך האָב אייַך פאַר א מעשעך פון פיל יאָרן נאָכגעקוקט און נאָך מער פיל זיך בא אייַך געלערנט.

געלערנט... ערשטנס, באַציִונג צו ליטעראַטור.

דערמאָנט זיך, אַז יעדעס מאָל איז בא אייַך אַמאָל געווען אייַנגעפירט, אַז סייַ ווען איר פלעגט לייענען אייַערע ווערק פאַר אַנדערע, סייַ ווען אַנדערע פלעגן לייענען אייַערע ווערק פאַר אייַך, פלעגט דאָס יעדעס מאָל פאַרקומען בא אָנגעצונדענע ליכט.

דאָס איז ניט געווען קיין פּוסטע ביליק-געבלאָזענע דעקאָראַציע. ניין! דאָס האָט יעדעס מאָל באַדייַט: ליטעראַטור איז יאָמטעוו; ליטעראַטור איז פייַערלעכקייַט...

דאָס איז געווען זייער איינפאַך און האָט לאַכלוטן ניט געשטימט מיט דעם דעמלטיקן וואַרשעווער ליטעראַרישן מאַרק, ווו ליטעראַטור איז שוין געוואָרן א האַנט-פּאַרנאָסע, און וואָס ניט געקוקט, וואָס יענע ליטעראַטן האָבן נאָך געהאַט צווישן זיך אומגיין, שאַפן און ווירקן אַזאַ ווי י.-ל. פּערעץ, האָט דאָס פונדעסטוועגן זיי ניט אָפּגעהאַלטן פון צו זייַן דאָס, וואָס זיי זייַנען אַליין געווען, — דאָס, וואָס האָט דערנאָך געגעבן היפּשע קאַדרען אין דער געלער פּרעסע אַרייַן, דאָס, וואָס ווען אַזאַ, ווי איר, פלעגט אַמאָל קומען אַף אייניקע טעג נאָר אין זייער געזעלשאַפט, האָט עס אייַך גענומען וואַרגן, איר האָט זיי מויכל געווען זייער ליטעראַרישע מעטראָפּאָליע און האָט זיך אַרויסגערוקט און צוריק אוועק אין אייַנעם שטילן, פון טומל ווייַטן, פּראָווינציעלן, אין ליטעראַרישן זין, דעמלטיקן קיִעוו.

ווער ס׳איז געקומען אין אייַער נאָענטקייַט, דער האָט געמוזט יענעם הוהאַיִקן ליטעראַרישן מאַרק ווערן א סוינע, דער האָט זיך געשטעלט אין אייַער זייַט און גענומען שאַפן א נייַע פאַר יענער צייַט ליטעראַרישע טראַדיציע, א נייַע ליטעראַרישע שול, וואָס בע-

ראָש פֿון איר זײַט געשטאַנען איר, װעלכער איז װערט און באַרופֿן געװאָרן בעראָש צו גײן.

דאָס איז אײנס.

צװײטנס: כ'האָב זיך בײַ אײַך געלערנט באַשײדנקײַט.

דערמאָנט זיך: ניט געקוקט, װאָס איר זײַט שױן דעמאָלט געװען דער באַװוּסטער און פֿון אַלעמען אָנערקענטער, איז אַז אין פֿופֿצנטן יאָר, װען פּערעץ איז געשטאָרבן, און איך בין דעמאָלט געהאַט אָפּגעפֿאָרן פֿון קיִעװ, אַז איך בין צוריקגעקומען און מיר האָבן זיך געטראָפֿן, האָט איר צו מיר א פֿאַל געטאָן מיט א געװײן: „אױף װעמען האָט ער אונדז איבערגעלאָזט?..”

איר זײַט שױן גאָרניט אַזױ קלײן געװען, גאָרניט אַזױ אומבאַהאָלפֿן און יאָסעמדיק, און דאָך איז מיטן אָפּגײן און מיט אױסשפּעלן אין דער ליטעראַטור פֿון אַזאַ פֿיגור, װי פּערעץ, האָט איר זיך דערפֿילט קינדיש געבראָכן און װי געלאָזט אַפֿן װאַסער...

דאָס איז, אַגעװ, די טעװע פֿון אַלע גרױסע, װאָס ס'קלעקט זײ אי אױף אַלײן גרױס צו זײַן, אי אױך גרױס צו פֿאַר'ערן אַנדערע; אי אַלײן איבערפֿולט זײַן, אי פֿעיִק זײַן די אײגענע איבערפֿולקײַט צו אַן אַנדערנס פֿיס אַװעקצולײגן...

דאָס איז װײַטער געװען קעגן דער װאָרשעװער טראַדיציע, װוּ יעדער נישטיק און האַלב-נישטיק ליטעראַטל האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט זײַן „אָרעם זעלביקן” „יאָך”, האָט געבלאָזן פֿון זיך און אױסגעזען, װי אין נײַנטן כױדעש טראָגנדיק מיט א גאָען, שמועסנדיק צװישן זיך, װען פּערעץ איז נאָך געװען פּערעץ, אַז ער איז שױן אַלט און אָפּגעלעבט, דעמאָלט װען זײַן מינדסטער פֿינגער האָט נאָך פֿאַרמאָגט אין זיך מער יוגנטלעכן פֿײַער, װי זײער גאַנץ באַהעמיש לײַב-און-לעבן.

דאָס איז צװײט.

דרײַ: כ'האָב זיך בײַ אײַך געלערנט אַכטן די אײגענע מעלאָכע. כ'האָב אײַך נאָכאַמאָל געזען װײנען: שפּעטער אין 1920—1921. דעמאָלט, װען איר האָט שױן געהאַט גענומען פֿאַר א טעמע די רעװאָליוציע, שױן גענומען שילדערן די נײַע װירקלעכקײַט, און ס'איז אײַך לעכאַטכילע שױן געגאַנגען, און איר האָט זיך אײן מאָל פֿאַרהאַקט, ניט פֿון אָרט...

איר האָט געװײנט, א געבראָכענער פֿון גרױס צאַר, מױרע האָבנדיק, אַז קײן קױעך װעט אײַך ניט קלעקן, און אַז דאָס נײַע איז ניט פֿאַר אײַך דאָס אײַנצונעמען, גריװער זײַן, אײַנבײַסן און באַהערשן.

איר האָט ניט געװאָלט קײן „גרינגע לעבערלעך”, איר האָט אױף אײַער מאָס קװאַליטעט און אױף אײַער מײַסטערשאַפֿט אײנעם שאַפֿן אײַערע פֿריִערדיקע װערק ניט געװאָלט נאָכגעבן, איר האָט, פֿאַרקערט — געװאָלט פֿאַרן נײַעם נאָך מײַסטערשאַפֿט. און איר האָט דעמאָלט א קלײן שטיקל צײַט גײַסטיק אומגעװאַנדלט, זיך קײן אָרט ניט געקאָנט געפֿינען, אומגענישטערט און געשמעקט, װי א כײַע אַן אומבאַקאַנטע זאַך, װאָס באַגעגנט זי...

און פֿאַרשטײט זיך, אַז בײַ אַזאַ סאָרט אָנשטרענגונג, גאַרן, שטרעבן און װעלן א זאַך צו באַהערשן, האָט איר סאָפּקאָלסאָף געמוזט אַרױס זיגער און איר האָט זי, די זאַך, די טעמע טאַקע, סאָפּקאָלסאָף, באַהערשט און אין האַנט אַרײַנבאַקומען — אױף אַזױפֿיל און אין אַזאַ מאָס, אַז עס האָט אײַך גענומען די פֿולע פֿון די פֿינגער אַרױסצושפּאַרן.

איך האָב אײַך קעסײדער געזען א שװער-באַלאָדענעם מיט אײַער קינסטלערישער מיִסיע, װי אױף בערג-שטײַגן. ס'איז קײנמאָל ניט גרינג אָנגעקומען. איר האָט קעסײדער געהאַלטן אין אײן נעמען באַריערן, און דאָס ציט זיך שױן אַזױ לאַנג באַלד 30 יאָר, — און ביז הײַנטיקן טאָג זײַט איר ניט פֿון די פֿלינקמאַכער, פֿון די, װאָס לעבן שױן אױף זײער אײגענעם פֿאַרגרײטן, אױף זײער אָנגעזאַמלטער טעכניק, און אױף אומזיסט-עסערישע רענטעס; נאָך ביז איצט, ביזן הײַנטיקן טאָג, זע איך אײַך נאָך אַלץ א באַרג-שטײַגער מיט אײַער שװערן פּאַק באַלאָדן.

כ'האָב אײַך ערשט פֿאַראײַאָרן נאָך אײן מאָל אױף דער נאַכט געטראָפֿן בײַ אײַער טיש, נאָך א טאָג, צו זען געװען, שװערער אַרבעט: די הױט פֿון פּאָנעם איז אײַך געװען דורכגעשפּיקעװעט און דורכגעריכערט פֿון א גאַנצן טאָג פּאַפּיראָסן — אַזש בלױ; און איר זײַט נאָך אַלץ געזעסן בײַ דער מאַטעװער שײַן פֿון לאָמפּ איבער אײַערע פּאַפּירן פֿאַרטאָן.

כ'האָב עס דערנאָך דערצײלט אַלע מײַנע באַקאַנטע יונגע, און זײ געזאָגט: גײט, זעט, פּאָרט, לערנט זיך, װיאַזױ ס'אַרבעט דער, װאָס פֿילט פֿאַראַנטװאָרטלעכקײַט פֿאַר אַרבעט...

מיט אײנעם װאָרט, לערנען בײַ אײַך איז געװען װאָס, און איך האָב בײַ אײַך פֿיל געלערנט, און ניט נאָר איך, נאָר צוזאַמען מיט מיר א גאַנצער יונגער דאָר פֿון אונדז, װאָס איז אַרױס פֿון אײַערע „לענדן” און װאָס איז אױף אײַערע קני דערצױגן.

איז נעמט זשע צו, טײַערער דאָװיד, א דאַנק פֿון אונדז אַלעמען, און לאָזט זיך װינטשן, װאָס אײַך קומט:

לאַנג לעבן, גליק און אומופֿהערלעכע שטײַגונג אין אײַער װײַטערדיקער שעפֿערישער אַרבעט.

אײַערער און אײַער דאַנקבאַרער

כאַרקאָװ, 1940 ניסטער

קינסטלער אלעקסאנדער גלוסקין

(1969—1899)

פלאקאט פון דאָרעם־ראָסטא מיט א ליד פון עדוארד באגריצקי. 1920

פאָרטרעט פון א יינגל. 1927—1932

א געסל אין שטעטל מעדזשיבאָזש. 1927—1932

דער סקולפּטאָר נ. אי. ניס־גאָלדמאַן. 1964

מאָסקווע. די ניזשניע סיראָמיאַטניקעס. 1928

נאַטיורמאָרט. א נעצקוישל מיט קרעפסן. 1964

א נאַטיורמאָרט מיט א ליולקע. 1927

קורצע רעצענזיעס

א צײַט אזא

ס׳איז קיין מינדסטער ספק ניט, אז דער דאָזיקער בוך וועט ארויסרופן א סאמע לעבעדיקן אינטערעס אין פיל לענדער פון דער וועלט. עפּעס א קלייניקײַט, וויפל גיפטיקן טינט מע פאַרטערט, באַזונדערס אף יענער זײַט אָקעאַן, קעדיי אײַנרײדן די לײַכטגלויביקע, אז קלוימערשט אין פססר איז ניטאָ קיין ייִדישע ליטעראַטור. און וואָס איז שײַעך „סאָוועטיש היימלאַנד״, וואָס דערשײַנט רעגולער אָט שוין דרײַ און צוואַנציק יאָר, ווי אויך די סאָלידע, וואַקסנדיקע מיט יעדן יאָר ביבליאָטעק פון נײַע ראָמאַנען און דערציילונגען, אָריגינעלע לידערזאַמלונגען, היסטאָריש־ליטעראַרישע און ליטעראַריש־קריטישע פאָרשונגען, איז עס, אזוי צו זאָגן, קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע...

א צוויַעס וואָלט געווען אָפּצולייקענען די ספּעציפישע שוועריקײַטן פון דער ייִדישער ליטעראַטור בא הײַנטיקן טאָג. מיליאָנען אירע פּאָטענציעלע לייענער זײַנען אומגעקומען אין די יאָרן פון דער היטלערישער אָקופּאַציע, דאַן זײַנען אויך פאַרניכטעט געוואָרן אירע טראַדיציאָנעלע קולטור־צענטערס אף דער אוקראַינע, אין ווײַסרוסלאַנד, אין בײַבאַלטיק און מאָלדאַוויע, דאָך איז זי בא אונדז אופגעריכט געוואָרן צו א נײַ לעבן און אנטוויקלט זיך מיט דערפאָלגן אין דער ברידערלעכער פילנאַציאָנאַלער מישפּאָכע פון די סאָוועטישע ליטעראַטורן. זי האָט אויסגעכאָוועט איר געטרײַען לייענער, און אין די איבערזעצונגען אף רוסיש און אף אנדערע שפּראַכן ווערט זי אן אייגנס פון אָנצאָליקע אַאודיטאָריעס.

די שעפערישע מעגלעכקײַטן פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור, אויב אורטיילן לויט דער אוניקאַלער סאָוועטישער דערפאַרונג, איז ניט אויסצושעפּן, בייס אין אויסלאַנד האָט מען צו איר פאַקטיש שוין פון לאַנג געמאַכט א סאָף.

די בורזשואזע נאַציאָנאַליסטן, די „עליטאַרע״ הויכגעפּעסטעטע אינטעליגענץ האָבן פון שטענדיק אָן געקוקט מיט פאַראַכטונג, פון אויבן אראָפּ אף דער שפּראַך פונעם פּאָשעטן פאָלק, אף דער שאַפונג פון די קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור, דערונטער אויך אף אזעלכע קינסטלער פון וועלט־מאַסשטאַב, ווי מענדעלע, שאָלעם־אַליכעם, פּערעץ. אין ייִסראָעל, ווי באַוווּסט, ווערט „זשאַרגאָן״ דעמאָנסטראַטיוו איגנאָרירט, אין די פּשאַ און אנדערע לענדער אף מײַרעוו ווערן די אויסגאַבעס אף אָט דער שפּראַך א זעלטנהײַט.

אין סאָוועטנפאַרבאַנד זעצן פאָר זייער אַקטיווע שעפערישע טעטיקײַט אזעלכע אַלטע אנערקענטע וואָרט־מײַסטערס, ווי נאָטע לוריע אין אָדעס און הערשל פּאָליאַנקער אין קיִעוו, יעכיִעל שרײַבמאַן אין קעשענעוו און יויסעף ראַבין אין מאָסקווע. אין טשערנאָוויץ מיט זיך פּרוכטבאַר כאַיִם מעלאַמוד, אין ווילניוס — בער האַלפּערן... אין די יאָרצענדליקער נאָך דער מילכאָמע איז אויסגעוואַקסן און האָט וואָגיק וועגן זיך געמאָלדן דער מיטעלער דאָר שרײַבער. עס פרייט דער יונגער ווידערוווּקס פון טאַלאַנטפולע ליטעראַטן. די אינטענסיווקײַט פון די זוכונגען, וועלכע כאַראַקטעריזירט, ביפּראַט, די ארויסלאָזניקעס פון דער ייִדישער גרופּע פון די העכסטע ליטעראַרישע קורסן באַם ליטעראַרישן אינסטיטוט אף גאָרקיס נאָמען, גיט א גרונט פאַר אָפּטימיסטישע דערוואַרטונגען. גענוג אָנצורופן כאָטשבי די פאַרעפנטלעכטע אין אָקטיאַבער פאָריקן יאָר אין „סאָוועטיש היימלאַנד״ נאָוואַטאָרישע לויטן גײַסט, ליריש־פילאָסאָפישע גרעסערע דערציילונג פון באָריס סאַנדלער „טרעפלעך ארוף צו א נעס״, קעדיי אין דעם זיך איבערצײַגן. אין דער פּאָעזיע זײַנען דערהערט די שטימען פון לעוו בערינסקי און וועלוול טשערנין.

ריידנדיק וועגן דער הײַנטיקער ליטעראַטור אף ייִדיש, וואָלטן מיר אפּן ערשטן אָרט געשטעלט די קינסטלערישע פּובליציסטיק, דעם פּאָליטישן ראָמאַן

„אין אונדזערע טעג״, פאַרצײכענונגען פון ייִדישע שרײַבער. פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״, מאָסקווע 1983.

(אזא, אָן סאָפעק, איז אַרן װערגעליסעס „די צײַט״) און די דאָקומענטאַלע פּאַרצײכענונג — א זשאַנער אָן אַפּעראַטיװן, פּילאַרטיקן, אזא, װאָס נעמט אין זיך א סאך אַרײַן און איז סאָציאַל פּאַרשאַרפט. װעגן דער באַדײַטונג פון דער דאָזיקער דערשײַנונג איז איבעריק צו רײדן — זי איז קלאָר. אין א קורצער רעצענזיע איז ניט מעגלעך געגוי זיך אָפּשטעלן אפן אַנאַליז פון דער פּאָעטיק, קינסטלערישע מײַלעס אַפילע פון די בעסטע, אַמערסטן פּאַרגעדענקלעכע פּאַרצײכענונגען, װעלכע דער צונויפשטעלער פונעם בוך י. שוסטער האָט פאַרײניקט אין פינף אָפּטײלן: „פּראָבלעמען פון דער צײַט״, „צוגעבונדנקײַט צו דער ערד״, „ברײטע ראַכװעסן״, „שטעט און שטעטלעך״, „מיטצײַטלער״. עס װילט זיך בלויז אָפּמערקן די רײַכקײַט פון די אינדיװידועלע סטילן, מעטאָדן, די פרישקײַט פון דער װעלט־אופאַסונג. אין סאַכאַקל װערט געשאַפן א ברײטע און פּילקאָליריקע פּאַנאָראַם פונעם דינאַמישן הײַנטצײַטיקן לעבן. עס אימפּאָנירט די אָפנהאַרציקײַט אין די רײַזע־בילדער פונעם פּילדערפּאַרענעם שמועל גאָרדאָן. זײַן טרוימעריש־עלעגיש „אַמאָל האָט געלעבט א פּאַסטעכל״ װעגן דעם הײַנטיקן דאָרף טרעפן מיר בישכײנעס מיט דער אָנגעזעטיקטער מיט אינפאָרמאַציע פּאַרצײכענונג פון אַלעקסאַנדער ליזען װעגן די מענטשן און אופטוען פונעם לװאָװער „עלעקטראָן״; טעװיע גענס רעפּאָרטאַזש פונעם נאָװאָסיבירסקער אַקאַדעמישן שטעטל איז אָרגאַניש באַנאַנד מיט כאַיִם ביידערס פּאָעטישן „מיטלאַזיִאַטישן בלאָקנאָט״; די קלוגע באַאָבאַכטערישקײַט פון שירע גאָרשמאַן, װעלכע איז גענײגט צו פּאַראַלגעמײנערונגען, עטװאָס באַפּאַרבטע מיט איראָניע, שטימט גוט מיט דער זאַכלעכער פּראָזע פון ב. און א. בורשטײן „פּערמער סאָציִאָלאָגן״.

אויסערגעװײנלעך ברײט איז די „געאָגראַפיע״ פון די דאָקומענטאַלע דערצײלונגען, װעלכע זײַנען אײַנגעשלאָסן אינעם בוך. נאַטירלעך, װאָס אין צוזאַמענהאַנג מיטן האַלבהונדערטיאָריקן יובילײ פון דער ייִדישער אױטאָנאָמער געגנט דערצײלן די אױטאָרס פונעם בוך א סאך און פּאַרכאַפנדיק װעגן ביראָבידזשאַן.

„אין אונדזערע טעג״ איז א בוך, װאָס צײכנט זיך אויס מיט סאָציִאַל־פּאָליטישער שאַרפקײַט באַם שטעלן װיכטיקע און קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פון דער עפּאָכע, מיט א דײַטלעכער צילגעװענדטקײַט. עס גלײבט זיך, אַז די זאַמלונג װעט אויסהאַלטן דעם אויספּרוּװ פון דער צײַט.

דער בוך האָט זיך באַקומען א בעעמעס שלאַכטישער, כאָטש קײן אײן אױטאָר, דאַכט זיך, טרעט ניט אַרײַן דירעקט אין קײן שטרײַט מיט די מעגלעכע אױסלענדישע אָפּאָנענטן פון צװישן די אַזױגערופענע „פּאַרטײדיקער פון די סאָװעטישע ייִדן״. און דאָס איז א באַװוּסטזיניקע פּאָזיציע: די אױטאָרס גלײבן אין דער זיגרײַכער קראַפט פון דעם עמעס, װעלכן זײ באַשטעטיקן. באַשיצנדיק אונדזערע אידעאַלן, שפּאַרן זיך די שרײַבער אָן אף רעאַלע װערטן. די זאַמלונג אינגאַנצן גענומען שאַפט דאָס געשטאַלט פון דעם העלד פון אונדזער צײַט. עס איז אָנגעמאָלט א פולבלוטיקער קאָלעקטיװער פּאָרטרעט פון א פאָלק — א האָרעפּאַשניק, עס זײַנען אַנטפּלעקט די גרונט־שטריכן פונעם סאָװעטישן ייִדן, צי איז ער א קאָנסטרוקטאָר אפן טשעליאַבינסקער טראַקטאָרזאַװאָד אָדער א װעטעראַן — א פּוטילאָװעץ, א שיפּבויער אָדער א װײַנגערטנער.

אין דעם זין באַקומט דעם כאַראַקטער פון אַן עכט קינסטלערישער פּאַראַלגעמײנערונג די געשיכטע פון אײנער א ביראָבידזשאַנער מישפּאָכע, װעלכע עס האָט מײַסטערהאַפט דערצײלט בוזי מילער. לאָמיר א קוק טאָן, װאָס איז עס פאַר א מישפּאָכע: באַם יאָמטעװדיקן טיש אין הויז פון אַלעקסאַנדער באָריסאָװיטש װילענסקי, װעלכער מערקט אָפּ זײַן 70־טן געבורטסטאָג, האָט זיך פּאַרזאַמלט, װי עס איז טרעפלעך געזאָגט אין דער פּאָרעדע צום רעצענזירטן בוך, „דאָס גאַנצע סאָװעטישע ייִדנטום אין א מיניִאַטיור״. אַלײן דער יובילאַר איז פינף און דרײַסיק יאָר א מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ, דעם טאָג פונעם ניצאָכן — 9 מײַ 1945 האָט ער באַגעגנט אין בערלין. צװישן זײַנע נאָענטסטע קרוװים זײַנען פאַראַן א כירורג און אַן אינזשעניער, א פּעדאַגאָג און א מעבלער, א טעראַפּעװט און א בויער, א צושנײַדער אין אַן אַטעליע, א מעדיצין־שװעסטער, א שולאינספּעקטאָר, אַן אַרויסלאָזניק פון א רעזשיסערישן פאַקולטעט, א סטודענט־געאָלאָג...

פאַר די סאָװעטישע ייִדן, און דאָס באַשטעטיקט נאָכאַמאָל דער אַנאַליז פון דער װירקלעכקײַט, װעלכע עס שפּיגלען אָפּ די אױטאָרס פונעם בוך „אין אונדזערע טעג״, זײַנען כאַראַקטעריסטיש א זיכערקײַט אין דער צוקונפט, א סאָציִאַליסטישע װעלט־אופאַסונג און פּאַטריִאָטישער שטאָלץ מיט זײער גרויסן הײמלאַנד. דאָס געפיל פון אומאָפּטײלבאַרקײַט פונעם פאָלקס־גורל מיטן גורל פון זײער סאָציִאַליסטישן פּאָטערלאַנד איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די ייִדן, װעלכע לעבן זײַט באַ זײַט און אַרבעטן האַנט באַ האַנט מיט פּאָרשטײער פון אַנדערע פעלקער און נאַציִאָנאַליטעטן.

טאַקע װעגן דעם איז דער אָרדנטלעכער און רירנדיקער בוך „אין אונדזערע טעג״. ער איז דערשינען רעכטצײַטיק, און דאָס איז אויך ניט װײניק װיכטיק. די זאַמלונג פּאַרדינט איבערגעזעצט צו װערן אף אַנדערע שפּראַכן. דאָס איז צװעקמעסיק: אַזאַ אויסגאַבע װעט אַרויסרופן א ברײטן געזעלשאַפטלעכן רעזאָנאַנס.

א. גוראַלניק,
דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע װיסנשאַפטן

פאַרווירקלעכטער טרוים

ערעוו דער פײַערונג פונעם יובילײ פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט האָט דער כאַבאַראָווסקער ביכער־פאַרלאַג צוגעגרייט א שיינע מאַטאָנע פאַר די ביבליאָפילן פונעם ווײַטן מיזרעך. עס איז אַרויס פון דרוק דער אַלמאַנאַך „ליטעראַרישער ביראָבידזשאַן“, אין וועלכן ס האָבן זיך געטראָפן דרײַסיק אויטאָרן — פאָרשטייער פון פאַרשיידענע דורעס פּאָעטן און פּראָזאיקער לאַכלוטן פאַרשיידענע לויט זייער שעפערישער מאַניר. קרוויוויש מאַכט דאָס, וואָס אַלע האָבן זיי געלעבט און געאַרבעט אין אונדזער קאַנט — ווער ווייניקער צײַט, ווער מער, יעדער האָט ניט ווייניק קויכעס אָפּגעגעבן דער אויסבילדונג פון דער געגנט.

דער אופקום פון דער ערשטער אין דער וועלט ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט — א מעלוכישע פאָרמירונג, ווי עס מערקט אָפּ אין פאָרוואָרט צו דער זאַמלונג דער עלטסטער ליטעראַטאָר פון ביראָבידזשאַן בוזי מילער, האָט אַרויסגערופן א גרויסן ענטוזיאַזם בא אַלע שיכטן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג. קיין אויסנאַם זײַנען אויך ניט געווען די ייִדישע שרײַבער, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז ס'איז זייער בעקאָוועדיקער כויוו מיטצוהעלפן דער איבערוואַנדערונג פון אַרבעטנדיקע מאַסן אַפן ווײַטן מיזרעך, דער פאַרפעסטיקונג און דערפאָלגרײַכער באַהערשונג פון די רײַכטימער אַף דער בײַאַמורער ערד.

צווישן די ערשטע זײַנען אַף דער סטאַנציע „טיכאָנקאַיאַ“ געקומען וויקטאָר פינק, דאָוויד כאַיִט, מייער אַלבערטאָן, הענעך און עמאַנויִל קאַזאַקעוויטש, שמועל גאָרדאָן און אַנדערע, שוין דאַן באַוווּסטע, אָדער נאָך ווייניק באַוווּסטע שריפטשטעלער.

שרײַבן וועגן דער נײַער נאַציאָנאַלער געגנט איז געוואָרן א זאַך פון ערע פאַר פיל שרײַבער. מיט ליבע האָבן זיי געשאַפן געשטאַלטן פון מענטשן, וועלכע האָבן באַהערשט די אומענדלעכע ווײַטמיזרעכדיקע ראַכוועסן, וואָרהאַפטיק באַשריבן די שוועריקײַטן באַם איבערגעשטאַלטיקן דעם געוועזענעם ווילדן קאַנט.

פאַר די לייענער פון דער זאַמלונג (אין דער רוסישער שפראַך) „ליטעראַרישער ביראָבידזשאַן“ (צונויפשטעלער ר. שויכעט, רעדאַקטאָר ל. אָוועטשקינאַ) אַנטשטייט אַן אייגנאַרטיקער פאַראַלגעמיינערטער פאָרטרעט פון אַן איבערוואַנדערער, וועלכער איז געקומען צו פאָרן בויען א נײַ גליקלעך לעבן. פאַרכאַפט מיטן אומגעוועזענעם פאַרנעם פון דער בויונג און ווערנדיק אַליין איר אומיטלבאַרער אָנטיילנעמער, ווערט ער, דער שטילער קליינער מענטש („לופט־מענטש“, לויט שאָלעם־אַלייכעמס טרעפלעכן אויסדרוק) פאַרוואַנדלט ניט גלײַך, ניט מיטאַמאָל אין א גלײַכבאַרעכטיקטן מיטגליד פון דער געזעלשאַפט.

ביז דער רעוואָלוציע האָבן די ייִדישע שרײַבער באַשריבן דאָסראָוו אין סויווע — דעם שטייגער און די זיטן פון א פאַרוואָרפן שטעטל, ווײַט פון שטאָט. איצט פאַרנעמען דאָס צענטראַלע אָרט אין דער ליטעראַטור, ווי אין לעבן, מענטשן, וועלכע זײַנען זיכער אין זייער צוקונפט, אין דער צוקונפט פון זייערע קינדער, פרײַע פון נאַציאָנאַלן עגאָיזם און נאַציאָנאַלע פאָרורטיילן.

דער אומגעזעענער ענטוזיאַזם און דער פאַרנעם פון סאָציאַליסטישער באַנײַונג האָבן באַגײַסטערט די שרײַבער, וועלכע זײַנען געקומען צו פאָרן קיין ביראָבידזשאַן, און עס איז געשאַפן געוואָרן אַן אייגנאַרטיקע, טאַלענטירטע פּראָזע, וואָס האָט ניט נאָר געשילדערט דאָס, וואָס עס קומט פאָר, נאָר אַקטיוו אַרײַנגעדרונגען אינעם לעבן.

דער קאַמף צווישן דעם נײַעם און אַלטן, צום אַלעם ערשטן אין דער פּסיכאָלאָגיע פון די מענטשן — דאָס איז די הויפּט־פּרובלעמע, אַף וועלכער עס האַלטן זיך די סוזשעטן פון די דערציילונגען און נאָוועלן, וועלכע זײַנען פאָרגעשטעלט אין אַלמאַנאַך. די סימפּאַטיעס פונעם לייענער זײַנען, פאַרשטייט זיך, אַף דער זײַט פונעם בריגאַדיר פון דער טעסלער־אַרטעל וועלוול גראַוווער פון דאָוויד בערגעלסאָנס נאָוועלע „דער פריילעכער ווינט“, זיי סימפּאַטיזירן סאַלוואַדאָר באָרזשעסעס העלדן ליזע און דאַניִעל בערין, וועלכע האָבן געשאָנקען די שילער דעם פאַרפלאַנצטן מיט די אייגענע הענט סאָד.

מע קאָן ניט בלײַבן גלײַכגילטיק באַם לייענען מילערס דערציילונג „פּערל נויעכס“. שוין לאַנג הויזן ניט צווישן זיך פּערל און נויעך — ער איז אייפערזיכטיק צו אירע דערפאָלגן אין קאָלווירט. זי איז א פאָרגעשריטענע אַרבעטערן — א מעלקערן. פרי איז זי פאַרבליבן א יעסוימע. ניט ווייניק האָט מען זיך איבער איר איזדיעקעוועט, א סאַך צאָרעס זײַנען אויסגעפאַלן אַף איר גוירל. אין קאָלווירט האָט זי דערזען גאָר אַן אַנדער ווירקלעכקײַט. „זי איז אוועקגעפאָרן אַהין אַרבעטן, און פאַר איר האָט זיך אָנגעהויבן א נײַ לעבן. א שווער לעבן — שווער אין קאָלווירט, שווער אינדערהיים. און דאָך מיט פרייד. דער איקער — זי איז געוואָרן מיט מענטשן גלײַך! וועט זי דען ווען־ניט־איז דערפון זיך איצט אָפּזאָגן? און אים, נויעכן, ווייסט זי, פאַרדריסט עס. אוי, פאַרדריסט עס אים — האַלעמײַ זי און ניט ער? נאָר ווער זשע לאָזט אים אויך ניט? איר קאָוועד האָט זי פאַרדינט נאָר מיט האָרעוואַניע“.

מיט לײַכטן הומאָר, דינער לירישקײַט זײַנען דורכגעדרונגען טעוויע גענס, העשל ראַבינקאָווס, יויסעף ראַבינס דערציילונגען. א לעבנסבאַשטעטיקנדיקן אָפּטימיזם טראָגן מוישע גאָלדשטיינס און ראָמאַן שויכעטס פּראָזע־ווערק. צום באַדויערן, זײַנען

Литературный Биробиджан. Хабаровское книжное издательство, 1984 г.

א סאך באוווּסטע שרײַבער, וועלכע מע קען צורעכענען צו די קלאַסיקער פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור, פאָרגעשטעלט אין דער זאַמלונג בלויז מיט איינער אָדער צוויי דערציילונגען.

די מעכאַבּרים פון די דאָזיקע ווערק האָבן באַזונדערס אײַנדרוקספול באַשריבן מענטשן, וועלכע זײַנען זיכער אין זייער באַרוף, דעמאַסקירנדיק די נישטיקײַט פון די ליידיקגייערס. די שרײַבער האָבן געטראַכט ניט נאָר וועגן דעם הײַנטיקן טאָג, נאָר אויך וועגן דעם קומענדיקן.

„ס'וועט דורכגיין א ביסל צײַט, — זאָגט דער געוועזענער סאָלדאַט ליוביטש פון יויסעף ראַבינס דערציילונג „עס קומען עשעלאָנען" צו זײַן פעטער, וואָס איז לעבן געבליבן נאָך דער פאַשיסטישער אָקופּאַציע, — מע וועט אונטערעכענען. און וואָס האָבן, אייגנטלעך, די ייִדן אופגעטאָן? זיי האָבן אויסגעבויט, אָרגאַניזירט און געבראַכט אין אָרדענונג די געגנט. איר מיינט, אַז איר טראָגט ניט קיין שום פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר דעם דין־וועכעזשבן, וואָס וועט אויסקומען אָפּצוגעבן? און איך קלער גאָר אַנדערש. אויב מע וועט זײַן ניט צופרידן, וועל איך זײַן שולדיק, איר וועט זײַן שולדיק..."

און ניאָמע ליוביטש, אינאיינעם מיט אַנדערע דעמאָביליזירטע זעלנער, נעמען אָן א באַשלוס פאָרן קיין בירעבידזשאַן.

אַדאַנק דער אָנשטרענגונג פון עטלעכע דורעס, זײַנען אין דער ווײַטמיזרעכדיקער טײַגע אויף דעם אָרט, ווו ס'זײַנען געווען זומפּן און בלאָטעס, אויסגעבויט געוואָרן שטעט און ייִשוּווים, זאַוואָדן און פאַבריקן, דורכגעלייגט געוואָרן וועגן, עלעקטראָטראַנסליר־ליניעס. פון יאָר צו יאָר ווערט אַלץ שענער דער געגנט־צענטער פון בירעבידזשאַן, וועלכן מע קאָן אָן שום סאָפעק אָנרופן — א גראַנדיעזער דענקמאָל די דרייסטע טרוימען פון זײַנע ערשטע בויער. און אָט איז זי, די געמיטלעכע שטאָט, ווו יעדעס געסל, יעדער סקווער איז שוין איצט געשיכטע, א באַזונדערע מיצאַד פּאָעטן.

ניט געקוקט אויף דעם פאַרהעלטניסמעסיק קליינעם פאַרנעם פונעם אַלמאַנאַך, האָט זיך זײַנע צונויפשטעלער אײַנגעגעבן שאַפן אַן אייגנאַרטיקע פּאָעטישע אַנטאָלאָגיע וועגן בירעבידזשאַן, איבערגעבן די פאַרשיידנאַרטיקײַט פון זײַנע נעכטיקע און הײַנטיקע פּאָעטישע טאַלאַנטן.

די ליבהאָבער פון פּאָעזיע וועלן דאָ געפינען עמאַנויִל קאַזאַקעוויטשעס שורעס, וואָס זײַנען געוואָרן כרעסטאָמאַטישע:

די גרויסע וועלט, וואָס רינגלט מיך אַרום,
און אויך די וועלט, וואָס איז אין מיר פאַרבאָרגן,
פאַרבונדן זײַנען מיט דעם זעלבן רום,
די זעלבע גרויסע מוטערלעכע זאָרגן.

פול מיט נאַציאָנאַלן קאָלאָריט זײַנען די לידער פון איזי כאַריק, אַרן ווערגעליס, שמועל האַלקין, כאַיִםביידער, איציק פעפער, אַרן קושניראָוו. ס'דערציילן וועגן דער געגנט די לירישע סטראָפן פון אָ. יערמאָלײַעווא, ר. מעטעלקינא, א. קאָנענקאָוו. דער לייענער וועט זיך באַקענען מיט דער בירגערלעכער ליריק פון איציק בראָנפמאַן, וו. סאָלאָמאַטאָוו, ל. שקאָלניק, נ. קאַפּוסטאָ.

און פונדעסטוועגן בעסער וועגן די לידער וועלן זאָגן די לידער אַליין, דערפאַר וואָלט איך ראַטן די לייענער אַליין זיך באַקענען מיט דעם דאָזיקן בוך, ער וועט זיך אינגיכן באַווײַזן אין די ביכערמאַגאַזינען.

א. יאַקאָוולעוו

ליכט אפן באַרג

אין דער רוסישער פּראָזע וועגן דעם גרויסן פאָטערלענדישן קריג האָט זיך לעצטנס אָנגעמערקט א באַזונדערע טעמע — די געטאָ־טעמע. ס'איז גענוג צו דערמאָנען די ביכער פון ג. קאַנאָוויטש, א. רײַבאַקאָוו, א. טווערסקאָי, וועלכע האָבן געפונען זייער פּילצאָליקן און דאַנקבאַרן לייענער. פאַר דער ליטעראַטור־וויסנשאַפט האָט די דאָזיקע דערשײַנונג א בעפייִרעשן אינטערעס, אויף וויפל די אווטאָרן מאַכן דאָ א פּרווו צו ווידערשטעלן און איבערגעבן דורך דעם רוסישן לאַגאָס און דורך די טראַדיציאָנעלע רוסישע קונסט־מיטלען דעם כאַראַקטער, דעם פּסיכאָלאָגישן פּענאָמען פונעם פּערסאָנאַזש, וועלכער שטעלט פאָר אַן אַנדער סוויווע מיט אַלע אירע ספּעציפישקײַטן, וועלכע האָבן זיך אויסגעפורעמט אין מעשעך פון יאָרהונדערטער און זיך „אַדאַפּטירט" ערשט אין די לעצטע יאָרצענדליקער. מיר וועלן ניט באַהויפּטן, אַז אָט די טעמאַטישע ליניע אין דער רוסישער ליטעראַטור איז אַן אוניקאַלע. אויף רוסיש שרײַבט און שילדערט זײַנע קירגיזישע לאַנדסלײַט טשינגיז אײַטמאַטאָוו. פילנדיק גוט דאָס רוסישע וואָרט, פירט אַרויס אויף דער רוסישער בינע און אויף די ביכער־זײַטן זײַנע מאָלדאַווישע פּערסאָנאַזשן יאָן דרוצע. אָבער אין אָט די ביידע פאַלן (און אַזעלכע זײַנען פאַראַן א סאַך מער) האָבן מיר צו טאָן מיט א פרײַען אויסוואַל: דער צווייִשפּראַכיקער שרײַבער, אַרויסגייענדיק פון זײַן קינסטלערישן אָדער סאָציאַלן צוועק, באַשליסט זעלבסט,

Владимир Тихвинский. Свет на горе. Москва, издательство «Музыка», 1983.

מיטן אייגענעם ווילן, וועלכע שפּראַכלעכע טראַדיציע ער וועט אויסקלײַבן, קעדיי צו רעאַליזירן דעם פּאַרטראַכט פון זײַן ווערק. אַזאַ אויסוואַל איז אָבער ניט געשטאַנען פאַרן מעכאַבער פונעם באַהאַנדלטן בוך — קיין ברייֵרע האָט ער ניט געהאַט, ווײַל פּונקט ווי קאַנאָוויטש אָדער ריבאַקאָוו, איז ער אַ רוסישער שריפטשטעלער אין אַלע זײַנע ווערק, דאָס רוסישע וואָרט איז דער קוואַל און דער יעסאָד פון דער מוטערשפּראַך פון אַלע זײַנע שאַפונגען. טײַנען, אַזוי־אַרום, אַז זײַן שעפערישער פּאַרטראַכט וואָלט עפּשער אין אַ פולער מאָס פאַרווירקלעכט געוואָרן, ווען ער שרײַבט אָף ייִדיש, איז אַ פּוסטע זאַך. אַ פּוסטע, אָבער ניט קיין אומזיניקע.

לייענענדיק אַזעלכע רוסישע ביכער אָף ספּעציפיש ייִדישער טעמאַטיק; קענענדיק די באַשריבענע סוויווע; הערנדיק די ווינציקע לאָשן־אײַנזאַצן, וועלכע דאַרפן, לויט דער האָפענונג פונעם מעכאַבער, „רעסטאַווירן דעם קאָלאָריט"; זעענדיק הינטער דער אָנגעדרוקטער שורע אַ גאַנצע מיזאַנסצענע פון דער פאָרקומענדיקער האַנדלונג, די זשעסטיקוליאַציע, די פּאָנעם־מינעס, — באַמערקסטו, ווי עס טרעפט אָף אַ טעלע־עקראַן, דעם אויסגעקרימטן קאַדער, וואָס עס איז אַ פּויעל־יוֹיצע פון דער שטייגערישער שפּראַכלעכער פאַרשיידנקײַט. פאַרשטייט זיך, אַז אַ מענטש, וואָס האָט אין דער קינדהײַט איבערגעלייענט ריי־באַקאָווס באַרימטן „קאָרטיק", וועט שוין ניט האָבן קיין גרויסן כיישעק צו גריבלען זיך אין זײַנע ייִדיש־רוסישע פּסיכאָלאָגיזמען און דיאַלעקט־פאָרשונגען. דעם אינטערעס צו פּסיכאָלאָגיע וועט ער באַפרידיקן, לייענענדיק דאָסטאָיעווסקין, און די אוצרעס פון דער רוסישער שפּראַך וועט ער געפינען בײַ לעסקאָוון. יאָ, הער איך אַ קאָל, און באַבעל? אַך, באַבעל! דער איין־און־איינציקער באַבעל...

אויב אַזוי, קאָן פרעגן דער לייענער אָדער דער ליטעראַטור־קריטיקער, צוליב וואָס זשע נעמט זיך דער שרײַבער פאַר אַזאַ מין אומדאַנקבאַרער מי? צי האָט ער שוין ניט מער וועגן וואָס צו שרײַבן, צי קאָן ער שוין ניט געפינען קיין אַנדער טעמע? אָבער וואָס קאָן מען טאָן, אַז דער זיקאָרן גיט אים יעדעס מאָל אַ שלײַדער ארײַן אין די שרײַענדיקע מענגעס מענטשן, וועלכע זעען דעם טויט פאַר די אויגן...

דער הויפּט־העלד פון לעוו טיכווינסקיס ווערק, וואָלאָדיק, טרעט אַרײַן אין מילכאָמע־וויכער קימאַט אַ קינד. מיט אייניקע שטריכן דערמאָנט ער אונדז שאָלעם־אַליייכעמס מאָטלען — די זעלבע גײַסט־עקספּאַנסיע, דער זעלבער צונויפשטויס מיטן אומראַכמאָנעסדיקן קינדערשן מאַזל, דער זעלבער אײַנגעבוירענער אָפּטימיזם, דאָס זעלבע זוכן דעם עמעס. די מעטושטעשע וועלט, וואָס ברענט און וואַקלט זיך פאַר די אויגן באַם ייִנגל, איז פילבאַר און אומרעאַל לויט איר שרעקלעכן מעהוס. „איך פלעג מאַכן דעם אָנשטעל, אַז איך לייג זיך שלאָפן, נאָר כ'פלעג קיינמאָל ניט אַנשלאָפן ווערן, ביז די מומע וואַליע פלעג זיך ניט אומקערן פון די „גוליושקעס". (...) די מומע וואַליע וויל עפּעס זאָגן, נאָר טוט עס ניט זיכער, שטילערהייט, ווי גלײַך זי האָט מוירע, אַז איך וועל דערהערן זייערע רייד. איך הער אָבער, ווי דער דײַטש ברומט: „ראַזדעוויַיטסיאַ!", און דעם שאָרך פון איר קליידל. „רוקאַ פּאָדניאַט! פּאָזשאַלויסטאַ..." — גיט ער אָף די קאָמאַנדע, און זי שפּאַרט זיך מיסטאַמע ניט, שטעלט זיך ניט קעגן, ווײַל ער זאָגט שוין אַ ביסל רויִקער: „דרוגאַיאַ רוקאַ פּאָדניאַט... פּאָזשאַלויסטאַ... אַאוך נאָגאַ... טאַק, טאַק, פּאָדניאַט אונד האָך! אַי ווישע! נו! טאַק סטאָיאַט!.. שטייען! אַך, קאָמיש..." און ער גיט פּלוצעם מיט עפּעס אַ קנאַק. דאַכט זיך, מיטן צינדערל. באַלד וועט ער פאַררייכערן, און ס'וועט זיך כאָטש אָף אַ קורצער צײַט ניט הערן פון דאָרטן: „סטאָיאַט! סמירנאָ! טי דעלאַיעש מניע סמעשנאָ..." וואָס איז אים אַזוי „סמעשנאָ", וואָס די מומע וואַליע שטייט פאַר אים אָפן שטול?

ס'ע פילט זיך אַ פריקרע רויך, ווי מ'ע פאַרברענט עפּעס. ווי גלײַך די מומע וואַליע דרייט אָן אירע שוואַרצע האָר אָפן אָנגעגליטן צווענגל. ס'ע שמעקט מיט צוגעברענטע האָר...".

אָט אַזעלכע „אוניווערסיטעטן" גייט דורך די קינדהײַט אין די צײַטן פון דער היטלערישער אָקופּאַציע!

„פאַרגליווערט בלוט אָף די ווענט און אָף די גאַסן־שטיינער, פאַרפוילטע קערפּער־גלידער אין די קוואָרים, ווו דאָס ייִנגל גראָבט זיך אין די לײַבער פון מייסים, זוכנדיק, לויטן באַפעל פון אַ לעבעדיקן פאַשיסט, דעם סאָלדאַטישן זשעטאָן, אָדער אַ גאָלדענעם צאָן בײַ אַ פאַשיסט, אַ טויטן; סצענעס פון אומענטשלעכער, היניטישער טײַווע און סאַדיסטישער פערווערסיע; אומבאַגרײַפלעכע, ניט מאָטיווירטע פאַרעטערישקײַט; אַן אַלגעמיינער אומזין, אַ זינלאָזע וועלט און אַן אַבסורדישע עקזיסטענץ, ווו מ'ע דאַרף נאָר קענען: ערשטנס, בלײַבן לעבן, און, צווייטנס, צו דעם לעבן זיך צופּאַסן, — אָט דאָס איז דער בלענדיקער און שטיקנדיקער געגעם, אין וועלכן ס'ע רײַפט דער Homo Animus, דער גײַסטיקער מענטש...".

דער יונגער, קימאַט קינדערשער געדאַנק האָט געזוכט עפּעס אַ זין אין די געשעענישן, כאָטש אַן אָנדײַט אָף לאָגיק. דער דאָזיקער מאָטיוו פון זוכן און ניט געפינען קיין זינען דרינגט דורך דאָס גאַנצע ווערק. „מיר האָבן זיך אײַנגערעדט, אַז דער דײַטש וועט אונדז ניט באַמבירן: דאָ, אינעם שטאָטצענטער, זײַנען קיין אינדוסטריעלע אָביעקטן ניט געווען, דאָ האָבן זיך געפונען בלויז די קולטורווערטן — אַלטע געבײַדעס, מוזייען, טעאַטערס, ביבליאָטעקן. מיר האָבן געזוכט אַ לאָגיק אינעם קריג...". אַ לאָגיק אינעם קריג — דאָס איז אַן אומזין.

וואָלאָדימיר טיכווינסקי איז אַ שטרענגער רעאַליסט, וואָס עס פאָדערט פון אים אָפּט געוויסע אָנשטרענגונגען אָף צו באַגרינדן די געשעענישן, אָף אַזויפיל זינלאָז און פאַנטאַסמאַגאָריש זעט אויס די טאָגטעגלעכע רעאַליטעט.

מ'ע קאָן אַוואַדע ניט אויסקאָרטשעווען ביזן סאָף די מענטשלעכע גוטהאַרציקײַט און לײַטישקײַט, נאָר דאָס ווערט שוין אַ העלדישער טאַט, אַן אַלטרויִסטישע אַקציע. אַזוי זעט די אַרומיקע וועלט דאָס ייִנגל, וואָס איז אונטערגעכאַפּט געוואָרן פונעם מילכאָמע־ווירבל און זיך דערפילט אָפּגעריסן פונעם געוויינלעכן באָדן; ער האָט אָנגעוואָרן אַפילע יענץ קליין שטיקל ערד אונטער זיך, וואָס ער האָט באַוויזן אײַנצוטראָמבעווען מיט זײַנע באָרוועסע פיסלעך בע־

מעשעך פון די עטלעכע קורצע יאָר פון זײַן לעבן.
„איך האָב קיינמאָל ניט געטראכט, — זאָגט ער, — אז אָט דער אמעראַצישער מענטש, אונדזער שאָכן, וועט אמאָל קענען פארשטיין עפּעס בעסער פון מיר. ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז אין דעם אלעמען איז שולדיק די שול, מײַן בילדונג: מע האָט מיך ניט דאָס געלערנט, וואָס מע דארף״... ווירקלעך, צו אזעלכע קאטאסטראָפאלע ניסיוינעס איז וולאדיק ניט צוגעגרייט, און דאָס איז טאקע דער איקער פונעם בוך: דאָס שילדערן דעם דערנערוועג דורכן אבסורד און דאָס געפינען דעם עמעס — אויב דו ביסט שוין יאָ לעבן געבליבן!

דער אווטאָר פונעם בוך „ליכט אפן בארג״ לייגט איבער די מי פון אָפּשאצן די געשעענישן אף זײַנע פּערסאָנאזשן, אין דער ערשטער ריי — אף וולאדיקן, און דעם יונגן באָכער קומט עס אָן שווערלעך, ס׳טרעפט, אז ער רײַסט זיך מאמעש אונטער, סע סטײַעט אים ניט קיין אָטעם און סע ווערט אים אומדערטרעגלעך פון די אלע פלוצעם אראָפּגעפאלענע אף אים פאראדאָקסן און אומזיניקײַטן אין דער ארומיקער וועלט. דער אווטאָר בלײַבט אָבער הארב אָביעקטיוו: קיין שום הילף, קיין איין אייצע, קיין איינציקן ווונק צו דעם יינגל, וואָס בלאָנדזשעט ארום, קלײַבט אלעמאָל אויס ניט קיין ריכטיקע סטעזשקע, קערט זיך אום, האָט ווידער א טאָעס, נעמט אן אנדער ריכטונג און טרעפט ווידער ניט. א וועג פון „ריינער דערפארונג״, טראָט נאָך א טראָט, קרעכץ נאָך קרעכץ... דעריבער איז אזוי גרויס און זיגרײַך דערנאָך דער טריומף — די יעדיע, וואָס קומט פון דער פינצטערער גרוב, און דער וועג ארוף צו דער ליכט אפן בארג, צו דער הויכער ליכט פון פארשטאנד און מענטשלעכקײַט.

אזא קימאט אימפּראָוויזירטער אויפן פון דער סיוזשעטישער אנטוויקלונג באשטימט מיט זיך די אלגעמיינע קאָנסטרוקציע פונעם ווערק — א פליסנדיקע, ניט קיין שטרענג באגרענעצטע, מיט א טונקעלן שאָרד אף די פוסט געבליבענע גאסן און מיט א לאנגן פײַף פון א הארמאט־קויל, מיט דער הארצקלאפעניש, אין וועלכן מיר דערקענען דעם אייביקן וויי פונעם בען־אָדאָם, און מיט עפּעס נאָך, וואָס ס׳איז שווער אָנרופן באם נאָמען, ווײַל עס ליגט טיף פארבאָרגן ערגעץ אפן דעק פון דער נעשאָמע. דאָס אלץ באוועגט אונדז ווידער און ווידער צו דערמאָנען זיך אין דעם אומשטערבלעכן יינגעלע מאָטל...

ווען אין דער שטאָט, וועלכע איז צוויי אומענדלעכע יאָר געלעגן אפן גענעם־דעק, קומט די באפרײַונג, איז דאָס אן עכטע אנטפּלעקונג פונעם עמעס, אן עכטע אָפּשאפונג פונעם אבסורדישן צוואנג. און אויב דער יונגער רויטארמייער, דאָס נעכטיקע יינגעלע וולאדיק, זאָגט סאָפקאָלסאָף: „איך בין שוין מער ניט קיין קליין און שוואך טיילעכל, איך האָב שוין פארשטאנען מײַן קויעך...״, — איז דאָס ניט פּאָשעט קיין טראדיציאָנעלער פינאל, נאָר א באנײַונג פון אלע באנעם־פּעיקײַטן, פון אלע מעגלעכקײַטן און פּאָטענציעס פונעם מענטשן.

ל. בערינסקי

עטלעכע ווערטער וועגן מאקס גאָלדינס נײַער זאמלונג

בעעמעס א מאזלדיקן גורל האָט אין אונדזער צײַט די יידישע מוזיק — יעדער קאָנצערט, יעדע ארויסטרעטונג גייט דורך מיט גרויס דערפאָלג. ס׳איז געגוג, עס זאָל זיך באווײַזן א נײַע מוזיקאלע פלאסטינקע אָדער א נײַע זאמלונג מיט יידישע זינגלידער, זיי זאָלן ווערן באלד צעכאפּט, אבי, ווי מע זאָגט, ס׳זאָל נאָר זײַן.

אָט ליגט פאר מיר די לעצטע אויסגאבע פון מאקס גאָלדינס באארבעטונגען: „יידישע פאָלקסלידער״. דער אווטאָר פון דער דאָזיקער אויסגאבע איז שוין גוט באוווּסט די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד״, ווו עס דרוקן זיך אָפט זײַנע אינטערעסאנטע ארטיקלען וועגן דעם יידישן מוזיקאלישן פאָלקלאָר. פונדעסטוועגן, וועל איך דערמאָנען איינקורצן, אז מאקס גאָלדין (געבוירן אין 1919) איז א סאָוועטישער יידישער קאָמפּאָזיטאָר און מוזיק־פאָרשער, א פּראָפעסאָר פון דער ריגער קאָנסערוואטאָריע. זײַענדיק א גרויסער קענער פונעם יידישן פאָלקלאָר, האָט גאָלדין באארבעט ארום 120 פאָלקסלידער. אייניקע פון זײַנע באארבעטונגען זײַנען שוין ארויס אין דרײַ נאָטן־זאמלונגען (פארלאג „מוזיקא״: 1972, 1977, 1982), 17 — האָט פארשריבן אף א פלאסטינקע די זינגערין אדא סוועטלאָווא („מעלאָדיא״, 1981).

די זאמלונג, וועגן וועלכער עס גייט דאָ א רייד, באשטייט פון זעקס פאָלקסלידער, וואָס מ. גאָלדין האָט באארבעט פאר א כאָר אָן א באגלייטונג. יעדע ליד באזונדער האָט, דאכט זיך, קיין שום פארבינדונג ניט מיט די איבעריקע, אָבער דער בוי פון דער גאנצער זאמלונג, מיט אייגענע קלאָלים פון דער אינערלעכער אנטוויקלונג און מיט א גוט דורכגעטראכטער סימעטריע, פארייניקט די זעקס לידער אין איין ציקל, שאפט א פאראלגעמיינערט געשטאלט פון א טכום־האמוישעוודיקן יידן.

די שטרענגע אקאָרד־פאקטור פון דער ערשטער

Макс Гольдин. «Еврейские народные песни». Москва, Издательство «Музыка», 1982.

ליד („די גאָלדענע פּאווע“), וואָס דערמאָנט אונדז יענע „געטלעכע אדאזשיאָס“ פון בעטהאָווענען און שומאַנען, גיט איבער אין א פולער מאָס די ליכטיק־טרויעריקע שטימונג פון דער פאָלקסטימלעכער אלעגאָריע.

און אָט קלינגען די אומרויִקע אינטאָנאַציעס פון דער צווייטער ליד („מעכוטענעסטע מײַנע“). דער מוטערס געדאַנקען און געפילן, אירע איבערלעבונגען געפינען אַן אַדעקוואַטן אויסדרוק אין די פּאָליפאָנישע אימיטאַציעס, וואָס הערן זיך קעסיידער אין יעדער כאָר־פּאַרטיע. די פאָלקס־מעלאָדיע גופא (עס זײַנען פאַראַן עטלעכע וואַריאַנטן פון דער ליד) האָט געגעבן גאָלדינען א געלעגנהײַט צו שאַפן א זעלבשטענדיק קאָמפּאָזיטאָריש ווערק.

„ניסים פון ראַבאָנים“ — אַזוי רופט זיך אָן די דריטע ליד. מאַקס גאָלדין האָט די דאָזיקע ליד שוין אַמאָל באַאַרבעט פאַר א מענערישן קוואַרטעט. אין זײַן נײַער באַאַרבעטונג האָט זיך אײַנגעגעבן (שוין מיט כאָר־מיטלען) צו געפינען און אַרויסווײַזן נײַע פאַרבן פון אָט דעם פאָלקס־מוסטער. ברייטע שפּרונגען אין דער מעלאָדיע, וואָס עס פילט דאָ אויס א זינגערן־סאָלאָ (מעצאָ־סאָפּראַנאָ) און ווו דער כאָר אַקאָמפּאַנירט איר נאָר, דערנענטערט די באַאַרבעטונג צו א כאַזאָנישן ניגון. די באַאַרבעטונג, לויט מײַן מיינונג, איז די בעסטע אין דער זאַמלונג.

די לירישע קולמינאַציע פונעם גאַנצן ציקל — די „וויגליד“ (אַף שאָלעם־אַלייכעמס ווערטער) אַנטהאַלט, ניט געקוקט אַפן קאָנטראַסט, אַן אינערלעכע פאַרבינדונג סײַ מיט דער פאָריקער ליד, סײַ מיט דער פאָלגנדיקער. אַפן פאָן פונעם כאָר, וואָס זינגט אָן ווערטער — מיט א פאַרמאַכט מויל — טראָגט זיך אָן אומעטיק־צאַרטער ניגון, גלײַך ווי א העלער שטראַל וואָלט זיך דורכגעשלאָגן דורך א שפּרונקעלע און וואָלט אויסגעשיילט פונעם פינצטערן ווינקל א וויגעלע. דער סאָציאַלער מאָטיוו, וואָס צייכנט זיך דאָ בלויז אָן, באַקומט ווײַטער, אין דער ליד „בין איך מיר א שנײַדערל“, א געוויסע אַנטוויקלונג. דורך דער איראָניע, דורך דעם ביטערן שמייכל זעט זיך נאָך קלאָרער אָן די אָרעמקײַט פון א ייִדישן באַלמעלאָכע. דאָס „פריילעכע“ שנײַדערל וויל מיט זײַן „פריילעכקײַט“ זאָגן: „קוקט, מענטשן! אַזאַ גוירל איז באַשערט אויך דעם נעפּעשל, וואָס הייבט ערשט אָן צו לעבן!“

ווי א רעפריזע, ווי א מין מוזיקאַלישער סאַכאַקל פונעם גאַנצן ציקל, קלינגט, לעסאָף, די ליד „שא, שטיל!“. אין אָט דער באַאַרבעטונג הערן זיך די אינטאָנאַציעס פון אַלע פינף פריִערדיקע לידער, און גראַדע דאָס איז ניט נאָר קיין פאָרמעל מיטל, וואָס טרעפט זיך אַף שריט און טריט אין א באַליביקן ציקל, — דאָס איז דער נאַטירלעכער סאָף פון א מוזיקאַלישער סיפּער־האַמײַסע, ווו עס דערציילט זיך וועגן דעם שווערן לעבן אינעם פינצטערן „טכום“...

רעדנדיק וועגן די פילצאָליקע מײַלעס פון מאַקס גאָלדינס באַאַרבעטונגען, וואָלט געווען, מיין איך, ניט ריכטיק צו פאַרשווײַגן יענע איינצלנע כעסרוינעס, וואָס זײַנען פונדעסטוועגן פאַראַן.

אין דער ייִדישער ליטעראַטור און אין דער שפּראַך־וויסנשאַפט בלײַבט נאָך אַקטועל ביז הײַנטצו־טאָג די פּראָבלעם פון העברעיִזמען און דײַטשמעריזמען. די זעלבע פּראָבלעם האָט אַן אָרט אויך אין דער ייִדישער פּראָפעסיאָנעלער מוזיק.

יענע מוזיקאַלישע אויסדרוק־מיטלען, וועלכע מאַקס גאָלדין ניצט אויס אין זײַנע באַאַרבעטונגען: פּאָליפאָנישע אימיטאַציעס, סעקווענציעס אאַז״וו., האָט ער פּונקט ווי „אַנטליִען“ בא דער מײַרעוו־אייראָפּעישער מוזיק. דערמיט, מיין איך, האָט די ייִדישע פאָלקסליד ערטערווײַז פאַרלאָרן אין זײַנע באַאַרבעטונגען איר באַשיידנקײַט, איר פּאַשטעס.

א שאָד, וואָס די טעקסטן פון די לידער זײַנען אין דער זאַמלונג ניט פאָרגעשטעלט אויך אין ייִדיש. דאָס וואָלט באַרײַכערט די אויסגאַבע.

בעליסאָפּעק, אַז די ליבהאָבער פון דער ייִדישער מוזיק האָבן באַקומען פונעם פאַרלאַג „מוזיקא“ א שיינע מאַטאָנע.

וו. ב י ט ק י ן

גאָדישניק־83



עס איז דערשינען א נײַער נומער פונעם יאָרבוך („גאָדישניק“) פון דער געזעלשאַפטלעכער קולטור־ און בילדונג־אָרגאַניזאַציע פון די ייִדן אין דער בולגאַרישער פאָלקס־רעפּובליק. אַן אַרײַנפיר צו דער זאַמלונג האָט אָנגעשריבן דער פּראָפעסאָר סאָלאָמאָן לעווי. דער דאָקטאָר פון עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן נאַנסען בעכאַר באַרירט אין זײַן אַרטיקל „דער קאַמף פאַרן שאָלעם און די בולגאַרישע ייִדן“ די פּראָבלעמען פון דער הײַנטצײַטיקער וועלט־פּאָליטיק. צווישן אַנדערס שרײַבט ער, אַז די בולגאַרישע ייִדן האַלטן אונטער דעם אָפענעם בריוו פון די סאָוועטישע ייִדן צו די ייִדן פון פּשא, דעם רוף צו קעמפן פאַר שאָלעם, קעגן דעם געיעג נאָך אַטאָם־וואָפן.

פיל פאַרעפנטלעכטע אין דעם נומער אַרטיקלען זײַנען געווידמעט פּראָבלעמען, וואָס דרינגען אַרויס פונעם צווייטן וועלט־קריג. דער העלד פון סאָציאַליסטישער מי דאָקטאָר יאָסיף אַסטרוקאָוו איז דער אַוטאָר פון א היסטאָרישער אַרבעט „די רעטונג פון די בולגאַרישע ייִדן — א ניצאָכן פונעם הומאַניזם און אינטערנאַציאָנאַליזם“. די מילכאָמע־טעמע איז אויך באַרירט אין די אַרטיקלען פון דאַוויד בענוועניסטי „שטימען אינעם עפיר און דער קאַמף

פארן ראטעווען די בולגארישע ייִדן (1941—1944)", פון דעם קאנדידאט פון עקאָנאָמישע וויסנשאפטן דאוויד קאָהען „די פּאָליטיק פון דער „ענדגילטיקער לייזונג" פון דער ייִדן־פראגע אין בולגאריע און איר דורכפאל (לויט דײַטשישע דאָקו־מענטן)", פונעם גענעראל סלאָוואָטשאָ ראדאָמירסקי „נאָטיצן וועגן דער טעטיקײַט פון ספּעציעלע קאמפּס־גרופּן אין סאָפיע", פונעם פּראָפעסאָר אדאָלף פּאבריקאנט „עפּיזאָדן פונעם אנטיפאשיסטישן קאמף אין דעם דריטן ראיאָן פון דער הויפּטשטאָט", פון גאבריעל בענאַטאָוו „צו דער געשיכטע פון דער פּארטיזאנישער באוועגונג אין דער עלפטער אופשטענדלערישער אָפּעראַטיווער זאָנע". צוויי ארטיקלען שטעלן מיט זיך פאָר פּערסאָנאליעס פון די העלדן פונעם רעוואָליוציאָנערן און אנטיפאשיסטישן קאמף אין בולגאריע— קרעסטינא סטאנילאָווא דערציילט וועגן לעאָן טאדזשערן, אנרי אסא — וועגן זשאק יאָנא.

דער קאנדידאט פון פילאָלאָגישע וויסנשאפטן כריסטאָ יאָרדאנאָוו דערציילט וועגן דער בארימטער בולגארישער שרײַבערן דאָרע גאבע, וועלכע איז באוווּסט די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד" לויט ייִדישע איבערזעצונגען פון אירע ווערק. קאָנסטאנטין פּונעוו האָט געווידמעט זײַן ארטיקל דעם דיכטער יולי ראָזענטאל, וועלכער איז העלדיש אומגעקומען אין דער שלאכט קעגן די רעגירונגס־כאיאָלעס בײַסן אופשטאנד פון „אילייִן דען" (1903).

דער קאנדידאט פון היסטאָרישע וויסנשאפטן אייוואן אלעקסאנדראָוו ברענגט אין זײַן ארבעט „דער סענטיאבער־אופשטאנד פון 1923 אין געשטאלטן" די ביאָגראפיע פון איינעם פון די אָנטיילנעמער פון אָט דעם אופשטאנד מאָיסיי גאָלדשטיין, וועלכער איז געפאלן אין שלאכט.

ארטיקלען פון דעם קאנדידאט פון היסטאָרישע וויסנשאפטן מילען קומאנאָוו, פון כריסטאָ באָטשאראָוו און פיליפּ דימיטראָוו באריִרן באזונדערע פּראָטים פון דער געשיכטע פון די בולגארישע ייִדן און פון זייערע באציִונגען מיט דער ארומיקער בולגארישער באפעלקערונג. דער קאנדידאט פון היסטאָרישע וויסנשאפטן ניקאָלײַ צוויאטקאָוו אנאליזירט די קסאָווים פון דעם ייִדישן רײַזנדער פון 17 יה. גערשן בען עליעזער. אנערקענענדיק די ווערט פון נ. צוויאטקאָווס ארבעט, מוז מען אָבער צווייפלען אין דער וויסנשאפטלעכער פּינקטלעכקײַט פון זײַן ארויסזאָגונג, אז די ייִדישע רײַזנדער האָבן געשריבן זייערע קסאָווים „אף לאָשנקוידעש אָדער אף איינעם פון די שפּראך־זשארגאָנען, אף וועלכע ס'האָבן גערעדט די אייראָפּעיִשע ייִדן, — דײַטשיש־ייִדישן (ייִדיש) אָדער שפּאניש־ייִדישן (שפּאניאָל)".

ווייניק פאָרגעשטעלט איז, צום באדויערן, אין דעם נומער די ספּאַרדישע שפּראך־ און פאָלקלאָרפאָרשונג. ס'איז פארעפנטלעכט בלויז די ארבעט פון איסאק מאָסקאָנא „די סאָציאלע פּאָליאריזאציע פון די בולגארישע ייִדן אינעם אָוואר און איר אָפּשפּיגלונג אין דערציילונגען און אנעקדאָטן". די ארבעט אנטהאלט א פאָרעדע און פאָלקלאָר־טעקסטן, אין אָריגינאל און אין דער איבערזעצונג אף בולגאריש.

ייִסראָעל מײַער שטעלט די לייענער פאָר דעם באוווּסטן אין בולגאריע געזעלשאפטלעכן טוער און יוריסט פּראָפעסאָר ניסים מעוואָראך.

דער יאָרבוך פּובליקירט אויך ארכיוו־דאָקומענטן און פאָטאָגראפיעס, וועלכע זײַנען ווערטפול פאר דער געשיכטע פון די ייִדן אין בולגאריע.

ו. טשערנין

■ ■ ■

פובליציסטיק

געס האָל,
גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער
קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון די
פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע

אַרויסטרעטונג אויף דעם 12־טן יערלעכן מיטיק לעקאָוועד דעם זשורנאַל „דזשויִש אַפּערס"

מיר פּובליקירן די רעדע, מיט וועלכער געס האָל איז אַרויסגעטראָטן אינעם גרויסן זאַל פון דעם האָטעל „רוזוועלט", אין ניו־יאָרק, דעם 10 יוני 1984.

אויף דעם יערלעכן מיטיק לעקאָוועד דעם זשורנאַל „דזשויִש אַפּערס" זײַנען בײַגעווען אַלס געסט דער הויפּט־רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" אַרן ווערגעליס און דער הויפּט־רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „קאָמוניסט" (ליטווישע סקס"ר) גענריקאַס זימאַנאַס.

נעמענדיק אין אַכט די געשיכטע און די פאַרגאַנגענע דערפאַרונג, — האָט געזאָגט געס האָל, — וועל איך אין יעסאָד פון מײַנע אַרויסזאָגונגען לייגן דעם געדאַנק וועגן דעם, אַז די מאַסן אַמעריקאַנער ייִדן נעמען נאָענט צום האַרצן און האָבן אַ שײַכעס צו אַלע באַוועגונגען, פּראָבלעמען און קאַמפן, מיט וועלכע עס שטויסט זיך אָן די מערהייט אַמעריקאַנער בִּיכלאַל. זיי זײַנען אַן אומאָפּגעטיילטער באַשטאַנדטייל פון אַלע קאַמפּאַניעס קעגן דעם רייגאַניזם, פאַר אָפּשטעלן דעם נוקלעאַרן אומזין און מאַכן אַ סאָף צום ראַסיזם; זיי נעמען אויך אָנטייל אין די קאַמפּס־אַרויסטרעטונגען פאַר נײַע אַרבעטס־פּלעצער, פאַר שאָלעם און גלײַכהייט.

„דזשויִש אַפּערס" — דער אויסדריקער פון די עמעסע אינטערעסן

מיט אַ געפיל פון שטאָלץ דערמאָן איך זיך וועגן מײַן בײַזײַן אויף דער ערשטער דיסקוסיע בנוגע דער פּובליקאַציע פונעם זשורנאַל „דזשויִש אַפּערס", בִּיפראַט נאָך, אַז די אַנדערע אָנטיילנעמער זײַנען געווען אַזעלכע אָנגעזעענע כאַווײרים, ווי הענרי ווינסטאָן, כײַמען לומער, אַלעקס קאָלקין, הערבערט אַפּטעקער, דזשעק קלינג און עב אויזן. דעריבער האַלט איך פאַר אַ באַזונדערן קאָוועד פאַר זיך צו געפינען זיך דאָ אין אָט דעם פּרעכטיקן טאָג און אָנטיילנעמען אינעם מאָסמיטל, געווידמעט דעם אָנערקענטן צושטײַער, וועלכן דער זשורנאַל „דזשויִש אַפּערס" טראָגט שטענדיק אַרײַן אין די איניאָנים פון דער אַמעריקאַנער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקײַט. עס האַנדלט זיך וועגן דער הילף אינעם אויפקלערן אייניקע ביז גאָר קאָמפּליצירטע און וויכטיקע פראַגן, וועלכע באַרירן די ייִדישע נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט, וועגן דער ריכטיקער אָריענטאַציע אין אַזעלכע פראַגן.

שוין פונעם ערשטן נומער זײַנעם איז דער זשורנאַל „דזשויִש אַפּערס" געווען און פאַרבליבן אַ קאָנסעקווענטער, אויסגעפּרוּווטער און טרײַער רופאָר פונעם עמעס, אַ שטים פון עמעס, וועלכער טרעט אַרויס קעגן דעם שטראָם פון דרעכילעס און שעקער.

דער נײַער זשורנאַל איז געוואָרן אַ נויטווענדיקייט, ווײַל די מערהייט אָרגאַניזאַציעס און אויסגאַבעס (אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע), וועלכע האָבן אַ שײַכעס צו

די ייִדישע איניאַנים, זײַנען פאַרפּלייצט מיט א כוואַליע פֿונעם רעאַקציאָנערן „קאַלטן קריג“ אין גײַסט פֿון אַנטיסאָוועטיזם, מיט א כוואַליע, וואָס נערט זיך מיט דער פּאָליטיק פֿונעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם אין וועלט-מאַסשטאַבן, ווי אויך מיט דער פּאָליטיק פֿון עקספּאַנסיע און אַנעקסיע, וועלכע די הערשנדיקע קרײַזן פֿון ייִסראָעל נוצן אויס אין דער פּראַקטיק אפֿן נאָענטן מיזרעך.

„דזשויִש אפֿערס“ האָט זיך פּאַרעקאָמענדירט ווי אן עכטער רופֿער פֿון שאָלעם, ווי אן אומבײַגזאַמער קעמפֿער קעגן ראַסיזם, קעגן דער רייגאַנאָמיק, ווי אן אופֿריכטיקער קעמפֿער פֿאַר מענטשן-רעכט און בירגערלעכע רעכט, ווי א קעמפֿער פֿאַר דעמאָקראַטיע, קעגן אַנטיסעמיטיזם אין אַלע זײַנע אַנטפּלעקונגען.

געס האָל און העגרי ווינסטאָן, ווי אויך די אָנפֿירער פֿון דער ייִדישער קאָמיסיע באַם צענטראַל-קאָמיטעט פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון פּשאַ קאָלקין (ערשטער פֿון לינקס) און לויִס מאַראָז (צווייטער פֿון לינקס) צוזאַמען מיט די סאָוועטישע געסט אַרן ווערגעליס (דריטער פֿון לינקס) און געננריקאַס זימאַנאַס (ערשטער פֿון רעכטס)

געס האָל טרעט אַרויס מיט א פֿאָרטראָג אפֿן יערלעכן באַנקעט לעקאָוועד „דזשויִש אפֿערס“

„דזשויש אפערס" איז א קעמפער און פארטיידיקער פון די ווירקלעכע אינטערעסן פון ישׂראל. און דעריבער האָט ער קיינמאָל ניט געשוויגן, האַבנדיק דערצו אַפּאַרטוני־סטישע טעמים. ער האָט אויך ניט פאַרקריפּלט דעם עמעס, ווען די קריטיק איז אַדרעס פון דער ישׂראלדיקער פּאָליטיק איז פאַקטיש געווען א גערעכטיקע.

דער גרויסער ליגן — א פּראַפּאַגאַנדיסטישער נעפּל

דער גרויסער ליגן — די באַבעמייסעס וועגן דער אַזויגערופענער קאָמוניסטישער גע־פאַר און וועגן דער „אימפּעריע פון בייז" פּליוס אַנטיקאָמוניזם — דאָס איז די סאַמע גרע־סטע אין דער גאַנצער געשיכטע פּראַפּאַגאַנדיסטישע אָפּעראַציע אין גייסט פון „דורכוואַשן די מוחות". קיינמאָל איז נאָך ניט געווען קיין גרעסערער שקער, דערביי אַזאַ שקער, וועלכער ווערט איבערגעכאַזערט אָפּטער, ווי וועלכער־ניט־איז אַנדערער, אין דער גאַנצער געשיכטע. דאָס איז א טייוולאָנישע אידעאָלאָגישע פאַסטקע.

דאָס איז אן עמעסער אָפּיום פאַרן פאָלק. דאָס איז א פּראַפּאַגאַנדיסטישער נאַרקאָטיק, וועלכער פאַרוואַנדלט די רעאַליטעט אין איר קעגנזעצלעכקייט. דאָס אַלץ פאַרפאָלגט דעם ציל צו שאַפן א געפאַר דאָרט, ווו קיין שום געפאַר איז ניטאָ, און פאַרמאַסקירן זי דאָרט, ווו די געפאַר איז א רעאַלע.

איבער אָט דעם היפּנאָטישן נעפּל פאַרורטיילט מען און מע באַשמוצט יענע, וועמען מע וואָלט באַדאַרפט רימען און אונטערהאַלטן. העלדן פאַרוואַנדלט מען אין גאַזלאַנים, און גאַזלאַנים — אין העלדן. די דאָזיקע קאַמפּאַניע שטעלט אויף די מענטשן קעגן זייערע איי־גענע סאַמע לעבעלעכע אינטערעסן.

פאַר דער מענטשהייט האָט דער גרויסער ליגן בענעגייע דער סאָוועטישער נוקלעאַ־רער געפאַר זיך פאַרוואַנדלט איצט אין א פראַגע פון לעבן און טויט, ווייל דאָס איקערדיקע אידעאָלאָגישע געווער אינעם אַרסענאַל פון דער רייגאַן־אַדמיניסטראַציע, וואָס שייך דער צוגרייטונג צו א נוקלעאַרער מילכאָמע, איז דער גרויסער שקער פון אַנטיקאָמוניזם.

עס האַנדלט זיך וועגן דעם פּראַפּאַגאַנדיסטישן נעפּל, וועלכער איז באַרופן צו פאַר־מאַסקירן רייגאַנס נעטייע צו א נוקלעאַרער קאָנפראָנטאַציע און סאַפּקאַלאַסאַף צו א נוקלעאַ־רער קאַטאַסטראָפע.

פיל מענטשן האָבן געגלייבט אינעם גרויסן ליגן פונעם אַנטיקאָמוניזם, ווען ער איז געלאָזט געוואָרן אין גאַנג מיצאַד היטלערן. די 50 מיליאָן אומגעבראַכטע מענטשלעכע לעבנס דאַרפן זיין א שרעקלעכע דערמאָנונג דער גאַנצער וועלט וועגן דעם, אַז אויב עס וועט ניט געשטעלט ווערן א ווידערשטאַנד און ניט געצוימט ווערן דער גרויסער ליגן פונעם אַנטיקאָמוניזם, קאָן ער גאַנץ מעגלעך זיך אויסגיסן אין א העספּעד נאָך דער גאַנ־צער מענטשהייט, אויב עס וועט קיינער ניט בלייבן, ווער עס זאָל קאָנען אופהייבן זיין שטים.

אַלע רעכילעסדיקע רייד וועגן דער סאָוועטישער מיליטערישער געפאַר זיינען ניט קיין פאַרבאַהאַלטענער גרויסער ליגן. אָבער די עקלהאַפטע, בייזוויליקע אַנטיסאָוועטישע פּראַפּאַגאַנדיסטישע קאַמפּאַניע באַנוגנט זיך ניט בלויז מיט פאַלשע באַבעמייסעס וועגן דער סאָוועטישער קריגס־געפאַר.

אן עמעס, וואָס איז איבערגעניצעוועט אף דער לינקער זייט

די באַהויפּטונגען וועגן אַנטיסעמיטיזם אין סאָוועטנפאַרבאַנד — דאָס איז סאַבאַקל איינע פון די אַנטפּלעקונגען פונעם גרויסן ליגן. פאַקטיש איז עס זיין אומאָפּנעמבאַרער באַשטאַנדטייל. אַדאַנק אים ווערן געשטעלט היסטאָרישע פאַקטן מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף.

אויב גלייבן אין אָט דער רעכילעס, ווערן ווירקלעכע קעמפער קעגן אַנטיסעמיטיזם אַנטיסעמיטן, און אַנטיסעמיטן ווערן פאַרוואַנדלט אין קעמפער פאַר פרייהייט.

דער עמעס איז, אַז אַנטיסעמיטיזם עקזיסטירט טאַקע איבנדערעמעסן. אָבער ער עק־זיסטירט אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, און פּונקט ווי ראַסיזם, געפינט זיך דער אַנטיסעמיטיזם אין אופשטייג דאָ, אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

איינס פון די פּאַראַדאָקסאַלע פּראָפּאַגאַנדיסטישע דריידלער באַשטייט אין דעם, וואָס מע אַדרעסירט די סאָציאַליסטישע לענדער באַשולדיקונגען אין אַנטיסעמיטיזם, דערמיט ווען דאָס זיינען איינדערעמעסן די איינציקע לענדער, ווו עס עקזיסטירן פּאָליטישע, אידעאָלאָגישע, יורידישע און קאָנסטיטוציאָנעלע פּאַרבאָטן אויף אַלע אַנטפּלעקונגען פון ראַסיזם, שאָוויניזם און אַנטיסעמיטיזם. די וועלט-אָנשויונג פון די דאָזיקע לענדער וואַרפט באַוווסטזיניק אָפּ ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם, ניט איבערלאָזנדיק קיין אָרט פאַר זיי.

דעם סאָוועטנפאַרבאַנד באַשולדיקט מען אין אַנטיסעמיטיזם, האָגאַם ער איז דאָס איינציקע לאַנד אין דער וועלט-געשיכטע, וואָס פירט דורך שוין העכער פינף און זעכציק יאָר די לענינישע פּאָליטיק פון פּראַקטישער גלייכהייט און גערעכטיקייט פאַר אַלע פעלקער און נאַציאָנאַליטעטן. דאָס איז אַן אופריכטיקע פּאָליטיק, וועלכע האָט בוכשטעבלעך אָפּגעווישט די ירושה פון פעאָדאַלער און קאַפּיטאַליסטישער אומגלייכהייט, שאָוויניזם און אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָבן עקזיסטירט אין מעשעך פונעם לעבן פון א סאַך דורות.

דער סאָציאַליזם אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָט אין דער פּולער מאָס געמאַכט א סוף צו דער דערנידעריקנדיקער פאַרשקלאַפונג, צו דער עקזיסטענץ פון געטאָס, אין וועלכע די ייִדן האָבן באַם צאַריזם געשמאַכט אין אָרעמקייט און פּאַגראָמען. צוזאַמען דערמיט זיינען אויך אַרויסגעריסן געוואָרן די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע וואָרצלען פון ראַסיזם און שאָוויניזם. דאָס איז א גאַראַנטיע, אַז אויף דעם סאָציאַליסטישן באָדן וועט קיינמאָל ניט אויפגיין קיין ענלעכס דערצו.

דאָס לאַנד, וואָס איז אַמאָל געווען באַוווסט אין דער גאַנצער וועלט אַלס „טפיסע פאַר די פעלקער", האָט זיך פאַרוואַנדלט אין א טעכניש הויך-אַנטוויקלטן און פּאָרגעשריטענעם פאַרבאַנד פון גלייכבארעכטיקטע רעפּובליקן און פעלקער, וועלכע לעבן אין שאָלעם און אייניפאַרשטענדעניש.

די פּראָפּאַגאַנדיסטן, וועלכע פאַרשפּרייטן דעם גרויסן ליגן, סטאַרען זיך אויסבאַהאַלטן דעם היסטאָרישן עמעס און שטעלן די געשיכטע מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף.

מיר דאַרפן ניט פאַרגעסן, אַז בייס דער היטלעריסטיש-פאַשיסטישער אַגרעסיע מיט איר אַנטיסעמיטישער ריכטונג אין גייסט פון גענאָציד איז אין דער וועלט געווען סאַכאַקל איין לאַנד, וואָס האָט אָנגענומען קאָנקרעטע מיטלען, איינגעשלאָסן מאַסן-עוואַקואַציע, קעדיי באַשיצן און ראַטעווען די ייִדישע באַפעלקערונג.

פונעם היסטאָרישן שטאַנדפּונקט איז לאַכלוטן ניט קיין צופעליקייט, וואָס אָט דאָס לאַנד איז געווען דער פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן, ווו די הערשנדיקע קראַפט איז דער אַרבעטער-קלאַס.

דער עמעס וועגן דער צווייטער וועלט-מילכאָמע

אין דער צייט, ווען אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, איינגעשלאָסן די פאַרייניקטע שטאַטן, האָבן איגנאָרירט די רופן די דער פאַרבאַנד הילף און צו דער אַנטיפאַשיסטישער איינהייט, האָט דער סאָוועטנפאַרבאַנד געענטפערט אויף דעם מיט העלדנמוטיקע אַקציעס, וועלכע האָבן גראַטעוועט מער לעבנס פון ייִדן, איידער עס זיינען געראַטעוועט געוואָרן אין רעזולטאַט פון וועלכער-ניט-איז באַזונדער גענומענער אַקציע אין דער געשיכטע.

עס וואָלטן געראַטעוועט געוואָרן נאָך מיליאָנען לעבנס, דערונטער מיליאָנען ייִדישע לעבנס, ווען די פאַרייניקטע שטאַטן, גרויסבריטאַניע און פראַנקרייך וואָלטן זיך אָפּגערופן אויף דעם פאַרשלאָג פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד וועגן געמיינזאַמע באַמיִונגען, ווען היטלער האָט פאַרגעזעצט די אַגרעסיע, אַריינרייסנדיק זיך אין טשעכאָסלאָוואַקיע.

אין טאָג געדעדט — ווען די אַנטיפאַשיסטישע קאָאַליציע, דער אַנטיפאַשיסטישער פאַרייניקטער פראָנט וואָלטן זיך באַוויזן פריִער, וואָלט, מעגלעך, זיך איינגעגעבן פאַרמיידן די צווייטע וועלט-מילכאָמע.

און ווען ס'איז שוין פאָרגעקומען היטלערס אינוואַזיע אין די אייראָפּעיִשע לענדער און דער אָנפאַל אויפן סאָוועטנפאַרבאַנד, וואָלט מען געקאָנט ראַטעווען נאָך מיליאָנען מענטשלעכע לעבנס, ווען די פאַרבינדעטע — די פאַרייניקטע שטאַטן און ענגלאַנד — וואָלטן זיך צוגעהערט צום רוף פון סאָוועטנפאַרבאַנד וועגן עפענען אין אייראָפּע דעם צווייטן פראָנט קעגן היטלערן.

זיי האָבן צו דער צייט זיך ניט אָנגעשלאָסן צום אַנטיפאַשיסטישן קאַמף, ווייל זיי האָבן נאָך אַלץ געהאָפט זיך באַלאַקירן מיט היטלערן קעגן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד און האָבן פאַקטיש מאַנעווורירט, קעדיי דערפירן דערצו דעם איניִען.

דער עמעס וועגן דער ארויסזעצונג אין נאָרמאַנדיע

אין אַט די טעג רעדט מען אַ סך און מיט הייכע ווערטער וועגן דעם 40-טן יאָרטאָג זינט דער אַרײַנדרינגונג אין נאָרמאַנדיע. אינדערעמעסן איז עס נאָך איין בעפייִעשער בײַשפּיל, וויאַזוי עס ווערט פֿאַרקריפּלט דער עמעס מיט דער הילף פֿונעם גרויסן שקער, ווײַל עס איז אַ פּרוּוו אַפּסנײַ איבערצושרײַבן די געשיכטע.

אין גאַנצע בענדער קאָמענטאַרן ווערט גאָרנישט ניט געזאָגט וועגן דעם, אַז די אַמע-ריקאַניש-ענגלישע אינוואַזיע איז פֿאָרגעקומען לאַנג נאָך דעם, ווי דער סאָוועטנפֿאַרבאַנד האָט שוין איבערגעבראָכן דעם רוקן בײַ די נאַציסטישע באַוואָפֿנטע קויכעס אויף די דורכ-געזאָפּטע מיט בלוט שלאַכטפֿעלדער בײַ די צוטריטן צו לענינגראַד, אין סטאַלינגראַד און אין קורסק.

אַ צווייטער אַבסאָליוטער עמעס: בײַס היטלער האָט צעפּירט די בלוטבאָד, האָבן פֿון אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער בלויז די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פֿונעם אַרבעטער-קלאַס אָנגענומען קאָנקרעטע אַקציעס מיטן ציל אָפּצושטעלן די מאַסן-שכיטע.

דער עמעס וועגן ישׂראל

לאָמיר אָפּשטעלן נאָך איין היסטאָרישן עמעס: ווען אינעם טאָג-סיידער פֿון דער אָר-גאַניזאַציע פֿון די פֿאַראייניקטע נאַציעס איז געשטאַנען די פֿראַגע וועגן אויסבילדן און אָנערקענען ישׂראל אַלס סוווערענע מעלוכע, האָט די רעגירונג פֿון פּשאַ געפּאַטערט כאַ-דאָשים אויף דעבאַטן וועגן דעם, צי זי זאָל אונטערהאַלטן אַזאַ שריט. די נאַפֿט-מאָנאָפּאָ-ליעס פֿון פּשאַ זײַנען אַרויסגעטראָטן קעגן. זיי האָבן שוין באַלעבאַטעוועט אויף די רײַכע נאַפֿט-געווערבן אין נאָענטן מיזרעך און אינעם ראַיאָן פֿונעם פּערסישן אײַנגוס.

און אין דער זעלבער צײַט האָבן די סאָוועטישע פֿאָרשטייער אין דער אונאָ שוין עפֿנטלעך זיך אַרויסגעזאָגט לטובֿת דעם דאָזיקן מאָסמיטל און אַרויסגעוויזן אַ פֿעסטע איניציאַטיוו אין פּלאַן פֿון אויסבילדן די מדינה ישׂראל.

דער סאָוועטנפֿאַרבאַנד האָט אונטערגעהאַלטן ביידע פֿון די צוויי קאָנצעפּציעס: דאָס אויסבילדן צוויי באַזונדערע מעלוכעס — אַן אַראַבישע און אַ ייִדישע, אָדער דאָס שאַפֿן איינע — אַ ייִדיש-אַראַבישע מעלוכע.

די דאָזיקע סאָוועטישע פּאָליטיק איז ניט געווען קיין צופֿעליקע, לעפֿיערעכדיקע אָדער סוביעקטיווע. דאָס איז געווען אַ פּאָליטיק, וואָס פֿירט צו אַקציעס, וועלכע באַזירן זיך אויף אַ פֿעסטער קלאַסן-פּאָזיציע. דער סאָוועטנפֿאַרבאַנד האָט אויסגעצייכנט פֿאַרשטאַנען, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז, פּונקט ווי דער ראַסיזם, אַ געצײַג פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַסן-עקספּלואַטאַציע. ער האָט אויך פֿאַרשטאַנען, אַז די אַקטיווע אָפּאָזיציע צו דעם ראַ-סיזם און אַנטיסעמיטיזם איז די פּאָזיציע פֿונעם אַרבעטער-קלאַס.

ווידערשפּרוכן אין דער געשיכטע

אין דער וועלט-געשיכטע זײַנען ניט זעלטן אַנטשטאַנען ווידערשפּרוכן צווישן די אינטערעסן פֿון לענדער און די אינטערעסן פֿון מענטשן. די פֿאַראייניקטע שטאַטן זײַנען אַליין אַ פּראָדוקט פֿון אַזעלכע ווידערשפּרוכן.

אין די ערשטע יאָרן פֿון דער עקזיסטענץ פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן זײַנען די אינ-טערעסן פֿון די מאַסן אימיגראַנטן, וועלכע זײַנען אַהין געקומען פֿון דער גאַנצער וועלט, אַרײַן אין אַ ווידערשפּרוך מיט די אינטערעסן פֿון דער אָרטגעבירטיקער באַפֿעלקערונג — די אַמעריקאַנישע אינדיאַנער.

דער דאָזיקער ווידערשפּרוך איז אַנטשטאַנען אין באַדינגונגען פֿונעם זיך אַנטוויקלענ-דיקן קאַפּיטאַליזם. די פּאָזיציע פֿון דער רעגירונג פֿון פּשאַ און פֿונעם קלאַס קאַפּיטאַ-ליסטן האָט זיך קעסיידער באַזירט אויף דער קאָנצעפּציע פֿון אַרויסצײַען מאַקסימאַלע פּראָ-פֿיטן פֿאַר די קאָרפּאָראַציעס.

דעריבער זײַנען ניט געווען קיין שום קאָרעקטירנדיקע מיטלען, קיין שום פּרוּוון צו קומען צו אַ גערעכטיקער לייזונג. דער כּלַלישער דורכגעדרונגענער מיטן גײַסט פֿון גענאָציד

אָנגריף אַף די אַמעריקאַנישע אינדיאַנער איז געווען און פאַרבליבן אַ מוסטער פונעם קאַפּיטאַליסטישן צוגאַנג צו דער פראַגע. ער איז געווען און פאַרבליבן אַ פאַרברעכערישער, אומגערעכטיקער און אין טאָך ניט נאָרמאַלער.

לייזונגען אַפן היינטיקן טאָג

אָבער די אויסבעסערונג פון די פעלערן פון דער פאַרגאַנגענהייט קאָן ניט זיין קיין אומקער צום סאַמע אָנהייב. קאָרעקטיוון און באַשלוסן דאַרפן אַריינגעטראָגן און אָנגענומען ווערן, נעמענדיק אין אַכט די רעאַליטעטן פונעם היינטיקן טאָג. אַ גערעכטיקע לייזונג דאַרף זיך אָנהייבן פון דער ליקווידאַציע פון אַלע פאָרמען פון ראַסיזם און דיסקרימינאַציע מיט דער הילף פון זיך אַריינטערנדיקע פּראָגראַמען קאָנקרעטע אַקציעס, קעדיי באַזייטיקן אַלע אומגערעכטיקייטן, וועלכע זיינען אויסגעפאַלן אַפן גורל פון די אַמעריקאַנישע אינדיאַנער — דער אָרטגעבוירטיקער באַפעלקערונג פונעם לאַנד.

פונקט אַזוי האָבן אויך דאָס פּאַלעסטינער און דאָס יידישע פאָלק היסטאָרישע פאַרבינדונגען מיט ייִסראָעל. אָבער דער מאַסן-צופלוס פון יידישע אימיגראַנטן, באַזונדערס נאָך דער צווייטער וועלט-מילכאָמע, האָט געשאַפן אַ ווידערשפּרוך צווישן די אינטערעסן פון די דאָזיקע עמיגראַנטן און די אינטערעסן פונעם פּאַלעסטינער פאָלק.

די געפאַרפולע, ווילקירלעכע פּאָליטיק פון קויעך, וואָס איז אָפּגעמערקט מיט אַ צייכן פון גענאָצייד און איז געפירט געוואָרן נאָכן באַשלוס פון דער אונאָ וועגן אויסבילדן צוויי באַזונדערע מעלוכעס, איז געווען אַ ביישפּיל פון דעם קאַפּיטאַליסטישן, ציוניסטישן צוגאַנג צו דער פּראָבלעם.

בענעגייע דעם פּאַלעסטינער פאָלק איז אָט דער רעזולטאַט געווען אַ פאַרברעכערישער, אומגערעכטיקער און קאַטאַסטראָפאַלער. דאָס איז געווען און פאַרבלייבט אַ פאַרברעכן קעגן פינף מיליאָן מענטשן. אָבער פון דער צווייטער זייט, איז שווער געווען זיך פאָרצושטעלן אַ גערעכטיקע לייזונג אינעם פּלאַן פון אומקערן זיך צו די באַדינגונגען, וועלכע האָבן עקזיסטירט אין סאַמע אָנהייב.

היינט דאַרף די לייזונג זיך אָנהייבן פונעם צוריקציִען מיצאַד ייִסראָעל זיינע מיליטער-קויכעס פון ליוואַן, פונעם מיירעוו-ברעג פון דעם טייך יאַרדן, פונעם אַזאַ-סעקטאָר און פון די גאָלאַנער הויכקייטן. ייִסראָעל דאַרף אַוועקגיין און זיך אומקערן צו זיינע גרענעצן פון 1967.

די לייזונג דאַרף איינשליסן אין זיך דאָס שאַפן באַדינגונגען פאַר פולשטענדיקער גלייכבארעכטיקונג און דאָס האָבן דערביי קאָנקרעטע פּראָגראַמען אַף אויסבעסערן די פריערדיקע פעלערן.

די לייזונג דאַרף, צווישן אַנדערס, פאָרויסזען דאָס געבן דעם פּאַלעסטינער פאָלק די רעכט אַף אויסבילדן אַן אייגענע אומאָפּהענגיקע נאַציאָנאַלע מעלוכע.

די לייזונג דאַרף אַרומכאַפּן אין פּרינציפּ דאָס אָנערקענען די סוווערעניטעט, אומאָפּהענגיקייט און רעכט פון אַלע עקזיסטירנדיקע מעלוכעס, איינגעשלאָסן ייִסראָעל.

ס'האָט עקזיסטירט און עס עקזיסטירט איצט אַ פּרינציפּיעלער אונטערשייד צווישן דער פּאָליטיק פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד אַפן נאָענטן מיזרעך און דער פּאָליטיק, וועלכע עס פירן דאָרט דורך די פאַראייניקטע שטאַטן.

אינעם יעסאָד פון דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק זיינען קעסיידער געלייגט געוואָרן נאַפט און די רעוואָכים פון די קאָרפּאָראַציעס. אַנטקעגן, די סאָוועטישע פּאָליטיק האָט קעסיידער זיך באַזירט אַף די פּרינציפּיעלע אויסגאַנגס-רעזאָלוציעס פון דער אונאָ, אַף דער עקזיסטענץ פון ייִסראָעל און פון אַן אומאָפּהענגיקער פּאַלעסטינער מעלוכע.

די יידן, נאַטירלעך, באַציִען זיך מיט אַ באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט צו דעם, וואָס עס קומט פאָר אין ייִסראָעל. די פּראָגרעסיווע מענטשן אין דער גאָרער וועלט האָבן אונטערגעשטיצט דאָס דערגרייכן די אומאָפּהענגיקייט פון ייִסראָעל, אָבער זיי האָבן דאָך אונטערשטיצט די אויסבילדונג פון אַן אומאָפּהענגיקער מעלוכע, וואָס זאָל גאַראַנטירן גלייכע רעכט פאַר די יידישע און אַראַבישע איינוווינער פון דער געוועזענער פּאַלעסטינע.

די פּאָזיציע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ייִסראָעל

די העראָישע פילנאַציאָנאַלע קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון ייִסראָעל האָט ניט לאַנג צוריק דערקלערט:

אינעם 36־טן יאָרטאָג, זינט ס׳איז אויסגעבילדעט געוואָרן מעדינאַס־ייִסראָעל, קאָנסטאַטירן מיר מיט א געפיל פון אומרו, אז ייִסראָעל איז היינט א סאך וויַיטער פון עכטער אומאָפּהענגיקייַט, איידער ווען־עס־איז פריִער אין זיין געשיכטע.

די האָפענונגען פון די פאָלקסמאַסן אף א שאָלעם, אף פארשטארקן די אומאָפּהענגיקייַט און דעם פראָגרעס קאָנען ניט, פונקט ווי פריִער, פארווירקלעכט ווערן אין רעזולטאט פון דער שמוציקער מילכאָמע אין ליוואַן, וועלכע ס׳האָבן פאנאנדערגעבונדן די הערשנדיקע קליקע „ליקוד“ און די רייגאַן־אַדמיניסטראַציע אין פשא.

איבער דער וואָלונטאַריסטישער פּאָליטיק ווערן דריַי פערטל פונעם בודזשעט אויסגעגעבן אף מיליטערישע צוועקן. מיר לעבן אין אן אומגעבונג פון גאַלאָפּירנדיקער אינפלאַציע, עס פארקלענערט זיך דער מאַסשטאַב פון באַדינונג אין דער ספער פון געזונטפארהיטונג, פון בויונג און געזעלשאַפטלעכע אַמטן, ווי אויך די הויצאָעס אף קולטורעלע צוועקן. עס פארטיפערט זיך דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער קריזיס. אין רעזולטאט פון אזא פּאָליטיק פארשטאַרקט זיך אין ייִסראָעל די געפאַר פון פאשיזם און עס הייבט אוף דעם קאָפ דער ראַסיזם.

א קורצזיכטיקע פּאָליטיק

די ייִסראָעל־רעגירונג פירט א ביז גאָר קורצזיכטיקע פּאָליטיק. זי אָריִענטירט זיך פולקום אף איר בונד מיטן אימפּעריאַליזם פון פשא. זי האָט זיך איזאָלירט פון דער וועלט־געמיינשאפט.

עס ענדערט זיך די קויכעס־פארהעלטעניש אין דער וועלט ניט לעטויוועס דעם אימפּעריאַליזם פון פשא. אין רעזולטאט ווערט ער א ניט זיכערער, ניט סטאַבילער עלטערער פארטניאָר. ס׳איז ניטאָ קיין שום גאַראַנטיע, אז די פאראייניקטע שטאַטן וועלן ניט איבערלאָזן ייִסראָעל אף גאָטס באַראָט.

די אַמעריקאַנער אימפּעריאַליסטישע אינטערעסן אין געביט פון נאָענטמיזרעכדיקן נאַפט זיַינען פיל שטאַרקער פון דער פארינטערעסירטקייַט פונעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם אין ייִסראָעל. ביז איצט איז ייִסראָעל נוצלעך געווען די אַמעריקאַנער נאַפט־מאָנאָפּאָליעס.

אָבער די סיטואַציע קאָן לייַכט זיך ענדערן. ייִסראָעל קאָן זיך פארוואַנדלען אין א שטערונג פארן צוטריט פון פשא צום נאָענטמיזרעכדיקן נאַפט, און אין דעם פאַל וועלן די פאראייניקטע שטאַטן אומפארשעמט פארלאָזן ייִסראָעל.

די עכטע נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון ייִסראָעל און זייַנע אינטערעסן אין דער ספער פון געפארלאָזיקייַט אַנטשפּרעכט דער קורס, וועלכער שיידט זיך אינגאַנצן אונטער פון יענעם, מיט וועלכן ער איז ביז איצט געגאַנגען.

די עכטע נאַציאָנאַלע אינטערעסן

די דאָזיקע אינטערעסן באַשטייען אין דעם, אז מע דאַרף זיך זעצן צום אונטערהאַנדלונגס־טיש מיט די פאָרשטייער פון אַלע צדאָדים, וועלכע וויַיזן ארויס א געזעצלעכן אינטערעס צו אָט דעם ראַיאָן פון דער וועלט — מיטן פאַלעסטינער פאָלק און מיט די אַראַבישע שכיינים פון ייִסראָעל, מיטן סאָוועטנפארבאַנד און מיט די פאראייניקטע שטאַטן.

פאָרזעצן זיך קעגנשטעלן דער פארווירקלעכונג פון די געזעצלעכע פּרעטענזיעס פון דעם אַראַבישן פאַלעסטינער פאָלק אף זיַין פאָטערלאַנד און מעלוכע איז ניט אין די עכטע נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון ייִסראָעל.

פאָרזעצן צו בויען ייִשוווים, וועלכע פארשאַרפן און קאָמפּליצירן אין א קאַלאָסאַלער מאָס די סיטואַציע, איז ניט אין די עכטע נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון ייִסראָעל.

פאָרזעצן די אַנעקסיע פון דער טעריטאָריע, וועלכע איז פארכאַפּט געוואָרן מיט מיטלען פון אַגרעסיע און מילכאָמע, איז ניט לעטויוועס די עכטע נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון ייִסראָעל.

דערפאַר אָבער איז לעטויוועס די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון ייִסראָעל און לעטויוועס זייַנע אינטערעסן אין דער ספער פון געפארלאָזיקייַט — מאַסקים זיַין מיט דער רעאַליזירונג פון א סאך רעזאָלוציעס פון דער אוינאָ און אומקערן די אַנעקסירטע טעריטאָריע איר געזעצלעכע באַלעבאַטים. די דאָזיקע אינטערעסן אַנטשפּרעכט די האַסקאָמע פון

ייִסראָעל זיך אומקערן צו זײַנע גרענעצן פון 1967 אַלס באַדינג פון א פרידלעכער קאָעקזיסטענץ מיט זײַנע אַראַבישע שכיינים.

די קריגס-אַגרעסיע און דאָס פאַרכאַפּן טעריטאָריעס פון אַנדערע לענדער גאַראַנטירן ניט די געפאַרלאָזיקײַט פון ייִסראָעל. א ביסל מער טעריטאָריע אָדער א ביסל ווייניקער טעריטאָריע האָט הײַנט ניט קיין רעאַלע מיליטערישע באַדײַטונג.

אַפּאָנעמעסן וויכטיק איז אײַנשטעלן גרענעצן, וועלכע ס'זאָלן אָנערקענען אַלע, וועלכע ס'זאָלן גאַראַנטירן אַלע, באַזונדערס די אונאָ, פשא און דער סאָוועטנפאַרבאַנד. צוליב דעם איז אַבסאָליוט נויטווענדיק אײַנשטעלן שאָלעם אויף א גערעכטיקן יעסאָד.

וואָס איז שײַעך די אַמעריקאַנער — ייִדן לויט דער נאַציאָנאַליטעט, איז וויכטיק, זיי זאָלן ניט אַרויסווײַזן קיין מעכאַנישע, ניט-קריטישע שטיצע דער פּאָליטיק פון דער ייִסראָעל-רעגירונג. פון דער אַנדערער זײַט, איז וויכטיק אונטערצוהאַלטן דאָס, וואָס אַנטשפּרעכט די העכסטע אינטערעסן פון ייִסראָעל.

צווישן די ייִסראָעלים גופא זײַנען פאַראַן א סך מענטשן, וועלכע זײַנען ניט מאַסקים מיט דער פּאָליטיק פון זייער רעגירונג, — אײַנגעשלאָסן די שטאַרקע און אַלץ וואַקסנדיקע פאָלקס-באַוועגונג פאַר שאָלעם.

די פּריוואַטע אייגננוציקע אינטערעסן

דער אייגנציקער ציל פונעם גרויסן שעקער פון אַנטיקאָמוניזם, אײַנגעשלאָסן די ניט-עקזיסטירנדיקע סאָוועטישע מיליטערישע דראָונג און די באַבעמײַסעס וועגן אַנטיסעמיטיזם אין סאָוועטנפאַרבאַנד, און דאָס איז דער שמוציקסטער פון אַלע שמוציקע טריוקן, איז — מיט ליגונים שטויסן די מענטשן אונטערצושטיצן די רייגאַנישע פּאָליטיק פון מילכאָמע, פון נוקלעאַרן איבערוואָג, פון אײַנשטעלן אין דער וועלט די הערשאַפט פון די אַמעריקאַנער קאָרפּאָראַציעס.

די פעלשונג מיקויעך דעם אַנטיסעמיטיזם, וועלכן עס פּראַקטיקירט קלוימערשט דער סאָוועטנפאַרבאַנד, איז באַזונדערס אויסגערעכנט אויף אָפּנאַרן די ייִדן. ס'איז גאַנץ נאַטירלעך, וואָס די ייִדן פילן אַן עמאָציאָנעלע באַציִונג צו ייִסראָעל און עס באַאומרויִקט זיי באַזונדערס דער אַנטיסעמיטיזם. עס זײַנען אָבער פאַראַן אַזעלכע קרעפטן, וועלכע ציִען אַרויס אייגננוץ פון אַזא זאַכלאַגע, פאַרפאָלגנדיק אייגענע צילן. דאָס איז דער אימפּעריאַליזם פון פשא, וועמענס קאָרפּאָראַציעס פאַרמאָגן קאָלאָסאַלע אינטערעסן אויפן נאָענטן מיזרעך, דער הערשנדיקער קלאַס פון ייִסראָעל, וועלכער האָט אײַנגעשטימט מיט דער ראָל פון א ייִנגערן פּאַרטניאָר און פון אַן אַגענט צו דינסט די אינטערעסן פונעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם אויפן נאָענטן מיזרעך, די קאָרפּאָראַציעס און באַנקירן אין ביידע לענדער.

אָט די אַלע פּריוואַטע אינטערעסן האָבן קיין שום שײַכעס ניט מיט די געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן פונעם ייִסראָעל-פאָלק. דאָס זײַנען ניט מער, ווי באַזונדערע אייגננוציקע פּריוואַטע אינטערעסן, וועלכע זײַנען אין אַן אײַנרײַס מיט די עמעסע אינטערעסן פונעם ייִסראָעל-פאָלק.

די יעניקע, וועמען עס זײַנען אָנגעהעריק אָט די פּריוואַטע אינטערעסן, באַרעכטיקן זייער פּאָליטיק און האַנדלונגען מיט דעם, אַז זיי פאַרטיידיקן, אַזוי צו זאָגן, די נאַציאָנאַלע אינטערעסן און די געפאַרלאָזיקײַט פון ייִסראָעל. דער עמעס אָבער איז אַזא, אַז אין דער אונטערשטער שורע שטעלן זייער פּאָליטיק און זייערע האַנדלונגען אין א געפאַר די עצעם עקזיסטענץ פון ייִסראָעל.

אין דער אונטערשטיצונג פון דעם אַלעם שפּילן א באַזונדערע ראָליע די אידייען און די פּאָליטיק פון די ציִעניסטישע גרופּירונגען. צוגייענדיק צום אינִיען פון זייער באַזונדערן שטאַנדפּונקט, שטיצן זיי אין דער פולער מאָס אָט די אַלע רעאַקציאָנערע פּאָליטישע קורסן און קוניכעס.

זיי ספּעקולירן אויף די סאַמע רעאַלע געפילן און אויף דער באַאומרויִקונג פונעם ייִסראָעל-פאָלק און פאַראַטן עס. עמעץ-ווער אין ייִסראָעל און אין פשא איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער געפערלעכער ווירקונג פון דער ציִעניסטישער אָנפירערשאַפט און איז אַריבער אויף די פּאָזיציעס פון שטיצן די פּאָליטיק פון מילכאָמע און אַגרעסיע.

דער גרויסער שעקער פון אַנטיקאָמוניזם און באַזונדערס די פאַלשע אויסטראַכטענישן מיקויעך עפּעס אַן אַנטיסעמיטיזם מיצאַד דעם סאָוועטנפאַרבאַנד זײַנען געוואָרן דער וויכ-

טיקסטער אידעאָלאָגישער אינהאַלט פונעם ציוניזם. דאָס אַלץ איז צוגעבונדן צו דער אַל־טער רעאַקציאָנערער קאָנצעפּציע, לויט וועלכער דער אַנטיסעמיטיזם איז אַן אומאָפּנעמבאַרער, אייביקער, יערושעדיקער מענטשלעכער שטריך פון אַלע ניט־ייִדן.

דעריבער איז וויכטיק ניט אידענטיפיצירן דעם ציוניזם מיטן ייִדישן פאָלק, מיט זייַנע יוישערדיקע האָפענונגען און מיט זייַן געפיל פון נאַציאָנאַלער ווירדע, מיט דעם, וואָס עס אונטערשטיצט אזוי ייִסראָעל, וואָס לעבט אין שאָלעם מיט זייַנע שכיינים און מיט דער גאַנצער וועלט.

א בייַשפּיל פאַר דער צוקונפט

מיט דער פאַרשאַרפונג פונעם קאַמף און מיט דער פאַרוואַנדלונג פון די פּראָבלעמען אין אַלץ שווערערע און קאָמפּליצירטערע, באַקומט אַ גרויסע באַדייַטונג דער קלאָרער סייכל, דאָס, וואָס איז געוועזן אייגנטימלעך (אין דער ייִדישער סוויווע) אַזעלכע אָנגעזעענע טוער, ווי מייַקל גאָלד, כייַמען לומער און מורישע אָלגין. אין גאַנג פון דער צייַט, ווען דער עמעס באַזיגט דעם גרויסן שעקער, באַקומען זייערע פּערזענלעכקייַטן אַן אַלץ גרעסערע וויכטי־קייַט. אין מייַקל גאָלדס קלאַסישן ראָמאַן וועגן דעם אַרבעטער־קלאַס „ייִדן אָן געלט" איז פאַראַן אַ בייַשפּיל פאַר דער צוקונפט: דער רייגאַניזם מיט זייַן ראַסיסטישער, מיליטאַריסטי־שער, אַנטי־אַרבעטער־פּאָליטיק קאָן לייַדן אַ מאַפּאָלע, אָנשטויסנדיק זיך אין דער אייַנהייַט פון די ייִדן אָן געלט, פון די קאַטויליקער אָן געלט און פּראָטעסטאַנטן אָן געלט, פון די אָרעמע אַפראָ־אַמעריקאַנער, פּוערטאָריקאַנער און אַמעריקאַנער פון מעקסיקאַנישן אָפּשטאַם, וועלכע האָבן זיך פאַרייניקט מיט אונדזער פילראַסעווון, פילנאַציאָנאַלן אַרבעטער־קלאַס.

לויט מייַן מיינונג, איז באַזונדערס צום אָרט שליסן מייַן הייַנטיקע אַרויסטרעטונג מיט זייער אַן אַלטער און זייער באַוווּסטער ייִדישער באַגריסונג: „שאָלעם־אַלייכעם! פרידן אייַך!".

איך בין זיכער, אַז מיר אַלע, צוזאַמען מיט דער איבערוועגנדיקער מערהייַט אַמערי־קאַנער, פאַרמאָגן איין און די זעלבע מיינונג, אַז הייַנט איז ניטאָ קיין מער וויכטיקער ייִדי־שער אינייַן, ווי פאַרהיטן דעם שאָלעם און אויסמייַדן אַ נוקלעאַרע מילכאָמע.

■ ■ ■

גריגארי באנדארעווסקי,
פראפעסאר

אן איבערצייגעוודיקע דעמאסקירונג פונעם ציעניסטישן פאראט

(ארטיקל איינס)

אין 1983 איז אינעם ענגלישן פארלאג „קרוום כעלם" דערשינען דער בוך פונעם אמעריקאנישן זשורנאליסט (א ייד לויט דער נאציאנאליטעט) לעני ברענער „ציעניזם אינעם יארהונדערט פון דיקטאטארן". דער בוך האט צוגעצויגן די אויפמערקזאמקייט אלס א גוט ארגומענטירטער באשולדיקונגס-אקט בענעגייע דער טעאריע און פראקטיק פון די מאנהיגים פון דער צווישנפעלקערלעכער ציעניסטישער באוועגונג זינט דער אויסבילדונג פון דער אלוועלטלעכער ציעניסטישער ארגאניזאציע און ביז דעם סאף פון דער צווייטער וועלט-מילכאמע. א באזונדער ארט טיילט אויס דער אווטאר די צווישנבאציונגען פון פארשיידענע ציעניסטישע ארגאניזאציעס און גרופירונגען מיטן איטאליענישן און דייטשישן פאשיזם, זייערע פלענער, אויסרעכענונגען און אקציעס, געריכטעטע צו שליסן א העסקעם מיט מוסאלינין און היטלערן, קעדיי דערגרייכן זייער הויפט-ציל — אפשיקן אום יעטווידן פרייז וואס מער ייִדן-עמיגראנטן פון אייראפע קיין פאלעסטינע.

די גאנץ ברייטע היסטאריאגראפיע פונעם ציעניזם און פון ייסראעל ציילט, צווישן אנדערס, עטלעכע ביכער, וועלכע ס'האבן אנגעשריבן אמעריקאנישע און ענגלישע ייִדן — אנטיציעניסטן. מע קאן דערמאנען די אפהאנדלונגען פון מ. מענוכין „די יערידע פונעם יודאיזם אין אונדזער צייט" און פון א. ליליענטאל „די אנדערע זייט פון דער מעדאל". ל. ברענערס בוך שיידט זיך וועזנטלעך אונטער פון די דאזיקע און פון אנדערע אנטיציעניסטישע ארבעטן, וועלכע האבן באקומען א גאנץ פאזיטיווע אפשאצונג מיצאד דער פראגרעסיווער עפנטלעכקייט אין מייריוו-אייראפע, פשא און ייסראעל און זיינען באגעגנט געווארן מיט האס מיצאד די ציעניסטן אין דער פראייסראעלדיקער פרעסע.

ערשטנס, האט דער אווטאר ניט באגרענעצט זיין פארשונג בלויז מיט דער ערשטער העלפט פונעם XX יה., דה. מיטן פעריאד ביז דער אויסבילדונג פון ייסראעל. צווייטנס, איז די פארשונג געווידמעט איינער פון די אמערסטנס געפערלעכע פאר דער ציעניסטישער קנופיע פראבלעמען — דער געשיכטע פון אירע פארברעכערישע פארבינדונגען מיטן איטאליענישן פאשיזם און מיטן דייטשישן נאציזם, וועלכע ווערט זארגזאם פארטושירט ביז צום היינטיקן טאג. דריטנס, באזירט זי זיך אף א קאלאסאלער צאל אורקוואלן, ארכיוו-דאקומענטן, דערונטער גענומענע פונעם פערזענלעכן ארכיוו פון דעם רייכספיורער פון עס-עס הימלער, ווי אויך אף ווייניק באוווסטע מאטעריאלן פון דער ייִדישער פרעסע, וועלכע זיינען דערשינען אין דייטשלאנד און פשא אינעם פעריאד צווישן צוויי אימפעריאליסטישע מילכאמעס אף ייִדיש, איוורית, דייטש און ענגליש, אף דאקומענטן, וועלכע ווערן פארהיט אינעם אינסטיטוט יאד וואשעם אין ירושאלאים, און אף פילצאליקע פריוואטע שמועסן פונעם אווטאר מיט אקטיווע טוער פון פארשיידענע ציעניסטישע ארגאניזאציעס און פאר און בייס דער מילכאמע-צייט. פערטנס, האט דער אווטאר קריטיש אויסגענוצט די קאלאסאלע ציעניסטישע און פראציעניסטישע ליטעראטור, די ארטיקלען, רעדעס, מעמוארן און ביכער פון די אנפי-

רער פון ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, פון דער צווישנפֿעלקערלעכער ציוניסטישער באַוועגונג. דאָס גיט אים אַ מעגלעכקייט צו דעמאַסקירן די שטאַמפּן פון דער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, אַדאַנק וועלכע ס׳זײַנען געשאַפֿן געוואָרן לעגענדעס וועגן דעם קלוימערשטן קאַמף פֿון די ציוניסטן קעגן דעם פֿאַשיזם, און אַרגומענטירט פֿאַרמולירן זײַנע אויספֿירן וועגן דער ראָליע פֿונעם ציוניזם אינעם שוידערלעכן גורל פֿון מיליאָנען ייִדן אין אייראָפּע.

די שטאַרקסטע זײַטלעך פֿונעם בוך זײַנען יענע, וווּ ברענער דעמאַסקירט איבערצײַגעוודיק דעם ראַסיסטישן מעהוס פֿונעם ציוניזם. ס׳איז גוט באַוווּסט, מיט וואָס פֿאַר אַ קאַס די רעדלפֿירער פֿון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, די רעגירנדיקע קרײַזן פֿון פּשא און ייִסראָעל האָבן אויפֿגענומען די רעזאָליוציע פֿון דער גענעראַל-אַסאַמבלײַ פֿון דער אָרגאַניזאַציע פֿון די פֿאַראייניקטע נאַציעס נומ. 3379 (נאָיאַבער, 1975), אין וועלכער דער ציוניזם איז דערקלערט געוואָרן „אַלס פֿאָרם פֿון ראַסיזם און ראַסן-דיסקרימינאַציע”. פֿאַר די פֿאַרגאַנגענע יאָרן האָט די ציוניסטישע קנופּיע און אירע פֿאַרבינדעטע געפּאַטערט צענדליקער מיליאָן דאָלאַרן אַף פֿאַנאַנדערוויקלען אַ צעיושעטע פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער אונאָ, וועלכע האָט „געוואַגט אַנצונעמען” אַזאַ באַשלוס.

ל. ברענער דערווײַזט מיט פֿאַקטן, דאָקומענטן און ציטאַטן אין די הענט, אַז די לידערס פֿונעם ציוניזם, באַזונדערס פֿון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין איטאַליע און דײַטשלאַנד, האָבן, אָנהייבנדיק פֿון די 20-ער יאָרן, ניט נאָר אַפּלאָדירט די ראַסיסטישע אַרויסזאָגונגען און דעקלאַראַציעס פֿון די נאַציסטן און זיך סאָלידאַריזירט מיט די מאָנסטריעזע נירנבערגער געזעצן פֿון 1935, נאָר האָבן אויך באַהויפּטעט, אַז די נאַציסטישע גרונטלאַגן וועגן דער „ריינקייט פֿון דער ראַסע” און וועגן דעם „רוף פֿון בלוט” אידענטיפֿיצירן זיך מיט די ציוניסטישע פּראָגראַם-טעזיסן.

אינעם ערשטן קאַפּיטל פֿון ל. ברענערס בוך „דער ציוניזם און אַנטיסעמיטיזם ביזן האָלאָקאָוסט” איז פֿאַראַן ניט קיין גרויסער, אָבער אַ ביז גאָר וויזנטלעכער פּאַראַגראַף אונטערן טיטל „מיר נעמען צו די ייִדן פֿון די רעוואָליוציאָנערע פּאַרטייען”. דאָרט ווערן געבראַכט פֿאַקטן, וועלכע באַלויכטן אַף אַ נײַעם אופֿן די אונטערהאַנדלונגען פֿונעם שעפֿער פֿון פּאָליטישן ציוניזם הערצל מיטן דײַטשישן אימפּעראַטאָר ווילהעלם II אין 1898 און מיטן רוסלענדישן אינערן-מיניסטער פּ. פּלעווע — דעם הויפּט-אָרגאַניזאַטאָר פֿונעם ייִדישן פּאָגראָם אין קעשענעוו אין 1903. ס׳ווײַזט זיך אַרויס, אַז אין ביידע פֿאַלן האָט הערצל, בעטנדיק, אַז בערלין און פּעטערבורג זאָלן שטיצן די ציוניסטישע פּלענער בנוגע פּאַלעסטינע, אַרגומענטירט עס דערמיט, אַז די פֿאַרווירקלעכונג פֿון די דאָזיקע פּלענער וועט מיטהעלפֿן, ס׳זאָלן אַרויספֿאָרן פֿון דײַטשלאַנד און פֿון רוסלאַנד יענע ייִדן, וועלכע זײַנען פֿאַרבונדן מיט דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג, און דערמיט גופֿא וועט אָפּגעשוואַכט ווערן די באַוועגונג.

נאָך די אונטערהאַנדלונגען מיט פּלעווען האָט הערצל זיך געטראָפֿן אין באַזעל מיט כ. זשיטלאָווסקין, דעמאָלט אַן אָנגעזעענעם טוער פֿון דער עסערישער פּאַרטיי, און אים געגעבן צו וויסן, אַז ער האָט פֿאָרלויפֿיק באַקומען די האַסקאָמע פֿונעם רוסישן אינערן-מיניסטער „אונטערצושטיצן דעם פּאַלעסטינער איניען” מיטן באַדינג, אַז די ייִדן — מיטגלידער פֿון דער פּאַרטיי עסערן — וועלן אָפּשטעלן דעם קאַמף קעגן צאַריזם. אַזוי אַרום, האָט דער ציוניזם שוין אין באַגינען פֿון זײַן עקזיסטענץ פֿאָרגעלייגט זײַן קאָאָפּעראַציע מיטן דײַטשישן אימפּעריאַליזם און מיט דעם צאַריזם, זײַענדיק מסכּים, אויב ער וועט באַקומען שטיצע פֿאַר זײַנע פּלענער בנוגע פּאַלעסטינע, צו טאָן אַלץ, קעדיי אָפּשוואַכן, פֿאַראַטן די אַנטימאָנאַרכיסטישע באַוועגונג.

גלײַכצײַטיק ווערט אינטענסיוו אונטערגעפֿירט אויך אַ „טעאָרעטישע” באַזע אונטער די פּלענער פֿון אײַנשטעלן אַ ציוניסטישן קאָנטראָל איבער פּאַלעסטינע. נאָך אין אָנהייב יאָרהונדערט, פֿיל יאָרצענדליקער פֿאַר דער אויבנדערמאָנטער אונאָ-רעזאָליוציע, האָט דער עסטרײַכישער אַנטראָפּאָלאָג צאָלמאַן געפּרעדיקט אין זײַן בוך „די ייִדישע ראַסע”, אַז די פֿאַרבאָרגענע ווערט פֿונעם יודאַיזם באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט געבוירן דעם נעס פֿון אַלע ניסים: „אַ נאַציע פֿון ריינעם בלוט, וואָס איז ניט קאַליע געוואָרן איבער די קראַנקייטן פֿון איבערגעזעטיקטקייט אָדער אַמאָראַלישקייט, אַ נאַציע, וועלכע פֿאַרמאָגט אַ הויך-אַנטוויקלטן באַוווּסטזײַן, אַ נאַציע, וואָס וועט פֿאַנאַנדערוויקלען אַן אויסערסט ברייטע אינטעלעקטועלע טעטיקייט”.

וועגן דעם, וויאַזוי ס׳האָבן אָנגעווענדט דעם ראַסיזם אין זייערע קלאַסן-אינטערעסן די אָנפֿירער פֿונעם ציוניסטישן פֿאַרבאַנד

פון דייַטשלאַנד, וועלכע האָבן נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה געשטרעבט צו שטעלן אונטער זייער קאָנטראָל א מאַמאָשעסדיקן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג פונעם לאַנד, וואָס האָט זיך באַצויגן צו זיי גלייַכגילטיק אָדער מיט א פאַרבאָרגענער פייַנטשאַפט, און גלייַכצייַטיק פאַרמייַדן די מעגלעכקייַט פונעם אָנטייל פון דער יידישער אינטעליגענץ אין דער אַנטיפאַשיסטישער באַוועגונג, אינעם שאַפן אַן איינהייַטלעכן פראָנט קעגן די נאַציסטן, — ווערט איבערצייַגעוודיק גערעדט אינעם דריטן קאַפּיטל פון ל. ברענערס בוך „דער דייַטשישער ציוניזם און דער קראַך פון דער ווייַמאַרער רעפּובליק". קעדיי דערקלערן דעם קלאַסן-טאָך פון אָט דער פּאָליטיק פון די ציוניסטן, האָט א באַזונדערע באַדייַטונג דער לעצטער פּאַראַגראַף פון אָט דעם קאַפּיטל: „דער סוינע איז — ליבעראַליזם, ער איז אויך א סוינע פונעם נאַציזם".

נאָך אין אָנהייב פון די 20-ער יאָרן, ווען די נאַציסטן האָבן אָנגעהויבן פּראָוואָצירן די ערשטע יידישע פּאָגראָמען אינעם ווייַמאַרער דייַטשלאַנד, האָבן די ציוניסטן געטאָן אַלדאָס מעגלעכע, קעדיי פאַרמינערן די באַדייַטונג פון די דאָזיקע געשעענישן. אַזוי, לעמאָשל, האָט דער דעמאָלטיקער פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר און שפּעטער פּרעזידענט פונעם ציוניסטישן פאַרבאַנד פון דייַטשלאַנד ק. בלומענפעלד זיך געסטאַרעט אין זייַן אַרטיקל, געווידמעט דעם יידישן פּאָגראָם אין בערלין אין 1923, אָפּשוואַכן דעם איינדרוק וועגן אָט דער טרויעריקער געשעעניש, דערקלערנדיק אים אַלס פעלער פון די יידן גופא, וועלכע שטרעבן, אַנשטאָט צו לעבן „אין זייער היימלאַנד", גאָר לעבן אין דייַטשלאַנד. דער דאָזיקער טעות האָט באַקומען א ווייַטערדיקע אַנטוויקלונג אין 1925 אין די שרייַבעכצן פונעם סאַמע אַקטיוון אָנהענגער פון אַלזייַטיקער אָפּהאַלטונג פון א באַליבקן ווידערשטאַנד דעם אַנטיסעמיטיזם יא. קלאַצקין, דעם מיטרעדאַקטאָר פון דער „ענציקלאָפּעדיאַ יודאַיקאַ". ער האָט באַהויפּטעט: „אויב מיר וועלן ניט אָנערקענען די גערעכטיקייַט פונעם אַנטיסעמיטיזם, וועלן מיר דערמיט גופא אָפּלייקענען די רעכטמעסיקייַט פון אונדזער אייגענעם נאַציאָנאַליזם". באַוויליקנדיק די אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק פון די איטאַליענישע פאַשיסטן און באַזונדערס פון די דייַטשישע נאַציסטן, האָט אָט דער „ענציקלאָפּעדיסט" געטייַנעט: „ריכטיק, אַז זיי דאַרפן קעמפן קעגן אונדז פאַר זייער נאַציאָנאַלער גאַנצקייַט... אַנשטאָט צו אָרגאַניזירן געזעלשאַפטן פאַר באַשיצן זיך פון די אַנטיסעמיטן, וועלכע ווילן באַגרענעצן אונדזערע רעכט, דאַרפן מיר שאַפן געזעלשאַפטן פאַר באַשיצן אונדזערע פרייַנט, וועלכע ווילן פאַרטיידיקן אונדזערע רעכט".

אין דער צייַט, ווען בלומענפעלד, קלאַצקין און זייערע מיטדענקער האָבן באַוויליקט די אַנטיסעמיטישע טעטיקייַט פון די נאַציסטן, האַלטנדיק, אַז זי וועט פאַרשטאַרקן דעם איינפלוס פון די ציוניסטן אויף דער יידישער באַפעלקערונג פון דייַטשלאַנד, אופוועקן אין איר דעם יידישן ענטאָציענטריזם און צווינגען די דייַטשישע יידן אַרויספאָרן קיין פּאַלעסטינע, זייַנען דער רעדאַקטאָר פון דער סאַמע פאַרשפּרייטער יידישער צייַטונג אין דייַטשלאַנד „יודישע רונדשאַו" ר. וועלטש און דער הויפּט-רעדאַקטאָר פונעם עלטסטן ציוניסטישן פאַרלאַג אין אייראָפּע — דעם „יידישן פאַרלאַג" — ג. קראַיאַנקער — אַרויסגעטראָטן פאַר דעם, אַז מע דאַרף אונטערשטיצן דעם נאַציזם עטוואָס פון אַנדערע פּאָזיציעס. ג. קראַיאַנקער האָט באַהויפּטעט: „פאַר די ציוניסטן איז דער סוינע — ליבעראַליזם; ער איז אויך א סוינע פונעם נאַציזם. הייסט עס, אַז דער ציוניזם דאַרף זיך באַציִען מיט גרעסערער סימפּאַטיע און אַרויסווייַזן גרעסערע פאַרשטענדענישן לעגאַבע דעם נאַציזם..."

אין אונדזערע טעג, ווען אין איטאַליע הייבט זיך אויף א מוטנע כוואַליע פון נעאָפאַשיזם און די איטאַליענישע פּרעסע ברענגט אַרויס סיסטעמאַטיש פון ציוניסטישע קוועלן קאָלערליי אויסטראַכטענישן וועגן „אַנטיסעמיטיזם אין פּססר", שטעלן פאָר מיט זיך א באַדייַטנדיקן אינטערעס די פאַקטן, וועלכע ווערן געבראַכט אינעם פערטן קאַפּיטל פון ל. ברענערס בוך „דער ציוניזם און דער איטאַליענישער פאַשיזם אין די יאָרן 1922—1929".

אין דעקאַבער 1922, אין צוויי כאָדאָשים אַרום נאָך דעם, ווי מוסאָליני איז געקומען צו דער מאַכט, האָט ער געהאַט א מערקווירדיקע באַגעגעניש מיט די לידערס פון די איטאַליענישע ציוניסטן. אַלס ענטפער אויף די אונטערטעניקע פאַרזיכערונגען פון די לעצטע וועגן זייער שטיצע דער נייַער מאַכט און זייערע צוזאָגן מיטצוהעלפן צו פאַרשטאַרקן דעם איטאַליענישן איינפלוס אין די לעוואַנט-לענדער און אויסברייטערן דאָרט די מוסאָלינישע אַגענטור, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף יידן, וועלכע לעבן אין סיריע, ליוואַן און פּאַלעסטינע, האָט מוסאָליני אָפּגעמערקט, אַז אין פּרינציפּ האַלט ער אונטער די שטרעבונגען און די טרוימען פון די

ציִעניסטן און אז די איינציקע סיבע פון דער אײַנגעהאַלטנקײַט פון דער פאַשיסטישער אָנפירערשאַפט בענעגייע דער אַלוועלטלעכער ציִעניסטישער אָרגאַניזאַציע איז געווען דער כשאַד, אַז זי איז אַן אַגענטור פון גרויסבריטאַניע.

די דעמלטיקע דערפאָלגרײַכע אונטערהאַנדלונגען פון די ציִעניסטן מיט מוסאָליניִן האָבן געעפנט אַ וועג אויך פאַר דער באַגעגעניש פון מוסאָלינין מיט די אָנפירער פון דער אַלוועלטלעכער ציִעניסטישער אָרגאַניזאַציע. אין יאַנוואַר 1923 און אין סענטיאַבער 1926 האָט דער דוטשע זיך באַגעגנט מיטן פּרעזידענט פון דער אַלוועלטלעכער ציִעניסטישער אָרגאַניזאַציע כ. ווייצמאַן, דעם קינפטיקן פּרעזידענט פון ייִסראָעל. אין זײַן אויטאָביִאָגראַפיע סטאַרעט זיך ווייצמאַן פאַרטושן די פּאָליטישע סאַכאַקלען פון די דאָזיקע שמועסן. אָבער זיי זײַנען געווען גאַנץ באַדײַטונגספולע. בײַס דעם ערשטן שמועס האָט ווייצמאַן, אָפּלייקענענדיק, אַז דער ציִעניזם טראָגט אַן ענגלישע ליווריי, דערוויזן זײַן מיטשמועסער, אַז אייב אפילע עס וואָלט געווען אַזוי, וואָלט איטאַליע, אונטערשטיצנדיק, לויטן בײַשפּיל פון גרויסבריטאַניע, דעם ציִעניזם, געוווּנען זייער אַ סאַך, ווײַל דאָס וואָלט „מיטגעהאָלפן אָפּצושוואַכן די קרעפטן פון די מוסולמענער". אין סאַמע באַגינען פונעם ציִעניזם האָט הערצל אין 1898 פאָרגעשלאָגן דעם דײַטשישן אימפּעריִאַליזם אַ בונד קעגן דעם איסלאַם. די באַלפור-דעקלאַראַציע פון 1917 האָט פאַקטיש אויסגעפאָרמירט דעם ענגליש-ציִעניסטישן בונד קעגן די מוסולמענער פונעם נאָענטן מיזרעך. אין 1923 האָט ווייצמאַן אינעם נאָמען פון דער אַלוועלטלעכער ציִעניסטישער אָרגאַניזאַציע פאָרגעלייגט מוסאָלינין עפּעס אַ מין ענגליש-איטאַליעניש-ציִעניסטישן אַליאַנס קעגן דעם איסלאַם. אין אונדזערע טעג טוען, ווי באַוווּסט, די לידערס פונעם צווישנפעלקערלעכן ציִעניזם אַלדאָס מעגלעכע, קעדיי אויסקאָווען און פאַרפעסטיקן די אַנטי-איסלאַמישע אַקס וואַשינגטאָן—טעל-אַוויוו.

ס'איז פאַראַן אַ פולער גרונט צו באַהויפּטן, אַז נאָך זײַן ערשטער באַגעגעניש מיט מוסאָלינין האָט ווייצמאַן אויסגענוצט אין די לענדער פונעם אַראַבישן מיזרעך דעם אַפּאַראַט און די אַגענטור פון דער אַלוועלטלעכער ציִעניסטישער אָרגאַניזאַציע, קעדיי פאַרפעסטיקן דאָרט די פּאָזיציעס פונעם איטאַליענישן אימפּעריִאַליזם, ווײַל בײַס דער צווייטער באַגעגעניש מיטן אָנפירער פונעם ציִעניזם, אין 1926, איז מוסאָליני געווען מער ווי הארציק געשטימט. ער האָט פאָרגעשלאָגן זײַן הילף די ציִעניסטן, קעדיי ברענגען אין אָרדענונג זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס אין פּאַלעסטינע, און די פאַשיסטישע פּרעסע האָט פּלוצעם אָנגעהויבן דרוקן ביז גאָר גינסטיקע אַרטיקלען וועגן דער „ציִעניסטישער אונטערנעמונג אין פּאַלעסטינע". אין 1927 האָט מוסאָליני זיך געטראָפן מיטן פאָרזיצער פונעם ציִעניסטישן אויספירקאָם און שפּעטער פּרעזידענט פון דער אַלוועלטלעכער ציִעניסטישער אָרגאַניזאַציע נ. סאָקאָלאָוו, דעם מעכאַבער פון דער צווייבענדיקער „געשיכטע פונעם ציִעניזם". באַלויכטנדיק די פּאָליטישע סאַכאַקלען פון אָט דער טרעפונג, האָט מײַקל לידין, אַ ספּעציִאַליסט וועגן פראַגן פון פאַשיזם, געשריבן: „נאָך אָט דער לעצטער באַגעגעניש האָט מוסאָליני אָנגעהויבן אָף קאָלערליי אויפאַנים רימען דעם ציִעניזם. סאָקאָלאָוו האָט ניט נאָר געלויבט דעם איטאַליענער אַלס מענטש, נאָר האָט אויך אויסגעדריקט זײַן פעסטע איבערצײַגונג, אַז דער פאַשיזם פאַרמאָגט אַן אימוניטעט קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם... מיר הייבן אָן צו פאַרשטיין, — האָט אונטערגעשטראָכן סאָקאָלאָוו, — די עמעסע נאַטור פונעם פאַשיזם... עכטע ייִדן האָבן קיינמאָל ניט געקעמפט קעגן אײַך".

נאָך אַ מער שענדלעכער בלעטל אין דער געשיכטע פונעם ציִעניזם ווערט געעפנט אין 1933, נאָך דעם, ווי היטלער איז געקומען צו דער מאַכט אין דײַטשלאַנד. וועגן די געהיימע און אָפענע פאַרבינדונגען פון די ציִעניסטן מיט די נאַציסטן אין לעצטן פּעריִאָד זײַנען פאַרעפנטלעכט אַ היפּשע צאָל אַרטיקלען אין די סאָציִאַליסטישע לענדער, דערונטער, פאַרשטייט זיך, אינעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". אָבער די פאַקטן און דאָקומענטן, וועלכע זײַנען געבראַכט אין דעם פינפטן, זעקסטן און זיבעטן קאַפּיטלעך פון ל. ברענערס בוך — „דער דײַטשישער ציִעניזם ליגט פאַר זײַן מיטאַרבעט מיטן נאַציזם", „דער ייִדישער אַנטינאַציסטישער באָיקאָט און דער ציִעניסטיש-נאַציסטישער האַנדלס-אָפּמאַך" און „היטלער קוקט זיך צו צום ציִעניזם" וואַרפן אַ נײַע שײַן אָף די ציִעניסטיש-פאַשיסטישע צווישנבאַציִונגען.

די דאָזיקע קאַפּיטלעך זײַנען באַזונדערס וויכטיק נאָך דערפאַר, ווײַל זיי דערמעגלעכן צו דעמאַסקירן די פאַלסיפיצירונגען, די האַלבע אַנערקענונגען, האַלבע אָפּלייקענונגען און אָפענע ליגונים, מיט וועלכע עס זײַנען איבערפולט די פּילצאָליקע מעמוארן

פון די ציוניסטישע טוער און די פּסעוודאָ־
וויסנשאַפטלעכע פּובליקאַציעס פון פאַרשיי־
דענע וויסנשאַפט־פאָרשערישע אינשטאַלטן,
וועלכע ווערן פינאַנסירט פון ציוניסטישע
צענטערס, מיקויעך פּראַגן וועגן דער גע־
שיכטע פונעם ציוניזם ערעוו דער צווייטער
וועלט־מילכאָמע, און באַזונדער בײַס דער
מילכאָמע.

בעמעשעך פון א דויערהאַפטער צײַט
האָבן די ציוניסטן געטאָן אַלדאָס מעגלעכע,
קעדיי פאַרווישן די שפּורן פון דער באַגע־
געניש צווישן פאַרשטייער פון די יידישע
קערפּערשאַפטן פון דײַטשלאַנד און גערינגן
אין מאַרט 1933. אָבער נאָך דעם, ווי אין
די זשורנאַלן „האָריזאָנט" (דדר), „פּאַלעסטײַן
סטאַדיס" (ביירוט) און „סאָוועטיש היימלאַנד"
זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן א ריי אַרטיק־
לען, וועלכע באַזירן זיך אַף אַרכיוו־דאָקו־
מענטן און אַף אַנדערע מאַטעריאַלן, איז גע־
וואָרן אומעגלעך איבערבאַהאַלטן אָט דעם
פאַקט. דאָן האָט מען געבראַכט אין באַווע־
גונג א קאָמפּליצירטע סיסטעם פון דעזינ־
פאָרמאַציע. א באַדײַטנדיקע ראָליע אין אָט
דער סיסטעם האָט געדאַרפט שפּילן די אווטאָ־
ביאָגראַפיע פונעם אָנגעזעענעם ציוניסט
מ. ראָזענבליוט „גיי און דין". אַנערקענענדיק,
אַז די באַגעגעניש צווישן גערינגן און די
אָנפירער פון די יידישע קערפּערשאַפטן האָט
געהאַט אַן אָרט, דערציילט ראָזענבליוט
אויספירלעך, וויאַזוי די ציוניסטן האָבן אָפּ־
געענטפערט דעם נאַצי נומ. 2. אין דערווירק־
לעכקײַט זײַנען די ציוניסטן געווען געהאָרכ־
זאַמע אויספירער פון גערינגס באַפעלן.

דער דאָזיקער עפּיזאָד האָט זיך אָנגע־
הויבן דערפון, וואָס אין אָנהייב מאַרט 1933
האָט דער נאַציסטישער גאַולייטער פראַנקאָ־
ניע און דער פאַרלעגער פון דער טעגלעכער
אַנטיסעמיטישער צײַטונג „דער שטורמער"
יוליוס שטרייכער (וועלכן מע האָט אויפגע־
האַנגען לויטן אורטייל פונעם נירנבערגער
צווישנפעלקערלעכן טריבונאַל אין 1946 פאַר
די פאַרברעכנס קעגן דער מענטשלעכקײַט,
אין דער ערשטער ריי פאַר זײַן ראָל אינעם
אָרגאַניזירן די אויסראָטונג פון מיליאָנען
יידן) געמאָלדן אין „שטורמער", אַז פונעם
1 אַפּריל 1933 וועלן אַלע יידישע קראָמען
אין דײַטשלאַנד און אַלע פּערזאָנען פון
פרײַע פּראָפעסיעס — יידן לויט דער נאַציאָ־
נאַליטעט באָיקאָטירט ווערן. אין צוזאַמענ־
האַנג דערמיט איז איינער פון די אָנפירער
פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פון
אַמעריקע הארוו סטעפאַן ווײַז געצוווּנגען
געווען, אונטערן דרוק פון די דעמאָקראַטי־
שע טוער פונעם לאַנד און פון א ריי ניט־
ציוניסטישע יידישע קערפּערשאַפטן, באַ־
שטימען אַפן 27 מאַרט א גרויסע אַנטי־
היטלערישע דעמאָנסטראַציע אין ניו־יאָרק,
וועלכע האָט זיך שפּעטער באַדאַרפט פאַר־
וואַנדלען אין א באָיקאָט פון די דײַטשישע
סכוירעס אין פשא (דאָס איז געווען גאַנץ
לויִנבאַר אַן אײַנפלוסרײַכער גרופּע אַמערי־
קאַנער אינדוסטריִעלער, פאַרינטערעסירטע
אינעם אונטערהײַסן די פּאָזיציעס פון זייערע
דײַטשישע קאָנקורענטן אַפן אַמעריקאַנער
מאַרק).

די אויפגערודערטע דײַטשישע עקספּאָר־
טיאָרן האָבן געשטעלט פאַר די נײַע רעגי־
רער פון דײַטשלאַנד די פראַגע וועגן דעם,
צי עס איז ניט ווינטשנסווערט אָנעמען
ווײַזס באַדינגען (ער איז מאַסקים געווען
אָפּשאַפן די דעמאָנסטראַציע אין ניו־יאָרק
מיטן באַדינג, אַז זיי וועלן זיך אָפּזאָגן פו־
נעם אַנטי־יידישן באָיקאָט אין דײַטשלאַנד).
אָבער צו יענער צײַט איז די צוגרייטונג צו
אָט דעם באָיקאָט אַרײַן צו ווײַט, און דאָס
אָפּשאַפן אים האָט געקאָנט ברענגען שאָדן
דעם אווטאָריטעט פונעם פאַשיזם.

אין די דאָזיקע באַדינגונגען האָט גע־
רינג זיך געטראָפן מיט די אָנפירער פון די
יידישע קערפּערשאַפטן אין דײַטשלאַנד און
געפאָדערט בא זיי צו טאָן אַלדאָס מעגלע־
כע, קעדיי אָראָפּרײַסן די אַנטיפאַשיסטישע
דעמאָנסטראַציע אין ניו־יאָרק. פאַר אָט דעם
אויניען האָבן זיך גענומען פאַרשטייער פו־
נעם ציוניסטישן פאַרבאַנד פון דײַטשלאַנד.
זייער דעלעגאַציע בעראָש מיט ראָזענבליוטן
איז געקומען דעם 27 מאַרט אינדערפרי
קיין לאָנדאָן, ווו ס'איז טייקעף פאָרגעקומען
א באַראַטונג פון 40 פירנדיקע טוער פון
דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַני־
זאַציע אונטער דער אָנפירונג פונעם דעמאָל־
טיקן פּרעזידענט פון אָט דער אָרגאַניזאַציע
סאָקאָלאָוו. וועגן דעם ערשטן עטאַפּ פון
זײַן מיסיע אין לאָנדאָן דערציילט ראָזענ־
בליוט אין זײַן אווטאָביאָגראַפיע פאַרהעלט־
ניסמעסיק וואָרהאַפטיק. אָבער בײַס ער באַ־
לויכט דעם צווייטן עטאַפּ, באַווײַזט ער זיך
ווי א מײַסטער פון דעזינפאָרמאַציע. אין זײַן
בוך „גיי און דין" באַשרײַבט ער זײַן טעלע־
פאָן־געשפּרעך פון לאָנדאָן מיט ווײַזן אַף
אַזאַ אויפן: „געדענקענדיק גערינגס ווונטשן...
האָבן מיר איבערגעגעבן... א ווענדונג. דער־
פירן צו זײַן באַוווסטזײַן דעם פאַרבאַרגענעם
זין פונעם איבעריקן טייל פון אונדזער ווענ־
דונג איז געווען א ביסל שווערער, ווײַל
אונדז איז אויסגעקומען צו ריידן צווײַדײַ־
טיק מאַכמעס דער מוירע אונטערגעהערט
צו ווערן און קעדיי שטערן צו פאַרשטיין

דעם עמעסן טאָג. די ווײַטערדיקע געשעענישן האָבן באַוויזן, אַז אונדז האָט זיך אײַנגעגעבן צו אויפקלערן אונדזער פאַרשטעלטע באַקאַשע, און אַז דאָקטאָר אויײַז האָט פאַרשטאַנען, וואָס מיר ווילן: ער דאַרף זיך האַלטן פעסט און באַ קיין שום אומשטענדן ניט אײַנגיין אַף אָפּצושאַפן די אַנטיפאַשיסטישע דעמאָנסטראַציע".

אַזוי האָט דער „ערלעכער" ראָזענבליוט געשטרעבט אין זײַנע מעמואַרן דערגרייכן מיטאַמאָל דרײַ צילן, יעדערער פון וועלכע האָט געדאַרפט רייניוואַשן דעם ציִעניזם. ערשטנס, האָט ער אַנערקענט, אַז דער צוזאַמענטרעף מיט גערינגן האָט ווירקלעך געהאַט אַן אָרט און דערמיט האָט ער געפּרווט צוגעבן אַן אילוזיע פון וואָרהאַפטיקײַט זײַנע ווײַטערדיקע ווערטער. ניט נאָר די אַנטיציִעניסטן, זעט איר, אַנערקענען דעם עצעם פאַקט פון דער טרעפונג מיט גערינגן, נאָר אויך די ציִעניסטן. צווייטנס, האָט ער געוואָלט די לייענער אַרופירן אַפן געדאַנק, אַז פון אַלע אָנטיילנעמער פון דער באַגעגעניש מיט גערינגן זײַנען בלויז די ציִעניסטישע פאַרשטייער מאַסקים געווען צו נעמען אַף זיך די ניט לײַכטע מיסיע אויסצופילן זײַן אָנווײַזונג — אַראָפּרײַסן די אַנטיפאַשיסטישע דעמאָנסטראַציע אין ניו-יאָרק און דערמיט גופע קלוימערשט לינדערן דעם גורל פון די דײַטשישע ייִדן. דריטנס, און דאָס איז דער איקער, דערווײַזט „איבערצײַגעוודיק" ראָזענבליוט, אַז נאָך דער באַראַטונג מיט די לידערס פון דער אַלוועלטלעכער ציִעניסטישער אָרגאַניזאַציע אין לאָנדאָן האָט ער אין אַ טעלעפאָן-געשפּרעך מיט אויײַזן געפאָדערט פון אים, אַז די אַנטיפאַשיסטישע דעמאָנסטראַציע אין ניו-יאָרק זאָל דורכגעפירט ווערן. הייסט עס, אַז די לידערס פון דער אַלוועלטלעכער ציִעניסטישער אָרגאַניזאַציע און פונעם פאַרבאַנד פון ציִעניסטן אין דײַטשלאַנד האָבן ווירקלעך געקעמפט קעגן פאַשיזם!

אָבער ל. ברענערן האָט זיך אײַנגעגעבן פעסטצושטעלן, אַז בײַס דעם טעלעפאָן-געשפּרעך מיט אויײַזן האָט ראָזענבליוט אַפילע קיין וואָרט ניט אַרויסגעבראַכט וועגן דער אַנטיפאַשיסטישער דעמאָנסטראַציע אין ניו-יאָרק. נאָך מער, ס'איז פעסטגעשטעלט, אַז ראָזענבליוט און אייניקע לידערס פון דער אַלוועלטלעכער ציִעניסטישער אָרגאַניזאַציע, אויספילנדיק גערינגס אָנווײַזונגען, האָבן געטאָן אַלץ, וואָס איז מעגלעך, קעדיי אַראָפּרײַסן די דאָזיקע אַנטיפאַשיסטישע אַקציע. אָבער אויך מיט דעם האָט זיך ניט באַגרענעצט די פאַרעטערישע טעטיקײַט פון ראָזענבליוטן. דעם 27 מאַרט זײַנען אָפּגעשיקט געוואָרן פון לאָנדאָן קיין ניו-יאָרק אין אַדרעס פון אַ רײ ציִעניסטישע אָרגאַניזאַציעס עקסטרע טעלעגראַמעס, אין וועלכע ס'איז געווען אַ דרינגענדיקע פאָדערונג, אַז די אַדרעסאַטן זאָלן, פון זייער זײַט, טייקעף שיקן קיין בערלין, אין דער אימפּערישער קאַנצעלאַריע, טעלעגראַף-פאַרזיכערונגען וועגן דעם, אַז עס וועלן אונטערגענומען ווערן אַלע מעגלעכע מיטלען אַראָפּצורײַסן די אַנטיפאַשיסטישע דעמאָנסטראַציע אין ניו-יאָרק. קעדיי צוגעבן אַ באַזונדערע וואָג די לאָנדאָנער דירעקטיוו-טעלעגראַמעס, זײַנען אין זיי געפעלשט געוואָרן די כסימעס פון אייניקע מיטגלידער פון דער אָנפירערשאַפט פון דער אַלוועלטלעכער ציִעניסטישער אָרגאַניזאַציע.

אַזאַ איז דער עמעס וועגן דעם ערשטן עטאַפּ פונעם „קאַמף" פון די ציִעניסטן קעגן דעם דײַטשישן פאַשיזם.

דער צווייטער אָפּטייל פונעם זעקסטן קאַפּיטל פון ל. ברענערס בוך טראָגט אַ כאַראַקטעריסטישן נאָמען: „די צוציִונג-קראַפט פון דער בלוט-אידיי". דער אַוטאָר דערווײַזט מיט פאַקטן, אַז די אַלוועלטלעכע ציִעניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט בענעגייע היטלערס קומען צו דער מאַכט קימאַט די זעלבע שטאַנדפּונקטן, ווי איר דײַטשישער פיליִאַל — דער ציִעניסטישער פאַרבאַנד פון דײַטשלאַנד. זי האָט דערזען אין היטלערס זיג אַ פּאָזיטיוון באַווײַז פונעם באַנקראָט סײַ פון דער אַסימיליאַטאָרישקײַט און סײַ פונעם ליבעראַליזם.

וועגן דעם, אַז דאָס קומען פון די פאַשיסטן צו דער מאַכט וועט צווינגען די דײַטשישע ייִדן זיך אומקערן צו די טראַדיציִאָנעלע ווערטן פונעם יודאִיזם און אָנשטאָט אָנטיילנעמען אינעם קולטורעלן און עקאָנאָמישן לעבן פון דײַטשלאַנד, ווו זייערע אָוועס האָבן אָפּגעלעבט הונדערטער יאָרן, אָנהייבן גרייטן זיך אַריבערצופאָרן קיין פּאַלעסטינע, האָבן מיט באַפרידיקונג גערעדט ניט נאָר די שטאַטנע טוער פון דער אַלוועלטלעכער ציִעניסטישער אָרגאַניזאַציע און פונעם ציִעניסטישן פאַרבאַנד פון דײַטשלאַנד, נאָר אויך אַזאַ שפּאָגל-נײַער ציִעניסט ווי דער שריפטשטעלער, אַוטאָר פון פילצאָליקע ביִאָגראַפישע ראָמאַנען, וועלכע זײַנען דערשינען אַף 27 שפּראַכן, עמיל ליודוויג. ער איז באַרימט געוואָרן ניט נאָר מיט זײַנע ראָמאַנען, ליטעראַרישע און ביִאָגראַפישע עסייען, נאָר אויך דערמיט, וואָס ער איז פיל מאָל אַריבערגעגאַן פון עקסטרעמען קאָנסערוואַטיזם צו ראַדיקאַליזם, פון אַרויס-

גיין פונעם יודאיזם און אריבערגיין אין קריסטלעכן גלויבן אין 1902 ביז פאנאנדערגייסן מיט דעם קריסטלעכן קאטעדראל און זיך אומקערן אין יודאיזם אין 1922. עמיל לידוויג האט אין 1936 אין אן אינטערוויו פאר דער יידישער פרעסע אין פשא געמאכט פאלגנדע סענסאציאנעלע דערקלערונג: „אין עטלעכע יאר ארום וועט מען היטלערן פארגעסן, אבער עס וועט אים געשטעלט ווערן אן אויסגעצייכנטער דענקמאל אין פאלעסטינע. דאס קומען פון די נאציסטן איז געווען א גאנץ צוציענדיקע דערשיינונג. וויפל פון אונדזערע דייטשישע יידן האבן זיך געפונען צווישן צוויי ברעגן; וויפל פון זיי זיינען געשווומען אינעם שטראם צווישן דער אסימילאציע און דעם אפגאנג פון די יידישע ווערטן. טויזנטער פון יענע, וועלכע זיינען, ווי ס'האט זיך אויסגעוויזן, אינגאנצן פארלוירן געגאנגען פארן יודאיזם, זיינען אומגעקערט געווארן אין זיין שויס מיצאד היטלערן, פאר דעם בין איך פערזענלעך אים זייער דאנקבאר".

אין די טעג, ווען עמיל לידוויג האט דאס דערקלערט, זיינען באגאנגען געווארן איבער צענדליקער טויזנטער יידן כוליגאנישע אנפאלן, די היטלעריסטן האבן זיי ארויסגעטריבן פון די אוניווערסיטעט-קאטעדרעס, פון די טעאטערס, פיל ביכער פון דייטשישע שריפטשטעלער, יידן-לויט דער נאציאנאליטעט, האט מען געווארפן אין שייטערס אף די פלעצער. די יידישע בורזשואזע נאציאנאליסטן, באלעבעסלדיקע „פאליטיקער", פארקויפטע פען-עקוויליבריסטן, ציעניסטישע אפאראטשיקעס האבן געקוקט אף היטלערן ניט נאר ווי אף א מינימאלער בייז, נאר שיר ניט אזוי, פונקט ווי זיין אנקומען איז פארויסגעזאגט אין דער טוירע, און ער איז יענער, וועלכער איז בארופן מיט פייער און שווערד אומקערן די ווידערשפעניקע יידן צום יודאיזם און מיט אן אייזערנעם בעזעם ארויסמעשאלייעכן זיי פון דייטשלאנד קיין פאלעסטינע. אין אט דער אומגעבונג זיינען ניט געווען קיין שום שאנסן, אז די ציעניסטישע קערפערשאפטן אין פשא וועלן זיך באטייליקן אינעם שאפן אן אנטיפאשיסטישן פראנט אדער אין אן ערנסטן באיקאט פון די דייטשישע סכוירעס.

ניט אן אן אנווייזונג פון דער שטאבקווארטיר פון דער אלוועלטלעכער ציעניסטישער ארגאניזאציע האבן די אקטיוויסטן פון דער קערפערשאפט „יידישע מילכאמע-וועטעראנען" און פונעם אמעריקאנער יידישן קאמיטעט זיך אפגעזאגט אנטיילצונעמען אין דער צוגרייטונג פון דער אנטיפאשיסטישער דעמאנסטראציע, וועלכע איז געווען פארויסגעזען אלס אן אייגנארטיקע „אוווערטיור" צום באיקאטירן די דייטשישע סכוירעס. דער טערעץ פונעם אפזאג איז געווען, אז אין דער דעמאנסטראציע זיינען גרייט זיך באטייליקן די קאמוניסטן. איינער פון די ארגאניזאטארן פון דער אנטינאציסטישער ליגע אונטערמייער, וועלכער האט אקטיוו אונטערגעהאלטן די בויונג פון ציעניסטישע יישווים אין פאלעסטינע און איז צוערשט ארויסגעטראטן פארן אנטייל פון זיין ארגאניזאציע אין דער אנטיפאשיסטישער דעמאנסטראציע, איז שוין איצט געווען קעגן אזא אקציע, באגרינדנדיק עס דערמיט, וואס די אנטיפאשיסטישע דעמאנסטראציע וועט דערפירן צו א באיקאט פון די קראמען און קלייטלעך, וועלכע האנדלען מיט דייטשישע סכוירעס, און דאס איז, ווי ס'האט „אומגעריכט" זיך דערמאנט אט דער אנגעזעענער אמעריקאנער יוריסט, איז פארבאטן דורכן געזעץ. דער אמעריקאנער יידישער קאמיטעט, די ענג פארבונדענע מיט אים ארגאניזאציע „בנײ בריט" און דער ראט פון דעפוטאטן פון די ענגלישע יידן האבן זיך אפגעזאגט אונטערצוהאלטן דעם באיקאט אף דעם סמאך, ווייל די אריינגעצויגענע אין דער נייער פארם פון קאמף פאלקסמאסן וועלן אף ווייטער קאנען אויסנוצן דעם זעלבן מעטאד פון קאמף קעגן די אייגענע קאפיטאליסטן. וואס איז שייך דער קאנסערוואטיווער, רעליגיעז-ארטאדאקסאלער ארגאניזאציע „אגודאט יסראעל", זיינען אירע אנפירער ארויסגעטראטן סיי קעגן דער דעמאנסטראציע, סיי קעגן דעם באיקאט מיטן טערעץ, אז זינט די רוימער האבן פארניכטעט דאס אוראלטע יידישע קיניגרייך, האט דער טאלמוד פארבאטן די יידן ארויסצוטרעטן קעגן די ניט-יידישע מאכטן אין דער דיאספארע: די דעמאנסטראציע און דער באיקאט האבן געקאנט דערפירן צו א צוזאמענשטויס מיט דער פאליציי, און דעריבער דארפן זיי באטראכט ווערן ווי אן אנהייב פון א בונט!

אויך האראוו ווייַז, צו וועלכן ס'האבן אפעלירט די דייטשישע און ענגלישע ציעניסטן און אף וועלכן גערינג האט „געלייגט האפענונגען", — ווייַז האט אין דער ווירקלעכקייט ניט געשטרעבט צו ארגאניזירן די אנטיפאשיסטישע דעמאנסטראציע אין פשא מיטן אנטייל פון די ברייטע פאלקסמאסן. אין די שטורמישע טעג פון מארט 1933 האט ער געשריבן זיין נאענטן פריינט: „איך קאנט זיך ניט פארשטעלן, וואס איך טו, קעדיי שטעלן א ווידערשטאנד די מאסן.

זיי לעכצן צו אײַנאָרדענען קאָלאָסאַלע גאסן-
סקאנדאלן".
אזויארום, האָט זיך אײַנגעגעבן די פירנ-
דיקע טוער פונעם צווישנפעלקערלעכן ציִע-
ניזם צו פאַרמײַדן פּריִלינגצײַט 1933 די
ארויסטרעטונגען פון דער יִדישער געזעל-
שאפטלעכקײַט, פון די דעמאָקראטישע קער-
פּערשאפטן פון פשא, קעגן דער אנטיסע-
מיטישער פּאָליטיק פון היטלערן און פון
זײַנע מעשאָרסים. אראָפּרײַסנדיק דעם באַי-
קאָט פון די דײַטשישע סכוירעס, האָבן די
פירער פונעם ציִעניזם דערמיט זיך ניט
באגרענעצט. זיי האָבן געשטרעבט צו
אײַנרעגולירן ברייטע עקאָנאָמישע פאַרבינ-
דונגען מיטן פאשיסטישן דײַטשלאנד און
דערמיט גופא פארשטארקן די פינאנציִעלע
באזע פון זייער אייגענער אָרגאניזאציע.

אין 1933 האָט א געוויסער סעם קאָ-
העו, דער באַלעבאָס פון א פירמע פאר עקס-
פּאָרטירן ציטרוס-געוויקסן, פאָרגעשלאָגן דעם
דײַטשישן געזאנדטן אין ירושאָלאַיִם וואָלפן
מיטצוהעלפן צו שליסן א העסקעם, לויט
וועלכן די דײַטשישע יִדן, וועלכע ווילן
ארויספאָרן קיין פּאַלעסטינע, וואָלטן געקענט
קויפן אָן שטײַערן דײַטשישע סכוירעס און
זיי פארוואנדלען אין מעזומען געלט, פאר-
קויפנדיק זיי שפּעטער אין פּאַלעסטינע.
וואָלף האָט אפן סאמע ענערגישן אויפן
אונטערגעהאלטן אָט דעם פאָרשלאָג. אין
זײַן ראפּאָרט אין אויסערן-מיניסטעריִום האָט
ער געשריבן: „מיט אָט דעם וועג קאָן מען
פירן א דערפאָלגרײַכע קאמפּאניע קעגן
דעם יִדישן באָיקאָט פון דײַטשלאנד. דאָס
וועט דערמעגלעכן דורכצושלאָגן א לאָך אין
דער וואנט".

אין אָנהייב מײַ 1933 האָבן די נאציסטן
אונטערגעשריבן א העסקעם מיט קאָהענען
וועגן יִדישע ווערטן אף א סומע פון איין
מיליאָן מארקעס (400 טויזנט דאָלאר). די
ווערטן האָבן געדארפט ארויסגעפירט ווערן
קיין פּאַלעסטינע אין דער פאָרם פון אײַנגע-
קויפטע אין דײַטשלאנד לאנדווירטשאפטלע-
כע מאשינען. דאָס געשעפט האָט אָנגעהויבן
ברענגען פּראָפיטן ביידע צדאָדים. דעמלט
האָבן זיך אָנגעשלאָסן צום איניען מעכטי-
קערע ציִעניסטישע קויכעס. העיויס אין
פארבינדונג מיטן עקאָנאָמישן וועלט-קריזיס
האָט דער צופלוס פון קאפּיטאל אין דער
ציִעניסטישער קאסע שארף זיך פארקלע-
נערט, האָט דער ראָש פונעם יִדישן נא-
ציִאָנאלן פאָנד מ. אוסישקין איבערצײַגט
קאָהענען, ער זאָל זיך צופרידן מיט
זײַנע קאָנטר-אגענטן וועגן באקומען די פאר-
פרירענע קאפּיטאלן פון אָט דעם פאָנד אין

דײַטשלאנד דורך זײַן פירמע. א לעקעכל
פאר די נאציסטן איז געווען דאָס, וואָס
ס'האָבן זיך געפּאָדערט מעזומאָנים, קעדיי
קויפן ערד פאר די יִדן, וועלכע היטלער
וועט ארויסטרײַבן פון דײַטשלאנד. קעדיי
„דורכשטופּן" דאָס דאָזיקע ביז גאָר היפּשע
געשעפט, האָט קאָהען, ווייסנדיק, אז די
היטלעריסטן האָבן מוירע געהאט, אז אף
דער פאָרשטייענדיקער אין לאָנדאָן יִדישער
קאָנפערענץ קאָן אָנגענומען ווערן א רעזאָ-
ליוציע וועגן באָיקאָטירן דײַטשישע סכוי-
רעס, צוגעזאָגט דעם געזאנדטן וואָלפן, אז
אין פאל, אויב די קאפּיטאלן פונעם יִדישן
נאציִאָנאלן פאָנד אין דײַטשלאנד וועלן אויס-
באפרײַט ווערן, וועט ער פאָרן קיין לאָנדאָן,
קעדיי, האנדלענדיק הינטער די קוליסן,
שטערן דאָס אָננעמען דאָרט אָן אנטיפאשי-
סטישע רעזאָליוציע. דער העסקעם איז דער-
גרייכט געוואָרן. דערבײַ האָט דער ציִעניס-
טישער צאד אפילע איבערגעפילט זײַנע
היסכײַוועסן. איבערגעבנדיק די דאָזיקע גע-
שיכטע, האָט דער רעזידענט פון געסטאפּאָ
אין פּאַלעסטינע פ. רײַכערט שפּעטער גע-
שריבן קיין בערלין: „די לאָנדאָנער קאָנפע-
רענץ מיקויעך דעם באָיקאָט איז טאָרפּעדירט
געוואָרן פון טעל-אוויוו, ווײַל דער אָנפירער
פון אָט דעם געשעפט (דה. קאָהען. — ג. ב.),
האנדלענדיק אין אָן ענגן קאָנטאקט מיטן
קאָנסולאט, האָט אָפּגעשיקט א טעלעגראם
קיין לאָנדאָן. אונדזער הויפּט-אויפגאבע איז —
האנדלענדיק פון פּאַלעסטינע, שטערן דער
פאריייניקונג פונעם וועלט-יִדנטום אף א
פײַנטלעכן צו דײַטשלאנד יעסאָד. ס'איז
צוועקמעסיק אונטערצורײַסן די פּאָליטישע
און עקאָנאָמישע מעכטיקײַט פונעם יִדנטום,
ארײַנטראָגנדיק א שפּאלטונג אין זײַנע רייען".

רײַכערטס פּלאן איז פארווירקלעכט גע-
וואָרן בלויז אף א העלפט. דערשלאָגן זיך
„א שפּאלטונג פון דעם וועלט-יִדנטום" האָט
די היטלעריסטן אין יענעם מאָמענט זיך ניט
אײַנגעגעבן איבער דער פּאָשעטער סיבע:
אין דער פראגע וועגן א פילזײַטיקער געהיי-
מער מיטארבעט מיטן פאשיסטישן דײַטש-
לאנד זײַנען אין דער אָנפירערשאפט פון
דער אלוועלטלעכער ציִעניסטישער אָרגאני-
זאציע ניט געווען קיין וועזנטלעכע מיינונגס-
פארשיידנהײַטן. דעריבער טאקע איז אראָפּ-
געריסן געוואָרן די לאָנדאָנער קאָנפערענץ
וועגן דעם באָיקאָט פון די דײַטשישע סכוי-
רעס. פארשטייט זיך, אז קעדיי רעאליזירן
די דאָזיקע אקציע, איז געווען ניט גענוג
די ווירקונג פונעם עקספּאָרטיאָר פון ציט-
רוס-געוויקסן קאָהען.

אַף ווײַפֿל דער העסקעם מיט די נאַציסטן האָט אָנגעהויבן ברענגען לײַנבאַרע רעזולטאַטן, איז סעם קאָהען אײַנגיכן פֿאַרביטן געוואָרן אַלס קאָנטער-אַגענט פֿון די נאַציסטן מיט אַ מער באַדײַטנדיקער פֿיגור — מיט כ. אַרלאָזאָראָוון — דעם אָנפֿירער פֿונעם פּאָליטישן דעפּאַרטאַמענט פֿון דער יִדישער אַגענץ (אײַנצײַטיק — די פּאַלעסטינער שטאַב-קוואַרטיר פֿון דער אַלוועלטלעכער ציִעניסטישער אָרגאַניזאַציע). אַרלאָזאָראָוו איז נאָך אין 1933 געקומען צום אויספֿיר, אַז אין באַדינגונגען פֿונעם עקאָנאָמישן קריזיס, פֿון דער פֿאַרשאַרפֿונג פֿון די אַראַביש-יִדישע באַציִונגען און דער פֿאַרקלענערונג פֿון דער יִדישער עמיגראַציע קיין פּאַלעסטינע וועלן די ציִעניסטן, מאַכמעס דעם מאַנגל אין מענטשן און קאַפּיטאַלן, ניט קאָנען פֿאַרווירקלעכן זייער הויפּטציל — אויסבילדן אַ ציִעניסטישע מעדינע אין פּאַלעסטינע. דעריבער האָט ער אין אַ רײַ אַרטיקלען, וועלכע זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין דער צײַטונג „יודישע רונדשאַו" און אין אַנדערע אויסגאַבעס, געפֿאָדערט שליסן אַ ספּעציִעלע פֿאַרשטענדיקונג מיט די דײַטשישע מאַכט-אָרגאַנען בנוגע דער מאַסן-עמיגראַציע פֿון די דײַטשישע יִדן קיין פּאַלעסטינע און וועגן אַריבערפֿירן אַהין זייערע קאַפּיטאַלן. נעמענדיק אין אַכט די אינטערעסן פֿון די בריטישע קאָלאָניִאַלע קרײַזן אין פּאַלעסטינע און וויסנדיק גוט וועגן די געהיימע אונטערהאַנדלונגען צווישן ווײַצמאַנען און מוסאָלינין, האָט אַרלאָזאָראָוו אין איינעם פֿון זײַנע אַרטיקלען פֿאַנאַנדערגעאַרבעט אַ ווײַט גייענדיקן פּלאַן פֿון אַ פּאָליטיש-עקאָנאָמיש געשעפֿט צווישן די ציִעניסטן, נאַציסטן, איטאַליענישע פֿאַשיסטן און די אָנפֿירער פֿון דער בריטישער אימפּעריע, מיטן ציל צו עוואַקויִרן די יִדן פֿון דײַטשלאַנד קיין פּאַלעסטינע. ער האָט געשריבן: „מע וואָלט אויך געקאָנט גרינדן אַ קאָמפּאַניע מיטן אָנטייל פֿון דער דײַטשישער מעלוכע און פֿון אַנדערע אייראָפּעיִשע, קודעמקאָל ענגלישע און איטאַליענישע פֿאַרינטערעסירטע צדאָדים, וועלכע וועלן צוביסלעך, ניט געײַלט, אויסצאָלן דאָס געלט, וואָס עס איז ווערט דער פֿאַרמעגן פֿון די דײַטשישע יִדן, אַרויסלאָזנדיק קרעדיט-היסכײַוועסן און שאַפֿנדיק אַן אַנטשפּרעכיקן גאַראַנטיע-פֿאָנד".

באַלד נאָך דעם, ווי היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, נאָך די אונטערהאַנדלונגען פֿון די דײַטשישע ציִעניסטן מיט גערינגן און באַזונדערס נאָך דער דערפֿאָלגרײַכער מיטאַרבעט פֿון קאָהענס פֿירמע מיט די נאַציסטן אינעם איבערפּאָמפּען די יִדישע קאַפּיטאַלן קיין פּאַלעסטינע און אין אַזאַ וויכטיקער פֿאַר די היטלעריסטן פֿראַגע ווי אַראָפּרײַסן די לאָנדאָנער קאָנפֿערענץ, איז אַרלאָזאָראָוו אַרויסגעפֿאָרן קיין בערלין, קעדיי פֿירן אונטערהאַנדלונגען וועגן אַ באַדײַטנדיקער פֿאַרברייטערונג פֿונעם העסקעם, וועלכן ס'האָט געשלאָסן קאָהען. גלײַכצײַטיק האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט אינעם זשורנאַל „לייבאָר פּאַלעסטײַן" אַן אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט, באַשטעטיקנדיק זײַנע פֿריִערדיקע אַרויסזאָגונגען וועגן דער נויטווענדיקײַט צו שאַפֿן אַ מין ענגליש-איטאַליעניש-דײַטשיש-ציִעניסטישן קאָנסאָרציום פֿאַר אַ מאַסן-איבערוואַנדערונג פֿון יִדן און פֿאַר אַריבערפֿירן זייערע קאַפּיטאַלן קיין פּאַלעסטינע, אונטערגעשטראָכן, אַז זײַן אידיי איז „באַזונדערס הײַנטצײַטיק" אין דער געשפּענער לאַגע, ווײַל די עפֿנטלעכע מיינונג אין דער וועלט „וועט אונטערשטיצן די קאָנסטרוקטיווע לייזונג פֿון דער יִדישער פֿראַגע אין דײַטשלאַנד".

אַזוי האָט דער ציִעניסט-לייבאָריסט אַרלאָזאָראָוו פֿאָרויסגעזען די רעאַליזירונג פֿון דעם היטלעריסטישן לאָזונג וועגן אַ „באַפֿרײַטן פֿון יִדן דײַטשלאַנד"!

כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס ניט די אָנפֿירער פֿון דער יִדישער אַגענץ אין פּאַלעסטינע, ניט די בריטישע מאַנדאַטאַריען פֿון אָט דעם לאַנד, באַהאַנדלענדיק מיט די היטלעריסטישע מיניסטאָרן די פּלענער פֿון איבערציִען קיין פּאַלעסטינע הונדערטער טויזנטער דײַטשישע יִדן און איבערפֿירן אַף דער קאָנטע פֿון דער אַלוועלטלעכער ציִעניסטישער אָרגאַניזאַציע אַ מיליאָן מאַרקעס פֿון זייערע קאַפּיטאַלן, האָבן קיין איין מאָל זיך ניט פֿאַרינטערעסירט מיט דער מיינונג פֿון די קינפֿטיקע איבערוואַנדערער. זיי האָבן אויך „פֿאַרגעסן" זיך קאָנסולטירן מיט די ווירקלעכע באַלעבאַטים פֿונעם לאַנד — מיט די פּאַלעסטינער אַראַבער און מיט זייער רעפּרעזענטאַנטער אָרגאַניזאַציע — דעם אויספֿיר-קאָמיטעט פֿונעם אַראַבישן פּאַלעסטינער קאָנגרעס.

נאָך אין סאָף פֿון די 20-ער יאָרן האָבן די פּאַלעסטינער אַראַבער אַרויסגעזאָגט זייער גרימצאָרן אין שײַכעס מיט דער קאָלאָניִאַלער פּאָליטיק פֿון די בריטישע אימפּעריִאַליסטן און מיט דער אַלזײַטיקער שטיצע, וועלכע זיי האָבן געגעבן די ציִעניסטישע קאָלאָניזאַטאָרן. אין 1929 איז אָט דער גרימצאָרן אַריבערגעוואַקסן אין אַן אַלנאַציִאָנאַלן אופֿשטאַנד פֿון די אַראַבער אין פּאַלעסטינע. אין 1933, אין דער זעלבער צײַט,

ווען ארלאזאראוו האט געפירט געהיימע אונטערהאנדלונגען אין לאנדאן און בערלין, האט אין פאלעסטינע גערייפט א נייער אופשטאנד, די שארף פון וועלכן איז געווען געריכטעט קעגן די בריטישע אימפעריאליסטן. דעריבער טאקע האט מען אינעם בריטישן מיניסטעריום פאר קאלאניעס באגעגנט מיט אפענע ארעמס דעם באפולמעכטיקטן פארשטייער פון דער יידישער אגענץ פון פאלעסטינע ארלאזאראוון, וועלכער איז געקומען, קעדיי דערגרייכן א העסקעם וועגן איבערפירן די דייטשישע יידן קיין פאלעסטינע, וועגן בויען דארט נייע יידישע יישווים, וועגן אונטעררייסן די עקאנאמישע לאגע פון די אראבישע פעלאכן, וועגן פארשטארקן די האלב-אפיציעלע ציעניסטישע ארמיי — „האגאנא", וועלכע די בריטישע קאלאניאלע באאמטע האבן אויסגערעכנט אויסצונוצן, קעדיי דערשטיקן דעם נאציאנאלן באפרייונגס-קאמף פונעם פאלעסטינער פאלק.

אין יוני 1933, נאך דעם ווי ארלאזאראוו האט דאס צווייטע מאל זיך אומגעקערט קיין טעל-אוויוו פון בערלין, ווו ער האט פאקטיש דערפירט ביזן סאף די אונטערהאנדלונגען וועגן שליסן א פינאנציעל-עקאנאמישן אפמאך מיט די פאשיסטישע מאכט-ארגאנען, איז ער דערהארגעט געווארן. דער ארגאניזאטאר פון דעם פארברעכן איז געווען דער אנפירער פון דער פאלעסטינער אפטיילונג פון דער ציעניסטיש-רעוויזיאניסטישער פארטיי אבע אכימיער. ניט געקוקט אף דעם, וואס אין זיין טאגבוך איז אויספירלעך דערציילט געווארן וועגן דער סודע אין זיין הויז באלד נאכן ארלאזאראוו-מארד, ביים וועלכער ס'איז אפגעמערקט געווארן „דער גרויסער זיג", האבן די בריטישע מאכט-ארגאנען פון פאלעסטינע זיך געיילט באפרייען אים פון פארגעריכטלעכן ארעסט און אראפנעמען די באשולדיקונג אין ארגאניזירן דעם מארד.

ניט געקוקט אף ארלאזאראווס מארד, איז אין יולי 1933 אונטערגעשריבן געווארן צווישן דעם מעלוכע-באנק פון דייטשלאנד „רייכסבאנק" און דער יידישער אגענץ דער אויבנדערמאנטער אפמאך, וועלכער איז פארשיפרירט געווארן אונטערן לאשנקוידעשדיקן נאמען „האאווארא" — האנדלס-געזעלשאפט. לויטן אופטראג פון דער יידישער אגענץ האבן אט דעם אפמאך אונטערגעשריבן די אנפירער פון דעם ענגליש-פאלעסטינער באנק, וועלכער האט פאקטיש געהערט צו איר. אין דער בערלינער קאנטאר פון אט דעם באנק האבן די דייטשישע יידן פון איצט אן אינוועסטירט געלט, וואס איז נאכדעם אויסגענוצט געווארן, קעדיי איינקויפן דייטשישע עקספארט-סכוירעס. נאכן פארקויפן די סכוירעס אין פאלעסטינע, און שפעטער אויך אין אנדערע לענדער, ניט נאר אפן נאענטן מיזרעך, נאר אויך אפילע אין מיירעוו-אייראפע, האבן די דייטשישע יידן געקאנט באקומען אין דער ארטיקער קאנטאר פונעם ענגליש-פאלעסטינער באנק (באם באדינג, אויב זיי האבן עמיגרירט קיין פאלעסטינע) א מאמאשעסדיקן טייל פון די קאפיטאלן, וועלכע זיי האבן פארלויפיק אינוועסטירט אין דער בערלינער קאנטאר. אין העסקעם מיטן אפמאך איז די מאקסימאלע סומע, וועלכע זיי האבן געקאנט אינוועסטירן אין דער בערלינער אפטיילונג פונעם ענגליש-פאלעסטינער באנק, געווען 50 טויזנט מארקעס, דה. 20 טויזנט דאלאר.

אף אזא אופן האט די ציעניסטן זיך איינגעגעבן איבערצופאמפען פון דייטשלאנד קיין פאלעסטינע, אנהייבנדיק פונעם 1933 ביזן 1939, העכער 40 מיליאן דאלארן, וואס עס האט באטראפן מער פון 60% פונעם קאפיטאל, וועלכער איז אינוועסטירט געווארן אינעם לאנד פאר דעם דאזיקן פעריאד. פארטיידיקנדיק „האאווארא" פון די אנפאלן מיצאד די אנטיציעניסטן, וועלכע האבן באהויפטעט, אז ער איז געשלאסן געווארן, קעדיי ראטעווען די קאפיטאלן פון דער יידישער בורזשואזיע אין דייטשלאנד, האבן די אנפירער פון דער אלוועלטלעכער ציעניסטישער ארגאניזאציע געטיינעט, אז די אויבנדערמאנטע אינוועסטירונגען אינעם ענגליש-פאלעסטינער באנק, דה. „איינגאנצן בלויז" 50 טויזנט מארקעס פון א מענטשן, האבן ניט געהאט קיין אינטערעס פאר דער יידישער געלט-אריסטאקראטיע פון דייטשלאנד. אבער עס איז איצט באוווסט, אז אפן יעסאד פון דער געהיימער פארשטענדיקונג וועגן דער יידישער עמיגראציע קיין פאלעסטינע, וועלכע די יידישע אגענץ האט געשלאסן מיט די נאציסטן גלייכצייטיק מיט „האאווארא" און וואס האט פארויסגעזען א געוויסע קוואטע פארן ארויספאר פון יידן קיין פאלעסטינע, זיינען באזונדערע להאטעס געגעבן געווארן די גרויס-קאפיטאליסטן, אויב זיי זיינען גרייט אריינלייגן זייער קאפיטאל אין די פאלעסטינער אונטערנעמונגען פון די ציעניסטן. כאראקטעריסטיש איז, אז די בריטישע קאלאניאלע מאכט-ארגאנען, וועלכע האבן וואכזאם געשפירט, עס זאל ניט איבערגעשטיגן ווערן די קוואטע פונעם אריינפאר פון יידן קיין פאלעסטינע און יערלעך אראפ-

געזעצט זיך אין רעזולטאַט פֿונעם וווּקס פֿון דעם אַראַבישן פּראָטעסט, האָבן גוטווילּיק זיך באַצויגן צום אַרײַנפּאָר אינעם לאַנד פֿון די דאָזיקע „איבער־לימיט"־עמיגראַנטן. זייער צאָל האָט איבערגעשטיגן פֿאַרן אָנגעוויזענעם פּעריאָד 16 טויזנט מענטשן.

אין דער זעלבער צײַט, ווען די ייִדישע אַגענץ און די אָנפֿירער פֿון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָבן זיך געסטאַרעט האַלטן בעסאָד דעם אָפּמאַך „האַאַוואַראַ", וואָס עס איז, אָן שום ספֿק, געווען איינע פֿון די סיבות פֿון אַרלאָזאָראָווס מאָרד, האָבן די נאַציסטן, פֿאַרקערט, מיטגעהאָלפֿן, אַז ווערגן אָט דעם אָפּמאַך זאָלן „אַרײַנדרינגען" ידיעות אין דער מערעוודיקער פּרעסע, און אין יולי 1933, ערעוו דער עפֿענונג פֿונעם 18־טן קאָנגרעס פֿון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין פּראָג, האָבן זיי פֿאַרעפֿנטלעכט דעם גאַנצן טעקסט פֿון אָט דעם אָפּמאַך.

די סיבה איז באַשטאַנען דערין, וואָס אויפֿן טאָג־סיידער פֿונעם קאָנגרעס איז, לויט דער פֿאָדערונג פֿון די לינקע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, געשטעלט געוואָרן די פֿראַגע וועגן דעם אָנטייל פֿון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אינעם דורכפֿירן אַ צווישנפֿעלקערלעכן באָיקאָט פֿון די דײַטשישע סכוירעס אַלס ענטפֿער אויף היטלערס אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק. אָבער וויאַזוי האָט מען געקאָנט באַהאַנדלען אין אויגוסט 1933 אין פּראָג דעם אַנטיפֿאַשיסטישן באָיקאָט, אויב אַ כּוידעש ביז דעם איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אַ מיטיילונג, אַז ס'איז געשלאָסן געוואָרן אַזאַ „לוינבאַרער" אָפּמאַך צווישן דער ייִדישער אַגענץ און דעם „רײַכסבאַנק" פֿונעם פֿאַשיסטישן דײַטשלאַנד? ס'איז קיין חידוש ניט, וואָס די רעזאָליוציע וועגן דעם באָיקאָט איז אָפּגעלייגט געוואָרן מיט 240 שטימען קעגן 48. דאָס איז געווען אַ זיג פֿון די נאַציסטן, ווײַל דער אָפּמאַך האָט אָפּגעצויגן פֿון דעם פֿראָנט פֿון אַנטיפֿאַשיסטישן קאַמף אַ גרויסע צאָל צײַטונגען און זשורנאַלן פֿון מערעוו־אייראָפּע און באַזונדערס פֿון פּשא, וועלכע זײַנען געווען אונטערן אײַנפֿלוס פֿון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אָדער פֿאַרבונדן מיט איר. שפּעטער האָט די דאָזיקע זאַכלאַגע פֿאַרלײַכטערט די דײַטשישע פֿאַשיסטן צו נייטראַליזירן דעם ווידערשטאַנד פֿון דער עפֿנטלעכער מיינונג פֿון גרויסבריטאַניע און פּשא בעשאַס דער אויסראָטונג פֿון מיליאָנען ייִדן אין די יאָרן פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

באַגײַסטערטע דערמיט, וואָס דער פּראָגער קאָנגרעס האָט אָפּגעלייגט דעם אַנטידײַטשישן באָיקאָט, האָבן די מנהיגים פֿון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אָפּלייקענענדיק צוויעסדיק זייער שײַכות צו „האַאַוואַראַ" (זיי האָבן געטײַנעט, אַז עס האָט אים אונטערגעשריבן די „אומאָפּהענגיקע" פֿאַרוואַלטונג פֿונעם ענגליש־פּאַלעסטינער באַנק), פֿאָרגעזעצט אויסצוברייטערן די מאַסשטאַבן פֿון זייערע קעגנזײַטיק לוינבאַרע האַנדלס־פֿינאַנציעלע אָפּעראַציעס מיט די נאַציסטן. אין 1935 האָבן אין דער ירושלימער אָפּטיילונג פֿונעם ענגליש־פּאַלעסטינער באַנק, וועלכער איז אינגאַנצן געווען פֿאַרנומען מיט די „האַאַוואַראַ"־אָפּעראַציעס, געאַרבעט 137 הויך־קוואַליפֿיצירטע ספּעציאַליסטן.

נעמענדיק אין אַכט די פֿאַרינטערעסירטקײַט פֿון די ציוניסטן אין אָט דעם אָפּמאַך, האָבן די נאַציסטן פֿון יאָר צו יאָר געשטעלט אַלץ האַרבערע באַדינגען פֿאַר זײַן רעאַליזירונג. זיי האָבן פֿאַרגרעסערט די סומע פֿון די אָפּרעכענונגען, וועלכע זײַנען אָנגעקומען פֿון די דאָזיקע אָפּעראַציעס אין „רײַכסבאַנק" געפֿאָדערט אויסצאָלן אַ טייל פֿון זייער „קײַלעך" אין פֿונטן אָדער דאָלאַרן, אויסברייטערן די טעטיקײַט־ספֿער פֿון „האַאַוואַראַ", ד.ה. רעאַליזירן די דײַטשישע סכוירעס מיט דער הילף פֿון ייִדישע קאָמיסיאָנערן אין אַלע לענדער פֿון נאָענטן און מיטלען מיזרעך און אַפֿילע אין... גרויסבריטאַניע.

אין 1935, ערעוו דעם אָרדנטלעכן 19־טן קאָנגרעס פֿון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכער האָט געדאַרפֿט פֿאָרקומען אין לוצערן, האָט דער לידער פֿון די ציוניסטן ווייצמאַן, וועלכער איז דעמאָלט געווען פֿאָרזיצער פֿון דער צענטראַלער ביוראָ פֿאַר דער איבערוואַנדערונג פֿון די דײַטשישע ייִדן, אונטערגעשטראָכן אין אַ דירעקטיוו בריוו דעם דירעקטאָר פֿון דער קאָלאָניזאַציע־אָפּטיילונג פֿון דער ייִדישער אַגענץ אין פּאַלעסטינע אַאופֿין, אַז ער איז מסכּים, די גילטיקײַט פֿון „האַאַוואַראַ" זאָל פֿאַרשפּרייט ווערן אויף גרויסבריטאַניע באַם באַדינג, אויב אַ טייל וואַליוטע, וועלכן זיי האָבן באַקומען אויף אַזאַ אופֿן, וועט איבערגעגעבן ווערן אין רשות פֿון די אַמערסטנס רײַכע ייִדן פֿון דײַטשלאַנד. דער קינפֿטיקער פּרעזידענט פֿון ייִסראָעל האָט געהאַפּט מיט איין קלאַפּ האַרגענען דרײַ האָזן: פֿאַרשטאַרקן די קאָנטאַקטן מיט די נאַציסטן, וועלכע זײַנען ביז גאָר פֿאַרינטערעסירט אינעם באַקומען פֿונטן סטערלינגן, אין נאָך אַ גרעסערער מאָס

אונטערײַסן די פּאָזיציעס פֿון די קעגנער פֿונעם באָיקאָט, פֿאַרשנעלערן דאָס איבער־פּאַמפּען די קאַפּיטאַלן פֿון די גרויסע ייִדי־שע פֿינאַנסיסטן קײן פּאַלעסטינע. דאָס אַלץ האָט נאָך אין א גרעסערער מאָס אנטבלויזט דעם קלאַסן־אונטערגרונט פֿונעם אָפּמאַך „האאווארא". דער בריוו האָט זיך פֿאַרענ־דיקט מיט א גאַנץ נוצלעכער פֿאַר די פֿאַ־שיסטן אָנווײַזונג: „זײַענדיק א ציִעניסטישע אָרגאַניזאַציע, דאַרפֿן מיר זיך פֿאַרנעמען מיט א קאָנסטרוקטיווער לייזונג פֿון דער דײַטשישער פֿראַגע, אריבערפֿירנדיק ייִדישע יוגנטלעכע פֿון דײַטשלאַנד קײן פּאַלעסטינע, און ניט פֿון דער פֿראַגע וועגן דער רעכט־לאָזיקײַט פֿון די ייִדן אין דײַטשלאַנד".

אין די דאָזיקע באַדינגונגען איז קײן כידעש ניט, וואָס דער ליוצערנער ציִעניס־טישער קאָנגרעס האָט, לויטן בײַשפּיל פֿונעם פּראָגער, דורכגעוואָלגערט דעם פֿאָרשלאָג וועגן דעם אַנטיפֿאַשיסטישן באָיקאָט און פּאַקטיש סאַנקציאָנירט דעם העמשעך פֿון אַזעלכע רעווערדיקע פֿאַרבינדונגען מיט די נאַציסטן. די באַהאַנדלונג פֿון אָט דער פֿראַ־גע אין ליוצערן האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט א גרויסן סקאַנדאַל, בײַס וועלכן די קעגנער פֿונעם אָפּמאַך און די אָנהענגער פֿונעם באָי־קאָט האָבן „באַגריסט" די אָנהענגער פֿון „האאווארא" און די קעגנער פֿונעם באָיקאָט מיט איראָנישע אויסגעשרייען: „כײַל, היט־לער!".

אין רעגירונגס־קרײַזן פֿון דעם נאַציס־טישן דײַטשלאַנד זײַנען אויך געווען מיי־נונגס־פֿאַרשיידנהײַטן אין שײַכעס מיטן העמשעך פֿון דער גילטיקײַט פֿון „האאווא־רא", וועגן וועלכע (ניט פֿאַרשטענדלעך פֿאַר־וואָס) ל. ברענער דערמאָנט ניט. די זאַך באַשטייט אין דעם, וואָס דער דײַטשישער אויסערן־מיניסטעריום האָט מוירע געהאַט, אַז די גילטיקײַט פֿון אָט דעם אָפּמאַך און די פֿאַרשטאַרקונג פֿון די פּאָזיציעס פֿון די ציִעניסטן אין פּאַלעסטינע וועט דערפֿירן צו א וווקס פֿון די אַנטידײַטשישע שטימונגען אין די אַראַבישע לענדער. אָבער דער פּאַר־זיצער פֿונעם „רײַכסבאַנק" און דער פּאַקטי־שער אָנפֿירער פֿון דער דײַטשישער עקאָנאָ־מיק יאַלמאַר שאַכט האָט געפּאָדערט ניט נאָר פֿראָלאָנגירן דעם אָפּמאַך „האאווארא", נאָר אויך פֿאַרברייטערן די ספֿער פֿון זײַן גילטיקײַט אויפֿן נאָענטן מיזרעך און אַף איירא־פּע. אין 1938, פֿאַנאַנדערקלײַבנדיק דעם קאָנפֿליקט צווישן פֿאַרשיידענע דײַטשישע אַמטן, האָט היטלער פֿולקום אונטערשטיצט די פּאָזיציע פֿון שאַכטן, וועלכער איז געווען ענג פֿאַרבונדן מיט די גרעסטע בענק פֿון גרויסבריטאַניע און פּשא.

ל. ברענער דערמאָנט אויך ניט וועגן דעם, אַז באַם פּראָלאָנגירן אין 1938, נאָך היטלערס ארײַנמישונג, דעם אָפּמאַך „האא־ווארא", איז אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין אים א ספּעציעל געהיים ארטיקל, וואָס סאַנקציאָ־נירט דאָס געהיימע איבערגעבן די ציִעניסטן שיס־געווער, גראַנאַטעס, קוילנוואַרפֿערס און אַנדער וואָפֿן פֿון די ארסענאַלן, וועלכע די היטלעריסטן האָבן פֿאַרכאַפּט אין עסטרײַך און אין דער סודעטער געגנט פֿון טשעכאָ־סלאָוואַקיע אין 1938. דאָס האָט דערמעג־לעכט באַוואָפֿענען די מיליטער־אײנהײַטן פֿון דער ציִעניסטישער ארמיי „האגאנא" און די טעראָריסטישע באַנדעס „אירגון צוואי לעו־מי" און „לעכי", מיט וועלכע ס'האָבן שפּע־טער אָנגעפֿירט בעגין און שאַמיר און פֿון וועמעס הענט עס זײַנען אומגעקומען צענד־ליקער טויזנטער אַראַבער, ווי אויך דער ענגלישער מיניסטער־רעזידענט אַפֿן מיטעלן מיזרעך לאָרד מאַין (אין 1944) און אין 4 יאָר ארום — דער פֿערזענלעכער פֿאָר־שטייער פֿון דער אונאָ אין פּאַלעסטינע און פֿאָרזיצער פֿון דער שוועדישער געזעלשאַפֿט פֿון רויטן קרײַץ גראַף פֿאָלקע בערנאַדאָט.

א שענדלעכער סימבאָל פֿון „האאווארא" און ביכלאַל פֿון דער מיטאַרבעט מיט די דײַטשישע נאַציסטן איז געווען דאָס, וואָס די ציִעניסטישע שיף־קאָמפּאַניע האָט גע־קויפֿט באַם פֿאַשיסטישן דײַטשלאַנד א גרויסן פּאַסאַזשיר־לײַנער „האָהענשטײַן". אין 1935 איז אָט די שיף, וואָס האָט באַקומען א נײַעם נאָמען „טעל־אוויוו", אָפּגעשוווּמען פֿון ברעמערהאַפֿען קײן כײַפֿע מיט ייִדישע עמיגראַנטן אַפֿן באָרט, וועלכע ס'האָבן זאָרג־זאַם אָפּגעקליבן פֿאַרשטייער פֿון דער ייִדי־שער אַגענץ און פֿון „האגאנא". אַף דער שיף איז געווען אָנגעמאָלט א מאָגנדאָוויד מיט אַן אויפֿשריפֿט אַף איוורית „טעל־אוויוו", און אַף דעם מאַסטבוים האָט געפֿלאַטערט א פֿאָן מיט א האַקנקרײַץ. דער קאַפּיטאַן פֿון דער שיף איז געווען דער אַלטער מיטגליד פֿון דער נאַציסטישער פּאַרטיי ליידיג...

וועגן דעם, וויאַזוי ס'האָבן זיך אַנטוויקלט די פּאָליטישע און אַנדערע פֿאַרבינדונגען פֿון די ציִעניסטן מיט די נאַציסטן, איטאַליעני־שע פֿאַשיסטן און יאַפּאַנישע אימפּעריאַליסטן ערעוו און בעשאַס דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, וועט דערציילט ווערן אין די ווײַ־טערדיקע ארטיקלען.

■ ■ ■

אין ייִסראַעל, אַמעריקע און אין אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער זײַנען ביז גאָר אַקטיוו די רעליגיעזע פאַנאַטיקער. צי נוצן זיי ניט אויס די רעליגיע צוליב שאָדן־אופוויקונג אַף די גלייביקע?

טש. סאַנינא, יאַשקאַר־אָלא

א גרויסע אתמעשטיצונג פאר די פאשיסטישע כוליגאַנעס פון „גוש־אימונים״ באקומען זיי פון די רעליגיעזע פאַנאַטיקער. אויפן בילד: דער רב קוק און אנדערע כלי־קודש אין דער באַזעצונג אלון־מודה. (זע זייט 3)



דער אַרויסגאַנג פאַרבאַט, אין חברון, פאַרצאַמונגען; די קאַלאָניסטן פון קרית ארבע קענען זיך אבער פריי באַוועגן.

א לאַדזשער רבֿ רופֿט צו אַ דין־תורה אַלס עדות די נשמות פֿון פֿאַרשטאָרבענע ייִדן

פֿון ניו־יאָרק ווערט געמאָלדן, אַז הרב זאבֿ מורנו, באַקאַנט אַלס דער לאָדזשער רבֿ, האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַן איינלאַדונג, וואָס ער האָט אַרויסגעשיקט צו דריי רבנים און צוויי ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, זיי זאָלן זיך שטעלן פֿאַר אַ דין־תורה מיט די נשמות פֿון די פֿאַרשטאָרבענע ייִדן, וואָס רוען אויף די ייִדישע בית־עלמינס אין פּוילן.

אין לעצטן פּאַראַגראַף פֿון דער איינלאַדונג ווערט געזאָגט, אַז אויב די בעלי־דין וועלן זיך נישט צושטעלן צו דער דין־תורה, וועט די דין־תורה פֿאָרקומען אויך אָן זיי און עס וועלן אויסגעהערט ווערן עדות, און אויב זיי וועלן זיך אָפּזאָגן אויספֿאָלגן דעם פּסק וועט געגעבן ווערן די רעכט צו שטעלן זיך מיט זיי צו אַ דין־תורה פֿאַרן בית־דין של מעלה".

ווען די שורות ווערן געשריבן, ווייסט מען נאָך נישט צי די נשמות פֿון די מתים האָבן זיך צוגעשטעלט צו דער דין־תורה.

קאָרט־שפּילן אין ניו יאָרקער סינאַגאָגעס

ניו־יאָרק. — די ניו־יאָרקער פּאָליציי טענהט, אַז אין איניקע סינאַגאָגעס אין ניו־יאָרק האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אַזאַרט־שפּילן. דאָרטן האָבן אויך אַ זאַמל־פּונקט אָרגאַניזירטע פֿאַרברעכער. לעצטנס האָט אומגעריכט אָפּגעשטאַט די פּאָליציי אַ וויזיט אין איינער פֿון די ברוקלינער סינאַגאָגעס און אַרעסטירט 10 פּערזאָן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קיינער פֿון די אַרעסטירטע האָט נישט בכלל קיין שום שייכות צו דער סינאַגאָגע. דאָס באַדייט, אַז „מען האָט פֿאַרדונגען דעם לאָקאַל" אַף אַזאַרט־שפּילן ווען דאָרט פֿלעגן נישט פֿאָרקומען קיין תפֿילות.

דער לעצטער איבערפֿאַל פֿון דער פּאָליציי איז געקומען אין אַ וואָך אַרום נאָך דעם דערמאָנטן פֿאַל, ווען די באַקאַנטע געשטאַלט פֿון דער מאַפֿיע, סטיווען ציריליאַ, איז דערשאָסן געוואָרן בײַם טיש פֿון קאָרטן־שפּיל אין אַן אַנדערער סינאַגאָגע פֿון ברוקלין.

נאָך דעם דאָזיקן פּלוצימדיקן באַזוך האָט די פּאָליציי אײַנפֿאַרמירט, אַז אין דער סינאַגאָגע פֿלעגן פֿאָרקומען די אַזאַרט־שפּילן — דעריין אויך פּאָקער, — עטלעכע מאָל אין וואָך. עס פֿלעגט זיך מאַכן, אַז איין פּאַרטיע האָט דערגרייכט אַזש ביז 25 טויזנט דאָלאַרן.

חבֿרה קדישא

אָרטאָדאָקס טשאַפּעל

7832 סאַנטאַ מאָניקאַ בולעוואַרד

לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפֿאָרניע. טעל. 653-8886

אַלע לוויות דורכגעפֿירט דורך ייִדן שומרי תורה ומצוות, אַ מקווה אויפֿן פּלאַץ. כבוד המת שטרענג אָפּגעהיט. ספּעציאַליסטן אין טראַנספּאָרטירן נפֿטרים קיין ארץ ישׂראל. — פּרייזן מעסיקע.

ביניאָמין־עליעזער גאָראָדעצקי,
גראָסמייסטער

א שמועס וועגן דאמקעס

פארוואָס עפּעס וועגן דאמקעס? אף דער וועלט זײַנען פאראן אזויפיל קלוגע און נוצלעכע שפּילן, לעמאָשל — רוביקס קוביק, וואָס אנטוויקלט סײַ די אינטעלעקטועלע פעיִקייטן, סײַ די שטארקייט פון די הענט. אָדער לאָמיר נעמען די שאָך־שפּיל. עמעס, דער פראנצויזישער שרײַבער פעליקס זשאַן האָט זיך אויסגעדריקט אזוי, אז אויב שאָך איז דער קיניג פון די שפּילן, זײַנען דאמקעס — זייער פּרעמיער־מיניסטער. איך וועל דאָ ריידן בלויז וועגן דאמקעס.

אין פאל, אויב דער לייענער ווייסט די שפּיל גוט, וועט ער זײַן גליקלעך, וואָס דער זשורנאל טוט זיך א קער מיטן פּאָנעם צו די דאמקעס. עלעהיי זשע — און אין דעם בין איך איבערצײַגט — ער ווייסט וועגן איר ווייניק, וועט אים זײַן אינטערעסאנט מיך אויסצוהערן. דאָס גאראנטיר איך אָן בארימערײַ.

און נאָך איין זאך לאָזט מיך ניט צורו. דערמאָנט זיך שאָלעם־אליייכעמס „דרײַ אלמאָנעס”. דער הויפּט־פּערסאָנאזש, אן אלטער באָכער, א באלקײַסן, טײַנעט דאָרט, אז פּסיכאָלאָגיע איז געגליכן צו פּעטרעשקע. פרעג איך אײַך — ווי קומט עס? כאָטש דעם אלטן באָכער, צוריק גערעדט, מעג מען מויכל זײַן, ער האָט, נעבעך, ניט געוווּסט, אז פּעטרעשקע היילט די לעבער און די אויגן, און זי איז אויסערגעוויינלעך נוצלעך פארן געזונט. אנטקעגן וואָס איז עס געקומען צו רייד? אהא, איך וויל אײַך זאָגן, אז עס זײַנען פאראן פיל מענטשן, אפילו הויכגעבילדעטע און קולטורעלע, וועלכע האלטן, אז שאשקעס איז אויך פּעטרעשקע. גיי דערווײַז זיי, אז די דאמקעס אנטהאלטן אין זיך ניט ווייניקער פּסיכאָלאָגיע, איידער אליין די פּסיכאָלאָגיע! דאָס איז איינס. צווייטנס, אף וועלכן סמאך לייגט זיך צונויף אזא ניט ריכטיקע מיינונג בא הויכגעבילדעטע מענטשן— בא אינטעלעקטואלן, ווי מע רופט זיי אצינד?

אָט דאָס טאקע האָט מיך געצווּנגען זיך נעמען פאר דער פּען.

דאמקעס האָבן הויך געשאצט לעוו טאָלסטאָי און שאָלעם־אליייכעם, גאווריִ׳ל דערזשאווין און וויסאריִאָן בעלינסקי, ניקאָלײַ גאָגאָל און לעאָניד אנדרייעוו, פרעדעריק שאָפּען און אדאם מיצקעוויטש, דער קייסער פּיאָטער און דער גענעראליסימוס סוּוואָראָוו, נאפּאָלעאָן און וואָלטער...


די דאמקעס, וועלכע האָבן געהערט דעם פּאַרע טוטאנכאמאָן (געהערשט פון 1400 ביז 1392 פאר אונדזער טקופע). זיי האָט אויסגעגראָבן אין 1922 דער אמעריקאנער ארכעאָלאָג קארטער

יעזשי געזשיטסקי שרײַבט אין זײַן באוווּסטן בוך „שאָך איבער יאָרהונדערטער און לענדער”, אז צווישן שאָך און שאשקעס האָט נאפּאָלעאָן אָפּגעגעבן די בכוירע טאקע די שאשקעס. פון זיי האָט ער געשעפּט בײַשפּילן פאר זײַן טאקטיק אפן שלאכטפעלד. ער האָט שטענדיק געפירט אין זײַן פּערזענלעכן באגאזש א שאשקעס־ברעט פון פּערלמוטער. אין דער טעאָריע פון דאמקעס איז באוווּסט א קאָמבינאציע, וועלכע טראָגט נאפּאָלעאָנס נאָמען. עמעס, מיט וואָס עס האָט זיך אלץ בא אים געענדיקט, ווייסן אלע...

איצט, נאָך דער קורצער האקדאָמע, וועלן מיר אריבער צום טאָך.

קוידעמקאָל — עטלעכע ווערטער פון דער געשיכטע (דוכט זיך, טשערנישעווסקי האָט געזאָגט, אז מע קאָן זיך פאָרשטעלן א קולטורעלן מענטשן, וואָס ווייסט ניט דעם אָדער יענעם געביט פון דער וויסנשאפט, אָבער די געשיכטע איז ער אין אלע פאלן מעכוּיעוו צו וויסן גוט).

פונעם אלטערטום זײַנען צו אונדז דערגאנגען ווייניק פאקטן, נאָר פונדעסטוועגן איז באוווּסט, אז די געשיכטע פון דער דאמקעס־שפּיל ציילט אָן קיימאט פופציק יאָרהונדערטער. דאָס האָבן באוויזן די ארכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען בא די עגיפּטישע פּיראמידעס.

עס איז פעסטגעשטעלט, אַז די שאשקעס זײַנען אַנטשטאַנען אין פּאַרצײַטיקן עגיפּעט, און פון דאָרט זײַנען זיי, אַדאַנק די גריכן, אַרײַנגעדרונגען אין רוים. דער פאָרשער פון דער געשיכטע פון שאשקעס און שאָך דאָוויד סאַרגין, וועלכער האָט געווידמעט אָט דעם איניען העכער דרײַסיק יאָר און אַרויסגעלאָזט אַ ספּעציעלן בוך אין מאָסקווע (אין 1916), דערווײַזט, אַז שוין אין טיפן אוראַלט האָבן די קלאַלים פון דער דאַמקע־שפּיל געהאַט אַ סאַך אַלגעמיינס מיט די הײַנטצײַטיקע. יעדעס פאָלק האָט צוגעגעבן אָט די קלאַלים ספּעציפישע שטריכן, וועלכע שפּיגלען אָפּ זײַן כאַראַקטער, זײַן אַנטוויקלונג־ניוואָ, זײַן אייגנאַרטיקײַט. לעמאָשל, ס'איז באַוווּסט, וויאַזוי דאָס רוסישע פאָלק באַציט זיך צו קריגסגעפאַנגענשאַפט. דערפאַר טאַקע שעצט זיך אַזוי הויך אין די דאַמקעס בײַ אונדז אין לאַנד די פּאָזיציע, ווען עס גיט זיך אײַן פאַרשפּאַרן די קרעפטן פונעם קעגנער, דאָס הייסט — פאַנגען זיי.

הײַנט־צו־טאָג זײַנען פאַראַן אַ סאַך סיסטעמען פון דער דאַמקעס־שפּיל: די רוסישע, די שפּאַנישע, די איטאַליענישע, די אַלט־פראַנצויזישע, די דײַטשישע און אַנדערע. בײַ אונדז הייבט זיך ערשט אָן אין דער דאַמקעס־שפּיל דער פּראָצעס פון אוניפיקאַציע פון די קלאַלים, וועלכע האָט זיך אין שאָך שוין פון לאַנג פאַרענדיקט.

איך האָב שיר ניט פאַרגעסן אָנצווײַזן, אַז אונדזערע שאשקעס עקזיסטירן שוין אויך גאַנץ לאַנג. ביז די פופציקער יאָרן האָט מען צונויפגעבונדן די אַנטשטייונג פון שאשקעס אויף דער טעריטאָריע פון אונדזער לאַנד מיטן נאָמען פון וולאַדימיר מאָנאָמאַכן, דאָס הייסט מיטן עלפטן יאָרהונדערט. נאָר די אַרכעאָלאָגן האָבן דערוויזן, אַז מע דאַרף אַ רוק טאָן די דאַטע פון אָט דעם געבורט אַ סאַך טיפער אין די יאָרהונדערטער. איצט האַלט מען, אַז די דאַמקעס זײַנען אויף דער טעריטאָריע פון רוסלאַנד געווען באַוווּסט שוין אין דריטן—פערטן יאָרהונדערטער.

אין יאַפּאַן און אין כינע איז שוין אין מעשעך פון טויזנטער יאָרן פאַרשפּרייט די שפּיל גאָ — אַ נאָענטע קרויווע פון די שאשקעס.

בײַ אונדז זײַנען פאַרשפּרייט צוויי מינים שאשקעס: רוסישע און הונדערטקעסטלדיקע. אַגעוו, גראָד אין הונדערטקעסטלדיקע שאשקעס האָבן געשפּילט נאַפּאָלעאָן און זשאַן זשאַק רוסאָ. כ'ווייס ניט, וועלכע שאשקעס עס האָט ליב געהאַט וואָלטער, האַגאַם עס איז אומבאַשטרײַטלעך פעסטגעשטעלט, אַז ער האָט געהאַט אַ שטענדיקן פּאַרטנײאָר — דעם אַבאַט אַדאַמאָ — און אַז ער האָט שרעקלעך פײַנט געהאַט צו פאַרשפּילן: יעדע פאַרלאָרענע פּאַרטיע פלעגט בײַ אים אַרויסרופן אַן אויסברוך פון קאַס.

די הונדערטקעסטלדיקע שאשקעס זײַנען אַנטשטאַנען אין פראַנקרײַך אין 1723. אין העכער הונדערט זיבעציק יאָר אַרום איז פאָרגעקומען אַ צווישנפעלקערלעכער טורניר, ווו איסידאָר ווייס (פראַנקרײַך) האָט דעראָבערט דעם טיטל פונעם ערשטן וועלט־טשעמפּיאָן. עמעס, אין דעם דאָזיקן טורניר האָבן אָנטיילגענומען בלויז שפּילער פון האָלאַנד און פראַנקרײַך, נאָר גערופן האָט ער זיך אַלוועלטלעכער.

איסידאָר ווייס, אַ פּאַריזשער היטלמאַכער, איז געווען אַ גרויסער שפּילער, מאַמעש אַ גאָען. ער איז געזעסן אויפן טראָן אַזש ביזן 1912 יאָר. נאָך אים האָבן די דאַמקעס־קרוין געטראָגן אַ סאַך טשעמפּיאָנען — איך וועל אָנרופן די העכסט פעיִקע שפּילער: פאַבר, שפּרינגער, רײַכענבאַך, ראָזענבורג, אַנדרייקאָ, סייבראַנדס, ווירסמאַ.

די אַנטוויקלונג פון דער שאשקעס־שפּיל אויף הונדערט קעסטלעך איז געוויינלעך געווען אַ לאַנגזאַמע. ערשט אין 1947 איז געגרינדעט געוואָרן די אַלוועלטלעכע פעדעראַציע פון דאַמקעס — פמזשד. איצט רופט מען שוין די שאשקעס „צווישנפעלקערלעכע" אין דער גאָרער וועלט. די פמזשד פאַרמאָגט הײַנט העכער 25 מיטגלידער — דאָס זײַנען לענדער פונעם סאָציאַליסטישן לאַגער, פון אייראָפּע, פונעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט און אויך פון אַפריקע. אונדזער סאָוועטישע פעדעראַציע איז אַרײַנגעטראָטן אין דער פמזשד אין 1956. מיר האָבן אָנגעהויבן פּלאַנמעסיק אַנטוויקלען די שפּיל ערשט אין 1953, נאָר שוין אין קנאַפּע פינף יאָר אַרום האָבן מיר דעראָבערט דעם טשעמפּיאָן־טיטל. שפּעטער זײַנען אונדזערע גראָסמייסטערס וויאַטשעסלאַוו שטשאָגאָלעוו, אַנדריס אַנדרייקאָ (1942—1976), אַנאַטאָלי גאַנטוואַרג אַ סאַך מאָל אַרופגעטראָטן אויפן העכסטן טרעפּל פונעם ערע־פּיעדעסטאַל בײַ די וועלט־פאַרמעסטונגען.

לעצטנס איז פאָרגעקומען אַ מאַטש צווישן דעם אַכצניאָריקן כאַרקאָווער גראָסמייסטער וואַדים ווירני און דעם וועלט־טשעמפּיאָן כאַרם ווירסמאַ (האָלאַנד). דער שטרײַט האָט זיך פאַרענדיקט מיט רעמי — צען אויף צען. לויט די קלאָלים פון דער פאַרמעסטונג איז כאַרם ווירסמאַ געבליבן דער טשעמפּיאָן, איצט שוין אַ פינפמאָליקער.

די קלאָלים פון דער דאַמקעס־שפּיל וועל איך ניט באַשרײַבן — מיסטאַמע ווייסט איר זיי. נאָר ווען עס גייט אַ רייד וועגן שפּיל ביכלאַל און וועגן שאשקעס ביפּראַט, דאַרף איך זאָגן, אַז שפּילן — דאָס איז אַ ביז גאָר ערנסטער איניען.

די טעאָריע פון שפּיל פאַרנעמט איצט אַ באַשטענדיקע פּאָזיציע אין דער וויסנשאַפט. אָן שפּיל קאָן ניט זײַן קיין שאַפונג, אין אַלע געביטן — אָן אויסנאַם. אַפילע דאָס, מיט וואָס עס באַשעפטיקן זיך קינסטלער און פּאָעטן, רופט מען גאַנץ אָפט — אַ „שפּיל" מיט ווערטער און געשטאַלטן. דער פּאָפּולערער שרײַבער הערמאַן העסע, אַשטייגער, קומט אָן צו אַזאַ סימבאָל: די גאַנצע מענטשן־ציוויליזאַציע איז אַ שפּיל אין גלאָזפּערל...

דער אינטערעס צו שפּילן איז אויסגעוואַקסן מאַכמעס דער קיבערנעטיק. אין פיל וויסנשאַפטלעכע לאַבאָראַטאָריעס פון דער וועלט פאַרנעמט מען זיך מיט קאָנסטרויִרן דעם קינסטלעכן אינטעלעקט. לאָזט זיך אויס, אַז די בעסטע מאָדעלן צוליב דעם זײַנען שאָך און דאַמקעס.

דער אַמעריקאַנער געלערנטער אַרטור סאַמיועל האָט געשאַפן אַן עלעקטראָנישע אויסרעכענונג־מאַשין (ע־ווע־עם), וואָס האָט געשפּילט אין שאשקעס. אָבער אַלס אַ מאָדעל האָט אַ. סאַמיועל גענומען די אַמעריקאַנישע שאשקעס — אַן אייִנפאַכע שפּיל אין פאַרגלײַך מיט די רוסישע שאשקעס (די דאַמקע איז זייער באַגרענעצט אין אירע באַוועגונגען). דער מאָסקווער געלערנטער ס. גאָלוביעוו האָט אין די דרײַסיקער יאָרן אויסגערעכנט, אַז ווען יעדער אײַנוווי־

נער פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, אײַנשליסנדיק די זויגקינדער און זקיינים, וואָלט טאָגטעגלעך געשפּילט צו צוואַנציק פּאַרטיעס, און אַזוי, אַז אין זיי זאָל זיך ניט איבערכאַזערן איינע און די זעלבע פּאָזיציע, וואָלטן זיך די רוסישע שאַשקעס אויסשעפּן ניט פריִער, ווי אין זעקס הונדערט טריליאָן יאָר אַרום! אַ שלאַל קאָמבינאַציעס!

ווי:אַזוי זשע קאָן מען אויסנוצן שאַשקעס אַלס מאָדעל פאַר דער ע־ווע־עם?

איך מוז דאָ מאַכן אַ לירישן צוריקטראָט. איר ווייסט, ווי:אַזוי עס אַרבעט די ע־ווע־עם? איך מיין, אַז ניין. פאַרוואָס בין איך אַזוי זיכער? ווײַל דאָס ווייסט קיינער ניט. דאָס הייסט, אַז מע קאָן ניט זען באַשײַמפּערלעך אין מאָמענט פון איר אַרבעט, וואָס בעמלעך זי טוט — צי זי לייזט קאָמפּליצירטע דיפערענצי:אַלע גלײַכונגען, צי זי שרײַבט מוזיק, צי זי ווערסיפיצירט, אָדער זי שפּילט אַ פּאַרטיע אין דאַמקעס. וועגן דעם, וואָס זי האָט געטאָן, דערוויסט מען

איך וויל, הייסט עס, באַטאָנען, אַז אויסלערנען די ע־ווע־עם שפּילן אין פּאָשעטע שאַשקעס איז ניט אַזוי גרינג — די דאַמקעס ווילן ניט אַנטפּלעקן זייערע סעקרעטן. אָבער וויבאַלד די מאַשין איז ניט אימשטאַנד אויסכעזשבענען אַלע וואַרי:אַנטן, קאָן מען דאָך בעטן די דאַמקעס־שפּילער, זיי זאָלן דערציילן, ווי:אַזוי זיי טראַכטן, פאַרשרײַבן דאָס אַלץ אויפן לאָשן פון מאַטעמאַטיק און אַרײַנטראָגן עס אין דער עלעקטראָנישער אויסרעכענונגס־מאַשין. אָבער דאָס איז אומעגלעך: קיין איין שאַשיסט, אַפילע דער שטאַרקסטער אין דער וועלט, איז ניט בעקויעך פולקום אויסדריקן זײַן געדאַנקענגאַנג בייס דער שפּיל.

וואָס זשע טוט מען? ווי:אַזוי נוצט מען אויס די דאַמקעס לעטויוועס דעם קינסטלעכן אינטעלעקט?

איין וועג האָבן די פאָרשער אָנגעטאַפּט: אויסשליסן אַלע וואַרי:אַנטן, וועלכע טראָגן ניט אין זיך קיין נוצלעכע אינפאָרמאַציע. דער מאָסקווער געלערנטער ברודנאָ האָט אַפילע קאָנסטרויִרט אין אָט דעם

פון לינקס אויף רעכטס: דער פינפמאָליקער וועלט־טשעמפּיאָן כאַרם ווירסמאַ (האָלאַנד), דער אויטאָר פונעם אַרטיקל גראָסמייסטער ביניאָמין גאָראָדעצקי, אָנפירער פונעם פּרעסע־צענטער בייסן וועלט־טשעמפּי:אָנאַט פון 1984, און דער סעקונדאַנט פונעם טשעמפּי:אָן אַ. סקכאָלמאַ (האָלאַנד) קוקן דורך אַ פּאַרטיע פונעם מאַטש כאַרם ווירסמאַ—וואַדים ווירני (סאָוועטנפאַרבאַנד)

זיך דאַן, ווען זי גיט אַרויס דעם רעזולטאַט. אַלעמאָל פילט אויס די מאַשין בלויז יענע פּראָגראַם, וועלכע עס לייגט אין איר אַרײַן דער מענטש. אָן מענטשן זײַנען די מאַשינען ניט אַרבעטספּעצי:ק! דער גרינדער פון דער שפּיל־טעאָריע, דער אַמעריקאַנער געלערנטער דזשאָן פאָן ניימאַן (1903—1957) האָט געזאָגט: די שפּראַך פונעם מויעך איז ניט קיין שפּראַך פון מאַטעמאַטיק. דער קיבערנעטיק שטייט נאָך פאַר באַהערשן דאָס לאָשן פונעם מויעך. אַגעוו, ניימאַנס פאַרדינסטן לעטויוועס דער מענטשהײַט פאַרגלײַכט מען איצט מיט די פאַרדינסטן פון אַלבערט איינשטיין.

פּראַט אַ טעאָרעמע, וועלכע איז אָנגענומען אין דער גאַנצער וועלט, האָגאַם קיין גאָר גרויסע דערפאָלגן אינעם קאָנסטרויִרן אַ קינסטלעכן אינטעלעקט האָט זי ניט געגעבן.

די שאַשקעס פאַרכידעשן אָפט מיט די אומגעריכטע צופאַלן, וואָס טרעפן אין זיי. מיר, לעמאָשל, האָט זיך אײַנגעגעבן צו ברענגען בײַשפּילן, וואָס באַווײַזן, אַז עס טרעפן זיך סיטואַציעס, ווען אָרעמע מיט אינפאָרמאַציע וואַרי:אַנטן קאָנען אויך זײַן זייער נוצלעך (וועגן דעם האָב איך געשריבן אינעם זשורנאַל „נאַרקאַ אי זשיזן" נומער 10 פאַרן 1981 און אין נומער 3 פאַרן 1983).

איך זע בא מײַנע לייענער אפֿן פּאָנעם א שמייכל: „וואָס דרייט ער אונדז א קאָפּ? אויך מיר א לירישע אָפּטרעטונג! ווו איז זי, די ליריק?"

איר זײַט ניט גערעכט, ליריק איז פֿאַראַן! קוקט זיך גוט צו: א מאַשין שפּילט אין שאַשקעס, ווערסיפֿיצירט לידער, פֿאַרפֿאַסט מוזיק — איז עס ניט קיין ליריק?

איר געדענקט מיסטאָם, — איך האָף, אז איר געדענקט, — וויאַזוי בערל דער עסיקמאַכער בא שאָלעם־אליכעמען אין דעם „ליידיקגייער" האָט דערקלערט דעם גאַלעך, פֿאַרוואָס א פֿאַראָוואָז גייט און פֿאַרוואָס א פֿאַראָוואָז שטייט. וויבאַלד עסיק מאַכט מען אף זאַוואָדן, דאָס הייסט אף מאַשינען, און אויך אפֿן פֿאַראָוואָז זײַנען פֿאַראַן מאַשינען, איז בערלען געווען קלאָר דער איניען, און ער, בערל דער עסיקמאַכער, איז ניט שולדיק, וואָס דער גאַלעך האָט אים ניט צוגעלאָזט צו די טאָרמאָזן! פּונקט אזוי איז בא מיר. הײַנט־צו־טאָג שפּילט נאָך די מאַשין אין שאַשקעס ניט אזוי גוט ווי מיר ווילן. איז עפּשער קאָן מען עפּעס א דריי טאָן און זי וועט אָנהייבן שפּילן בעסער?

נאָר לאָמיר לאָזן צורו די מאַשין מיט אירע שאַשקע־פּראָגראַמען און א ביסל ריידן וועגן שיינקײַט. פֿאָרמולירן, וואָס עס איז אזוינס שיינקײַט, איז ניט פּאָשעט. יעדערער נעמט זי אוף לויט זײַן פֿאַרשטאַנד, דערציִונג, דערפֿאַרונג. כ'וואָלט זיך דאָ פֿאַרופֿן אף א פּאַראַדאָקסאַלן בײַשפּיל: דער פֿאָלקסאַרטיסט פֿון פּססר סערגיי אָבראַזצאָוו שרײַבט אין זײַן בוך, אז ער פֿאַרשטייט ניט, פֿאַרוואָס דזשאָקאָנדעס שמייכל רופֿט ארויס בא אַלעמען אזעלכע מילדע געפֿילן. און ביכלאַל איז דער באַוווּסטער שויישפּילער ניט זיכער, צי זי שמייכלט טאַקע, דזשאָקאָנדע? עפּשער האָבן מיר איר שמייכל בלויז אויסגעטראַכט? אָדער לאָמיר נעמען אזא מין פֿאַל: צוויי מענטשן קוקן אף איינער און דער זעלבער שאַשקע־פּאָזיציע: דער ערשטער — מיט היספּײַלעס, דער צווייטער — ווי א האָן אין בני אָדאָם. שעמט זיך ניט, איך בעט אײַך, נעמט א דאַמקע־ברעט, שטעלט אף איר אוועק צוויי ווײַסע דאַמקעס — אף א—7 און ד—6 און דרײַ שוואַרצע ציגלעך אף צ—3, זש—5 און זש—7. די ווײַסע הייבן אָן און דאַרפֿן געווינען. דאָס איז אַן עטיוד פֿונעם געניאַלן רוסישן שאַשקעשפּילער אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש שאָשין (1878—1906). דער קאָמפּאָזיטאָר געאָרגי סווירידאָוו האָט אַנומלטן געזאָגט, אז שאַשקעס־עטיודן אַנטפּלעקן אַמערסטנס בוילעט די קינסטלערישע, פּאָעטישע עלעמענטן, וועלכע זײַנען אייגנטימלעך דער אוראַלטער שפּיל. קעדיי לייזן דעם עטיוד, דאַרף מען געפֿינען בלויז צוויי ריכטיקע גענג. די עלעקטראָנישע אויסרעכענונגס־מאַשין וועט צוליב דעם „דורכקוקן" הונדערט טויזנט פּאָזיציעס. אָבער א מענטש קאָן דורכגיין פֿאַרבײַ וואַריאַנטן. אַדעראַבע, פּרוווט צעבינדן אָט דעם קנופּ. ערשט נאָך דעם ווען מיר קאָנען מיט אײַך ריידן, וואָס עס איז שיין און וואָס — ניט.

און נאָך האָב איך אײַך געוואָלט זאָגן, אז שאַשקעס — דאָס איז ניט מוזיק, ווו אפֿילע ניט קיין מוזיקאַליש געבילדעטער מענטש, אַבי ער איז ניט טויב, קאָן האַנאָע האָבן פֿון שיינקײַט. שאַשקעס דאַרף מען זיך קוידעמקאָל אויסלערנען פֿאַרשטיין — גוט וויסן, פֿאַרוואָס א פֿאַראָוואָז גייט און פֿאַרוואָס ער שטייט. ערשט דעמלט וועלן מיר געניסן אין דער פֿולער מאָס פֿון זייער שיינקײַט. דעריבער גיב איך אײַך נאָך איין פּאָזיציע. ביידע צדאָדים פֿאַרמאָגן נאָר פּראָסטע ציגלעך, די ווײַסע — פֿיר, די שוואַרצע — פֿינף. די לאַגע פֿון די ווײַסע איז א טרויעריקע. פֿונדעסטוועגן מאַכן זיי א רעמי. נאָך וואָס פֿאַר א רעמי! אַלזאָ, די ווײַסע: צ—1, צ—3, יע—1, זש—1; די שוואַרצע: א—7, ב—6, יע—3, ד—6, זש—5. מאַכט, זײַט זיך מאַטריעך, א רעמי! איך זאָג אײַך צו פֿעסט: אויב עס וועט זיך אײַך אײַנגעבן לייזן די אויפֿגאַבע, וועט איר שאַשקעס קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן.

איר האָט שוין, ווײַזט אויס, באַמערקט, אז דער מעכאַבער פֿון די דאָזיקע שורעס איז ניט גלײַכגילטיק צו שאָלעם־אַלייכעמען. ס'איז טאַקע אזוי. דאָ ניט לאַנג לייען איך א פּאָפּולער ביכל, וואָס עס האָט אין 1982 ארויסגעלאָזן דער פֿאַרלאַג „נאַוקאַ". דאָס ביכל הייסט „פֿאַנטאַזיע אָדער וויסנשאַפֿט" און עס פֿאַרמאָגט אַן אונטערקעפּל — „אפֿן וועג צום קינסטלעכן אינטעלעקט". איך לײַד פֿון א פֿעלער — כ'האָב האָלט צומאָל דורכקוקן א פּאָפּולער ביכל. אויב גלייבן דעם אווטאָר פֿון דער „פֿאַנטאַזיע אָדער וויסנשאַפֿט", דמיטרי פּאָספּעלאָוון, באַקומט זיך, אז אין דער הײַנטצײַטיקער טעאָריע פֿון קינסטלעכן אינטעלעקט דאַרף מען זיך רעכענען מיט פֿאַרשיידענע ארויסזאָגונגען, וואָס קומען פֿון דער פּראַקטיק, ד.ה. פֿון דער דערפֿאַרונג. אַלס בײַשפּיל ברענגט דער מעכאַבער ציטאַטן פֿון שאָלעם־אַלייכעמען. איר געדענקט, אין דעם אווטאָביִאָגראַפֿישן ווערק „מײַן ערשטער ראָמאַן": „עס טראַכט זיך מיר, אז איר זײַט גאָרניט מעכויעוו צו וויסן, אז בא מיר איז פֿאַראַן א פֿעטער און באַם פֿעטער איז פֿאַראַן א באַקאַנטער, און בא דעם באַקאַנטן איז פֿאַראַן א קאָרעוו, און בא דעם קאָרעוו — א שוואָגער"... דעם הונגעריקן שאָלעם־אַלייכעמען האָט מען דורך א פּראָטעקציע אײַנגעלאַדן אַלס לערער צו א זון פֿון א נאָגיד, א טאַכשיט, וואָס האָט לאַכלוטן ניט געוואָלט וויסן ניט פֿון לער, ניט פֿון כאָכמע. דער יונגער טאַלמיד האָט זיך געווענדט צום לערער מיט א טיראַדע, פֿון וועלכער יענער האָט געדאַרפֿט פֿאַרשטיין, אז אויב ער וויל דאָ בלײַבן, אויב ער וויל, זיי זאָלן ווערן כאַווײרים, אויב ער וויל ניט, עס זאָל אים אויסקומען אוועקצופֿאָרן פֿונדאַנען, דאַרף מען ארונטערוואַרפֿן די ביכער אונטערן טיש, שפּילן אין דאַמקעס, מאַכן א זעקס־און־זעכציק, אָדער וואַלגערן זיך אין די בעטן און שפּײַען אף דער סטעליע.

ד. פּאָספּעלאָוו באַהויפּטעט, אז ארויסזאָגענישן פֿאַרמאָגן לאָגישע פֿאָרמולעס. נאָר דאָס איז שוין א טעמע פֿאַר אַן אַנדער געשפּרעך. דעם לייענער, וואָס האָט זיך פֿאַראינטערעסירט מיט אָט דער פֿראַגע, שיק איך אָפּ צום אורקוואַל, ער זאָל אויפֿמישן דאָס ביכל אף די זײַטן 56—57.

א סוואָרע, אז עס איז שוין צײַט צו ענדיקן. כאָסוועשאָלעם, ניט דערפֿאַר, ווײַל ס'איז אויסגעגאַנגען בא מיר שטאָף פֿאַר דער טעמע. פֿאַרקערט! נאָר מע דאַרף דאָך האָבן מאָס...

כ'בין זיך מוידע, אז איך בין א ייִד, וואָס האָט ליב זיך כאָכמענען. נאָר איין זאַך איז ליב האָבן,

די צווייטע — קאָנען. אַן אויסוועג איז אָבער פֿאַראַן: שאָלעם־אַליכעם! ניין, ניט פּלאַגיאַט, גאָט באַהיט! דאָס איז דאָך פּאָשעטע גניווע, פֿע! כ׳דאַרף אײַך זאָגן, אַז דער איניען איז באַוואָרנט געוואָרן שוין פֿון לאַנג, פֿונעם סאַמע אָנהייב: ווען עס איז באַשאַפֿן געוואָרן די וועלט, האָט מען אײַנצײַטיק געמאַכט געגנדזנפֿיסלעך, קעדיי ייִדן, וועלכע האָבן ליב וויצן, זאָלן קאָנען אַנטלײַען זיי בײַ שאָלעם־אַליכעמען, ניט מוירע האָבנדיק, אַז מע וועט זיי כאַפּן בײַ אַ גניווע.

איר געדענקט, ווי מענאַכעם־מענדל פֿלעגט שטענדיק פֿאַרענדיקן זײַנע בריוו פֿון יעהופּעץ צו זײַן פֿלוינעסטע שיינע־שיינדל אין קאַסרילעווקע? מיר וואָלט עס איצט צוניץ געקומען. „און מאַכמעס איך בין פֿאַרנומען און האָב קיין צײַט ניט, מאַך איך דאָס בעקיצער. אימירצעשעם, אינעם אַנדערן בריוו וועל איך דיר אָנשרײַבן אַלצדינג באַאַריכעס. לעסאַטע זאָל גאָט געבן מיט געזונט און מיט האַצלאָכע. גריס די קינדער, זאָלן זיי געזונט זײַן, און שווער־און־שוויגער, און — איטלעכן באַזונדער גאָר פֿרײַנטלעך".

דער דאָזיקער סאָף גייט מיר גוט צו. נאָר לאָמיר פֿאַרפֿינקטלעכן: די ווערטער, וועלכע איך האָב דאָ געבראַכט, פֿלעגן קיינמאָל ניט זײַן בײַ מענאַכעם־מענדלען די לעצטע. איר ווייסט מיסטאָם, וואָס עס הייסט אוועקגיין ווי אַן ענגלענדער? דאָס הייסט נעלעם ווערן, ניט געזעגענענדיק זיך. אַ ייִד איז ניט קיין ענגלענדער. אַ ייִד געזעגנט זיך, נאָר גייט ניט אוועק. פֿון אים איז ניט אַזוי גרינג פּאָטער ווערן.

דער עמעסער סאָף פֿון מענאַכעם־מענדלס בריוו איז געווען אַ פּאָסטסקריפּטום, אַ איקער שאָכאַכטי. איז בײַ מיר אויך פֿאַראַן אַ איקער שאָכאַכטי. איך וויל אײַך אַרויסזאָגן אַ גרויסן סאָד: שוין אַ יאָר פֿערציק, אַז כ׳האָב ניט גערעדט, ניט געשריבן, ניט געלייענט אויף ייִדיש, נאָר ווען די רעדאַקציע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט מיך אײַנגעלאַדן אַרויסטרעטן אויף אירע שפּאַלטן, האָב איך אַ טרייסל געטאָן דעם זיכּאָרן, ווי דער פּאָעט האָט געזאָגט: „עס ווערט ניט פֿאַרלאָשן דאָס לאָשן, וואָס ס׳האָט מיר די מאַמע געגעבן". איך האָב באַשטימט: כ׳וועל שרײַבן אויף ייִדיש! וועט איר דאָך פֿרעגן: ווי קומט צו דעם מענטשן אַזאַ גרויסע האָזע? וועל איך אײַך ענטפֿערן, אַז איר זײַט טאַקע גערעכט, אויף אַלע הונדערט פּראָצענט. פֿונדעסטוועגן בעט איך אײַך, איר זאָלט אָנשרײַבן אין רעדאַקציע, צי ס׳איז אײַך געווען ניכע דער געשפּרעך וועגן דאַמקעס־שפּיל און צי וואָלט איר ניט געוועלט גערן נאָכאַמאָל זיך באַגעגענען מיט אָט דער טעמע אויף די זײַטלעך פֿונעם זשורנאַל.

איך ווינטש אײַך, איר זאָלט האָבן האַנאָע פֿונעם לייענען.

בראָניק

דעם פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" — 50 יאָר

פֿאַר דער פּרוכטבאַרער טעטיקײַט אין דער קאָמוניסטישער דערציִונג פֿון די אַרבעטנדיקע און פֿאַרן אַקטיוון אָנטייל אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער סאָוועטישער ליטעראַטור איז דער פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַן 50־יאָריקן יובליי באַלוינט געוואָרן מיטן אָרדען „דרוזשבאַ נאַראָדאָוו".

די פֿײַערלעכע פֿאַרזאַמלונג, אויף וועלכער עס איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם פֿאַרלאַג די הויכע באַלוינונג, איז פֿאָרגעקומען אין צענטראַלן ליטעראַטן־הויז אויף א. א. פֿאַדייעווס נאָמען אונטערן פֿאָרזיץ פֿונעם סעקרעטאַר פֿון דער פֿאַרוואַלטונג פֿונעם שרײַבער־פֿאַרבאַנד פֿון פֿססר ס. סאַרטאַקאָוו.

דעם קאָלעקטיוו פֿונעם פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" האָט באַגריסט מיט דער הויכער באַלוינונג דער פֿאַרוואַלטער מיטן קולטור־אָפּטייל פֿון צק קפּסס וו. פֿ. שאוראָ. דערנאָך האָט ער בײַ הייסע אַפּלאָדיסמענטן פֿון די בײַוועזנדע צוגעפֿעסטיקט דעם אָרדען „דרוזשבאַ נאַראָדאָוו" צו דער פֿאָן פֿונעם פֿאַרלאַג.

דער פֿאָרזיצער פֿון דער פֿאַרוואַלטונג פֿונעם פֿאַרלאַג וו. נ. יעריאָמענקאָ האָט דערציילט וועגן דער געשיכטע פֿון דער גרינדונג פֿונעם פֿאַרלאַג, וועגן זײַנע אויטאָרן און וועגן דער גרויסער צאָל ביכער, וואָס דער פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" האָט אַרויסגעלאָזט פֿאַר דעם האַלבן יאָרהונדערט.

— די יובליי־פֿײַערונג פֿונעם פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל",— האָט געזאָגט אין זײַן אַרויסטרעטונג דער ערשטער סעקרעטאַר פֿונעם שרײַבער־פֿאַרבאַנד פֿון פֿססר ג. מ. מאַרקאָוו, — איז אַ יאָמטעוו פֿון דער גאַנצער פֿילנאַציאָנאַלער סאָוועטישער ליטעראַטור, וועלכע שאַפֿט ווערק אויף 78 שפּראַכן פֿון די פֿעלקער בײַ אונדז אין לאַנד.

אינטערוויו מיט...

איין גורל מיטן לאַנד

מיר פובליקירן דעם שמועס, וועלכער איז פאָרגעקומען צווישן דעם לאורעאט פון דער מעלוכע־פרעמיע פון רספסר, פאָלקס־ארטיסט פון דער רעפובליק פ. א. פארטוסאָוו און דער זשורנאליסטקע ל. טשעמאָרטאן.

פראגע: פיאָדער אלעקסייעוויטש, איר האָט געמאכט א פילם, געווידמעט ביראָבידזשאַן. ביטע, דערציילט וועגן אים.

ענטפער: דאָס איז א פארביקע דאָקומענטאלע לענטע פון פיר טיילן — אונדזער מאטאָנע צום פופציקסטן יובליי פון דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט. פערציק מינוט עקראַן־צײַט. זי דערציילט וועגן דער געשיכטע פון דער געגנט, וועגן אירע סאָציאַל־עקאָנאָמישע איבערגעשטאלטונגען, וועגן די פאָרגעשריטענע אונטערנעמונגען און סאָווירטן, וועגן דער בויונג און קולטור, וועגן די מענטשן פון דער געגנט. וואָס קאָנקרעט באווײַזן מיר? נו, לעמאָשל, אזעלכע סיוזשעטן: אַן איבערזיכט פון מוזייען און ארכיוו־מאטעריאלן, באגעגענישן מיט די ערשטע איבערוואנדערער, וואָס האָבן זיך באזעצט אינעם קאנט, קינאָ־פּאָרטרעטן פון כאָשעווע ביראָבידזשאנצעס, א פארצייכענונג וועגן דער ארבעטער־דינאסטיע בעלאָו, אן אינטערוויו מיטן רעדאקטאָר פון דער צײַטונג „ביראָבידזשאנער שטערן", דעם דיכטער לעאָניד שקאָלניק, דערינערונגען פונעם שרײַבער בוזי מילער וועגן עמאנויל קאזאקעוויטש, א פראגמענט פונעם רעפערטואר פון דעם יידישן פאָלקס־טעאטער. מיסטאמע דאַרף איך זאָגן, וויאַזוי דער פילם איז אָנגערופן געוואָרן? דער פילם הייסט „איין גורל מיטן לאַנד".

פראגע. אליין דער נאָמען דריקט אויס דעם אידייִשן אינהאלט פון דער לענטע. ווער זײַנען די אווטאָרן פונעם פילם?

ענטפער. דעם סצענארי האָט פארפאסט דער מאָסקווער זשורנאליסט, מיטגליד פונעם קינעמאטאָגראפיסטן־פאריין פאוועל דעמידאָוו. מעכאבער פונעם רעזשיסערישן פלאַן איז אײַער אינטערוויוירטער — פיאָדער פארטוסאָוו, דאָס הייסט — איך. דער אָפּעראטאָר איז אנאטאָלי טשעשעוו, א יונגער, פעיִקער פאכמאַן.

פראגע: פיאָדער אלעקסייעוויטש, אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, זײַט איר אויך דער רעזשיסער פונעם פילם „אף די ברעגן פון בירע און בידזשאַן"?

ענטפער: איך אנערקען זיך — דאָס איז מײַן ארבעט. כ'ווייס ניט פארוואָס, נאָר צו ביראָבידזשאַן ציט מיך די גאנצע צײַט. אין זיבעציקסטן יאָר האָט אונדזער קינאָ־סטודיע געשאפן א לענטע „דאָ איז מײַן היימלאנד", אין איר איז געווען א סיוזשעט, געווידמעט דעם קאָלווירט „ארבעטס־פעלד". דעמלט איז דער פאָרזיצער דאָרט געווען פיאָדער וואטוטין, א קלוגער אָרגאניזאטאָר, אן אייגנארטיקער מענטש — א פערזענלעכקײַט! ניט קיין באריידעוודיקער, אָבער פונעם עקראַן האָט ער דערציילט פיל אינטערעסאנטע זאכן. איצט איז ער א פענסיאָנער. מיר זײַנען מיט אים באפרײַנדעט, צומאָל באגעגענען מיר זיך. אָט דעם סיוזשעט, ווי איר פארשטייט,

האָב איך געמאכט. אַזויאַרום, האָב איך די יידישע אַווטאָנאָמע געגנט שוין דריי מאָל באַזוכט מיט צוטריטלעכע פאַר מיר מיטלען.

פראַגע: לאָמיר האָפן, אַז דער אָביעקטיוו פון אייער קינאָ־קאַמערע וועט זיך נאָכאַמאָל און אָבער־אַמאָל ווענדן צו דער יידישער אַווטאָנאָמער געגנט.

ענטפער: איך מיין, אַז אַזוי וועט טאַקע זיין. אַפילו איצט קאָן איך אייך און אייערע לייענער בעסאַד־סוידעס זאָגן עפּעס וואָס וועגן מיינע פּלענער. מיך האָט פאַראינטערעסירט מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען כ׳האָב געאַרבעט איבער דער לענטע „אויף די ברעגן פון בירע און בידזשאַן“, דער באַשיידענער דענקמאָל אין וואַלדהיים. אויף אים זיינען אויסגעקריצט די נעמען פון די וואַלדהיימער טוישווים, וועלכע האָבן זיך ניט אומגעקערט פונעם פראָנט. וועגן זיי קאָן פיל זאָגן דער אָביעקטיוו. האַקלאַל, עס איז פאַראַן א פאַרטראַכט וועגן א פילם, וואָס וועט האָבן א שטאַרקן פּאַטריאָטישן אָטעם...

פראַגע: אונדזערע לייענער אינטערעסירן זיך מיטן וועג, וועלכן איר האָט דורכגעמאַכט אין קינעמאַטאָגראַף...

ענטפער: אין דער קינאָ־קונסט בין איך שוין געווען בייס עס האָט זיך אָנגעהויבן די פאָטערלענדישע מילכאָמע — כ׳האָב דאַן געאַרבעט אויף דער צענטראַלער סטודיע פון דאָקומענטאַלע פילמען. ווי אַלע אַנדערע סאָוועטישע מענטשן, בין איך אַוועק אויפן פראָנט. נאָך דער מילכאָמע זיך אומגעקערט אין די פּאַווילִיאָנען פון דער סטודיע. מיינע ערשטע פילמען האָב איך געמאַכט אינאיינעם מיט ראָמאַן קאַרמענען. אָט דער מערקווירדיקער, טאַלאַנטפולער מענטש האָט געהאַט אויף מיר א שטאַרקע ווירקונג.

איינמאָל, דאָס איז געווען מיט קימאַט 30 יאָר צוריק, בין איך אַרויסגעפאָרן, קעדיי שטעלן א פילם, אויפן ווייטן מיזרעך. דער קאַנט האָט מיך איבערראַשט. ביז איצט זיינען פאַרקריצט אין מיין זיקאָרן די איינדרוקן פון יענע טעג: דער גראַנדיעזער פאַרמעסט פון די ניי־בויונגען, די עקזאָטיק פון דער וויטמיזרעכדיקער נאַטור. כ׳בין פאַרבליבן דאָ. אויף טאָמיד „צוגעשריבן“. און כ׳האָב ניט כאַראָטע.

דאָס איז טשיקאַווע

ווען איינשטיין איז געווען אונטער פּאָליציייִשער אויפזיכט...

טרויעריק־אינטערעסאַנטע אַנטדעקונגען האָט לעצטנס פאַרעפנטלעכט דער אַמעריקאַנער זשורנאַליסט ריטשאַרד שוואַרץ אין דער וואָכן־צייטונג „נעישן“ (נאַציע) וועגן אַלבערט איינשטיין און דעם מאַקאַרטיזם אין אַמעריקע.

ער האָט פון אַן אַמעריקאַנער דאָקומענט, וואָס שטאַמט נאָך פון די 50־ער יאָרן, זיך דערוווּסט, אַז די געהיים־דינסט פון פּשאַ האָט דאַן כוישעד געווען אַלבערט איינשטיינען אין דער טעטיקייט אַלס קאָמוניסטישער אַגענט, וועלכער איז באַאויפטראָגט צו „באַאַרבעטן“ האָליוווּד. מע האָט אַפילו געפּרווט באַווייזן, אַז זיין ביוראָ אין בערלין איז געווען ניט מער ווי א „בריוו־קעסטל“ פון סאָוועטישע שפּיאָנען. די אַמעריקאַנער געהיים־דינסט האָט זיך דערביי אַפילו געשטעלט די פראַגע: צי האָט ניט אָט דער געניאַלער, אָבער „עטוואָס מעשוגענער“ געלערנטער אָנטיילגענומען אין אַרויסגאַנווענען דעם זון פונעם פּילאָט שאַרל לינדבערג?

די געהיים־דינסט האָט שטודירט דעם „איניען פון ראָבאָטן“, וועלכע אַלבערט איינשטיין זאָל האָבן דערפונדן און זיי זאָלן זיין פעיִק צו לייענען מענטשלעכע געדאַנקען.

דער דעמלטיקער דירעקטאָר פון דער פעדעראַלער זיכערהייט־דינסט עדגאַר הוווער האָט זיך דערלויבט צו שטעלן דעם נאָבעל־לאָורעאַט אַלבערט איינשטיין אונטער פּאָליציייִשער אויפזיכט, און דאָס האָט געדויערט גאַנצע פיר יאָר. מע האָט, נאַטירלעך, גאָרנישט ניט געפונען.

ס׳איז נאָך אינטערעסאַנט צוצוגעבן, אַז דער אַמעריקאַנער זשורנאַליסט האָט געדאַרפט פאַרפירן א פּראָצעס, פאַררופנדיק זיך אויף „פרייהייט פון אינפאָרמאַציע“, קעדיי צו קריגן א צוטריט צו אָט דעם דאָקומענט פון דער אַמעריקאַנער זיכערהייט־דינסט.

(„ניַיע פרעסע“)

■ ■ ■

„פֿײַערלעך"

די אַלפֿאַרבאַנדישע פֿירמע „מעלאָדיאַ" האָט אַרויסגעלאָזט אַ גראַמפּלאַסטינקע, אויף וועלכער דער ווילנער אַנסאַמבל „פֿײַערלעך" (רעזשיסער וולאַדימיר גלושקאָוו) האָט פֿאַרשריבן אַ ציקל ייִדישע פֿאָלקסלידער. צו דער פּלאַסטינקע, וואָס איז אָנגערופֿן געוואָרן „פֿריילעך זאָל זײַן", האָט אָנגעשריבן אַן אַרײַנפֿיר־נאָטיץ דער קינסטלערישער אָנפֿירער פֿון אָט דער אַרויסטרעטונג, דער באַוווּסטער קאָמפּאָזיטאָר וולאַדימיר טערלעצקי.

מיט עטלעכע יאָר צוריק, אין דעם קליינעם ליטווישן קוראָרט־שטעטל דרוסקינינקײַ, האָט מײַן אויפֿמערקזאַמקײַט צוגעצויגן אַ פֿאַרביקע אַפֿישע: עס טרעט אַרויס אַן אַנסאַמבל, וואָס זינגט ייִדישע פֿאָלקסלידער! אויפֿן קאָנצערט האָב איך דערזען יונגע זעלבסטטעטיקע שוישפּילער — אינזשעניערן, אַרבעטער, דאָקטוירים, שאָפֿערן, לערער, וועלכע זײַנען אַרויסגעטראָטן מיט אַזאַ נעשאָמע־אימפּעט, אַזוי אויפֿריכטיק און פֿריש, אַז אַ פֿײַערלעכע שטימונג האָט באַהערשט דעם צושויער־זאַל, דער אוילעם האָט מיטגעזונגען, אונטערגעטאַנצט און באַגלייט יעדע אַרויסטרעטונג מיט דונערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן.

אין סאַמע מיטן פֿונעם קאָנצערט באַווײַזט זיך אויף דער בינע אַ פּאָרל עלטערע אַרטיסטן, און מיטאַמאָל לעבט אויף דאָס פֿאַרגאַנגענע — דאָס אַנטרונענע שטעטל מיט זײַנע טרויעריקע כאַכמעס, מיטן אייגנאַרטיקן קאָלאָריט פֿון דעם שוין לאַנג ניט עקזיסטירנדיקן, באַקאַנטן בלויז לויט דער ליטעראַטור, פּראָווינציעלן לעבן אין טכום־האַמוישעוו...

דעם קאָנצערט האָט געגעבן דער אַנסאַמבל „פֿײַערלעך". די עלטערע אַרטיסטן — וועטעראַנען פֿון דער ייִדישער פּראָפֿעסיאָנעלער בינע — האָט מען גערופֿן העניע לעוו און באָריס לאַנדאַו. אין יענעם אָוונט האָט זיך פֿאַרקניפּט און פֿאַרבונדן מײַן פֿרײַנטשאַפֿט מיט די מערקווירדיקע ווילנער אַרטיסטן, מיט זייער אָנפֿירער וולאַדימיר גלושקאָוו.

דער אַנסאַמבל האָט שוין עטלעכע מאָל באַוויזן אויף דער סצענע פֿונעם אַלפֿאַרבאַנדישן קאָמפּאָזיטאָרן־הויז זײַנע פֿאָלקלאָר־פּראָגראַמען, אין וועלכע עס איז ברייט פֿאַרגעשטעלט די ייִדישע פֿאָלקס־מוזיק. מיט דער הילף פֿון ה. לעוו און ב. לאַנדאַו שטעלט אויף דער אַנסאַמבל די מוזיקאַל־עטנאָגראַפֿישע אומגעבונג פֿון דער פֿאַרגאַנגענער צײַט, אָבער די איבעריקע שוישפּילער זײַנען מענטשן יונגע, הײַנטצײַטיקע, דעריבער פֿינקלען דורך דאָ און דאָרט עלעמענטן פֿון דער עכט מאָדערנער עסטראַדע. עפּשער טאַקע אין דעם איז פֿאַרבאָרגן דער באַזונדערער כיין פֿון די פֿאָרשטעלונגען, וועלכע עס גיבן די „פֿײַערלעך"? ביכלאַל איז אין דער נעגינע און אינעם ריטמישן געבוי פֿון דער ייִדישער פֿאָלקס־מוזיק גאַנץ בולעט מערקבאַר אַ געשמעלץ פֿון פֿאַרשיידענע מוזיקאַלע אויפֿווירקונגען.

דער שענסטער נומער אין דער פּלאַסטינקע איז, לויט מײַן מיינונג, די מוזיקאַליש־דראַמאַטישע סצענקע „באַזעצן די קאַלע". דאָס איז אַ פֿאָלקסטימלעכער כאַסענעריטואַל. באָריס לאַנדאַו און דער אַנסאַמבל שפּילן אים געטרײַ, דערנעענטערנדיק זיך צו זײַן אורקוואַל מיט דער מאַקסימאַלער פּינקטלעכקײַט. אין אַנדער סצענקע — „קינדער־יאָרן" — אין דער אינטערפּרעטאַציע פֿון ה. לעוו און ב. לאַנדאַו איז אַ הויך־קינסטלערישע פּורים־שפּיל מיט מוזיק, געזאַנגען און טענץ.

טאַלאַנטפֿול און יונג איז דער זינגער און מוזיקאַנט יאַקאָוו מאַגיד. די לידער

„מאשקע", „דער רעבע עלימײלעך" און אנדערע אין זײַן אויספילונג קלינגען סײַ טראדיציאָנעל, סײַ הײַנטצײַטיק. זײַן מאניר איז א פאָלקסטימלעכע און צאפלדיק־לעבעדיקע.

יוגנטלעך אומיטלבאר איז כאָנע קאב. זײַנע העלדן — א שנײַדערל א שלימאזל און א קלײנשטעטלדיקער כאָסן (איציקל) — זײַנען אויך יונג און סימפּאטיש, ווי דער זינגער, וועלכער, אגעוו, טאנצט זינגענ־דיק — לידער קאָן די פּלאסטינקע עס ניט איבערגעבן. ביכלאל פארנעמט די טאנץ־גרופּע (אָנפירער — א. גלושקאָווע און א. קראוועץ) אן אָנגעזעען אָרט אין די ארויסטרעטונגען פון די „פײַערלעך". א שאָד, וואָס טענץ קאָן מען בלויז זען — ניט הערן. א צויבערלעכן דועט שטעלן מיט זיך פאָר גאלינע ליבענשטײן און מיכאַיל יאבלאָנסקי. זײער ליד „אבי נאָר מיט דיר" איז, קענטיק, דער סאמע הײַנטצײַטיקער נומער סײַ לויט דער אויספילונג, סײַ לויט דעם מאטעריאל. אלע לידער ווערן באגלײט מיצאד די מוזיקאנטן פונעם אנסאמבל. זײ שפּילן טרא־דיציאָנעל, ס'וואָלט מיסטאמע פינקטלעכער געווען צו זאָגן, אז זײ מוזיצירן אין פאָלקס־נוסעך, אלנפאלס זײ קלײַבן זיך גוט פא־נאנדער אין זײַנע „קלײנע אויסיעלעך". אין זײער אויספילונג לאָזן זיך הערן הײַנטצײַ־טיקע אופוױרקונגען, אָבער אָט די אופוױר־קונגען דינען אלס בריק צווישן דער טרא־דיציע און דער הײַנט־טאָגיקײַט. איך מײן, אז דאָס איז גערזעצמעסיק.

דער פּויקער גריגאָרי קאץ, די פידלער סערגײ ליבענשטײן, באָריס קירזנער, לעוו קאופמאן, די קלארנעטיסטן איליא מאנזשוק און מיכאַיל יאוויטש, דער קאָנטראבאסיסט מארק ראבקין — אלע זײַנען זײ ענטוזיאסטן פון זײער קונסט.

מײַן פרײַנטשאפט מיטן אנסאמבל ציט זיך שוין עטלעכע יאָר, איך האָף אָבער, אז זי הײבט זיך ערשט אָן.

ווֹלאדימיר טערלעצקי

אָפּגעזוכט די ביבליאָטעק פון פראנץ קאפקא

צום 100־יאָריקן געבורטסטאָג פון פראנץ קאפקא איז אין דער דײַטשישער פעדעראטיווער רע־פּובליק אָפּגעזוכט געוואָרן די ביכער־זאמלונג פונעם שרײַבערס פּריוואטער ביבליאָטעק. די ביכער זײַנען פארשוווּנדן אף א סוידעספּולן אויפן בײס דער אנטשטײיוּנג פונעם דריטן רײך. מע האָט אָבער געוווּסט, אז דאָס האָבן זײ די היטלעריסטן פאר־ניכטעט. די פּיליאָריקע זוכונגען נאָך דער צווײטער וועלט־מיל־כאָמע האָבן ניט געגעבן קײן רעזולטאטן. ווי עס האָט דער־קלערט אײנער פון די אָנגעזעענ־סטע קענער פון קאפקאס שאַ־פונגען, יורגען באָרן, איז ניט קלאָר, וויאזוי די ביכער־זאמלונג איז פון טשעכאָסלאָוואקיע גע־בראכט געוואָרן אין דער דײַטשי־שער פעדעראטיווער רעפּובליק. געפונען האָט מען זי בא אײ־נעם א בוכהענדלער, וועלכער האָט זיך צו באָרנען געווענדט מיט דער ביטע פעסטצושטעלן איר אאוטענטישקײַט, ער האָט אָבער ניט געגעבן קײן שום דערקלערונגען אין שײַכעס מיט איר אָפּשטאמונג.

אזוי צי אנדערש, איז די ווערט פון דער געפונענער ביכער־זאמלונג אן אומגעהײערע און ניט בלויז פאר די ליטעראטור־היסטאָריקער, וועלכע פארנעמען זיך מיט קאפקאס יערושע, נאָר אויך פאר די פאָרשער פון דער שאפונג פון אנדערע שרײַבער.

וואָס געפינט זיך אין דער דאָזיקער ביבליאָטעק? דאָס זײַ־נען מערסטנטײל ווערק פון דער וועלט־ליטעראטור: שעקספּיר, גע־טע, שילער, דאָסטאָיעווסקי, ווי אויך פון שרײַבער, וועלכע זײַ־נען געווען קאפקאס מיטצײַטלער: מאקס בראָד און פראנץ ווערד־פעל. עס געפינען זיך דאָ אויך היסטאָרישע און פּאָליטישע פּוב־ליקאציעס.

פּראָפ. באָרן האלט, אז עפּעס אן אומבאקאנטער האָט, נעמענ־דיק אין אכט די ווערט פון אָט דער ביכער־זאמלונג, זי אויס־באהאלטן אין משך פון דער גאנצער מילכאָמע, צולײגנדיק צו איר ביכער, וואָס האָבן פריִער געהערט צו קאפקאס דערמאָרדעטע דורך די היטלע־ריסטן שוועסטער.

(„פאָלקס־שטימע")

יידישע וויצן

דאָס קעצל און די סמעטענע

רעב יאָשע איז אינדערפרי אוועק פון דער היים אף א גאנצן טאָג, איבערלאָזנדיק אפן טיש א ניט צוגעדעקטע שיסל מיט צוויי פונט סמע־טענע. דאָס שטוב־קעצל האָט עס דערשמעקט און אויסגעלעקט די גאנצע סמעטענע. זיך אומגעקערט אהיים, האָט רעב יאָשע באדויערט דעם העזעק.
„אָבער ס'איז טשיקאווע, — האָט ער א טראַכט געטאָן, — וויפל וועגט איצט דאָס קעצל".
די וואָג האָט באוויזן פונקט צוויי פונט.
— איז עס דאָך די וואָג פון דער סמעטענע, — האָט רעב יאָשע אויסגעשריִען מיט וווּנדער. — וווּ־הין האָט זיך, אויב אזוי, אהינגעטאָן דאָס קעצל?

דער קאַרגער גוויר

איינער אן אָרעמאן האָט באשלאָסן זיך ווענדן צום שטעטלדיקן גוויר נאָך א נעדאָווע.
דער גוויר קוקט אף אים פארוווּנדערט און זאָגט:
— ניט קיין היגע אָרעמעלײַט גיב איך ניט קיין נעדאָוועס.
— וואָס רעדט איר? — ענטפערט יענער מיט האָפענונג. — איך בין דאָך א היגער.
— אויב איר זײַט א היגער אָרעמאן, פארוואָס זשע ווייסט איר ניט, אז איך גיב ניט ביכלאַל קיין נעדאָוועס?

ער וויל אים מויכל זײַן

אַן אַלטער מאַן איז געוואָרן שטאַרק קראַנק און האָט געפילט, אַז עס קומט שוין זײַן סאָף. בעט ער זײַן בייז ווײַב:
— גיי און רוף צו מיר אונדזער שאדכן.
— צוליב וואָס? — פרעגט זי. — דו פילסט זיך אזוי שלעכט, און פלוצעם דארפסטו דעם שאדכן.
ענטפערט ער:
— פארן טויט דארף מען זיך מיסוואדע זײַן און מויכל זײַן יענע, וועלכע האָבן דיר שלעכטס געטאָן. וויל איך קוידעמקאָל מויכל זײַן אונדזער שאדכן...

וויאַזוי זשע וועט ער ריידן?

באַ איינעם א ייִדן האָט אָנגעריסן דער גראָ־בער פינגער אף דער רעכטער האנט. דער דאָק־טער האָט דערקלערט, אז מע דארף אים אָפשנײַדן.
דער ייִד האָט זיך פארלוירן און, טײַטלענדיק, ווי געווייינלעך, מיטן גראָבן פינגער, אויסגעשריגן:
— וויאַזוי זשע וועל איך אָן אים קאָנען ריידן?

געזאמלט און באארבעט —
מ ו י ש ע ל י א כ אָ ו ו י צ ק י
קינסטלער — י. יאמפאָלסקאיא

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

קאַפּלאַן, טאַנכום
(1902 — 1980)

— קינסטלער. געבוירן אין ראָהאַטשאָוו, ווײַסרוסלאַנד. באַגאַבונג צו מאָלערײַ ארויסגעוויזן פון דער פריִער יוגנט. צו אכצן יאָר געוואָרן א לערער פון צייכענונג אין די שולן פון זײַן היימשטעטל. אין 1922 פאָרט ער אוועק, לויט דער קאָמאַנדירונג פונעם ראַיאָנישן בילדונגס־אָפּטייל, קיין פּעטראָגראַד זיך לערנען אין דער קונסט־אַקאַדעמיע. נאָכן פאַרענדיקן די אַקאַדעמיע (1927) ווערט ער אַף שטענדיק א טוישעוו אין לענינגראַד. ער מאָלט שטאָטישע פּייזאַזשן, פּאָרטרעטן, אָבער זײַן הויפּט־טעמע זײַנען די אילוסטראַציעס צו שאָלעם־אַלייכעמס און ייִצכאָק־לייבוש פּערעצעס ווערק. א שעם אין דער וועלט האָבן באַקומען זײַנע שאָלעם־אַלייכעם־אַלבאָמען מיט די כאַראַקטעריסטישע טיפּאַזשן פונעם „פאַרקישעפּטן שנײַדער", „טעוויע דעם מילכיקן", „שיר־השירים". ט. קאַפּלאַנס ווערק זײַנען פיל מאָל עקספּאָנירט געוואָרן אַף קינסטלערישע אויסשטעלונגען אין לענינגראַד, מאָסקווע. אין 1970 ווערט ער באַלוינט מיט א דיפּלאָם פון דער ערשטער שטופּע אַף דער אַלפאַרבאַנדישער ביכער־אויסשטעלונג פון דער קינסטלערישער בוך־אויספאָרמירונג. זײַנע אילוסטראַציעס צו די ווערק פון די ייִדישע קלאַסיקער זײַנען דעמאָנסטרירט געוואָרן אויך אין איטאַליע, ענגלאַנד, פראַנקרײַך, אמעריקע, טשעכאָסלאָוואַקיע, אין דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק. אַף דער צווישנפעלקערלעכער ביכער־אויסשטעלונג אין לייפּציג איז ער באַלוינט געוואָרן מיט א זילבערנער מעדאַל.

ביבליאָגראַפיע: א וווּנדערבאַרער קינסטלער. זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", 1966, נומ. 3; כ. סמירנאָוו, נײַע שאַפונגען פונעם קינסטלער טאַנכום קאַפּלאַן. דאָרט, 1970, נומ. 7; טאַנכום קאַפּלאַן, נעקראָלאָג. דאָרט, 1980, נומ. 12.

קריוואָרוצקי, פּייסעך
(1920)

— קינסטלער. געבוירן אין בערדיטשעוו אין דער מישפּאָכע פון א קירזשנער. פאַרענדיקט א זיבניאָריקע ייִדישע שול, שפּעטער — די לענינגראַדער קונסט־אַקאַדעמיע. אין דער צײַט פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע געדינט אין דער אוויִאַציע. פון דער מילכאָמע האָט ער געבראַכט א גרויסע סעריע פראָנט־צייכענונגען, און אין זײַן היימשטאָט בערדיטשעוו, גלײַך נאָכן קריג, געמאָלט פון דער נאַטור געשטאַלטן פון זײַנע לאַנדסלײַט, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון די פאַשיסטישע הענקערס. נאָך דער דעמאָביליזאַציע גענומען אינטענסיוו אַרבעטן אין געביט פון סקולפּטור. זײַנע ווערק זײַנען אויסגעשטעלט אין מוזייען. אים געהערן אויך עטלעכע צענדליק דענקמעלער, דערין וו. אי. לענינען, סקולפּטור־פּאָרטרעטן פון גאָרקין, נעקראַסאָוון, מענדעלייעוון, פון די ייִדישע שרײַבער ז. ווענדראָף, י. ליובאָמירסקי, אי. פּעפּער, א. ווערגעליס, א. גאָנטאַר, מ. גרוביאַן. ער האָט געשאַפן אויך א ריי אָריגינעל־פּאָרטראַכטע קאָמפּאָזיציעס. וווינט אין לענינגראַד.

ביבליאָגראַפיע: מ. כאַנעס, א באַגײַסטערטער קינסטלער. זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", 1970, נומ. 6; פּ. קריוואָרוצקי, אינקורצן וועגן מײַן שאַפונג. דאָרט, 1980, נומ. 8; א. גאָנטאַר, א רײַזע קיין לענינגראַד, וואָס פירט צום גנילאָפּיאַט. דאָרט, 1968, נומ. 7.

◇ ◇ ◇

land"; A. Yakovlev writes about a collection, "Literary Birobijan", brought out by Khabarovsk Book Publishers for the 50th anniversary of the Jewish Autonomous Region; L. Berinsky on Vladimir Tikhvinsky's short novel "The Light on the Mountain" ("Sovietsky pisatel, 1983); V. Bitkin on a collection, "Jewish Folk-Songs", arranged by Professor Max Goldin (Muzyka Publishers, 1983); V. Chernin on "Godishnik-83", the social, cultural and educational organisation of Jews in the People's Republic of Bulgaria.

In the section "Publicism", we are printing an address by Gus Hall, General Secretary of the Communist Party of the USA, given at the 12th annual dinner in honour of the magazine "Jewish Affairs", and the first part of an article by Professor G. L. Bondarevsky of Moscocw, "A convincing exposure of zionist treachery" (concerning a book, "Zionism and the Age of the Dictators" by the American journalist Lennie Brenner, published by the British firm of Croom Helm in 1983).

We are printing "A Chat on Draughts" by Grandmaster Veniamin Gorodetsky of Moscow.

"In Destiny at One with the Country" is the title of a new documentary film about the Jewish Autonomous Region. "Sovietish Heimland" is printing an interview with People's Artist of the Russian Federation A. Fartusov, winner of the Vasiliev Brothers State Prize of the RSFSR and head of the camera team of the Far Eastern Orden of the "Mark of Honour" News Film Studio.

Composer Vladimir Terletsky of Moscow tells the story behind a new disc cut by the All Union-Firm "Melodia". It is a cycle of Jewish folk-songs recorded by the Fayerlakh Variety Group of Vilnius.

Our issue ends with the traditional features, "Material for a Lexicon of Soviet Jewish Literature", "An Aid to those learning Yiddish", "Merry Lines", "Chronicle" and others.

Supplement: Yasha Chernis
"The Road to Kukan"

All eyes are filled with love for the departed,
And heaven shines in them like a lustrous tear...

. . . .
. . . .

Save that on Victory Day, there's one no kinsfolk
Visit among the soldiers buried here.

His mother... She might well have found the words
With which to bring him back and banish grief.
Alas! She was no more among the living,
When the ill-fated bullet took his life.

His sister would have come, like the day's dawning:
"Brother, arise, begin to live again!"
But just when death was hovering above him,
In a cold ditch she lay, brutally slain.

His younger brother... To save him he would gladly
Have given his soul without a second thought.
But he was also doomed to die in battle
As for his homeland valiantly he fought.

But none the less that hero is remembered.
I saw a young bride laying on the stone
A wreath of flowers, bright on the polished grey,
To honour you, the warrior unknown.

The clouds up in the sky were dark and heavy,
The rain came down in torrents, shimmering bright.
In floods of tears and the dawn-glow of kisses,
The obelisk was like a shaft of light.

* * *

We are also publishing a cycle of poems by Max Riant of Samarkand and poetic miniatures by Avram Katsev of Kherson.

Prose is represented by new stories from Ikhil Shraibman of Kishinev and Chaim Melamud of Chernovtsy.

One of the founders of the contemporary period in Soviet Jewish literature was Moisei Teif, who would now, be eighty years of age. In his last decades, his creative powers blossomed in spectacular fashion. Already widely known as a lyric poet, he wrote during these years models of creative prose, poetic ballads and translations from other languages. When, after a long illness, he died in 1966, he left a short novel unfinished on his desk. It is being published in our present number to mark his 80th birthday anniversary.

Alexander Dunayevsky of Moscow is widely known to the reader as the author of the research books, "On the Trail of Gai", "I follow Hasek", "Red Dundich", "The Authentic History of Karoi Ligeti" and "Platten, Known and Unknown". In the same investigative spirit, he has written a book about the French communist Jeanne Labourbe, shot by the interventionists together with members of the Foreign Collegium. An extract from this work appears in our current number.

Our feature "Reviews in Brief" covers much ground in the present issue. U. Guralnik reviews "In Our Days", a collection of literary sketches by Soviet Jewish writers, compiled from the best of their kind published in "Sovietish Heim-

RÉSUMÉ

"Soietish Heimand" ("The Soviet Homeland")
No. 10, October 1984

On 9 May 1985, it will be the 40th anniversary of the day when there finally ended in victory the battle, historically unprecedented in scale and fury, against Hitler's fascism, which intended to destroy the first Socialist state and establish world domination. In connection with this date, the CC of the CPSU has passed a decree "On the 40th anniversary of the victory of the Soviet People in the Great Patriotic War of 1941-1945". In particular, the following statement is made:

"The victory of the Soviet Union in the Great Patriotic War disclosed in all their plenitude the advantages of socialism, its vast economic, social-political and spiritual potentials. This was a victory of the Soviet state created by the great Lenin, the first advanced social order, namely, the socialist economic system. The Great Patriotic War convincingly demonstrated the monolithic unity of Party and people and the inviolable union of the working class, the state farm workers and the intelligentsia, the friendship and fraternity of the peoples of the USSR".

This Decree opens the October issue of our magazine.

On 23 and 24 June, 1984, the Jewish Autonomous Region celebrated its fiftieth anniversary. Under the heading "Information for our Readers", we are publishing a report on the celebrations in Birobijan.

The birthday centenary of the eminent Soviet Jewish writer. Der Nister occurs on Ocober. In connection with this date, we are publishing the short story "Flora", which he wrote in the last years of his life, and also a littleknown essay, "A Letter to David Bergelson".

Our Poetry Section begins with a cycle of poems by Chaim Beider of Moscow.

Chaim Beider

AT THE OBELISK

. . . The post brings them no telegrams or letters.
Like steel, the chill stone war memorial shines.
But once a year, the mothers come in sorrow
To stand before the graves of their dear sons.

Their comrades gather here, as do their brothers,
Daughters and sons, together, side by side.
Like one big family, the oaks and maples
Stand with green arms in welcome open wide.

В разделе «Публицистика» печатаются выступление Генерального секретаря Коммунистической партии США Гесса Холла на XII годичном обеде в честь журнала «Джуиш Афферс» и начало статьи проф. Г. Л. Бондаревского (Москва) «Убедительное разоблачение сионистского предательства» (о книге американского журналиста Ленни Бреннера «Сионизм и век диктаторов», вышедшей в английском издательстве «Крум Хелм» в 1983 году).

Публикуется «Беседа о шашках» гроссмейстера Веньямина Городецкого (Москва).

«Судьбой единой со страной» — так назван новый документальный кинофильм о Еврейской автономной области. «Советиш геймланд» печатает интервью с руководителем съемочной группы Дальневосточной ордена «Знак Почета» студии кинохроники, лауреатом Государственной премии РСФСР им. братьев Васильевых, народным артистом Российской Федерации Ф. А. Фартусовым.

Композитор Владимир Терлецкий (Москва) рассказывает о том, как создавалась новая граммпластинка «Веселей играй!» Всесоюзной фирмы «Мелодия», на которой записан цикл еврейских народных песен в исполнении Вильнюсского эстрадного ансамбля «Фаерлэх».

Номер завершается традиционными рубриками «Материалы для лексикона советской еврейской литературы», «Веселые строки», «Хроника» и др.

Приложение к номеру: Яша Чернис «Дорога в Кукан»

. . . .
. . . .
Лишь к одному из тех, кто здесь лежит,
Родные не приходят в День Победы.

Мать... Может быть, нашла б она слова,
Которые бы сына ей вернули.
Увы! — она была уже мертва
В тот час, когда его настигла пуля.

Сестра к нему пришла бы, как рассвет:
«Вставай, мой брат, и жить начни
сначала!»
Но в час, когда над ним склонилась
смерть,
Она во рву убитая лежала.

А младший брат... Он душу бы свою
За жизнь его без размышлений отдал.
Но он и сам погиб в лихом бою,
Сражаясь за отчизну и свободу...

И всё-таки погибший не забыт!
Я видел сам, как девушка-невеста,
Сложив цветы на серый камень плит,
Тебя почтила, воин неизвестный.

Я видел сам, как из тяжелых туч
К земле неслись трепещущие струи,
И обелиск стоял, как светлый луч,
В потоках слез и в зорях поцелуя.

Перевел с еврейского
Александр Бродский

Публикуется также цикл стихотворений Макса Рианта (Самарканд) и поэтические миниатюры Аврама Кацева (Херсон).

Проза номера представлена новыми рассказами Ихила Шрайбмана (Кишинев) и Хаима Меламуда (Черновцы).

Одному из основоположников современного периода в советской еврейской литературе Моисею Тейфу исполнилось бы сейчас 80 лет. В последние десятилетия он пережил бурный расцвет своего творчества. Уже будучи широко известным лириком, он в эти годы создал образцы художественной прозы, поэтической баллады и переводов с других языков. Когда он после продолжительной болезни умер в 1966 году, на его рабочем столе осталась незаконченная повесть. Она и публикуется в номере в связи с 80-летием писателя.

Александр Дунаевский (Москва) известен широкому читателю как автор поисковых книг «По следам Гая», «Иду за Гашеком», «Красный Дундич», «Подлинная история Кароя Лигети», «Платтен — известный и неизвестный». В том же поисковом ключе написана и его книга о французской коммунистке Жанне Лябурб, расстрелянной интервентами в Одессе вместе с членами Иностранной коллегии. Отрывок из этой книги печатается в настоящем номере журнала.

Обширен раздел «Короткие рецензии». У. Гуральник рецензирует сборник художественных очерков советских еврейских писателей «В наши дни», составленный из лучших произведений этого жанра, напечатанных в журнале «Советиш геймланд»; А. Яковлев пишет о сборнике «Литературный Биробиджан», изданном Хабаровским книжным издательством накануне 50-летия Еврейской автономной области; Л. Беринский — о повести Владимира Тихвинского «Свет на горе» («Советский писатель», 1983); В. Биткин — о сборнике «Еврейские народные песни» в обработке проф. Макса Голдина (издательство «Музыка», 1982); В. Чернин — о «Годишнике-83» общественной культурно-просветительской организации евреев Народной Республики Болгарии.

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 10, октябрь, 1984

9 мая 1985 года исполняется 40 лет с того дня, когда победоносно завершилась небывалая в истории по своим масштабам и ожесточенности битва против гитлеровского фашизма, ставившего своей целью уничтожение первого в мире социалистического государства, установление мирового господства. В связи с этой датой ЦК КПСС принял постановление «О 40-летии Победы советского народа в Великой Отечественной войне 1941—1945 годов». В нем, в частности, говорится:

«Победа Советского Союза в Великой Отечественной войне со всей полнотой раскрыла преимущества социализма, его огромные экономические, социально-политические и духовные возможности. Это была Победа созданного великим Лениным Советского государства, самого передового общественного строя, социалистической экономической системы. Великая Отечественная война убедительно продемонстрировала монолитное единство партии и народа, нерушимость союза рабочего класса, колхозного крестьянства и трудовой интеллигенции, дружбы и братства народов СССР».

Этим постановлением открывается октябрьский номер журнала. 23 и 24 июня 1984 года Еврейская автономная область отмечала свое 50-летие. Под рубрикой «Информируем наших читателей» в номере публикуется репортаж о торжествах в Биробиджане.

В октябре исполняется 100 лет со дня рождения выдающегося советского еврейского писателя Дер Нистера. В связи с этой датой в номере публикуется созданный им в последние годы жизни рассказ «Флора», а также малоизвестное эссе «Письмо Давиду Бергельсону».

Поэтическая рубрика номера начинается циклом стихотворений Хаима Бейдера (Москва).

Хаим Бейдер

У ОБЕЛИСКА

I

...Им почта не приносит телеграммы.
Мемориал, как сталь, блестящ и стыл.
Но раз в году сюда приходят мамы,
Чтоб постоять у дорогих могил.

Ровесники идут сюда и братья,
Приходят дочери и сыновья.
Стоит, раскрыв зеленые объятья,
Дубов и кленов дружная семья.

Глаза людей полны любви и света,
И небосвод слезою в них дрожит...

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:
Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, С. Гордон,
Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер,
Г. Полянкер, И. Шрайбман,
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны:

главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 923-96-07

Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан
Корректор Е. Островский

Сдано в набор 30.07.1984 г. Подписано к печати 18.09.1984 г. Формат 70×108 1/16. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,75). Бум л. 5,5+0,125. Цена 70 коп. Зак. 433.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва, 121019, пер, Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1984 г.

Цена 70 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

В НОМЕРЕ:

В Центральном Комитете КПСС. Постановление «О 40-летии победы советского народа в Великой отечественной войне 1941—1945 годов».

Информируем наших читателей. 50-летие Еврейской автономной области. Праздник в Биробиджане.

Рассказы Дер Нистера, И. Шрайбмана, Х. Меламуда.

Стихи Х. Бейдера, М. Рианта, А. Кацева.

Литературные памятные даты. М. Тейф. Неоконченная повесть.

Люди и их судьбы. А. Дунаевский. О Жанне Лябурб.

Литературная критика. Вопросы искусства

Короткие рецензии У. Гуральника, А. Яковлева, Л. Беринского, В. Биткина, В. Чернина.

Публицистика. Гесс Холл. Выступление на 12-м ежегодном обеде в честь журнала «Джуиш Аферс».

Г. Бондаревский. Убедительное разоблачение сионистского предательства.

Беседы о музыке и эстраде. В. Терлецкий. Ансамбль «Фаерлех».

Это интересно. Веселые строки. Материалы для лексикона советской еврейской литературы. Хроника.

Резюме на русском и английском языках.

1984

№ 10